STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00780

FARLOSHENE SHTERN

Jonas Turkow

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Sybil Stern Mervis
in memory of
Herman Leonard Miller

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָנאַס טורקאָוו

פאַרלאָשענע שטערן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 96

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אַבּרהם מיטלבערג

ש. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

יאָנאַס טורקאָוו

פאַרלאָשענע שטערן

באַנד צוויי

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1953 — תשי״ד

אינהאַלט פון צווייטן באַנד

יעקב וואַקסמאַן	7
אסתר גרובער	15
פעליקס פרידמאַן	24
בערנאַרד האַרט	31
דוד בייגעלמאַן	44
לייבעלע הערבסט	48
משפּחה זאַנדבערג	52
ליובאַ לעוויצקאַ	63
פסח קערמאַן	69
העגריק שאַראַ	76
יעקב מאַנדעלבליט	80
משה ווידע	89
יצחק אַזאַרך	93
וול. וויינטרויב און א. אָסטזשעגאַ	100
יאַשאַ גלעזער	108
ד״ר יעקב וויגאָדסקי	113
נתן און מלך רייכענבערג	117
שלמה ווײַנגאָלד	122
מענדל ראַבין	129
לאַוראַ גליקסמאַן	137
וואָלף נייהויז	142
אַדאַם דאָמב און סאָניאַ אַלטבוים	148
באָריס טורגעל	157
צעשע סאַרנאַ	162

זישע קאַץ 167
משפחה קאַדיש־כאַש 173
פריץ קליינמאַן 178
יוסף קאַמען 187
ד״ר לייב לאַנדוי 192
מ. שניאור 200
בן־ציון סיגאַל 205
משה און פעלאַ גאַרבאַזש 211
נחום שטערנהיים 216
הירש מאַץ 223
מאיר מעסטל 229
לאה ליבראָווסקי 233
לאַזאַר קאַהאַן 238
יאָסעלע קאָלאָדני 245
יעקב ניסענבוים 250
מוסיאַ קורץ־סמאַרגאָנסקי 254
פעליקס רובינליכט 258
אַברהם זיינפעלד 267
יואל בערגמאַן 273
יצחק ברוינער 278
מיין שוועסטער רחלע 281

נעמען־רעגיסטער 291
ביכער־רשימה 310
פרעסע־שטימען 313

יעקב וואַקסמאַן

אין יאָר 1932 האָט יעקב וואַקסמאַן געפּייערט זיין 50־יאָריקן טעאַטער־יובל. אין שייכות מיט דעם האָב איך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין די „ליטעראַרי־שע בלעטער" אין וואַרשע, ווו כ'האָב, צווישן אַנ־דערן, געזאָגט:

„יעקב וואַקסמאַן געהערט צו די ווייניקע טעאַטער־מענטשן, וואָס טוען זייער אַרבעט באַ־שיידן, אין שאָטן, און אַ דאַנק זייערע פאַרדינסטן גיבן זיי די מעגלעכקייט אַנדערע זיך אַרויסצורוקן. נישט אייגער פון די היינטיקע טעאַטער־גדולים האָבן זייער דערפאָלג, אויפשטייג און קאַריערע צו פאַרדאַנקען יעקב וואַקסמאַנען.

„יעקב וואַקסמאַנס פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייט אויפן געביט פון יידישן טעאַטער האָט אים פּאָפּולער געמאַכט אויף דער גאַנצער יידישער וועלט...

„...יעקב וואַקסמאַן האָט, נישט געקוקט אויף זיין עלטער, נאָך נישט איבערגעריסן זיין טעאַטער־אַרבעט. ער האָט נאָך גענוג יוגנטלעכן ברען און האַלט אין איין שאַפן אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פּיעסן, און עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו באַצייכענען וואַקסמאַנען אַלס דעם פּראָדוקטיווסטן יידישן טעאַטער־שרייבער. די אמתע באַדייטונג פון יעקב וואַקסמאַנס רייכער טעטיקייט אויפן געביט פון יידישן טעאַטער וועט נאָך פונעם היסטאָריקער גענוי אָפּגעשאַצט ווערן. עס וואָלט אָבער געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען איצט יעקב וואַקסמאַנען, וועל־כער האָט 50 יאָר ברויזנדיק לעבן אָוועקגעגעבן דעם יידישן טעאַטער און זיך שטענדיק אָפּגערוקט אין אַ זייט, פאַרגינענדיק אַנדערע דאָס זאַמלען די פּירות פון זיינע גרויסע דערפאָלגן..."

יאָנאַס טורקאָוו

דאָס האָב איך געשריבן אין אַ צייט, ווען עס איז נאָך געווען אַ ברויזנדיק יידיש לעבן; ווען וואַקסמאַן האָט נאָך ווייטער געשאַפן און וואָלט נאָך אַ סך געקענטביישטייערן פאַרן יידישן טעאַטער, ווען נישט די מלחמה, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צום יידישן לעבן אין פוילן און אויך צו זיין — וואַקסמאַנס — שאַפערישן לעבן.

יעקב וואַקסמאַן איז געבוירן געוואָרן אין לובלין ביי אַן אַסימילירטער יידישער משפחה (זיין פאָטער איז געווען אַן אַדוואָקאַט) און דעריבער האָט ער נישט אַרויסגעטראָגן פון דערהיים קיין ספּעציעלע יידישע דערציאונג. דאָס האָט ער זיך דערוואָרבן אַליין, געפינענדיק זיך אין אַ יידישער סביבה, הויפּטזעכלעך — בעת זיין מיליטער־דינסט אין קראָנשטאָט. דאָרט איז ער געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אין די דאָרטיקע יידישע אינטעליגענטע הייזער און טאַקע דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור.

אין יאָר 1882 איז וואַקסמאַן אַריינגעטראָטן אין שוואַרצס יידישער טרופּע אין זיין געבוירן־שטאָט לובלין. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים צו זינגען, האָט וואַקסמאַן געזונגען אין כאָר און אויפגעטראָטן אויך אַלס עפּיזאָדן־ראַליסט. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס אַקטיאָר, סופליאָר און שפּעטער — אַלס רעזשיסאָר, טעאַטער־דירעקטאָר, פּיעסן־שרייבער און איבערזעצער. און טאַקע אַלס פּיעסן־שרייבער האָט וואַקסמאַן די גרעסטע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער.

נאָכן פאַרענדיקן זיין אַרבעט ביי שוואַרצן אין טעאַטער איז וואַקסמאַן אַנגאַזשירט געוואָרן צו יוסף וויינשטאָקן אין טרופּע, מיט וועלכער ער האָט געמאַכט אַ לענגערן טורנע, שפּילנדיק ראָלן אין גאָלדפאַדןרעפּערטואַר.

דער דאָזיקער פּעריאָד איז פאַר וואַקסמאַנען געווען איינער פון די שווערסטע אין זיין טעאַטער־קאַריערע. ס'איז אים אָפטמאָל אויסגעקומען צו שפּילן אין שטאַלן, אין שייערס, אויסצושטיין בזיונות און אָפט — צו ליידן הונגער. דאָך האָט וואַקסמאַן, ביי זיין גרויסער ליבשאַפט צום טעאַטער, נישט געוואָלט אים פאַרבייטן אויף אַ רואיק, זאַט לעבן, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיין טאַטע־מאַמע אין שטוב.

ווען ווײַנשטאָק איז געווען געצוווּנגען, צוליבן פאַרבאָט אויף ייִדיש טעאַטער, צו אָרגאַניזירן זײַן „אָריענטאַלישע אָפּערעטן־געזעלשאַפט“ און אַוועקפאָרן קיין דײַטשלאַנד שפּילן טעאַטער, איז וואַקסמאַן צוריקגעקומען קיין לובלין און באַקומען אַ פּאָסטן אַלס שרײַבער אין דער דאָרפס־פּאַרוואַל־טונג בײַם שטאָט־אַמט. נאָך זײַן מיליטער־דינסט אין קראַנשטאַט — איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער רוסישער רעגירונגס־צײַטונג „לובּ־לינסקיע וויעדאָמאָסטי“. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון זײַן שרײַבער־קאַריערע. צוליב זײַנס אַ נאָטיץ וועגן צעשלאָגן אַ ייִדן אין פּאָליצײַ־אַרעסט ווערט וואַקסמאַן, אויף אַ פאַראָרדענונג פונעם לובלינער גובערנאַטאָר, אַרויסגעוואָרפן פון דער רעדאַקציע.

פון דעמאָלט אָן האָט וואַקסמאַן געאַרבעט בײַ אַ באַקאַנטן לובלינער אַדוואָקאַט און געשריבן גלײַכצײַטיק ראָמאַנען.

אונטערן אײַנדרוק פונעם קישעניעווער פּאָגראָם שרײַבט וואַקסמאַן אָן זײַן ערשטע דראַמע, אונטערן נאָמען „אין יענע טעג“, לויטן סוזשעט פון פּרץ סמאָלענסקיס דערציילונג „דערוואַכונג“.

אין יאָר 1906 האָט וואַקסמאַן אָנגעשריבן די דראַמע „די מכבי־מוטער“, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אויף דער ייִדי־שער בינע אין זײַן היימשטאָט לובלין, אין יאָר 1908, און אינעם זעלביקן יאָר — בײַ קאָמפּאַניעיעצן אין וואַרשעווער „מוראַנאָווער“ טעאַטער, ווו זי איז באַלד פאַרזוערט געוואָרן דורך דער צאַרישער צענזור.

וואַקסמאַן שרײַבט אַלץ נײַע פּיעסן, וואָס ווערן אומעטום געשפּילט מיטן גרעסטן דערפאָלג. ער ווערט אַפילו אַ מיטגליד פון קייזערלעכן פאַרײַן פון דראַמאַטישע שרײַבערס אין פּעטערבורג.

צו די גרעסטע דערפאָלגן פון זײַנע דעמאָלט־אָנגעשריבענע פּיעסן געהערן: „די פאַרשטויסענע“, אויפגעפירט צום ערשטן מאָל דורך פּיש־זאָנען אין וואַרשע, אין יאָר 1909; „דער פּראָוואָקאַטאָר“, אויפגעפירט דורך סאַבסיים טרופּע; „בערעק יאָסעלעוויטש“, אויפגעפירט אין לובלינער פּוי־לישן טעאַטער, אָבער באַלד פאַרווערט געוואָרן דורך דער צאַרישער צענ־זור (אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט די דראַמע געשפּילט משה דוד וואַקס־מאַן אין קאַמינסקיס טעאַטער אין וואַרשע); „דאָס גאָסן־מיידל“, געשפּילט אויף אַלע ייִדישע בינעס איבער דער גאַנצער וועלט און אויך אויף פרעמד־

שפּראַכיקע בינעס. די פּיעסע איז אויך געשפּילט געוואָרן אין העברעאיש, אין ארץ־ישראל. פון צווישן די פיל אַנדערע פּיעסן דאַרף מען נאָך דער־מאָנען זיינע „אוקראַינער פּאָגראָם־קרבנות", וואָס איז פאַרווערט געוואָרן דורך דער צענזור, און — „אין אַ קעלער־שטוב", אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל איז אָדעס, ביי סאַבסיי, אין יאָר 1912.

וואַקסמאַן האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי אָפּערעטעס, וואָס האָבן גע־האַט דעם גרעסטן דערפאָלג, צווישן אַנדערע — „די שיינע בערטאַ", מיט מוזיק פון יוליוס אַדלער און יצחק שלאָסבערג; „מאַלווינע וויל אַזוי", מוזיק — יצחק שלאָסבערג; „וואָס אַ מויד קען" („איך זוך אַ שותף"), מוזיק פון יוליוס אַדלער און יצחק שלאָסבערג; „די פּרימאַדאָנע", מוזיק פון הערמאַן קומאָק.

וואַקסמאַן איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט — אמת, לויט דער איניציאַטיוו פון דער פּרימאַדאָנע נאַדיאַ ניעראַסלאַווסקאַיאַ און פּרץ סאַנדלערן — אַריינגעבראַכט אין יידישן טעאַטער די איראָפּעאישע אָפּע־רעטע, — און דאַ ליגט טאַקע זיין נישט־אומשאַצבאַרער פאַרדינסט.

ס'איז פון וואַקסמאַנס זייט געווען אַ דרייסטקייט צו קומען אין יידישן טעאַטער מיט פראַנץ לעהאַרס „חוה" (אין דער וווּנדערבאַרער אויספירונג פון דער גרעסטער יידישער פּרימאַדאָנע פון יענער צייט — נאַדיאַ ניע־ראַסלאַווסקאַיאַ), „ציגיינער־ליבע", „פּופּטשיק" מיט קלאַראַ יאָנג, „די דאַמע אין רויטן", „מיידל־מאַרק", „די שאַנסאָנעטע", „אוטאָ־ליבע", „פּריי־לינגס־לופט", „די דאָלאַר־פּרינצעסין", „סוזי", „די טשאַרדאַש־פירשטין", „שושנה די צנועה", „באַראָן קימעל" — און דאָס אַלץ דערלאַנגען דעם פאַר־שונדעוועטן יידישן טעאַטער־עולם און אַקטיאָרן פון יענער צייט. דאָס איז געווען יעקב וואַקסמאַנס גרעסטער פאַרדינסט.

דער דיכטער פּסח קאַפּלאַן (אומגעקומען בעת דער נאַצישער אָקו־פּאַציע אין ביאַליסטאָק) האָט געשאַפן די הערלעכסטע טעקסטן צו די לידער צו אייניקע, דורך וואַקסמאַנען, איבערגעזעצטע אָפּערעטעס.

דאָס איז באמת געווען אַ גלאַנץ־פּעריאָד פונעם יידישן טעאַטער אין פּוילן. ווער עס געדענקט די צייט פון דער אָפּערעטע אין „עליזעאום"־טעאַטער אין וואַרשע, אונטער דער דירעקציע פון יעקב ליבערט, פּרץ סאַנדלער און ה. עפּעלבערג (יאָר 1912), ווו ס'איז צום ערשטן מאָל אויפ־

געפירט געוואָרן די אײראָפּעאישע אָפּערעטע, בראש מיט נאַדיאַ ניעראָס־לאַווסקאַיאַ און יעקב ליבערט, הערמאַן בערמאַן, בראַון, בערטיל, יעקב קעלטער, מישאַ אַפּעלבאַום; ווער עס געדענקט די אָפּערעטע אין „צענ־טראַל״־טעאַטער און אין קאַמינסקיס טעאַטער — אין וואַרשע, וואָס דוד צעלמייסטער האָט אָרגאַניזירט (אין די יאָרן 1916, 1917 און 1918, מיט מיכאל מיכאַלעסקאָ, מיצי האַפּע, פּענאַ סערבע, אירענע וועליש, כאַרז, ל. ראָזען, דוד לעדערמאַן, משה טיימאַן, יצחק ליפּינסקי, סען קלער, סאָ־ניאַ וויינבערג, פּ. לאַסקאָווסקי, שמחה ראָזען א״אַ, ווייסט, אַז מיט דעם איז פאַרבונדן דער נאָמען יעקב וואַקסמאַן.

אַ סך בייגעטראָגן צו באַרייכערן די ייִדישע דראַמאַטישע בינע האָט וואַקסמאַן אויך מיט זיינע אינסצעניזירטע פּיעסן און איבערזעצונגען, ווי „דער גלאָקן־ציִער פון נאָטר דאַם״, „ציאַנקאַלי״, „ערדגייסט״, „די פּערל פון שאַנכאַי״, „מאַנדאַרין ווו״, „דער, וואָס האָט זיך פאַרקויפט״, „יאָ־שיוואַראַ״, „דער 41טער״. ער האָט אויך באַאַרבעט פאַר דער בינע י. אָפּאָ־טאָשוס „פּוילישע וועלדער״, ז. סעגאַלאָוויטשס „אונדזער פרוי״, מענדעלע מוכר ספרימס „פישקע דער קרומער״ און אַנדערע ווערק.

ס׳וואָלט געווען אַ צו לאַנגע רשימה, ווען כ׳וואָלט געוואָלט אויסרע־כענען וואַקסמאַנס אַלע טעאַטער־שטיק, וואָס האָבן באַרייכערט דאָס ייִדי־שע טעאַטער; באַפּעסטיקט זיין מאַטעריעלן קיום און געגעבן אַ מעגלעכ־קייט נישט איין אַקטיאָר גרויס צו ווערן אַ דאַנק ווונדערבאַרע ראָלן, וואָס וואַקסמאַן האָט געשאַפן אין זיינע פּיעסן.

איבער 150 אָריגינעלע, באַאַרבעטע און איבערגעזעצטע פּיעסן — דאָס איז וואַקסמאַנס טעאַטער־סך־הכל. אמת, נישט אַלע זיינע פּיעסן זע־נען געשטאַנען אויף אַ געהעריקער קינסטלערישער הויך, אָבער דאָס מי־נערט אַלץ נישט זיינע גרויסע פאַרדינסטן.

בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע פון אַ טייל פּוילן האָט וואַקסמאַן געגרינדעט, אין יאָר 1916, אַ ייִדישע טרופּע אין לובלין און שפּעטער געשפּילט מיט איר אין אוקראַינע, ווו ער האָט איבערגעלעבט דריי שרעק־לעכע פּאָגראָמען. אין אומאַן איז ער אַליין אויך געווען אַ קרבן פון די פּאָגראָמען און קוים אַרויס פון זיי אַ לעבעדיקער. אַן אָפּגעריסענער, אַ

הונגעריקער, האָט זיך וואַקסמאַן דערשלעפּט ביז אָדעס, ווו דער שרייבער מ. ספּעקטאָר האָט אים אַרויסגעהאָלפן און דערמעגלעכט צו קומען צו זיך.

מ. ספּעקטאָר איז געווען וואַקסמאַנס אַ גרויסער חסיד. ער האָט נאָך אין יאָר 1909 געשריבן אין וואַרשעווער „אונדזער לעבן" וועגן דעם דע־מאָלסטיקן אָנפאַנגער וואַקסמאַן:

„ווי אַזוי־זשע איז מעגלעך ביי אַזאַ לאַגע און אָרעמקייט פון רע־פּערטואַר אין די דריי וואַרשעווער יידישע טעאַטערס, זאָל מען נישט אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ דערפרייענדיקן פאַקט: אין פישזאָנס טעאַטער, אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ (שפּעטערדיקע מאַקאָטאָווסקע גאַס) האָב איך היינטיקע וואָך געזען אַ נייע פּיעסע — „די פאַרשטויסענע", פון אַן אומ־באַוווסטן פאַרפאַסער ה' וואַקסמאַן. איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז צווישן די אַלע מכלומרשט היסטאָרישע פּיעסן מיט די פאַפּירענע, פאַרגאָלדעטע „העלדן", מיט די שווערדן און ביקסן אויף די וואַרשעווער יידישע סצע־נעס, האָב איך כאָטש אין דער נייער פּיעסע געפונען אַ שטיק לעבן. ווי עס ווייזט אויס, האָט שלום אַש פריילעך הייזל („גאָט פון נקמה") געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף דעם נייעם דראַמאַטורג פון „די פאַר־שטויסענע". אַש איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל מוט צו שטעלן אויף דער יידישער בינע אַ פריילעך הייזל. אָן אַשן, גלויב איך, וואָלט דער אָנפאַנגער ה' וואַקסמאַן נישט געוואַגט און זיך נישט דערלויבט צו קומען מיט אַ פריילעך הייזל אויף דער סצענע...

„און מיר האָבן אין פישזאָנס טעאַטער געזען גאָר אַן אַנדער פריילעך הייזל ווי ביי אַשן. אין אַשס פריילעך הייזל הערט מען שיינע ווערטער, ווי „דער מאַי־רעגן קאַפּעט אויף מיידלשע קעפּ מיט די שיינע האָר, און די מיידלעך פאַנטאַזירן פון די פאַרגאַנגענע אומשולדיקע קינדער־יאָרן, ווען מ'איז נאָך געווען ערלעך", און ביי וואַקסמאַנען זעט איר אַ פריילעך הייזל מיט וויניקער פאָעזיע, אָבער מיט מער ריכטיקייט — אָט אַזוי ווי עס איז אין לעבן. נישטאָ ביי אים קיין תורהס, קיין סופרים, רבנים, שדכנים מיט פרומע יידן, ווי ביי אַשן. אַנשטאָט זיי, זעט מען אין פריי־לעכן הייזל די, וואָס מען דאַרף זען: פאַרשיידענע „געסט" — ניכטערע און פאַרשכורטע... ביים איצטיקן רעפּערטואַר איז די נייע פּיעסע פון ה' וואַקסמאַן אַ געווינס פאַר דער יידישער בינע".

וואַקסמאַן אַלס אַקטיאָר האָט נישט געהאַט קיין מזל. וואָס לענגער ער האָט געשפּילט, אַלץ מער האָט ער זיך געשראָקן פאַר דער בינע... דערציילט מען טאַקע וועגן אים פאַרשיידענע קוריאָזן.

איינמאָל, בעת ער איז מיט זיין טרופּע אויפגעטראָטן אין דער שטאָט זאַמאָשטש, האָט ער געהאַט אָפּצורעדן אַ דראַמאַטישן מאָנאָלאָג — טאַקע אין זיין אייגענער פּיעסע. וואַקסמאַן איז געווען אַ מייסטער צו פאַרדרייען די ווערטער (אין טעאַטער־לשון הייסט עס: „כאַפּן בולבעס"). אָנשטאָט צו האַלטן דעם עולם געשפּאַנט, האָט מען גאַר, צוליב די כסדרדיקע „בולבעס", וואָס ער האָט געמאַכט, געהאַלטן אין איין לאַכן... ווען וואַקסמאַן איז געקומען צום סוף פון זיין מאָנאָלאָג, וועלכן ער פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע: „טאָ וואָס זאָל איך טון?" — האָט מען פון דער גאַלעריע אויסגעשריִען: „נישט שפּילן קיין טעאַטער!"...

אַפּנים, אַז דאָס האָט אויף אים אַזוי שטאַרק געווירקט — און אויף אַזוי פיל אינטעליגענט איז ער געווען, כדי אַליין צו פאַרשטיין, אַז זיין אָרט ביים טעאַטער איז נישט אויף דער בינע אַלס אַקטיאָר. האָט ער טאַקע אויפגעהערט צו שפּילן און איז געווען בלויז דירעקטאָר פון טעאַטער און גלייכצייטיק געשריבן און איבערגעזעצט פּיעסן.

ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין „לאָדזשער טאָגבלאַט" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די אוקראַאִינישע פּאָגראָמען. די אַרטיקלען זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ סך ייִדישע צייטונגען.

די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָט וואַקסמאַן שוין נישט געפירט קיין טעאַטער, נאָר זיך פאַרנומען בלויז מיט פּיעסן־שרייבן. זיינע אייגענע און איבערגעזעצטע פּיעסן זענען געשפּילט געוואָרן אין אַלע ייִדישע טעאַטערס. קיין פּרנסה דערפון האָט ער נישט געהאַט, ווייל ס'רוב אונטערנעמערס האָבן אים נישט אַריינגעשיקט זיין האָנאָראַר (טאַנטיעמע), האָט ער זיך געמוטשעט, אויף די עלטערע יאָרן, אויסזוכן נאָך אַ פאַך: ער איז געוואָרן אַ ווינקל־אַדוואָקאַט אין זיין היימשטאָט לובלין.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער שוין אַלט געווען 77 יאָר, אָבער ער האָט זיך נאָך גוט געהאַלטן. ער איז געווען פול מיט איניציאַטיוו און פּלענער, וועלכע זענען אים שוין נישט באַשערט געווען צו רעאַליזירן.

ווען ס'איז אויסגעפאַלן זיין זעכציק־יאָריקער טעאַטער־יובל, אין יאָר 1942, איז וואַקסמאַן געווען אין לובלינער געטאָ.

אין אַ בריוו, וואָס איך האָב פון אים דערהאַלטן, האָט ער מיר געשריבן וועגן זיין טרויעריקער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען.

ער האָט געבעטן הילף — — — די הילף איז אָבער פאַר אים שוין נישט נויטיק געווען: אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אומגעקומען בשעת דער שרעקלעכער שחיטה אויף די לובלינער ייִדן...

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אַ שיין, פאַרבנרייך קאַפּיטל ייִדיש טעאַטער, מיט וועלכן עס איז געווען ענג פאַרבונדן דער פּראָדוקטיווסטער ייִדישער טעאַטער־שרייבער און איבערגעגעבענער טעאַטער־מענטש — יעקב וואַקסמאַן.

אסתר גרובער

פֿאַרוואָס דער גורל איז געווען אַזוי שטרענג און אומברחמנותדיק צו דעם צאַרטן, איידעלן באַשעפֿעניש, ווי עס איז געווען אסתר גרובער — דער ביז גאָר טאַלאַנטירטער שוישפּילערין — איז פֿאַר אונדז, וואָס האָבן זי נעענטער געקענט, אַ גרויס רעטעניש.

אסתר גרובער האָט, קען מען זאָגן, געפֿילט דעם טעם פֿון ליידן נאָך ליגנדיק ביי איר מוטערס ברוסט. דער דאָזיקער טעם האָט זי באַגלייט די גאַנצע צייט פֿון איר אַזוי יונג פֿאַרענדיקט לעבן.

עס איז צו באַוווּנדערן פֿון וואַנען זי האָט גענומען אַזויפֿיל כוחות אַנטקעגנצושטעלן זיך די אַלע צרות און ליידן, מיט וועלכע דער בייזער גורל האָט איר כסדר מכבד געווען. פֿון קיין פֿרייד אין לעבן האָט זי כמעט ווי נישט געוווּסט.

און וואָס מער זי האָט געליטן, וואָס מער קלעפּ עס זענען אויף איר געפֿאַלן, אַלץ געלייטערטער און געשטאַרקטער איז זי פֿון דעם אַרויס. זי איז נישט געווען פֿאַרביטערט, זי האָט נישט געפֿילט קיין קנאה צו

אַנדערע, ווען דער גורל האָט פאַרשפּאָרט די האַרטקייט פונעם לעבן, וואָס עס איז איר אויסגעקומען דורכצומאַכן.

אסתר גרובער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָרעמער, פרומער היים אין לעמבערג. איר פאָטער האָט זיך באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן היט־לעך פאַר די פויערים, ער האָט פון דעם קוים, קוים פאַרדינט אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט פאַר זיין משפחה. און פונקט ווי שטאַרק דער דלות איז ביי זיי געווען, אַזוי גרויס איז אויך געווען די איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט אין דער גרובער־משפחה. קיין בטחון און טרייסט־ווערטער, אַז עס וועט נאָך אַמאָל זיין גוט, האָבן אָבער זיי ווייניק וואָס געהאָלפן. ס׳איז נישט געווען פשוט מיט וואָס צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט און מען האָט זיי סוף כל סוף אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס...

אין דער לעמבערגער פאָרשטאָט זניעשיעניע האָט די גרובער־משפחה צונויפגעקלאַפּט אַ ביידל פון ברעטלעך און דאָרט געוווינט ביזן אויסברוך פונעם לעצטן וועלט־קריג.

אסתר גרובערס עלטערער ברודער האָט מיט די פאָר מאָגערע גילדן, וואָס ער האָט פאַרדינט, צוגעהאָלפן אין שטוב. אסתר האָט נישט געאַר־בעט. זי איז געגאַנגען אין פאָלקסשול, וועלכע זי האָט פאַרענדיקט. פאַר מער בילדונג האָט זי נישט געהאַט קיין מיטלען. דערפאַר אָבער איז זי געווען אַ ליידנשאַפטלעכע לייענערין פון ביכער. איר צווייטע ליידנשאַפט איז געווען טעאַטער און זי האָט זיך טאַקע געשטעלט פאַר אַ ציל צו ווערן אַ שוישפּילערין. דרייסטקייט האָט זי פאַרמאָגט גענוג... זי איז אַוועק צו דער באַרימטער פּוילישער שוישפּילערין וואַנדאַ שיעמאַשקאָ, וועלכע האָט אין לעמבערג געפירט אַ טעאַטער־שול, און איר געזאָגט, אַז זי וויל ווערן אַ שוישפּילערין. די גרויסע קינסטלערין שיעמאַשקאָ האָט זי פאַרהערט און זיך איבערצייגט, אַז דאָס יידישע מיידל באַזיצט נישט־דורכשניטלעכע בינע־פעאיקייטן. אָנצוקומען אין אַ פּוילישער טעאַטער־שול האָט מען גע־דאַרפט האָבן, ווייניקסטנס, מיטלשול־בילדונג. שיעמאַשקאָ האָט אָבער פאַר אסתר גרובער געמאַכט אַן אויסנאַם און זי אריינגענומען אין דער שול. זי האָט אויך באַפרייט גרובער פון שכר־לימוד.

נאָכן פאַרענדיקן די טעאַטער־שול, אין אָנהייב פון די דרייסיקסטע יאָרן, איז אסתר גרובער צוגעשטאַנען צו דער ניי־געגרינדעטער לעמבער־

גער ייִדישער טעאַטער־סטודיע „מאַסקע״, אונטער דער אָנפירונג פון העניעק לופט און דניאל פרענקעל. די „מאַסקע״ איז געווען אַן אַוואַנגאַרד־טעאַטערל און האָט גיך זיך דערוואָרבן גרויס אָנזען אַ דאַנק דער ערנסטער, אַחריותדיקער באַציִאונג צו טעאַטער־קונסט. די טעאַטער־סטודיע „מאַסקע״ איז געוואָרן פּאָפּולער אין גאַנץ מזרח־גאַליציע.

אַרום דער „מאַסקע״ האָט זיך גרופּירט די לעמבערגער ייִדישע ליטע־ראַרישע וועלט, ווי: ישראל אַשנדאָרף, רחל אויערבאַך, נחום באָמזע, יעקב שודריך, סאַניע פרידמאַן, נחמן בליץ, י. נאַכט און דער פאַנאַטיקער פונעם בעסערן ייִדישן טעאַטער — דער באַרימטער אַדוואָקאַט ד״ר לייב לאַנדוי. זיי האָבן געהאַט די ליטעראַרישע אויפזיכט איבערן נייעם יוגנט־טעאַטער. די קינסטלער־מאָלער פריץ קליינמאַן, י. וויץ, מ. בוך, י. שטרענג און אָטאָ זענען געווען אינעם קינסטלערישן בייראַט. זיי פלעגן אויך מאָלן די דע־קאָראַציעס און קאָסטיומען פאַר דער „מאַסקע״. מיט דער כאָרעאָגראַפיע האָט אָנגעפירט בעלאַ קאַץ.

די „מאַסקע״ האָט אויפגעפירט, צווו. אַנד., „אין פּאַליש אויף דער קייט״ פון י. ל. פּרץ, „רעוויזאָר״ פון נ. גאָגאָל, „די טאָקסע״ פון מענדעלע מוכר ספרים, באַאַרבעט פון איציק שיפער און י. געזונט, „די וועבער״ פון ג. האַופּטמאַן, „שווייק״ פון האַשעק, „די האָפענונג״ פון הייערמאַנס, „בונט אין אויסבעסערונגס־הויז״ פון לאַמפּעל, „סאָקראַטעסעס פּאַרטיידי־קונג״ אין דער באַאַרבעטונג פון י. אַשנדאָרף, „באַנטשע שוויג״ אין חיים ניסנצווייגס באַאַרבעטונג, „די קליאַטשע״ פון מענדעלע מוכר ספרים אין י. אַשנדאָרפס באַאַרבעטונג, „דער שאָטן״, לויט אַנדערסען, אין לופטס באַאַרבעטונג.

די רעזשיסאָרן פון דער „מאַסקע״ זענען געווען העניעק לופט, דניאל פרענקעל און דוד ליכט. מוזיק צו אַלע אויפפירונגען האָט געשריבן פּראָ־פעסאָר הענריק גינסבערג.

די „מאַסקע״ האָט אין משך פון איר עקזיסטענץ געשאַפן אַ ריי גלענצנדיקע אויפפירונגען, וואָס האָבן געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער פאַר אַ סך פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע טעאַטערס.

דער אַנסאַמבל פון דער „מאַסקע״ איז באַשטאַנען פון אינטעליגענטע, צילבאַוווּסטע יונגעלייט, פון וועלכע עס זענען מיט דער צייט געוואָרן

פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער: אסתר גרובער, נתן מייזלער, אַברהם פּלי־וער, סעווערין צווערלינג, לייב טעל, בלאַנקע אַלטשולער, נתן גראָספעלד, רוזשאַ רייסמאַן און די זינגערין יוליאַ מאַרעצקאַ, וועלכע איז שפּעטער אַרי־בער צו דער פּוילישער אָפּערע.

אסתר גרובער אַלס וויקטאָריאַ אין „בונט אין אויסבעסערונגס־הויז", אויפגעפירט דורך דוד ליכט אין לעמבערג, יאָר 1937

אויפטרעטנדיק אין דער „מאַסקע", האָט אסתר גרובער באַלד געצויגן אויף זיך די אויפמערק־זאַמקייט פונעם עולם און פון דער פּרעסע. זי האָט כסדר געאַרבעט איבער זיך און זייער אַ סך גע־לייענט. מען האָט זי תמיד געזען מיט אַ בוך אין האַנט. ווען איר איז אַרומגעגאַנגען אַ וויץ, אַז זי האָט שוין אויסגע־לייענט אַלע ביכער פון אַלע לעמבערגער ביבליאָ־טעקן...

צו איר גרויסן טאַלאַנט האָט אסתר גרובער גע־האַט אַלע מעלות, וואָס אַ שוישפּילערין דאַרף האָבן. זי איז געווען פון מיטל־וווּקס; געהאַט אַ שיינע, שלאַנקע פיגור; אַ ליכטיק, איידל פּנים; גרויסע, פאַרחלומטע אויגן; אַ מויל מיט פּרעכ־טיק־שיינע ציין; אַ פאַרריסן נעזל; בלאָנד־רויטלעכע האָר, און — אַ שלל

מיט חן. זי האָט געהאַט אַ זעלטן־אָנגענעמע שטים און אַ וווּנדערבאַרע דיקציע. זי האָט אויך האַרציק אָפּגעזונגען אַ לידל, הגם זי האָט געהאַט אַ קליינע שטים צו זינגען. זי האָט געשפּילט טעאַטער נאַטירלעך, איבער־צייגנדיק און מיט אַ סך אינטעליגענץ.

ביז זי האָט אָנגעהויבן פאַרדינען האָבן איר די חברים פון דער „מאַסקע״, ביי וועלכע זי איז געווען זייער באַליבט, אַרויסגעהאָלפן מאַ־טעריעל, כדי זי זאָל זיך קענען ווי געהעריק באַקליידן.

איך האָב זיך באַקענט מיט אסתּר גרובער אין לעמבערג, אין יאָר 1937, בעת איך האָב מיט דיאַנאַ בלומענפעלד גאַסטראָלירט אין לעמבערג, ווו זי איז ביי מיר אויפגעטרעטן אין אַן עפּיזאָדן־ראָל אין ד״ר י. ב. צי־פּורס „אויפשטאַנד״. ווען איך האָב אין יאָר 1938 איבערגענומען דאָס „קולטור־בונד־טעאַטער״ אין דאַנציג, האָב איך זי אַנגאַזשירט אַהין אויפן גאַנצן סעזאָן.

אין דאַנציג האָט גרובער פאַרנומען איינע פון די ערשטע פּאָזיציעס אין טעאַטער. זי איז געווען גלענצנדיק אין די דראַמעס, קאָמעדיעס און רעוויעס. זי איז אויך געווען אַ גוטער, האַרציקער מענטש און זעלטענער חבר. אַלע האָבן זי געמוזט ליב קריגן. זי איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן יעדן איינעם און זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. און געטון האָט זי דאָס אַלץ שטיל און דיסקרעט.

די צוזאַמענאַרבעט מיט אסתּר גרובער און צוזאַמענלעבן מיט איר אין משך פון אַ לענגערער צייט האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט זי אָפּ־צושאַצן נישט נאָר אַלס גאָר באַגאַבטער יונגער שוישפּילערין, פון וועל־כער מען וואָלט, ווען נישט דער חורבן, געהאַט נאָך אַ סך נחת, נייערט — אַלס ווערטפולן, פיינפילנדיקן מענטשן.

נאָכן פאַרענדיקן דעם סעזאָן אין דאַנציג איז אסתּר גרובער אַנגאַ־זשירט געוואָרן אין קליין־קונסט־טעאַטער „באַלאַגאַניידן״, וואָס איז אָר־גאַניזירט געוואָרן פון יואל בערגמאַן און יעקב ריינגלאַס. דאָרט האָט זי זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אַלס רעציטאַטאָרין.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זיך אסתּר גרובער געפונען אין איר היים־שטאָט לעמבערג. דאָרט האָט זי געשפּילט אין יידישן מלו־כהשן טעאַטער, ווי אויך אין פּוילישן טעאַטער.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען לעמבערג, איז זי, פונקט ווי אַלע ייִדן, אַריינגעשטופּט געוואָרן אין געטאָ. אירע עלטערן און די ייִנגערע שוועסטער, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 12 יאָר, האָט זי גלייך ביים אָנהייב פאַרלוירן. זי איז געבליבן איינע אַליין. איר ברודער איז געוואָרן מאָביליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי און ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט, איידער די דייטשן זענען אַריין אַהין.

אין געטאָ האָט אסתר גרובער חתונה געהאַט מיטן באַקאַנטן לעמבערגער אינטערניסט ד״ר גינזבערג. זי איז געווען געזעלשאַפטלעך זייער טעטיק. אויך אירע חברים האָט זי נישט פאַרגעסן. זי האָט זיי געהאָלפן מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט.

אָנהייב 1943, בעת דער טרויעריק־באַרימטער „אַקציע״ אויף די לעמבערגער „פּיאַסקעס״, ווו מען האָט אויסגעשאָסן אַ גרויסע צאָל ייִדן, איז אסתר גרובער אויך געבראַכט געוואָרן אַהין. איידער מען האָט די פרויען אַרויפגעוואָרפן אויף די אָפענע לאַסט־אויטאָס, כדי זיי אָוועקצופירן צו די „פּיאַסקעס״, האָבן זיי זיך אַלע געמוזט אויסטון אינגאַנצן נאַקעט. מיט דעם האָבן זיך די דייטשן געוואָלט פאַרהיטן, אַז די פרויען זאָלן נישט אַנטלויפן.

אסתר גרובער, וואָס האָט געהאַט אַ גלענצנדיקן „אַרישן״ אויסזען און גערעדט גוט פּויליש און אוקראַיִניש, האָט זיך דרייסט געקענט ראַטעווען פון געטאָ. אין אַן אַנדערער שטאָט, ווו מען האָט זי נישט געקענט, וואָלט זי באַוויזן איבערצולעבן די מלחמה אויף אַרישע פּאַפּירן. זי האָט אָבער וועגן דעם נישט געטראַכט. זי האָט וועגן זיך קיינמאָל נישט געטראַכט. זי האָט געהאַלטן, אַז איר אָרט איז צו זיין מיט אירע ברידער און שוועסטער אין געטאָ. אירע נאָענטסטע האָט זי שוין נישט געקענט העלפן, האָט זי זיך מיט לייב און נשמה אַריינגעוואָרפן צו העלפן די, וועלכע האָבן זיך נאָך געווענדעט צו איר אום הילף. און זי האָט פאַרשפּילט איר יונג לעבן.

ווען זי האָט זיך געפונען אויף די לעמבערגער „פּיאַסקעס״ ביי די גריבער, ווו מען האָט אויסגעשאָסן אַ גרויסע צאָל ייִדן, און עס איז געקומען די ריי אויף איר, איז איר בליצשנעל דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז זי קען נאָך אַלץ ניצלעך זיין איר פאָלק. זי האָט זיך נישט פאַרלוירן, נאָר דרייסט צוגעגאַנגען צום הויפּט־געשטאַפּאָ־אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער

יידן־שחיטה. זי האָט ביי אים געבעטן אַ פּאַפּיראָס צו פאַררויכערן... דער אָפיציר איז געבליבן שטיין צעטומלט פון איר דרייסטקייט און — נאָך מער — פון איר שיינעם קערפּער. ער האָט זי אַ וויילע באַטראַכט, דערנאָך זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַוועקגעשטעלט זי אין אַ זייט.

נאָך דער „אַקציע" האָט דער דייטש איר געהייסן נעמען אַ קלייד און זיך אָנטון. ער האָט זי אַריינגעזעצט צו זיך אין אויטאָ און זי אַוועקגעפירט אין יאַנאָווער לאַגער, וווּ ער האָט געוווינט. אסתר גרובער איז געווען די איינציקע דעמאָלט געראַטעוועטע פון דער שחיטה אויף די „פּיאַסקעס". דער דייטש האָט זי איינגעאָרדנט אין דער געביידע פון געסטאַפּאָ אין יאַנאָווער לאַגער. אין די אָוונטן פלעגט זי אויפטרעטן אין זייער „קאַסינאָ" און זינגען לידער. דאָס איז געווען אין יאָר 1944.

אסתר גרובער האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די „פּריווילעגירטע" סיטו־אַציע, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען און ראַטעווען פונעם יאַנאָווער לאַגער וויפל יידן ס'וועט זיך נאָר לאָזן.

דער געשטאַפּאָ־אָפיציר, וועלכער איז געווען אין איר שטאַרק פאַר־ליבט, האָט נאָכגעגעבן אַלע אירע פאַרלאַנגען.

אויף איין עפּיזאָד, וואָס די לעבנגעבליבענע פונעם יאַנאָווער לאַגער האָבן איבערגעגעבן, איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן.

אין יאַנאָווער לאַגער האָט זיך געפונען אַ לעמבערגער יונג פּאָרפּאָלק. די פרוי איז אַלט געווען קוים 17 יאָר און איז געווען שוואַנגער אין די הויכע חדשים. ס'האָט איר געדראָט דערשאָסן צו ווערן אין לאַגער. אַלע שוואַנגערדיקע יידישע פרויען פלעגן די דייטשע דאָרט „ליקווידירן".

ווען אסתר גרובער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט זי אַלץ געטון, אַז דער געשטאַפּאָ־אָפיציר זאָל די שוואַנגערדיקע יידישע פרוי אַרויסראַ־טעווען, צוזאַמען מיט איר מאַן. אויך דאָס איז איר געלונגען.

דאָס אַרויסגעראַטעוועטע יידישע פּאָרל האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונ־טער די חורבות פונעם לעמבערגער קינאָ־טעאַטער „פּאַלאַס". דאָרט האָט די פרוי, אין אַ צייט אַרום, געבוירן אַ טויט קינד, וואָס דער מאַן האָט אַליין אָפּגענומען. דאָס קינד האָבן זיי באַגראָבן אונטער די חורבות פונעם טעאַטער. די יונגע מוטער האָט אָבער באַקומען אַ בלוט־פאַרגיפטיקונג און איר לעבן איז געווען אין גרויס סכנה. וועגן מעדיצינישער און היגיע־

נישער הילף האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. און וואָס איין מויל אַריין צו נעמען איז אויך נישט געווען. דער מאַן האָט זיך יעדן אָוונט אַרויסגע־גנבעט פונעם באַהעלטעניש, כדי צו פאַרשאַפן עפּעס עסן פאַר זיי. און איינמאָל, ווען ער איז אַרויס ביינאַכט פון באַהעלטעניש, האָבן אים די דייטשן געכאַפּט און דערשאָסן.

צווישן די שפּעטערדיקע, דורך אסתר גרובער גערעטעטע, ייִדן האָט זיך געפונען דעם דערשאָסענעם מאַנס נאָענטסטער חבר. ער האָט געוווּסט פון דעם אָרט, ווו זיין חבר מיט דער פרוי האָבן זיך אויסבאַ־האַלטן. ער איז גלייך אַוועק אין די חורבות פון קינאָ־טעאַטער „פּאַלאַס״, כדי זיך דאָרט, צוזאַמען מיט זיינע פריינט, אויסצובאַהאַלטן.

ווען ער איז אַהינגעקומען — דאָס איז געשען צומאָרגנס נאָך דעם, ווי מען האָט זיין חבר דערשאָסן — און געפונען דאָס אָרט אונטער די חורבות, האָט ער געטראָפן בלויז די פרוי, וואָס איז געלעגן אין אַ גסיסה־צושטאַנד. ער איז מיט איר פאַרבליבן. אים האָט אָפּגעגליקט, ווייל ער האָט באַוויזן אין אָוונט זיך אַרויסצוגנבענען פון באַהעלטעניש און צוריק־צוקומען מיט עפּעס עסן. די יונגע פרוי, וואָס האָט, משמעות, געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך געזונטן אָרגאַניזם, איז אַרויס פון דער געפאַר.

אַ קורצע צייט נאָכדעם איז לעמבערג פאַרנומען געוואָרן דורך די רוסן. די פרוי איז גלייך גענומען געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין און עס איז געלונגען זי אָפּצוראַטעווען.

אסתר גרובער האָט אין יאַנאָווער לאַגער, ווו זי האָט זיך געפונען, באַוויזן צו ראַטעווען אַ סך ייִדן. זיך אַליין — איז עס איר אָבער נישט געלונגען.

אַ טאָג פאַרן פאַרנעמען לעמבערג דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי האָבן די דייטשן פאַרלאָזט אין איילעניש די שטאָט און דעם יאַנאָווער לאַגער. דער געשטאַפּאָ־אָפיציר האָט נישט פאַרגעסן אָן דער ייִדישער פרוי אסתר גרובער, אין וועלכער ער איז געווען אַזוי שטערבלעך פאַר־ליבט. ער האָט זי מיט דער אייגענער האַנט דערשאָסן...

אסתר גרובערס עלטערער ברודער, וועלכער איז, אַלס סאָלדאַט, צו־ריקגעקומען אַהיים מיט דעם רוסישן מיליטער און האָט זיך דערוווּסט

פון דעם גרויסן אומגליק מיט זיין משפּחה, איז משוגע געוואָרן. מען האָט אים אַריינגענומען אין אַ משוגעים־הויז.

דאָס לעבן פון דער פּילצוזאָגנדיקער שוישפּילערין און זעלטענער פרוי אסתר גרובער, וואָס איז אומגעקומען אין די בליִענדיקסטע יאָרן (זי איז אַלט געווען 27 יאָר), האָט זיך אָנגעהויבן טראַגיש און פאַרענ־דיקט טראַגיש.

איר לעבן איז אַ טעמע פאַר אַ ראָמאַן־שרייבער.

פעליקס פרידמאַן

פעליקס (פישל) פרידמאַן האָט געהאַט צוויי גרויסעליידנשאַפטן: צום מאָלן און צום טעאַטער.

ווען פעליקס פרידמאַן וואָלט געהאַט טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער, וואָלט ער זיכער געוואָרן אַן אַקטיאָר. טעאַטער איז פּשוט געווען די לופט, מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט. עס איז דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס יעדע פרייע שעה, יעדע פרייע מינוט, האָט פרידמאַן פאַרבראַכט אין טעאַטער, הינטער די קוליסן, צווישן אַקטיאָרן.

פרידמאַנען האָט מען געקענט טרעפן אין די לאָקאַלן, ווו אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן פלעגן זיך צונויפקומען און פאַרברענגען. מען האָט אים געקענט זען אויף אַלע פאַראַנשטאַלטונגען און פאַרזאַמלונגען, וואָס דער ייִדישער אַרטיסטן־פאַריין אין וואַרשע פלעגט איינאָרדענען. ער האָט ליב געהאַט טעאַטער־אַטמאָספערע.

איז דען אַ ווונדער, וואָס ער האָט שטענדיק, ביי יעדער געלעגנהייט, געמאַכט צייכענונגען און קאַריקאַטורן פון אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן? מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרערונג פאַר דער וועלט, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט און טייער. אַ טייל צייכענונגען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, האָט ער אַרויסגעגעבן אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע א״נ „הינטער־קוליסן־מאַסקעס״, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, אין יאָר 1925.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז פעליקס פרידמאַן האָט, מער ווי זיינע אַנדערע פאַך־קאָלעגן, אַרויסגעוויזן אַ סך איבערגעגעבנ־קייט און פיעטעט דעם יידישן טעאַטער־מענטש, הגם ער האָט קיינמאָל קיין דעקאָראַציעס נישט געמאָלן און בכלל פון טעאַטער נישט געלעבט.

דאָס איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דער יידישער טעאַטער־משפחה, און פרידמאַן איז טאַקע פאַררעכנט געוואָרן ווי איינער פון אירע נאָענטסטע מיטגלידער. די דאָזיקע פריווילעגיע האָבן קיין סך קינסטלער־מאָלער נישט געהאַט.

נישט קענענדיק זיך אָליין ווידמען דער טעאַטער־פּראָפעסיע, האָט ער זיך מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט אַריינגעוואָרפן אין דער קונסט פון מאָלעריי.

מאָלעריי איז געוואָרן פרידמאַנס שפּראַך, אין וועלכער ער האָט גע־קענט קומען צום פולן אויסדרוק. פאַרב און פאָרעם זענען געוואָרן ביי אים דאָס שטאַרקסטע מיטל איבער־צוגעבן זיינע אייגענע געפילן און געדאַנקען. אין דער מאָלעריי האָבן זיך אַמבולטסטן אויסגעדריקט זיינע טעאַטראַלישע נייגונגען, הגם ער האָט זיך אין זיי באַמיט אַרויסצוברענגען די שטימונג אויף אַ פשוטן און מענטשלעכן אופן.

אויטאָפּאָרטרעט

פעליקס פרידמאַן איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע קונסט־מאָלער אין פוילן. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער וואַרשעווער „גע־זעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט צווישן יידן" און מיטגעהאָלפן פּראָפּאַ־גירן שאַפונגען פון יידישע קונסטמאָלער דורכן אָרגאַניזירן די אויסשטע־לונגען פון דער קונסט־געזעלשאַפט.

פרידמאַן איז געווען וויצע־פּאַרזיצער פון יידישן קינסטלער־פאַריין אין פוילן. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ סך אָפּהאַנדלונגען אין פאַרשיי־דענע צייטשריפטן וועגן מאָלעריי און קינסטלער.

זיין מאָלער־קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן נאָך ווי אַ קליין יינגל. ווייזט אויס, אַז ווען ער האָט נאָך געלערנט אין חדר און ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן אָנגעהויבן צו צייכענען און געמאַכט אַ קאַריקאַטור אויף זיין רבין, האָט ער שוין געגעבן אָנצוגעהערן, אַז נישט דער חדר וועט אים עפענען אַ וועג אין זיין לעבן. זיינע עלטערן — ער האָט געשטאַמט פון אַ פרומער, טראַדיציאָנעלער משפחה אין וואַרשע — האָבן פון זייער פישלען געוואָלט מאַכן, אויב שוין נישט קיין רב, איז לכל הפחות — אַ וויל־לערנער. פישל האָט זיך אָבער אויסגעקליבן אַן אַנדערן וועג, וואָס איז אים מער געווען צום האַרצן און אויף וועלכן ער איז טאַקע געגאַנגען ביזן סוף פון זיין לעבן.

נאָך אין די קינדער־יאָרן האָט ער, אין געהיים פון זיינע עלטערן, אויף אַ בוידעם־שטיבל, געמאָלן בילדער פון דער ווייסל, פון די קיניגלעכע שלעסער און דענקמעלער.

דער איבערברוך אין זיין לעבן איז טאַקע געקומען צוליב אַ קיניג־לעך בילד. זיין פרומער פאָטער — ער האָט געשטאַמט פון אַ טראַדיציאָ־נעל־פרומער משפחה — האָט געפונען ביי אים אַ מאָלעריי פונעם פּאָפּו־לערן דענקמאָל אין וואַרשע, וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם פוילישן קיניג זיגמונט וואַזאַ מיטן צלם אין האַנט און ער האָט דעם פוילישן קיניג, צוזאַמען מיט פישלען, אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. פון דעמאָלט אָן איז דער יונגיטשקער פישל געוואָרן „זעלבסטשטענדיק". ער האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט הונגער און נויט. די יינגלעך פון זיין געגנט פלעגן פון אים חוזק מאַכן, אויף וואָס ער האָט פאַרביטן זיין לעבן, די רחבותדיקע היים פון זיין טאַטן. זיי פלעגן אים נאָכלויפן איבער די גאַסן און אים נאָכשרייען: „פישעלע מאַליאַזשו!" ער האָט זיך מער נישט געקענט באַוויזן אין דער געגנט, ווו ער האָט אַמאָל געוווינט.

אַ קונסט־מעצענאַט האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט פישע־לעס מאָלערייען און ער האָט אים אַוועקגעפירט אין דער וואַרשעווער פוילישער קונסט־געזעלשאַפט (זאַכענטאַ). דאָרט האָט מען אויסגעפונען, אַז

דער יונגיטשקער פישעלע פרידמאַן האָט גרויס טאַלאַנט און זיי האָבן אים, אויף זייער חשבון, אַוועקגעשיקט קיין קראָקע אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכע ער האָט געענדיקט אַלס בעסטער תלמיד פון פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו לענץ.

די קראָקעווער אַקאַדעמיע האָט פרידמאַנען שפּעטער אַוועקגעשיקט אויף איר חשבון קיין פּאַריז, פון וואַנען ער איז שוין צוריקגעקומען קיין וואַרשע ווי אַ פולקומער קינסטלער.

„פישעלע מאַליאַזש" האָט זיך נישט איבערגענומען מיט די לויב־געזאַנגען פון די פּוילישע קונסט־קריטיקער, וועלכע האָבן מיט באַגייסטערונג געשריבן וועגן נייעם פּוילישן אויפגייענדיקן שטערן — פעליקס פרידמאַן און אים פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ער האָט זיך נישט אַסימילירט, ווי די אַנדערע „אויפגייענדיקע שטערנס" און נישט געזוכט זיין תיקון ביי די פרעמדע, נאָר ער האָט זיך נאָך מער באַהאָפטן מיטן יידישן לעבן, מיט דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע ער האָט טריי געדינט ביזן סוף פון זיין יונג־פאַרשניטן לעבן.

די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג איז פעליקס פרידמאַן געווען אַן אָפטער גאַסט אין אָטוואָצק. צוליב דעם שווערן לעבן, וואָס איז אים אויסגעקומען צו פירן כמעט פון זיין קינדהייט אָן (נאָך דעם ווי דער טאַטע זיינער האָט אים פאַרטריבן פון הויז), האָט ער געקריגן אַ לונגן־קראַנקייט און די ווונדערבאַרע אָטוואָצקער לופט האָט אים געבראַכט פאַרלייכטערונג. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זיך די קראַנקייט אַלץ מער אַנטוויקלט.

נישט געקוקט אָבער אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, איז ער די גאַנצע צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע געווען זייער אַקטיוו. ער האָט אָרגאַניזירט זיינע אייגענע בילדער־אויסשטעלונגען, ווי אויך אַן אויסשטעלונג פון קאָלעקטיווע אַרבעטן פון וואַרשעווער יידישע קינסטלער אין דער געביידע פון „יודענראַט". זיין לעצטע אויסשטעלונג אין געטאָ איז געווען אין גרויסן זאַל פון דער יידישער „אַליינהילף" (געוו' יודאַאיסטישער אינסטיטוט).

פרידמאַן האָט אויך געאַרבעט אין געטאָ, צוזאַמען מיטן מאָלער טראַכטער, איבער אַ גרויס בילד „איוב". דאָס בילד איז נישט פאַרענ־

דיקט געוואָרן, ווייל פרידמאַנס געזונט־צושטאַנד האָט זיך שטאַרק פאַר־ערגערט און מען האָט אים אַרויסגעשיקט קיין אָטוואָצק, אין „בריאות“־סאַנאַטאָריע.

דעם 18טן אויגוסט 1942 האָבן די דייטשן דורכגעפירט די פאַרניכ־טונג־אַקציע אין אָטוואָצק. אַלע קראַנקע פון דער „בריאות“־סאַנאַטאָריע

אַהרן צייטלין

מאַרק טורקאָוו

(אייל־בילדער פון פעליקס פרידמאַן)

זענען אויסגעשאָסן געוואָרן. פרידמאַנען איז, על־פי־נס, געלונגען צו אַנט־לויפן, — אַגב, דער איינציקער געראַטעוועטער פון יענער שוידערלעכער אַקציע. ער איז צופוס אַוועק קיין וואַרשע און זיך צוריק אַריינבאַקומען אין געטאָ. זיין קראַנקייט האָט אָבער שוין אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, אַז מען האָט אים גלייך געמוזט נעמען אין שפיטאָל אַריין. זיין יונגע, שיינע פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ הונדערט־פּראָצענטיקן קריסטלעכן אויסזען, האָט זיך דרייסט געקענט ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן איר מאַן אַליין. זי האָט געאַרבעט אין אַ „שאָפּ“, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט און אַזוי אַרום געהאַט

אַ מעגלעכקייט אַריינצושמוגלען עפּעס עסן און קענען בעסער דערנערן איר קראַנקן מאַן.

אין יאָר 1943 איז זי אַוועקגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע.

פעליקס פרידמאַנען האָט מען פאַרשפּאַרט די גאַז־קאַמערן. אַ ייִדישע קראַנקן־שוועסטער פונעם פּערסאָנאַל פון ייִדישן שפּיטאָל אויף גענשע 6,



זשאַק לעווי אָסקאַר
(אייל־בילדער פון פעליקס פרידמאַן)

ווי ער איז געלעגן, האָט אים — אויס רחמנות — איינגעשפּריצט אַ גרע־סערע דאָזע מאָרפיום.

דאָס איז געווען בעת די דייטשן האָבן, דעם 18טן יאַנואַר 1943, באַניִיט זייער „אַקציע״ אין וואַרשעווער געטאָ, און אין דער ערשטער

יאָנאַס טורקאָוו

דיי האָבן געדאַרפט אַרויסגעשיקט ווערן קיין טרעבלינקע אַלע קראַנקע פון שפּיטאָל, דעמאָלט האָט פעליקס פרידמאַן, דער באַליבטער וואַרשע־ווער קונסט־מאָלער, פאַרענדיקט זיין לעבן. ער האָט געהערט צו די גליק־לעכע, וואָס זענען נישט אַריינגעפאַלן אין די דייטשישע הענט.

פעליקס פרידמאַן, וואָס האָט פאַראייביקט אַ גרעסערע צאָל יידישע אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן אין זיין „קונסט־אַלבום", האָט פאַרדינט, אַז אויך זיין נאָמען זאָל פאַראייביקט ווערן צוזאַמען מיט די, מיט וועל־כע ער איז נאָך ביי זיין לעבן געווען באַהאָפטן.

בערנאַרד (בער) האַרט

עס וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען דעם מענטשן, וואָס האָט אָפּגעטון אַ פּיאָנערישע אַר־בעט אויפן געביט פונעם יידישן טעאַטער אין גאַליציע.

פונקט ווי גימפּעל איז געווען דער פּיאָנער פונעם יידישן טעאַ־טער אין לעמבערג און מאָזעס יאַקאָב — אין קראָקע, — האָבן זיך געפונען עקשנים, וואָס האָבן זייער טעאַטער־אַרבעט קאָנצענט־רירט אויסשליסלעך אויף דער פּראָווינץ. זיי האָבן אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־ און מערב־גאַליציע. צווישן די דאָזיקע עקשנים זענען געווען: קאַרל עבעל, נאַרבערט גלימער, לעאָפּאָלד יונגווירט, ליבגאָלד (לעאָן ליבגאָלדס פאָטער), פראַנץ באַריס, ס. איצקאָוויטש א. אַ. דעם אויבנאָן האָט אָבער פאַרנומען בערנאַרד האַרט, אָדער, ווי מען האָט אים גערופן — „דער געלער בער”. דאָס איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע געשטאַלטן אין ביידע טיילן פון קליינפּוילן.

בערנאַרד (בער) האַרט איז געבוירן געוואָרן אין ראַוואַ־רוסקאַ, נעבן לעמבערג. זיין פאָטער, אַן אָקסן־סוחר, האָט זיך איבערגעקליבן מיט דער

משפּחה קיין לעמבערג. בער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל. נאָכן פאַרענדיקן די פאָלקס־שול איז בער געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט. אין די פרייע אָוונטן פלעגט ער באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער פון גימפּעל, פון וועלכן ער איז געוואָרן אַ גרויסער פּאַטריאָט.

טעאַטער איז אים אַזוי אַריין אין בלוט אַז ער האָט שוין נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדערן ציל, ווי נאָר זיך מיט אים צו באַהעפטן. דאָס איז אים אָבער לייכט נישט אָנגעקומען. הארטס געלע האָר און די קליינע, גרינע אויגעלעך זענען דורך דער דירעקציע נישט אָנערקענט געוואָרן אַלס „בינע־פּעאיק" און מען האָט אים נישט געוואָלט צולאָזן צום טעאַטער. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן אַטוט, וועלכן די דירעקציע האָט נישט געקענט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט: ער האָט גוט געקענט די „דו־אָבנע אותיותלעך", וואָס איז אין יענער צייט ביי די, וואָס זענען געקומען צום יידישן טעאַטער, געווען אַ זעלטנקייט.

מען האָט באַשלאָסן צו מאַכן הארטן פאַרן סופליאָר פונעם גימפּעל־טעאַטער. הארט האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען, ווייסנדיק, אַז דאָס איז דער ערשטער שטאַפּל צו זיין טעאַטער־קאַריערע, וועלכע ער מוז, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, דורכמאַכן.

פאַרן ערשטן וועלט־קריג האָט ב. הארט געדינט אין עסטרייכישן מיליטער, וווּ ער האָט זיך דערדינט ביז צו פעלדפעבל. אין דעם עסטרייכישן „קייזעלעך־קעניגלעכן" לאַנד איז געווען אַ געזעץ, אַז יעדער אויסגעדינטער פעלדפעבל האָט געהאַט אַ פּריווילעגיע צו באַקומען אַ קאָנצעסיע, וואָס די מלוכה האָט אַרויסגעגעבן. ס'רוב האָבן די פּריווילעגירטע גענומען קאָנצעסיעס אויף ביר־שענק, טאַבאַק־ און בראַנפן־געשעפטן, ווי אויך אַנדערע מלוכהשע מאָנאָפּאָל־אונטערנעמונגען, פון וועלכע די קאָנצעסיאָנערן פלעגן מאַכן אַ גוט לעבן.

בערנאַרד הארט האָט אָבער געהאַט אַנדערע אַמביציעס: ער האָט זיך באַמיט צו באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ יידיש וואַנדער־טעאַטער. היות פאַר לעמבערג איז געווען באַשטימט איין יידישע טעאַטער־קאָנצעסיע, וואָס איז פון פריער נאָך געווען צוגעטיילט גימפּעלן און איין קאָנצעסיע פאַר קראָקע, וואָס האָט באַקומען יאַקאָב, — האָט מען הארטן געגעבן אַ קאָנצעסיע פאַר דער פּראָווינץ.

הארט האָט באַלד אָרגאַניזירט אין טאַרנאָפּאָל אַ טרופּע, פון וועלכער ער איז געוואָרן דירעקטאָר. צוליב זיין פּינקטלעכקייט און וואָרט־האַלטן האָבן זיך אַקטיאָרן גערן אַנגאַזשירט צו אים. צוליב זיין ערנסטער באַציאונג צום טעאַטער און צו די דורך אים אויפגעפירטע פּיעסן האָט ער שנעל געוווּנען די סימפּאַטיעס פונעם עולם און זיינע פאָרשטעלונגען זענען געוואָרן גוט באַזוכט. אַלץ, וואָס עס איז ביי אים אויפגעפירט געוואָרן — ס׳רוב היסטאָרישע אָפּערעטעס, — האָט באַקומען די געהעריקע ראַם. הארט האָט צו אַלע אויפגעפירטע פּיעסן געלאָזט נייען נייע קאָסטיומען, דעקאָראַציעס, געמאַכט נייע רעקוויזיטן, בוטאַפאָריע — און דאָס אַלץ פלעגט ער מיטפירן פון שטאָט צו שטאָט. אַ פאָרשטעלונג ביי אים איז געווען ריין און ציכטיק, — און דאָס האָט דער עולם און די אַקטיאָרן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט.

דאָס, וואָס מען האָט אים נישט געוואָלט מוחל זיין, איז, וואָס ער אַליין האָט געוואָלט שפּילן טעאַטער. די ערשטע ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט, איז געווען „ר׳ אליהו״ אין שלום אַשס „גאָט פון נקמה״. ביידע ציניגער האָבן גערעדט, אַז הארט האָט ספּעציעל אָרגאַניזירט אַן אייגענע טרופּע און געצאָלט דעם גאַנצן פּערסאָנאַל גאַזשע, כדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן ווי אַן אַקטיאָר. דאָס האָבן אים די אַקטיאָרן נישט געקענט מוחל זיין. אָבער אַז ער האָט זיי געצאָלט גאַזשע — איז דאָך נישט שייך...

אין וואָס פאַראַ ריכטונג ער האָט יאָ געהאַט אַ פאַרדינטן דערפאָלג אויסער אַלס דירעקטאָר און אָרגאַניזאַטאָר — איז אַלס מחבר פון פּיעסן. ער האָט אָנגעשריבן אַ ריי יידישע טעאַטער־שטיק, צווישן אַנדערע — באַאַרבעט „די דריי מתנות״ לויט י. ל. פּרץ. דערצו האָט ער אויך אַליין פאַרפאַסט טעקסטן צו די לידער. מוזיק צו זיין באַאַרבעטונג פון די „דריי מתנות״ האָט געשריבן חנן וואָלפּסטאַל. די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט אומעטום געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג און איז געוואָרן אַ גרויסער שלאַגער. דער איבעררעשנדיקער דערפאָלג האָט געשטאַרקט הארטס פּאָזיציע און אָנזען אין טעאַטער.

ער האָט אויך געשריבן זייער אַ סך טעקסטן צו לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין גימפּעלס און אַנדערע טעאַטערס.

בעתן ערשטן וועלט־קריג איז בערנאַרד האַרט, ווי שוין געזאָגט, געווען פעלדפעבל אין עסטרייכישן מיליטער און האָט אָנגעפירט מיט אַ באַקליידונגס־מאַגאַזין. ביים סוף פון דער מלחמה איז ער געבליבן מיט אַ גרויסן מאַגאַזין פון קורצע פעלצלעך, וואָס מען האָט געטראָגן אין דער עסטרייכישער אַרמיי. ביים פאַנאַנדערפאַלן זיך פון דער „קייזער־קעניג־לעכער אַרמיי" האָט האַרט אָפּגעקויפט פון דער אינטענדענטור דעם גאַנצן מאַגאַזין מיט פעלצלעך פאַר גראָשנס און — ווי ער האָט מיר מיט יאָרן שפּעטער דערציילט — ס'איז אים פאַרגעשטאַנען ממש רייך צו ווערן פון דערדאָזיקער טראַנזאַקציע. זיין שטרעבן איז געווען אויפצובויען אין לעמ־בערג אָדער אין קראָקע אַן אייגענעם, הערלעכן יידישן טעאַטער־בנין. האָט ער אָבער מיטן מסחר נישט געהאַט קיין מזל: אַלע פעלצלעך זענען געווען אַזוי פאַרלייזיקט, אַז מען האָט געמוזט מאַכן אַ שייטער־הויפן און זיי אַלע פאַרברענען...

נאָכן פאַרענדיקן דעם ערשטן וועלט־קריג, מיטן צעפאַלן זיך פון דער עסטרייכישער אימפּעריע, איז גאַליציע פאַרייניקט געוואָרן צו דער ניי־אַנטשטאַנענער פוילישער רעפּובליק, און ממילא איז אויך בער האַרט געוואָרן אַ פוילישער בירגער. האַרט האָט אויך פון דער פוילישער מלוכה באַקומען אַ טעאַטער־קאָנצעסיע, און ער האָט ווידער אַנגאַזשירט אַ טרופּע און אָנגעהויבן צו שפּילן יידיש טעאַטער. זיין זיץ־אָרט איז געוואָרן די שטאָט דראָהאָביטש אין מזרח־גאַליציע, וווּ ער האָט זיך באַזעצט אויף שטענדיק מיט זיין משפחה.

אין יאָר 1921, ווען איך האָב געשפּילט אין דאַנציג מיטן „באַוועגלעכן יידישן דראַמאַטישן טעאַטער", איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון בער־נאַרד האַרט, אַז ער וויל אונדזער גאַנצע טרופּע אַנגאַזשירן קיין גאַליציע. די טרופּע פון „באַוועגלעכן יידישן דראַמאַטישן טעאַטער" איז באַשטאַנען פון בלויז יונגע שוישפּילער, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שפּילן אַ בעסערן רעפּערטואַר. ס'זענען אויפגעפירט געוואָרן פאָלגנדיקע פּיעסן: „פּוסטע קרעטשמע", „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „די נבלה" פון פּרץ הירשביין; „דער דאָרפס־יונג" — לעאָן קאָברין; „גאָט פון נקמה" — שלום אַש; „צעזייט און צעשפּרייט" — שלום עליכם; „צוליב גליק" — ס. פּשי־בישעווסקי; „גנבים" — פ. בימקאָ; „די יידן" — טשיריקאָוו. צו דער

טרופּע האָבן געהערט פּאָלגנדיקע שוישפּילער: מאַרקאָ מילנער, צעשיע סאַרנאַ (הירשפעלד) — אַ ביז־גאַר באַגאַבטע יונגע שוישפּילערין, שלום ציקאָרניק, הדסה העלפּגאָט, האַנקע פלאַום, ש. לעווענטאַל, אַלעקס בער־מאַן, דינער, שעפּטעל, גזשיוואַטש, הירש גלאָווינסקי, דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות און חיים פרענקעל — אַלס געשעפטס־פירער.

דאָס „באַוועגלעכע דראַמאַטישע טעאַטער״ האָט סיי צוליב דער ערנס־טער באַציאונג, וואָס זיינע מיטגלידער האָבן געהאַט צום טעאַטער, סיי צוליבן איסוואַל פונעם רעפּערטואַר, געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וווּ עס האָט נאָר געשפּילט. דעם ערשטן מאַטעריעלן דורכ־פאַל האָט די טרופּע געהאַט אין דאַנציג, ווייל ס׳איז נאָך דעמאָלט געווען דאָרט אַ קליינע יידישע אימיגראַציע, און די דייטשישע יידן האָבן זיך מיט ביטול באַצויגן צו אַלץ, וואָס ס׳האָט געשמעקט מיט „יידיש״. מיר האָבן פּשוט נישט געהאַט מיט וואָס אַרויסצופאָרן פון שטאָט. דעריבער איז דער פאָרשלאַג, וואָס איז אָנגעקומען פון האַרטן, געווען ממש אַ רעטונג פאַר דער טרופּע.

דאָס „באַוועגלעכע טעאַטער״, אונטער דער נייער דירעקציע פון בער האַרט, האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין דער וויטער קאָלאָמיי (ביי דער רומענישער גרענעץ). פון אָנהייב, אַז די געשעפטן זענען געגאַנגען נאָך נישקשה, איז אַלץ געווען כשורה. ווען די געשעפטן זענען אָבער אַוועק מיט דער פּוטער אַראָפּ, איז שוין דער שלום־בית צעשטערט געוואָרן. מיר האָבן באַזוכט נאָך אַ ריי שטעט, ווי: פּשעמישל, יאַראָסלאַוו, ריישע, טאַרנאָוו, וווּ עס האָט זיך געענדיקט דער קאָנטראַקט מיט האַרטן, און מיר האָבן אַלע באַשלאָסן אַהיימצופאָרן. די טרופּע איז זיך צעפאַלן. האַרט האָט אָנגאַזשירט אַ פּאָר אַקטיאָרן פון אונדזער טרופּע און באַשלאָסן אויפ־צופירן אין טאַרנאָוו אַן—סקיס „דיבוק״, וואָס איז נאָך ביז דעמאָלט אין טאַרנאָוו נישט געשפּילט געוואָרן.

היות דעם איינציקן טעאַטער־זאַל, וואָס האָט געהערט צום אַנטיסע־מיטישן „סאָקאָל״, האָט מען פאַר יידישע פאָרשטעלונגען נישט פאַרדונגען, האָט דער ענערגישער בער האַרט איבערצייגט אַ גרויסן טאַרנאָווער עקס־פּאָרטער פון אייער, ער זאָל פאַרדינגען דעם אייער־סקלאַד פאַר די „דיבוק״־פאָרשטעלונגען... דער אייער־סוחר איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון

ייִדישן טעאַטער און ער איז אויף האַרטס פאָרשלאָג איינגעגאַנגען. דעם גאַנצן סקלאַד מיט אייער האָט ער איבערגעטראָגן ערגעץ אַנדערש, און אין דעם לאָקאַל אַליין צוגעהאָלפן האַרטן צונויפצוקלאַפּן אַ בינע. אַלס פאָרהאַנג האָבן געדינט צוויי גרויסע ליילעכער; אויף די ווענט — לייוועג־טער, און די בינע איז געווען פאַרטיק. די טעאַטער־בילעטן זענען נאָך פון פריִער צעכאַפּט געוואָרן ווי מצה־וואַסער.

ס'איז געקומען דער טאָג פון דער פייערלעכער פּרעמיערע. צעשיע סאַרנע, וועלכע האָט געשפּילט „לאה", און איך — „חנן", זענען צום פּראָ־לאָג אַרויס פאַרן פאָרהאַנג מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט. היות מיר זענען געשטאַנען זייער נאָענט פונעם פאָרהאַנג (די בינע איז געווען זייער קליין), האָט זיך דער אייער־סוחר און ליבהאָבער פונעם ייִדישן טעאַטער שטאַרק דערשראָקן, גענומען זיין שטול, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער ערשטער ריי (דאָס גאַנצע פּובליקום איז געזעסן אויסגעזעצט אויף לאַנגע ברעטער, וועלכע מען האָט אויסגעבאָרגט אין אַ ברעטער־סקלאַד, און אונטערגע־שטעלט מיט קלעצלעך, אויף וועלכע די ברעטער זענען געלעגן), אַרויפ־געשטעלט זיך אויף איר און מיט צוויי בלאָזן אויסגעלאָשן אונדזערע אָנ־געצונדענע ליכט. מיר זענען געבליבן אין דער פינצטער ווי פאַרפּלעפט, נישט וויסנדיק צי מיר זאָלן ווייטער רעדן אָדער וואַרטן אויף עפּעס אַ נס. און דער נס איז געשען: איינער פון פּובליקום האָט מיט אַן עלעקטריש לעמפּל באַלויכטן אונדזערע פּנימער, און מיר האָבן מיט מזל געענדיקט דעם פּראָלאָג.

די איבעריקע אַקטן זענען דורך בשלום. אין דער הפסקה איז אונדזער סוחר פון אייער, באַלעבאָס פונעם זאַל, אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן און זיך אַנטשולדיקט פאַרוואָס ער האָט געמוזט אויסלעשן די ליכט:

— אַז איר ברענט אויף דער סצענע, אַרט מיך נישט, — האָט ער געזאָגט, — אָבער מיט ליכט שטיין אַזוי נאָענט פון דער קורטינע (פאָר־האַנג), האָט איר דאָך נאָך געקענט, חלילה, ברענגען צו אַ שׂרפה...

ביים לעצטן אַקט, ווען דער „מיראָפּאָלער צדיק" (געשפּילט דורך בער האַרטן) טרייבט אַרויס דעם „דיבוק" פון „לאהן", איז געקומען צו אַ טראַגי־קאָמישן אינצידענט. ווען דער „צדיק" (ב. האַרט) האָט געזאָגט: „דיבוק, עך באַפייל דאָ די זאָלסט אַראָעס" — (האַרט האָט גערעדט מיטן

ספּעציפיש מזרח־גאַליציאַנער דיאַלעקט), האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ טיפע מענער־שטים, וואָס האָט געענטפערט: „און עך וויל נישט אַראָעס״... די פּאַרדיבוקטע „לאה״ (סאָרנע) האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. אויך די איבעריקע אַקטיאָרן, וואָס זענען געווען אויף דער בינע, האָבן באַקומען אַ ספּאַזמאַטישן לאַך־אָנפאַל, און דער גאַנצער עולם אין זאַל איז מיטגעריסן געוואָרן און געקייכט פון געלעכטער. נאָר דער „משולח״ (אַלעקס בערמאַן) איז געשטאַנען ווי אַ קאַלטער גולן, מיט אַ פאַרגליווערט פנים. דאָס איז ער געווען דער „בויך־רעדנער״, וואָס האָט אויסגעכאַפּט „לאהן״ דעם ענטפער. מען האָט שוין ווייטער נישט געקענט שפּילן. מ׳האָט געמוזט אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג און ס׳איז געקומען צו אַ גרויסן סקאַנדאַל. דער אומגליקלעכער בער האַרט איז מיט טרערן אין די אויגן צוגעלאָפן צו בערמאַנען און געשריען:

— וואָס האָט איר מיר געמאַכט?!

אויף דעם האָט בערמאַן קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— אַ צדיק רעדט נישט „עך״, נאָר איך...

דער דאָזיקער אינצידענט האָט זיך געענדיקט נישט נאָר מיטן איבער־רייסן די „דיבוק״־פאָרשטעלונג, נאָר — בכלל — מיטן גאַנצן טעאַטער. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו פייפן און די „אויסגעפייפטע״ אַרטיסטן האָבן צומאָרגנס געמוזט פאַרלאָזן טאַרנאָוו.

ווען איך שרייב איצט די זכרונות, לעבן שוין לײדער נישט נישט דער „צדיק״ — בערנאַרד האַרט, מיטן גאַליציאַנער „עך״, נישט די זייער טאַלאַנטירטע „לאה״ — צעשיע סאָרנע הירשפעלד, נישט דער ליטווישער „משולח״ — אַלעקס בערמאַן און נישט די מערהייט פון די שוישפּילער און כמעט אַלע פונעם טייערן טאַרנאָווער פּובליקום.

בעת מיין קורצער צוזאַמענאַרבעט מיט בערנאַרד האַרט האָב איך זיך מיט אים באַפריינדעט און די דאָזיקע פריינטשאַפט האָט שוין אָנגע־האַלטן ביזן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג, ד. ה., ביז דעם מאָמענט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. יאָרנלאַנג איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט האַרטן, צו זיין מיט אים צוזאַמען, און עס זענען מיר פאַרבליבן די בעסטע דעראינערונגען פון יענער צייט.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט האַרט שוין נישט געפירט קיין אייגענע טרופּע, נאָר ער איז געווען אימפּרעסאַריאָ, אָדער געשעפטס־פירער — ס׳רוב טאַקע ביי מיינע און דיאַנאַ בלומענפעלדס טורנעען איבער פּוילן.

ווי געזאָגט, האָט האַרט געהאַט אַ באַציִאונג צום בעסערן טעאַטער און צום בעסערן רעפּערטואַר. ער האָט דער ערשטער אויפגעפירט אין גאַליציע „יענקל דער שמיד״ פון דוד פּינסקי, „גנבים״ פון פישל בימקאָ און דעם גאַנצן גאָרדין־רעפּערטואַר. ווען ער, האַרט, איז שוין אַרויס פון דער „מאָדע״ און געמוזט איבעררייסן די אַרבעט מיט אַן אייגענער טרופּע, האָט ער זיך תמיד באַמיט צו זיין אימפּרעסאַריאָ, אָדער געשעפטס־פירער פונעם בעסערן, ערנסטערן טעאַטער.

יאָרנלאַנג איז ער אַרומגעפאָרן מיטן גאָלדפאַדן־רעפּערטואַר און מהנה געווען די גאַליציאַנער יידן מיט די שיינע אויפפירונגען, וועלכע ער האָט געגעבן מיט אַ גוטער טרופּע און אימפּאָנירנדיקער — ווי אויף אַ וואַנדער־טעאַטער — אויסשטאַטונג.

אין זיין טעאַטער האָט ער זיך תמיד באַמיט צו אַנגאַזשירן די בעסטע יידישע אַקטיאָרן פון גאַליציע. נישט איין אַקטיאָר, אָדער אַקטריסע, וואָס האָבן ביי אים געשטעלט די ערשטע טריט, זענען שפּעטער באַרימט גע־וואָרן אַלס גרויסע שוישפּילער. אַזוי איז צווישן אַנדערע געווען מיט לודוויק זאַצן, וועלכן גימפּעל האָט נישט געוואָלט אַרייננעמען צו זיך אין טעאַטער. ערשט ביי בערנאַרד האַרטן האָט לודוויג זאַץ באַקומען אייניקע גרעסערע ראָלן, אין וועלכע ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט און גע־צויגן אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיך גאָר שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער „שחיטה״ פון גאָרדינען, שפּילנדיק „שמואל יאָסל״. נאָכדעם ערשט איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן צו גימפּעלן קיין לעמבערג און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זיין קאַריערע, וועלכע איז בהדרגהדיק געוואַקסן מיט זיין אָנקומען קיין אַמעריקע.

בערנאַרד האַרט איז געווען אַ פאַרגינער — אַ זעלטנקייט ביים יידישן טעאַטער. ער האָט זיך געפרייט מיט יענעמס דערפאָלג און געהאַט עגמת־נפש פון אַן אומפאַרדינטן דורכפאַל. אומפּעאיקע מענטשן ביים טעאַטער — אויף וואָס פאַראַ געביט עס זאָל נישט זיין — האָט ער נישט געקענט

דולדן. — „זאָלן זיי זיך נעמען צו אַן אַנדער פאַך" — פלעגט ער תמיד זאָגן. ווען אַן אַקטיאָר האָט נישט געטויגט אין אַ ראָל, האָט ער געזאָגט: „ער הוסט אין פּאַס"... דאָס דאָזיקע ווערטל איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער ביי טעאַטער־מענטשן אין פּוילן און זיי האָבן עס פון אים איבערגענומען. בכלל איז האַרט געווען אַ מענטש מיט הומאָר. ער פלעגט זיך באַנוצן מיט וויצן און גלייכווערטלעך אויף רעכטס און אויף לינקס.

אַלס דירעקטאָר איז האַרט געווען, אמת, זייער אַ שטרענגער און אויך נישט „איבערגעצאָלט" קיין גאַזשעס. ווען עס איז אים אָבער שטאַרק געווען געלעגן צו קריגן אַ געוויסן אַקטיאָר פאַר זיין טרופּע, האָט ער נישט געזשאַלעוועט קיין געלט. ער האָט, וועלנדיק אויפפרישן די גאַליציאַנער פּראָווינץ מיט „נייע פּנימער" — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — גע־בראַכט אַהין פרישע כוחות פון לאַנד און פון אויסלאַנד. צווישן אַנדערע האָט ער אַ־אָפּגעבראַכט פון ווין קיין דראָהאָביטש דעם פּאָפּולערן אַקטיאָר, מיטגרינדער און רעזשיסאָר פון דער „ווינער פרייער יידישער פאָלקס־בינע" — יצחק דייטש, די אַקטריסע לאה גראַף־וויינטרויב, נתן קלינגער און אַנדערע.

ער האָט אויך דער ערשטער געבראַכט קיין גאַליציע דאָס באַוווּסטע אָפּערעטן־פּאָרל וויערא קאַניעווסקאַ און פּאָול ברייטמאַן. ווען דער אַמאָל־באַרימטער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר און אַקטיאָר פון וואַרשעווער „עליזעאום"־טעאַטער און שפּעטער פון אָדעסער טעאַטער, י. ל. ראַפּעל, איז געקומען פון רוסלאַנד, צוזאַמען מיט זיין פרוי זינאַ ראַפּעל און זייערע טעכטער — אַלע שוישפּילערינס — מאַלווינאַ, אסתר, צילאַ און אַנדזשאַ, האָט זיי האַרט דער ערשטער אַראָפּגעבראַכט קיין גאַליציע און זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין אַ ריי שטעט.

אין איינעם פון מיינע טורנעען מיט דער פּיעסע „10 יאָר און איין סעקונדע", פון פראַנצויזישן מחבר מ. שיפער, איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אין דער שטאָט ראַהאַטין, אין מזרח־גאַליציע. די בילעטן צו דער פאָרשטעלונג זענען געווען אויספאַרקויפט. ביי אונדז האָט זיך געפירט, אַז אַלע פלעצער זענען געווען נומערירט און יעדער איינער, וואָס האָט גע־קויפט אַ בילעט, האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט. קיין שטיי־פלעצער האָבן מיר נישט פאַרקויפט.

בערנאַרד האַרט איז תמיד געשטאַנען אויף קאָנטראָל ביי דער הויפּט־טיר. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט, אַז אין זאַל זענען שוין אַלע ערטער באַזעצט און אין פּאַיע פון טעאַטער, ווו מיר האָבן געשפּילט, האָט זיך געפונען נאָך אַ ריזיקער עולם. ער האָט אַריינגעשיקט עמיצן צו אונדז הינטער די קוליסן, אַז עס זאָל אַרויסקומען די אַקטריסע צעלינאַ סטאַל, וועלכע האָט געדאַרפט אויפטרעטן ערשט אין די ווייטערדיקע אַקטן, כדי אים, האַרטן, צו פאַרבייטן אַ פּאָר מינוט ביי דער טיר. ער האָט געוואָלט אָפּרייניקן דעם פּאָיע פון מענטשן, זיי זאָלן נישט שטערן דעם גאַנג פון דער פּיעסע. האַרט האָט איבערגעגעבן צעלינאַ סטאַל אַ פּעקל קאָנטראָ־מאַרקעס און פאַרלאָזט די הויפּט־טיר. די קאָנטראָמאַרקעס האָט מען אין פוילן באַנוצט פאַר די, וואָס זענען אַרויס פון זאַל אין פּאָיע, כדי אויסצו־רויכערן אַ פּאַפּיראָס.

ווען האַרט איז צוריקגעקומען צו דער טיר, כדי צו באַפרייען די אַקטריסע סטאַל, האָט ער באַמערקט, ווי אין זאַל שטייט מען ממש אויף די קעפּ.

— „וואָס טוט זיך דאָ?" — פרעגט ער אַ דערשטוינטער.

וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? די נישט־געניטע אַקטריסע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שייכות מיט קיין טיר ביים טעאַטער, האָט אָנשטאָט ביי יעדן אַריינקומענדיקן גאַסט צו פאָדערן אַן איינטריטס־בילעט, אים געגעבן אַ קאָנטראָמאַרקע און אַריינגעלאָזט אין זאַל אַריין... אַזוי אַרום האָט זי אַלעמען, ווער ס'איז נאָר אַריין אין טעאַטער אָן בילעטן, אַוועקגע־געבן אַלע קאָנטראָמאַרקעס און געבראַכט דערצו, אַז דער עולם, וואָס האָט שוין נישט באַקומען צו קויפן קיין בילעטן, זאָל אָנשטאָט אַרויסגיין אויף דער גאַס, אַריינגיין — און דערצו נאָך אָן אַ גראָשן געלט — אין טעאַטער אַריין און אים אַזוי פאַרפולן, אַז עס זאָל נישט זיין ווו אַ שפּילקע צו וואַרפן.

האַרט האָט זיך שיער נישט צעוויינט פון אויפרעגונג. ער האָט מיר שפּעטער געזאָגט:

— דאָס מאָל האָב איך געהוסט אין פּאַס אַריין...

אַ צווייט מאָל, בעת אונדזער טורנע ווינטער־צייט, איבער די מזרח־געביטן, איז אונדז אויסגעקומען צו פאָרן פון ניי־סוויענציאַן ביז סוויענ־

ציאָן צו אַ פּאָרשטעלונג. עס איז געווען אַזאַ גרויסע שניי־זאַוויערוכע, אַז די קליין־באַן, וואָס האָט געפירט אַהין, האָט נישט געקענט גיין. ווען האַרט האָט זיך דערפון דערוווּסט, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון אויפרעגונג. וואָס הייסט עפּעס: אָפּרופן אַ פאָרשטעלונג? וואָס וועט דאָס פּובליקום זאָגן אויף דעם?! — האַרט איז געווען פּינקטלעך ביז צום איבערטרייבן און ער האָט קיין עוולות נישט געקענט פאַרטראָגן. האָט ער אונדז צוגערעדט, מיר זאָלן דינגען פּויערים מיט צוויי שליטנס, — אונדזער טרופּע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון זעקס מענטשן (דיאַנאַ בלומענפעלד, יעקב גינזבערג, לייב לערנער, בער האַרט, אַנשל פּינקוסעוויטש און איך) — זיך גוט איינוויקלען אין קאָלדרעס, אויסבעטן די שליטנס מיט שטרוי, כדי אויפן וועג נישט פאַרפרוירן צו ווערן, און לאָזן זיך אין וועג אַריין. מ׳האָט געדאַרפט פאָרן מיט די שליטנס 10 קילאָמעטער.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָרן ביינאַכט, באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג, כדי זיך קענען אויסרוען אַ גאַנצן טאָג אין סוויענציאַן — ביז צו דער באַפאָרשטייענדיקער פאָרשטעלונג. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אייניקע מאָל האָט מען אויפן וועג געמוזט איבעררייסן דאָס פאָרן און אַריין צו פּויערים זיך אַביסל דערוואַרעמען. דער פראָסט איז געווען אַזאַ קנאַקנדיקער, אַז ס׳האָט פּשוט פאַרפּעלט לופט צו אָטעמען. האַלב־טויט האָבן מיר זיך קוים־קוים מיט צרות, פאַרטאָג, דערשלעפּט ביז סוויענציאַן. מען האָט אונדז ממש געמוזט אַראָפּטראָגן פון די שליטנס. האַרט האָט אויסגעזען ווי אַ ברילע אייז. זיינע אויגן און ס׳מויל — פאַרקלעפּט געווען מיט אייז; די וואָנצעס זיינע (ער האָט געטראָגן וואָנצעס) זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צוויי אייז־שטעקעלעך, — און ווי מיר אַליין האָבן זיך נישט געפונען אין אַ טראַגישן מצב, מיט אָפּגעפרוירענע הענט און פיס, האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו לאַכן ביז טרערן, קוקנדיק אויף האַרטן.

די פאָרשטעלונג האָט מען סיי־ווי געמוזט אָפּרופן, ביז מיר זענען נישט געקומען צו אַ נאָרמאַלן צושטאַנד. ווען האַרט איז געקומען צו זיך, האָט ער געזאָגט:

— דאָס הייסט אַריינהוסטן אין אַ פּאַס... ס׳איז דאָך סיביר...

ווען מיר האָבן אין די ווייטערדיקע יאָרן אויסגעאַרבעט מיט אים אַ פּלאַן פון אונדזער טור, האָט ער זיך געבעטן רחמים:

— נאָר נישט קיין סיביר! (געמיינט האָט ער די מזרח־געביטן פון ווילנער ראַיאָן)...

דאָס האָט אים אפשר אויך צוריקגעהאַלטן פון אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען מזרח־גאַליציע. און אפשר האָט ער גע־גלויבט, אַז ער, אַלס געוועזענער „קייזער־ און קעניגלעכער פעלדפעבל", מיט אַ גוטן דייטשישן לשון, וועט נושא חן זיין ביי די נאַצישע תלינים און ער וועט מיט זיין משפחה איבערלעבן די מלחמה?! דאָס מאָל איז זיין „סטראַטעגיע" געווען אַ פאַלשע. ער איז געבליבן מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער אין זיין היים־שטאָט דראָהאָביטש, ווו זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע דראָהאָביטשער ייִדן.

אויסער בער האַרטן און זיין זון דאַלעק, וועלכער שפּילט איצט אין ישראל, איז ביים טעאַטער געווען אויך זיין ייִנגערער ברודער — הירש האַרט — געראַטעוועט זיך דורך רוסלאַנד קיין ישראל. הירשס פרוי און איינציקער זון — אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. אויך די פרוי פון בער האַרט — בערטאַ, האָט אַמאָל געשפּילט ייִדיש טעאַטער. דערנאָך האָט זי דערפון רעזיגנירט. ביים טעאַטער האָט זי אָבער אַלעמאָל געאַר־בעט. זי איז געווען לייטערין פון די טעאַטער־קאָסטיומען און טעאַטער־זאַכן — אַגב, איינע פון די גרעסטע טעאַטער־קאָלעקציעס אין פוילן.

בערטאַ האַרטס ברודער, וואָלף מערקור, איז אויך געגאַנגען צום טעאַטער אַלס אַקטיאָר און שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווו ער האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אַלס שרייבער. אַגב איז וואָלף מערקור אַ לאַנגע צייט געווען טעטיק אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער.

אַ שוועסטער פון בערנאַרד האַרט איז געווען די פרוי פונעם באַקאַנטן פּובליציסט פישל וויטקאָווער — מיטרעדאַקטאָר פונעם „לעמבערגער טאָג־בלאַט". אַ צווייטע שוועסטער פון בערנאַרד האַרט איז געווען די פרוי פון יעקב פריזאַמענט, סופליאָר פונעם לעמבערגער ייִדישן טעאַטער — (אַ ברודער פונעם באַקאַנטן ייִדישן קאָמפּאָזיטאָר און אַקטיאָר שלמה פריזאַמענט). די האַרט־משפחה איז געווען דורך און דורך געבונדן מיט טעאַטער.

בערנאַרד האַרט, דער לעבנסלוסטיקער, האַרציקער מענטש און איי־נער פון די ענערגישסטע, איניציאַטיוו־פולסטע טעאַטער־אָנפירער, אַקטיאָר און בינע־שרייבער, האָט געטיילט דעם גורל פון זיינע פיל הונדערטער חברים־אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט דאָס מזל צו דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייאונג.

בערנאַרד האַרט האָט, אַלס איינער פון די פּיאָנערן פונעם יידישן טעאַטער אין גאַליציע, אַריינגעשריבן אַ שיין בלעטל פון ערלעכער, מסירת־נפשדיקער אַרבעט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

דוד בײגעלמאַן

אין לאָדזשער געטאָ האָט גע־לעבט אַ גרויסער ייִדישער קאָמ־פּאָזיטאָר און דיריגענט, איינער פון אונדזערע בעסטע און טאַלאַנ־טירטסטע — דוד בײגעלמאַן. ער האָט געשטאַמט פון אַ מוזיקער־משפּחה פון דער שטאָט אָסט־ראָוויעץ, ראַדאָמער געגנט. מיט די בײגעלמאַנס, וואָס כמעט די גאַנצע משפּחה, מיט דודס טאַטן בראָש, זענען געווען מוזיקער, איז אויך געווען פאַרבונדן אַ צווייטע בכבודיקע משפּחה פון בלויז מו־זיקער — די שפּילמאַנס. און כמעט אַלע פון די צוויי משפּחות, וועל־כע זענען געווען געבונדן מיט קרובהשאַפט, האָבן זיך אויסגע־שיילט באַגאַבטע מוזיקער.

דעם אויבנאָן האָט אָבער פאַרנומען דוד בײגעלמאַן, וועלכער האָט שוין אַלס קליין ייִנגל אַרויסגעוויזן נישט־דורכשניטלעכע מוזיקאַלישע פעאיקייטן. ביי 8 יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן אין טעאַטער־אָרקעס־טערס. נאָך זייענדיק גאַנץ יונג האָט ער אָנגעהויבן צו דיריגירן מיט אַן

אָרקעסטער. גלייכצייטיק האָט ער געלערנט מוזיק און שטודירט קאָמפּאָ־זיציע. ער האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש און איז געוואָרן הויפּט־דיריזשאָר פונעם לאָדזשער יידישן טעאַטער. מען האָט בייגעלמאַנען פאָרגעלייגט אי־בערצוגיין אַלס דיריגענט אין פוילישן טעאַטער און אין די גרויסע נאַכט־לאָקאַלן, ווו ער האָט מאַטעריעל זיך געקענט בעסער אויסלעבן. ער איז אָבער געווען פאַרליבט אין יידישן טעאַטער און אַזוי זיך מיט אים באַ־האָפטן, אַז קיין שום גלענצנדיקער פאָרשלאַג, וואָס ער האָט באַקומען פון אַלע זייטן, האָט אים נישט געלאָקט.

פון זיינע פריסטע יאָרן אָן האָט בייגעלמאַן אָנגעהויבן צו שרייבן קאָמפּאָזיציעס. דערצו איז ער געווען אַ מייסטער אין אַראַנזשירן לידער און מוזיק צו אָפּערעטן. בעתן ערשטן וועלט־קריג האָט ער אָנגעשריבן מוזיק צו יוליוס אַדלערס אָפּערעטן: „דאָס סקאָוטן־מיידל", „די מומע גנענדל", ווי אויך — אַראַנזשירט די מוזיק צו וואַקסמאַנס „די שיינע בערטאַ". די אַלע אָפּערעטן זענען געשפּילט געוואָרן אין לאָדזש און אין וואַרשע מיט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג.

ווען דוד הערמאַן איז געקומען קיין לאָדזש אויפצופירן דאָרט צום ערשטן מאָל אַנ—סקיס „דיבוק", נאָך זיין וואַרשעווער טריאומף, האָט בייגעלמאַן אַראַנזשירט די מוזיק. די מוזיק אין זיין אַראַנזשירונג איז דערשינען אין בוך־פאָרם. בייגעלמאַן איז אויך אַרומגעפאָרן אַלס דירי־גענט פון פאַרשיידענע יידישע טרופּעס איבער דער גאָרער וועלט. ער האָט, צוו. אַנד. באַזוכט דרום־אַפריקע און דרום־אַמעריקע.

ווען משה בראָדערזאָן האָט אין יאָר 1927 געגרינדעט אין לאָדזש דאָס קליינקונסט־טעאַטער „אַראַראַט", האָט דוד בייגעלמאַן געשריבן מו־זיק צו כמעט אַלע פּראָגראַמען. ער איז געווען זייער פּאָפּולער צוליב דער פּאָלקסטימלעכקייט, פשטות און מעלאָדישקייט, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון יעדן ליד זיינעם.

אין פּריוואַט־לעבן איז בייגעלמאַן געווען אַ טיפּישער באָהעמיער. הגם ער האָט געלעבט מיט טעאַטער און איז דורך און דורך געווען אָנ־געזאַפּט מיט טעאַטער, האָט ער אין די פרייע שעהן ליב געהאַט אָפּצוזיצן אין רעסטאָראַנען און פאַרוויילונגס־לאָקאַלן און אַזוי אַרום געפּטרט זיין טאַלאַנט צווישן קאָרטן, שנאַפּס און פּאַפּיראָסן, וועלכע ער האָט ליידנ־

שאָפּטלעך באַנוצט. ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון קאָרטן, אָבער נאָך אַ גרעסערער ליבהאָבער פונעם „ביטערן טראָפּן" און פון רויכערן. און ווי ער האָט געזאָגט, איז ער נאָר דעמאָלט שעפעריש... און ס'האָט באמת אַזוי אויסגעזען. צווישן איין קאָרטן־סעאַנס און דעם צווייטן פלעגט אים „באַהויכן די מוזע" און ער פלעגט אויף אַ פּאַפּירענער סער־וועטע אַנשרייבן זיינע קאָמפּאָזיציעס. ער איז שטענדיק געווען צעטראָגן און אימפּולסיוו, דערביי איז ער געווען אַ מענטש מיט זייער אַ גוטן כאַ־ראַקטער און אַ האַרציקער חבר. קיין עוולות האָט ער אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן. דאָס פלעגט ער קיינמאָל נישט פאַרשוויגן.

בעת אונדזערע אויפטריטן אין לעמבערגער גימפּעל־טעאַטער איז מיר אויסגעקומען מיט אים צו אַרבעטן. אַ צייט לאַנג, ווען די ברידער גימפּעל האָבן זיך געקריגט, איז בייגעלמאַן געווען דיריזשאָר פונעם לעמבערגער יידישן טעאַטער. אומפאַרגעסלעכע מוזיקאַלישע אילוסטראַציעס האָט ער געשאַפן צו מיינע דאָרטיקע אויפפירונגען פון ד"ר ציפּורס „אויפשטאַנד" און לעוויטאַנס „אורטייל". אַ סך פון זיינע פּרעכטיקע, אָריגינעלע קאָמפּאָ־זיציעס זענען נישט פאַרשריבן געוואָרן און אַזוי אַרום זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען. קורץ פאַרן לעצטן קריג האָט ער געשאַפן אָריגינעלע מוזיק צו דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע „די אַפריקאַנער זון", וואָס יצחק טורקאָוו האָט אָנגעשריבן. ער האָט אויך פאַרן אויסברוך פונעם לעצטן קריג די־ריגירט אין וואַרשעווער „נאָוואָשטשי"־טעאַטער גאָלדפאַדענס „שולמית", וואָס זיגמונט טורקאָוו האָט אויפגעפירט.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, איז בייגעלמאַן צוריקגעפאָרן אין זיין היים־שטאָט לאָדזש. נישט געקוקט אויפן גאַנצן גרויל, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין לאָדזשער געטאָ, איז ער אויך דאָרט געווען טעטיק אויפן טעאַטער־געביט. צוזאַמען מיטן אַקטיאָר פונעם גע־וועזענעם „אַראַראַט", משה פולאַווער, האָט ער אינעם דאָרטיקן געטאָ געשאַפן אַ קליינקונסט־טעאַטער, אין וועלכן ער האָט צו יעדן פּראָגראַם געשאַפן נייע מוזיק. ער איז געווען אַזוי פּרוכטבאַר, אַז עס האָבן אים פאַרפעלט טעקסטן פאַר זיינע קאָמפּאָזיציעס, האָט בייגעלמאַן צענדליקער נייע טעקסטן אַליין אָנגעשריבן.

בייגעלמאַנס פרוי — אַ באַקאַנטע שוישפּילערין — אַנדזשע פּאָדער־

מאַן, פון דער אַלטער אַקטיאָרישער פיינשטיין־משפחה, איז אַוועק פון דער וועלט די ערשטע. זייער איינציקער זון, אַ באַגאַבטער מוזיקער, איז אַנט־לאָפן קיין רוסלאַנד און דאָרט איבערגעלעבט די מלחמה.

דוד בייגעלמאַן האָט געהערט צו דער לעצטער גרופּע לאָדזשער ייִדן, וואָס זענען פון געטאָ אַרויסגעפירט געוואָרן אין טויטן־לאַגער אָשוויענ־טשים. ער האָט מיט זיך מיטגענומען זיין פידל — (ער איז אויך געווען אַ גוטער פידלער) — און אַלע זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין משך פון לאַנגע יאָרן. ער האָט אויך אין אָש־וויענטשים פאַרשאַפט פרייד פיל פון די צום טויט־פאַרמשפטע. זייענדיק בטבע אַ גרויסער אָפּטימיסט, האָט ער אַלץ געגלויבט, אַז ער וועט איבער־לעבן די מלחמה. נאָך דערצו, אַז מען האָט שוין דייטלעך געהערט דאָס שיסן פון דער רוסישער אַרטילעריע. די רוסן זענען טאַקע שוין געווען נאָענט, אָבער בייגעלמאַן האָט נישט דערלעבט די באַפרייאונג.

קורץ פאַרן אַריינמאַרש פון דער סאָוועטישער אַרמיי קיין אָשוויענ־טשים איז דער גרויסער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר און דיריזשאָר דוד ביי־געלמאַן אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט.

לייבעלע הערבסט (סטאַו)

אַ יונגער בחור פון אַ באַלעבאַטישער היים אין ריישע (זשעשאָוו), ווו זיין פאָטער האָט געהאַט אַ ביר־שענק, איז ער, נאָכן פאַרענדיקן די רעגירונגס־גימנאַזיע, אַוועק קיין קראָקע. דאָרט האָט ער פאַרענדיקט דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט אינעם יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט. גלייכצייטיק האָט ער באַזוכט די קראָקעווער פוילישע טעאַטער־שול און געשטרעבט צו ווערן אַן אַקטיאָר.

— אַ יידישער אַקטיאָר? — יאָ. וועגן דעם האָט לייבעלע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: ליאָנעק, געשטרעבט און געחלומט. אָבער ביי די באַדינגונגען, וועלכע האָבן צו יענער צייט געהערשט אין יידישן טעאַטער אין קראָקע אויף באָכענסקע גאַס, האָט אַזאַ עלעמענט, ווי הערבסט, קיין גרויסן חשק נישט געקענט האָבן.

אין יאָר 1927 האָט ער זיך דערוווסט, אַז איך געפין זיך אין קראָקע און איך האָב בדעה דאָרט צו אָרגאַניזירן אַ יידיש טעאַטער, געבויט אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות. עס קומט דאַן צו מיר אין האָטעל אַ צעשטראַל־טער בחור מיט אַ פּאָר וווּנדערבאַרע, גרויסע, גרויע אויגן, וועלכע האָבן מיך באַלד פון ערשטן אויגנבליק געפאַנגען.

מיט אַ נישט־זיכערער שטים הייבט ער אָן, אין אַ פּרעכטיקן יידיש, זיך פאָרצושטעלן און זאָגט מיר ווער ער איז און וואָס ער וויל. מיט אַ קינדישער נאַאיווקייט, וואָס האָט לייבעלע הערבסטן כאַראַקטעריזירט דורך זיין גאַנץ לעבן, האָט ער געקוקט אויף מיר און געוואַרט אויף מיין הסכמה צו זיין בקשה.

— פאַרשטייט זיך, — ענטפער איך אים — איך וועל אייך אַריינ־נעמען צו דער אַרבעט אין מיין טעאַטער. וועט איר זיך אַרויסווייזן פאַר

פעאיק צו דער בינע, וועט איר שפּילן טעאַטער; אויב נישט — וועל איך איך צוציִען צו דער אַדמיניסטראַציע.

איך וועל נישט פאַרגעסן די פרייד, וואָס האָט אַ שלאָג געטון פון אים, ווען ער האָט דערהערט מיין באַשלוס.

פון ל. הערבסטן האָב איך זיך אויך דערוווּסט וועגן יונגע, אינטעליגענטע כוחות, וואָס האָבן אויך געענדיקט די פּוילישע טעאַטער־שול אין קראָקע, און וועלכע וואָלטן זיך מיט פרייד אַנגאַזשירט אין אַ יִדיש טעאַטער, וואָס דאַרף שטיין אויף אַ קינסטלערישן ניוואָ און טראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. אַ דאַנק אים האָב איך זיך באַקענט מיט רחל האַלצער און האַנקאַ ראַקאָווער־לאַזער — צוויי באַגאַבטע יונגע כוחות — און איך האָב זיי אויך אַנגאַזשירט צו מיין טעאַטער.

ליאָנעק הערבסט האָט מיר אַ סך מיטגעהאָלפן צו אָריענטירן זיך אין דער — פאַר מיר פרעמדער — קאָמפּליצירטער סביבה פון קראָקע, מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. איך האָב אים געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען פאַר זיינע עצות און אָנווייזונגען.

הערבסט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גאָר אַ פעאיקן כאַראַקטער־אַקטיאָר און — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — טאַקע אין יִדישן רעפּערטואַר, אין קאַפּאָטעס און אין בערד. ער, וואָס איז געווען דורך־און־דורך דורכגעזאַפּט מיט דער פּוילישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור און איז אָנגעגאַנגען פאַר איינעם פון די בעסטע קענער פון די קלאַסיקער, (הערבסט איז געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע), — האָט געהאַט אין זיך אַזויפיל פאָלקסטימלעכקייט פון שלום עליכם, אַז עס האָט פון אים ממש געשפּרודלט מיט יִדישן פאָלקלאָר.

הערבסט איז געווען אַ מייסטער אין דערציילן גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטן וועגן אַלטע פּוילישע אַקטיאָרן. נישט אומזיסט האָבן אים אויך זיינע פּוילישע בינע־קאָלעגן אַזוי האַרציק ליב געהאַט. ער האָט שוין צו יענער צייט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער פּוילישער בינע.

נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער האָט ער ביים דערציילן און שילדערן פאַרשיידענע געשטאַלטן „אויסגעשפּילט" אַ פּרעכטיקע גאַלעריע פון כאַראַקטער־טיפּן, און דאָס איז אים אַזוי אַריין אין בלוט, אַז נישט געקוקט אויף זיינע אויסערלעכע מעלות, מיט וועלכע ער איז געווען גע־

בענטשט, האָט ער אויף דער בינע נישט געקענט שפּילן קיין ליבהאָבער און יונגע ראָלן...

אויך אין זיין פּריוואַט־לעבן האָט ליאָנעק הערבסט נישט געשפּילט קיין „ליבהאָבער". אין פּרט פון „ליבע־אַוואַנטורעס" איז הערבסט געווען דער באַשיידנסטער שוישפּילער, וועלכן איך האָב געקענט.

לייבעלע האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערע שוואַכקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין פאָטערס ביר־שענק: ער איז געווען אַן אַלקאָהאָ־ליקער. געטרונקען האָט ער נאָר ביר. קיין שנאַפּס האָט ער נישט אָנער־קענט. הערבסט איז געווען ממש אַ פענאָמענאַלער ביר־טרינקער. קיינער פון די אַרומיקע האָבן זיך צו אים אין דעם פּרט נישט געקענט גלייכן. נאָכן אויסטרינקען אייניקע גלעזער ביר (אַפילו ווינטער פלעגט ער עס טרינקען נאָכן אַריינשטעלן אין ביר אַן אָנוואַרעמער) איז ער געוואָרן זייער באַרעדעוודיק און וויציק, פלעגט זיך רייבן די הענט און באַנוצן זיין באַליבט ווערטל: „פּאַניע דזשעיקו" (האַרעלע מיינס) — אַ ספּעציפישער אויסדרוק אין דער פּוילישער קלאַסישער ליטעראַטור. דערביי האָט ער אַ קנאַק געטון מיט דער צונג, ווי ער וואָלט געוואָלט באַקרעפטיקן זיין אַרויסגעזאָגטן געדאַנק. שיכור איז ער קיינמאָל נישט געווען, אָבער נאָכן אויסטרינקען זענען זיינע גרויסע אויגן נאָך גרעסער געוואָרן און האָבן געפינקלט ווי די שטערן אין הימל.

ווען ער האָט נישט געהאַט קיין ביר צו טרינקען (ער האָט עס אין ערגסטן פאַל נישט פאַרביטן אויף בראָנפן), איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שטילער מעלאַנכאָליע, פּונקט ווי דער גאַנצער „וועלט־שמערץ" וואָלט אים אַרומגענומען און דערדריקט.

פּונקט אַזוי אויפּריכטיק ווי ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע טעאַ־טער, האָט ער ליב געהאַט די יידישע ליטעראַטור. ער איז געווען ממש פאַרליבט אין שלום עליכם און י. ל. פּרץ, וועלכע ער האָט אַ סך איבער־געזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך און זיי פאַרעפנטלעכט אין דער פּוילישער פּרעסע.

ליאָנעק הערבסט, וועמענס בינע־נאָמען איז געווען לעאָן סטאַוו, האָט נאָך געשפּילט אַ געוויסע צייט אין פּוילישן טעאַטער אין קראָקע און אויף דער פּראָווינץ, דערנאָך איז ער צוריקגעקומען צום יידישן טעאַטער, ווו

ער איז שוין פאַרבליבן ביזן סוף. אַ צייט לאַנג איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער ייִדישער טעאַטער־געזעלשאַפט אין קראָקע. ער איז אויך געווען אין אידאַ קאַמינסקיס טרופּע, ווו ער האָט געשפּילט אַ לענגערע צייט מיט דער טרופּע אויף דער פּראָווינץ.

בעתן קריג האָט זיך הערבסט געפונען אין לעמבערג. אין יאָר 1941, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו לעמבערג, איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן קיין ווילנע. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען, איז דער אָרנטלעכער, גוטמוטיקער און ערלעכער ליאָנעק הערבסט אַריינגעטראָטן אין דער ווילנער ייִדישער פּאָליציי. קיינער פון די לעבן־געבליבענע האָט אָבער וועגן אים נישט געזאָגט קיין שלעכט וואָרט. זיין האַלטונג אַלס פּאָליציאַנט איז געווען אַ מוסטערהאַפטע און ער האָט נישט פאַרלוירן זיין מאָראַלישן פּרצוף. ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין קיין שום „אַקציע״ און נישט צוגעשטעלט די דייטשן קיין איין ייִדישן „קאָפּ״. די איבעריקע פּאָליציאַנטן האָבן אים זייער ליב געהאַט און האָבן אים תמיד געשיצט, ווען ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין די אַרויסטרעטונגען, וואָס זענען געווען אונטערן ייִדישן און מענטשלעכן כבוד.

וואָס האָט, אַלזאָ, גורם געווען, אַז דער ווירדיקער, שטאָלצער ייִד און ערלעכער מענטש איז אַריינגעטראָטן אין דער ייִדישער פּאָליציי, איז נישט באַוווּסט.

ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָבן אים די דייטשן, אַלס סאַבאָ־טאַזשיסט, וואָס האָט נישט געוואָלט אויספירן זייערע באַפעלן, אַריינגע־וואָרפן אין אַן אָפּטריט־גרוב, ווו ער איז דערשטיקט געוואָרן.

ביי די ווייניק ביים לעבן־געבליבענע חברים און פריינט פון ליאָנעק הערבסט וועט זיין נאָמען שטענדיק דערמאָנט ווערן מיט ליבע און יראת הכבוד.

די משפחה זאנדבערג

משהל זאַנדבערג — וואָס אים, זיין פרוי און טעכטער איז געווידמעט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל — שטאַמט פון אַ יחוסדיקער טעאַטער־משפחה.

זיין עלטערער ברודער, יצחק זאַנדבערג, איז באַקאַנט געווען נישט נאָר אין פּוילן און אין רוסלאַנד, נייערט אויך איבער דער גאַנצער וועלט, ווו מען האָט נאָר געשפּילט יידיש טעאַטער. זיין פּאָפּולאַריטעט איז גע־וואַקסן, ווען ער איז, אין יאָר 1905, געוואָרן דער דירעקטאָר פונעם לאָדזשער „גרויסן טעאַטער", וואָס האָט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אינעם יידישן טעאַטער־לעבן.

געווען אַ צייט, ווען לאָדזש איז געווען די טאָן־געבערין אין דער טעאַטער־וועלט. שוישפּילער פון וואַרשע, פון רוסלאַנד און פון אויסלאַנד, איינשליסנדיק אַמעריקע, האָבן געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו שפּילן ביי זאַנד־בערגן אין לאָדזש. נישט איין אומבאַקאַנטער אַקטיאָר, וואָס איז אַרויס פון זיין טעאַטער, איז געוואָרן אַ וועלט־שטערן. אַזעלכע שוישפּילער, ווי רודאָלף זאַסלאַווסקי, אַהרן לעבעדיעוו, נאַדיאַ נעראַסלאַווסקאַיאַ, דער דיריזשאָר לעמפּקאָוויטש, משה דוד וואַקסמאַן, מאַקס ראָזענטאַל, מ. טי־טעלמאַן, וואָלף זילבערבערג, זינאַ גאָלדשטיין, יוליוס אַדלער, הערמאַן סעראַצקי, מיכאַל מיכאַלעסקאַ, לעאָן כאַראַז, דוד לעדערמאַן א. אַ. האָבן געקריגן זייער „הכשר" ביי זאַנדבערגן אין לאָדזש. עס פלעגן אויך ביי אים אויפטרעטן די גרעסטע אויסלענדישע „סטאַרן", ווי: מאָריס מאָשקאָ־וויטש, דוד קעסלער, מאַלווינאַ לאָבעל, קלאַראַ יאַנג, בועז יונגוויץ, פעני וואַדי עפּשטיין, באָריס טאָמאַשעווסקי, יעקב זילבערט, עליאַס ראָטשטיין און אַנדערע.

יצחק זאַנדבערג האָט געהאַט אַ זעלטענע — ווי אויף יענע צייטן — באַציאונג צום טעאַטער. הגם אַליין געווען אַן אַנגעזעענער אַקטיאָר

און געשפּילט הויפּטראָלן אין די טרופּעס פון קאַמינסקי, פּישזאָן, קאָמ־פּאַניעיעץ, א״אַ. האָט ער אָבער אין זיין טעאַטער, אין לאָדזש, ווייניק געשפּילט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט דער אָנפירונג פונעם טעאַטער. די זעלביקע ערנסטע באַציאונג, וואָס ער האָט געהאַט צום

זאַנדבערגס יִדיש טעאַטער אין לאָדזש
אויפן בילד געפינען זיך צוו. אַנד.: אין דער אונטערשטער רייע: משה זאַנדבערג (צווייטער פון רעכטס), ש. הערשקאָוויטש, מאַכאַראָווסקי. אין דער ערשטער רייע: דער דירעקטאָר יצחק זאַנדבערג (אין צענטער), אַדאָלף בערמאַן, מאַקס בולמאַן, שפּיראָ. אין דער צווייטער רייע: מאַלווינאַ שעראַדזקי, פרוי אוגער, פרוי זאַנד־בערג, דינאַ גאָלדשטיין, בעזמאַן א״אַ.

טעאַטער, האָט ער אויך געפאָדערט פון זיינע אַקטיאָרן און מיטאַרבעטער.

יצחק זאַנדבערג האָט, אויסער דעם געמישטן רעפּערטואַר פון אָפּע־רעטעס און לעבנס־פּיעסן, אויפגעפירט אויך אין זיין טעאַטער ליטעראַ־

יִישע פּיעסן פון יעקב גאָרדין, לעאָן קאָברין, יצחק קאַצענעלסאָן, שלום אַש, פּרץ הירשביין, א״אַ, פּאַר וועלכע ער האָט אַנגאַזשירט ספּעציעלע רעזשיסאָרן, ווי מ. מייערסאָן, טיטעלמאַן און יוליוס אַדלער. נישט יעדער יִידישער טעאַטער־דירעקטאָר האָט זיך אין יענע יאָרן דערלויבט אויף אַזאַ „לוקסוס״.

זאַנדבערג האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט פּאַר די אַלע אויפֿפירונגען און ער האָט זיך באַמיט, אַז זיי זאָלן אַרויסקומען מיטן גאַנצן גלאַנץ. זיין טעאַטער איז געווען אַ מוסטער פּאַר אַנדערע טעאַטערס אין לאַנד און אין אויסלאַנד. נישט קיין ווונדער דעריבער, וואָס די בעסטע שוישפּילער האָבן געשטרעבט צו שפּילן ביי אים.

דאָס „גרויסע טעאַטער״ אין לאָדזש איז געשטאַנען אונטער זאַנדבערגס דירעקציע קנאַפּע 10 יאָר — ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה, אין יאָר 1914, ווען די רוסן האָבן פאַרוואַנדלט דאָס לאָדזשער „גרויסע טעאַטער״ אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. דעמאָלט האָט מען אויפגעהערט צו שפּילן טעאַטער און זאַנדבערג איז געוואָרן אויס דירעקטאָר.

אין זיינע גוטע יאָרן האָט זיך זאַנדבערג געפירט ממש ווי אַ דיקטאַטאָר, דערצו האָט ער געפירט אַ ברייט־פאַרשווענדעריש און נישט־נאָרמאַל לעבן. דאָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף זיין געזונט־צושטאַנד און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומהיילבאַרער קראַנקייט, וואָס האָט זיך לאַנג געצויגן, און דערפירט צו זיין פריצייטיקן טויט. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1915, פאַרלאָזן פון גאָט און פון מענטשן, אין גרויס אָרעמקייט, אין אָטוואָצק, נעבן וואַרשע.

יצחק זאַנדבערגס פרוי, יוליאַ זאַנדבערג, וועלכע האָט געשטאַמט פון סימפעראָפּאָל (קרים), איז אַמאָל געווען אַ באַקאַנטע זינגערין אין די אָפּערעטעס אין רוסלאַנד. טעאַטער האָט זי אָנגעהויבן צו שפּילן ביים אַלטן פישזאָנען און נאָך איר חתונה מיט יצחק זאַנדבערגן האָט זי שוין געשפּילט צוזאַמען מיט איר מאַן, אין פאַרשיידענע טרופּעס. ווען יצחק זאַנדבערג האָט איבערגענומען די דירעקציע פונעם לאָדזשער טעאַטער, האָט זי שוין וויניקער געשפּילט, נאָר צוגעהאָלפן איר מאַן פירן דאָס טעאַטער.

ווען דאָס „גרויסע טעאַטער" איז באַפרייט געוואָרן פונעם שפּיטאָל (שוין נאָכן טויט פון איר מאַן), האָט זי, צוזאַמען מיט משה דוד וואַקסמאַן, און דערנאָך מיט יוליוס אַדלער און הערמאַן סיעראַצקי, ווייטער געפירט דאָס טעאַטער, ביז די מלחמה האָט אָפּגעווישט פון דער ערד דאָס „גרויסע טעאַטער". יוליאַ זאַנדבערג איז אין אַ צייט אַרום געשטאָרבן אין גרויסער עלנט.

יוליאַס שוועסטער איז געווען די פרוי פונעם באַוווסטן כאַראַקטער־אַקטיאָר משה שפּיראָ.

אין דער דאָזיקער, אַמאָל גלאָררייכער, סביבה איז אויסגעוואַקסן יצחק זאַנדבערגס יונגערער ברודער משה. אויך ער, וואָס האָט געהאַט אַלע אויסערלעכע מעגלעכקייטן און איז געווען, פּונקט ווי זיין ברודער יצחק, אַ שיינער בחור מיט אַן אויסדריקלעך פּנים, מיט קלוגע, דורכדרינגענדיקע אויגן, האָט געשטרעבט צו ווערן אַן אַקטיאָר. האָבנדיק אַזעלכע פאַרבינדונגען און — די הויפּט־זאַך — אַ ברודער, אַ דירעקטאָר פון אַן אייגענעם טעאַטער, וואָלט אים דאָס שווער נישט אָנגעקומען. האָט אים אָבער געפעלט איין זאַך: טאַלאַנט, — און אָן דעם האָט שוין די גרעסטע פּראָטעקציע נישט געקענט העלפן.

ווילנדיק־נישט־ווילנדיק האָט ער זיך געמוזט איבערוואַרפן אויף אַן אַנדער טעאַטער־געביט: נישט אויף דער בינע, נאָר אונטער דער בינע: ער איז געוואָרן אַ סופליאָר אין טעאַטער, און טאַקע — אַ גוטער סופליאָר. אין יענע צייטן האָט אַ סופליאָר געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין טעאַטער. משה זאַנדבערג איז געוואָרן דער „קיניג פון סופליאָרן" אין יידישן טעאַטער אין פּוילן און קיינער האָט זיך צו אים נישט געקענט גלייכן. זיצנדיק אין סופליאָר־קאַסטן, האָט זיך משהל געפילט מעשה „סטאַר"... ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַקטיאָרן האָבן פאַר אים מורא געקריגן, וואָרום ער האָט פּונקט אַזוי געקענט ראַטעווען אַן אַקטיאָר פון אַ קריטישער סיטואַציע אויף דער בינע, ווי דערפירן אים צו אַ זיכערן דורכפאַל.

אין די אַמאָליקע צייטן איז דער סופליאָר געווען נישט נאָר דער, וואָס האָט אונטערגעזאָגט דעם אַקטיאָר די פּראָזע, וואָס ער האָט געדאַרפט רעדן (ס'רוב אַקטיאָרן פלעגן קיין ראָלן נישט לערנען), נייערט ער האָט אויך אָנגעוויזן דעם אַקטיאָר ווען ער האָט איבערצוגיין אויף אַן אַנדער

אָרט, דאָס הייסט, ענדערן די שטעלונג אויף דער בינע. ער האָט די אַקטיאָרן אויך אָנגעוויזן ווען זיי האָבן אַריינצוגיין און אַרויסצוגיין אויף דער בינע. — דאָס פלעגט געטון ווערן מיט אַ קנאַק אין די פינגער, אַז נישט נאָר די אַקטיאָרן אויף דער בינע, נאָר אויך דער עולם אין זאַל האָט עס געהערט. אַזוי אַרום האָבן זיך די אַקטיאָרן ממש צוגעבונדן צום סופליאָר־קאַסטן און פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען...

משהל זאַנדבערג האָט פּשוט געצוווּנגען — און מיט דעם אַליין האָט ער שוין געהאַט אַ גרויסן פאַרדינסט — אַז אַקטיאָרן מוזן לערנען זייערע ראָלן.

— איך בין נאָר אויף דעם — האָט ער געזאָגט — צו קאָנטראָלירן דעם טעקסט און אין אַ נויט־פאַל אַרויסהעלפן. ווען איר נישט לערנען אייערע ראָלן, האָט איר אויף מיר נישט צו רעכענען...

דאָס איז געווען אַ גאַנץ גוטע לעקציע. אַ שטעקן האָט אָבער צוויי עקן: ווען די אַקטיאָרן האָבן שוין אָנגעהויבן צו לערנען זייערע ראָלן, וואָס איז געווען לטובת די פּיעסן, האָט מען דאָך שוין — פון דער צווייטער זייט — נישט געדאַרפט האָבן קיין „סטאַר״־סופליאָר, ווי זאַנדבערג איז געווען. אויף אַרויסצוהעלפן מיט אַ וואָרט, האָט מען דאָך שוין געקענט נעמען אַ יונגנמאַן, וואָס האָט גוט געליינט ייִדיש און זיך אָריִענטירט ווען אונטערצוכאַפּן דעם געגעבענעם אַקטיאָר אַ וואָרט. אַזאַ איינער האָט דעם טעאַטער אָדער דער טרופּע נישט געקאָסט אַזוי פיל, ווי זאַנדבערג האָט זיך געהייסן באַצאָלן. אויסער דעם איז טאַקע געקומען אַ צייט, ווען מען האָט שוין נישט „געבאַקן״ אַזויפיל פּיעסן אין ייִדישן טעאַטער און מען האָט זיי וואָכנלאַנג פּראָבירט. צו יעדער פּרעמיִערע האָבן שוין אַלע שוישפּילער געקענט די ראָלן פון אויסנווייניק.

זאַנדבערג האָט דערפילט, אַז זיין „טראָן״ וואַקלט זיך און ער האָט באַצייטנס רעזיגנירט פון זיין סופליאָר־קאַריערע. נאָך דערצו וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך שטאַרק פאַרהוסט אין סופליאָר־קאַסטן און מען האָט דעם „קאָנצערט״ געהערט אין דער לעצטער ריי פון טעאַטער... זאַנדבערג איז געוואָרן געשעפטס־פירער אין טעאַטער און ביי דעם אַמט איז ער פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אויף זיין נייעם אַמט, אַלס געשעפטס־פירער, איז אים אָבער געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. מען האָט צו אים תמיד געהאַט פאַרשיידענע טענות — באַרעכטיקטע צי נישט־באַרעכטיקטע. אַ פאַקט איז אָבער, אַז ביים בילאַרד, אָדער ביי קאָרטן־שפּילן איז אים געגאַנגען מזלדיקער, ווי ביים אַדמיניסטרירן טעאַטער־טרופּעס... אַלס אַדמיניסטראַטאָר איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ גרויסער „ווינט־מאַכער" און דערפאַר האָט מען אים טאַקע גערופן „משהל קאָרזש"...

ביז ס'איז געשאַפן געוואָרן דער „באַרימטער" „דירעקטאָריאַט" ביים אַרטיסטן־פאַריין, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע טעאַטערס אין פּוילן (יאָר 1932) און זאַנדבערג האָט ענדלעך אויפגעלעבט. ער האָט געהאַלטן, אַז איצט איז געקומען זיין צייט. אין אַרטיסטן־פאַריין איז זאַנדבערג תמיד געווען זייער אַקטיוו. פאַר יעדע וואַלן פון אַ נייער פאַרוואַלטונג איז ער געווען דער, וואָס האָט געשאַפן שטימונג און אַגיטירט פאַר געוויסע קאַנדידאַטן און ער האָט זיך דערביי שטאַרק געקהלט, — האָט מען אים געגעבן נאָך אַ צונאָמען: „ניסל שרייער" (אַ פּערסאָנאַזש פון אַ טעאַטער־פּיעסע). ער האָט געהאָפט, אַז אין די דירעקטאָריאַט־טרופּעס וועט ער ענדלעך שפּילן אַ געהעריקע ראָל. דאָ האָט ער אָבער געהאַט אַ שטאַרקן קעגנער אין דער פּערזאָן פון אַן אַנדערן אָנגעזעענעם סופליאָר — ראובן מאַרסאַלאָוו, וועלכער האָט געהערט צו דער לעצטער פאַרוואַלטונג פונעם אַרטיסטן־פאַריין. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף „אויף לעבן און טויט". געזיגט האָט מאַרסאַלאָוו און זאַנדבערג איז געבליבן אָן אַ „פּעטן ביסן"...

משהל זאַנדבערגס פרוי, צעשיע זאַנדבערג, איז אויך געווען אַן אַקטריסע. זי האָט אָנגעהויבן אַלס כאָריסטין אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער אין גלאַנץ־פּעריאָד פון דער יידישער אָפּערעטע, מיט מיכאַלעסקאָ, לעדערמאַן, י. ליפּינסקי, פּ. לאַסקאָווסקי, מ. טיימאַן, סאָניע און יעקב ווײַנבערג. צעשיע זאַנדבערג איז געווען אַ שיין מיידל, האָט געהאַט אַ שיינע שטים און אויך געקענט טאַנצן. מען האָט איר דעמאָלט אָנגעהויבן צו געבן קליינע ראָלן און פון דעמאָלט אָן איז זי טאַקע געוואָרן אַן אַקטריסע. זי איז געווען אַ גוטע קאָלעגין און באַליבט ביי אַלע, וואָס זענען געקומען מיט איר אין באַרירונג. זי פלעגט ס'רוב שפּילן אין די אָפּערעטעס אין וואַרשע און איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

צעשיע זאַנדבערג האָט געהאַט צוויי שיינע, געראָטענע טעכטער: די עלטערע, רוטאַ זאַנדבערג, האָט געענדיקט די וואַרשעווער קאָנסערוואַ־טאָריע און איז געווען אַ גוטע פּיאַניסטין. דערצו איז זי געווען אַ באַחנטע און אַ האַרציקער סובטעלער מענטש. זי איז באַליבט געווען ביי אַלע, וואָס האָבן זי געקענט. ס'רוב האָט זי געשפּילט אין אָרקעסטער פונעם יידישן טעאַטער אין וואַרשע. זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם יונגן שויש־פּילער דוד בירנבוים, וועלכער האָט געענדיקט דוד הערמאַנס טעאַטער־סטודיע. ער האָט גע־שפּילט אין די בעסטע יידישע טעאַטערס אין פּוילן. אויך דוד בירנבוים איז געווען שטאַרק באַליבט ביי זיינע קאָלעגן־אַקטיאָרן, צוליב זיין אוממיטלבאַרקייט און האַרציקייט. ער איז געווען שטאַרק טעמפּעראַמענטפול, געהאַט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר און — ביז גאָר מוזיקאַליש. דאָס האָט אים, ווי בייזע צינגער האָבן געזאָגט, באַ־האָפטן מיט דער זייער מוזיקאַלישער רוטאַ זאַנדבערג.

צעשיע זאַנדבערג

די צווייטע טאָכטער פון די זאַנדבערגס האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן צום טאַנץ און זי איז טאַקע, נאָכן פאַרענדיקן די טאַנצשול פון טאַטיאַנאַ וויסאָצקאַ אין וואַרשע, געוואָרן אַ סאָליסטין אין די פּוילישע טעאַטערס און דערנאָך — אין די גרעסטע וואַרשעווער לאָקאַלן. זי האָט חתונה געהאַט מיטן באַקאַנטן קראָקעווער פידלער — שפּערבער און איז אַוועק מיט אים צוזאַמען קיין פּערסיע (איראַן), ווו ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אויף אַ גוטן פּאָסטן. קורץ פאַרן אויסברוך פונעם קריג איז זי געקומען קיין וואַרשע אויף אַ באַזוך צו אירע עלטערן. דער קריג האָט זי פאַרכאַפּט אין וואַרשע. זי האָט שוין נישט געקענט צוריקפאָרן צו איר מאַן קיין טעהעראַן.

בעת דער מלחמה איז אין הויז, ווו די זאַנדבערגס האָבן געוווינט, אויף שוויענטאָיערסקאַ 18 (אַגב האָבן אין דעם הויז געוווינט די אַקטיאָרן שלמה קוטנער, יצחק אינוועגטאַזש און זיין שוועסטער העלענע וועליש, וועלכע איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ), אַריינגעפאַלן אַ צינד־באָמבע און

חרוב געמאַכט די דירה פון די זאַנדבערגס. זיי האָבן זיך גראָד אַלע געפו־נען אין אַ קעלער און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם טויט — אָבער ליידער — צייטווייליק. אין געטאָ איז זיי זייער שלעכט געגאַנגען. צעשיע זאַנד־בערג איז געווען קראַנק. משהל זאַנדבערגן איז, ווי תמיד אין די לעצטע יאָרן, געגאַנגען שלימזלדיק. די איינציקע פאַרדינער זענען געווען רוטא זאַנדבערג, וועלכע האָט באַגלייט אויף דער פיאַנאָ די אַקטיאָרן אויף פאַר־שיידענע אימפּרעזעס און — אויך געשפּילט אין טעאַטער. דוד בירנ־בוים האָט נאָך פאַרן איינפירן ס׳געטאָ געמאַכט אַ פּרווו צו אָר־גאַניזירן אַ געזאַנג־אַנסאַמבל, דאָס אַזוי גערופענע „געזאַנג־פינפטל״. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט צוגערעדט דיאַנאָ בלומענ־פעלד אויפצוטרעטן מיט פאָלקס־לידער. צוזאַמען מיט זיי זענען אין „פינפטל״ געווען: י. גרינשפּאַן, דער אַקטיאָר פון דער פוילישער בינע — יוזעף קינעלסקי, פאָליאַ ראָזען — די שוועסטער פונעם שרייבער בער ראָזען, און די פרוי פונעם אַקטיאָר יוסף נייווירט — חנה גראָסבערגס ברודער. גרינ־שפּאַן, קינעלסקי, פאָליאַ ראָזען און נייווירט זענען אומגעקומען.



דוד בירנבוים

ווען דאָס „פינפטל״ איז זיך צעפאַלן, נאָכן אויפטרעטן אין איניקע פּראָגראַמען אין „מעלאָדי־פּאַלאַס״ אויף רימאַרסקע גאַס, האָט דוד בירנבוים זיך געקויפט אַ וועגעלע און געפירט זאַכן פון איין אָרט אויפן צווייטן. שפּעטער, אין געטאָ, האָט בירנבוים געמאַכט פונעם וועגעלע אַ „ריקשע״ און אַרומגעפירט מענטשן. פון דער אַרבעט האָט ער געמאַכט אַ שיין לעבן.

די צווייטע טאָכטער פון די זאַנדבערגס — שפּרבער — איז מיט־אַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן און מען האָט נישט געוווּסט ווו זי איז אַהינ־געקומען. משמעות האָט זי זיך באַמיט אויף איר אויסלענדישן פּאַס, וועלכן זי׳ האָט געהאַט פון פּערסיע, צו באַקומען אַ דייטשישע וויזע און קאָנען צוריקפאָרן. יעדער שפּור נאָך איר איז פאַרשוואונדן און עד היום ווייס מען נישט ווו זי איז אַהינגעקומען.

צעשיע זאַנדבערג האָט זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס, וואָס האָט גע־הערשט אין געטאָ און זי איז געשטאָרבן. בעת דער ערשטער „אויסזיד־



אין אַקטיאָרן־פאַריין אויף לעשנאָ 2

פון רעכטס צו לינקס: הערמאַן פישער, לייב פרידמאַן, פסח קערמאַן, מאַקס ברין, מענדל וויכער, אייזיק ראָטמאַן, דוד לעדערמאַן, סעם בראָנעצקי, משה זאַנדבערג, אַדאָלף בערמאַן און גוסטאַוו שוואַרצבאַרד.

לונגס־אַקציע״ זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע משהל זאַנד־בערג און דוד בירנבוים.

רוטאַ זאַנדבערג איז געבליבן אַליין און זיך אַרויסגעדרייט פון אַלע אַקציעס. בעת איינע פון מיינע „שפּאַצירן״, קורץ פאַרן אויפשטאַנד, צום שטאַב פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך דע־מאָלט געפונען אין שטוב פונעם באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן קירשנבוים, אויף לעשנאָ 54, איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי און כ׳האָב דערזען אַ געלויף

פון קאַרמעליצקע גאַס. איך בין אַריינגעלאָפן אין טויער פון לעשנאָ 72, וווּ עס האָט געאַרבעט אין „שאָפּ" דער טעאַטער־דירעקטאָר שמחה ריבאַ. און ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַן אויסגעהאַקטן דורכגאַנג אין מויער. דער דורכגאַנג האָט געפירט דירעקט אין אַ פּאַרטער־דירה אויף נאַוואָליפּיע 67.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, אַז איך געפין זיך אין דער דירה פון מיינע אומפּאַרגעסלעכע שוועסטערס, וואָס זענען שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. איך האָב דערקענט זייערע מעבל און דערזען אויף דער וואַנט צוויי גרויסע אייל־פּאָרטרעטן פון מיין מוטער און פון מיין ברודער מאַרק, וואָס דער קינסטלער־מאָלער פעליקס פרידמאַן האָט געמאַכט פאַרן קריג. אין דער דירה האָבן שוין געוווינט נייע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין „שאָפּ" פון טעבענס. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען רוטאַ זאַנדבערג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב באַטראָטן די שטוב פון מיינע טייערסטע שוועסטערס און איך האָב פּשוט אויסגעמיטן דורכצוגיין דאָס הויז, פון וועלכן די דייטשישע רוצחים האָבן זיי צוגענומען אויף אייביק.

רוטאַ זאַנדבערג האָט מיר דערציילט וואָס עס איז געוואָרן מיט איר גאַנצער משפחה. היות זי האָט געהאַט אַ גוטן אַרישן אויסזען: בלאָנד, אַ פאַרריסן נעזל, מיט גרויסע בלויע אויגן, האָב איך זי געפרעגט פאַרוואָס זי גייט נישט אויף דער אַרישער זייט. דער ענטפער איז געווען:

— איך האָב זיך אייניקע מאָל געווענדט צו מיינע פּוילישע קאָלעגן אויף דער אַרישער זייט און געבעטן זיי זאָלן מיך ראַטעווען. איך האָב פון קיינעם נישט באַקומען קיין ענטפער. אַליין זיך דאָרט איינצואָרדענען האָב איך נישט קיין געלט.

איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל זען עפּעס צו טון פאַר איר, אַז זי זאָל קאָנען גיין צו די פּאַרטיזאַנער.

צומאָרגנס האָב איך זיך געטראָפן מיט מלך פיינקינד, פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכער איז מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער אומגעקומען מיט אַ העלדישן טויט אַלס קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָוו. איך האָב אים געבעטן ער זאָל איבערשיקן רוטאַ זאַנדבערג צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

נעמענדיק אין אַכט, וואָס זי האָט געהאַט אַ גוטן „אויסזען", האָט זי דרייסט געקענט פאָרן מיט דער באַן צום באַשטימטן אָרט. איך האָב באַקומען זיין הסכמה און זי האָט געזאָלט אַריבערגיין מיט דער נאָענטסטער גרופּע פון 5, וואָס האָט געדאַרפט געשיקט ווערן פון געטאָ אין וואַלד אַריין.

זי האָט געזאָלט אַריבער מיט דער גרופּע אויף די אַרישע זייט מאָנטיק, דעם 19טן אַפּריל 1943. ווען איך האָב איר וועגן דעם מודיע געווען, איז איר גליק געווען נישט צו באַשרייבן. דעם 19טן אַפּריל האָט זי געדאַרפט אַוועקגעפירט ווערן דורך מיר אויף אַ באַשטימטן אָרט.

דעם 19טן אַפּריל איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און איך האָב פאַרלוירן יעדן שפּור פון איר. נישט באַשערט געווען, אַז אויך די לעצטע איבערגעבליבענע פון דער זאַנדבערג־משפּחה זאָל בלייבןביים לעבן.

ליובא לעוויצקא

געציילטע יאָרן פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט זיך אויפן טעאַטער־הימל באַוויזן אַ נייער שטערן — אַ זינגערין פון גרויסן פאַרנעם, וועגן וועלכער די גאַנצע פרעסע האָט מיט באַגייסטערונג געשריבן, אַז דאָס איז אַ גרויסע אַנטפּלעקונג.

אַ ייִדיש מיידל פון אַ באַלעבאַטישער היים אין ווילנע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ געהעריקע מוזיקאַלישע בילדונג, איז איבער דער נאַכט געוואָרן אַ נייער, אויפגייענדיקער שטערן אין דער ייִדישער טעאַטער־וועלט. איר נאָמען איז געווען: ליובאַ לעוויצקאַ, אָדער ווי זי האָט געהייסן אין דערהיים — ליובאַ זובלעוויצקאַ.

די אַנטפּלעקונג איז געקומען אַ דאַנק זיגמונט טורקאָוו, וואָס האָט זי אַנגאַזשירט צו זיין ערשטער גרויסער גאָלדפאַדן־אויפפירונג פון „שולמית״, אין באַנייטן „וויקט״. דאָס איז געווען אין יאָר 1938.

ליובאַ לעוויצקאַ האָט נאָך אַלס קליין קינד אַרויסגעוויזן נישט־דורכשניטלעכע מוזיקאַלישקייט. זי האָט געזונגען, געטאַנצט און געשפּילט פּיאַנאָ.

זי האָט געלערנט אין דער ווילנער קאָנסערוואַטאָריע, וווּ זי האָט גלייכצייטיק שטודירט פּיאַנאָ־שפּיל. אויסער דעם האָט זי געלערנט אין אַ טאַנץ־שול — טאַנצן. געבליבן איז זי אָבער ביים איינציקן פאַך: געזאַנג.

אַ קליינינקע, אַן אויסערגעוויינלעך טעמפּעראַמענטפולע און פריילעכע, מיט אַ פּרעכטיק־שיין פּנים, מיט גרויסע שוואַרצע, חנעוודיקע אויגן, האָט זי אַנגענעם געווירקט אויף יעדן איינעם. ווער שמועסט נאָך, אַז מען האָט זי געהערט זינגען, — האָט זי ממש מיטגעריסן און באַצויבערט.

אין איר היים־שטאָט ווילנע איז זי אָפט אויפגעטרעטן מיט קאָנצערטן. זי האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער ווילנער ייִדישער אָפּערע (אַגב — די איינציקע ייִדישע אָפּערע אין דער וועלט), וואָס איז געשטאַנען אונטער דער לייטונג פונעם באַקאַנטן מוזיק־דיריגענט און פּעדאַגאָג ר. רובינשטיין. אַ גרויסן רושם האָט זי געמאַכט זינגענדיק אין „טראַוויאַטאַ״. זי איז אויך אויפגעטרעטן אין ווילנער ראַדיאָ. דערנאָך איז זי אַוועקגעפאָרן שטודירן געזאַנג קיין ווין, פון וואַנען זי איז צוריקגעקומען אַ גוט־געשולטע זינגערין.

ליובאַ לעוויצקאַ האָט געהאַט אַ שיינע, אָנגענעמע קאָלאָראַטור־סאָפּראַנאָ, וואָס האָט געקלונגען זייער צאַרט. זי האָט געזונגען ביז גאָר איידל און נישט געיאָגט זיך נאָך ביליקע עפעקטן. יעדע געזאַנגס־פּאַרטיע איז ביי איר געווען באַאַרבעט ביז די לעצטע ניואַנסן. זי האָט באַזעסן אַ גוטע אָטעם־טעכניק. צו דעם אַלעם האָט זי אויך געהאַט דראַמאַטישע פעאיקייטן, וואָס איז זעלטן געגאַנגען האַנט ביי האַנט ביי גוטע זינגערס. אומעטום, וווּ זי האָט געאַרבעט, איז זי געווען זייער דיסציפּלינירט און זיך באַצויגן מיט דער פולסטער אַחריות צו איר באַרוף.

צו די אַלע מעלות איז ליובאַ לעוויצקאַ געווען אַ גוטער מענטש, מיט אַ זעלטענעם כאַראַקטער. זי איז טאַקע געווען זייער באַליבט ביי אירע חברים־אַקטיאָרן און ביי די אַלע, וואָס זענען געקומען מיט איר אין באַרירונג.

בעת מיינע אָפטע באַזוכן אין ווילנע, איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט ליובען און איך האָב באַוווּנדערט איר ליבשאַפט און איבער־געגעבנקייט צו איר משפחה. זעלטן ווען מען האָט געקענט טרעפן אַזאַ האַרציקע באַציִאונג, ווי עס האָט געהערשט אין דער היים פון די זוב־לעוויצקיס. ס׳איז ממש געווען אַ שם־דבר אין ווילנע.

איר פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־קאַריערע האָט זי ערשט אָנגעהויבן, ווי געזאָגט, אין יאָר 1938, ווען זיגמונט טורקאָוו האָט זי אַנגאַזשירט אין באַנייטן „וויקט״. און פּונקט ווי דער קורצער פּעריאָד אין „וויקט״, וואָס האָט געהערט צו די שענסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן טעאַטער, איז עס אויך געווען דער שענסטער שאַפונגס־פּעריאָד אין ליובאַ

לעוויצקאַס לעבן. זי איז געוואַקסן קינסטלעריש פון פאָרשטעלונג צו פאָר־שטעלונג. מען האָט איר פאָרויסגעזאָגט אַ וועלט־קאַריערע.

איר ערשטער גרויסער דערפאָלג אויפן גרויסן טעאַטער־שליאַך איז געווען אין גאָלדפאַדענס „שולמית״, אין דער באַאַרבעטונג און רעזשי פון זיגמונט טורקאָוו (אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט נאָך צוויי גלענצנדיקע זינגערס: אַלבערט פעלער און דידיאַ עפשטיין). בלויז אין לעמבערג, ווו עס איז פאָרגעקומען די „וויקט״־פרעמיערע פון „שולמית״,

אַלבערט פעלער אַלס „אַבשלום״, דער רעזשיסאָר זיגמונט טורקאָוו און ליובאַ לעוויצקאַ אַלס „שולמית״.

איז זי געגאַנגען איבער 80 מאָל (אַ זעלטענע דערשיינונג אין לעמבערגער יידישן טעאַטער) און דערנאָך — אין וואַרשע, אין „נאָוואָשטשי״־טעאַטער, ווו „שולמית״, מיט ליובאַ לעוויצקאַ אין דער הויפט־ראָל, איז געשפילט געוואָרן מיט נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג, ביזן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. אַ פּאָר טעג נאָכן קריגס־אויסברוך, בעת וואַרשע איז באָמ־באַרדירט געוואָרן דורך דייטשישע אַעראָפּלאַנען, האָט דער „וויקט״ נאָך

אַלץ געשפּילט „שולמית״, — ביז אַ באָמבע האָט צעשטערט די בינע און אַ סוף־געמאַכט צום שענסטן יידישן טעאַטער אין וואַרשע. אַגב, איז זיג־מונט טורקאָווס „וויקט״ געווען דאָס איינציקע טעאַטער אין וואַרשע, אַריינרעכענענדיק אַפּילו די פּוילישע טעאַטערס, וואָס האָט נאָך געשפּילט נאָכן אויסברוך פונעם קריג.

ליובאַ לעוויצקאַ האָט אויך געשפּילט אין דער לעצטער לעמבערגער „וויקט״־אויפפירונג פון גאָלדפאַדנס „בר כוכבא״, אין י. אַשנדאָרפס באַאַרבעטונג און אין שלמה פּריזאַמענטס מוזיקאַלישער באַאַרבעטונג (רעזשי: זיגמונט טורקאָוו). ליובאַ לעוויצקאַ האָט געשפּילט די ראָל פון „דינה״, אין וועלכער זי האָט זיך אַליין איבערגעשטיגן. די לעמבערגער פּרעסע איז געווען פול מיט לויב־געזאַנג פאַר איר זינגען און שפּילן.

פאַרן פאַרנעמען וואַרשע דורך די דייטשן האָט ליובאַ לעוויצקאַ פאַרלאָזט די שטאָט און אַוועק קיין ווילנע, כדי זיין צוזאַמען מיט איר משפּחה.

בעת דער סאָוויעטישער ממשלה איז ליובאַ אויפגעטראָטן מיט קאָנ־צערטן און געזונגען אין ווילנער ראַדיאָ. גלייכצייטיק האָט זי אָנגעפירט מיט אַ געזאַנג־קלאַס אין דער דאָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע. זי איז אויך אַנגאַזשירט געוואָרן אויף קאָנצערט־אויפטריטן קיין מאָסקווע. זי האָט אָבער שוין נישט באַוויזן אַהינצופאָרן, ווייל די דייטשן האָבן אומדערוואַרט פאַרכאַפּט ווילנע.

אין געטאָ איז זי אויפגעטראָטן מיט פאָלקס־לידער און מהנה געווען דעם ווילנער עולם מיט איר האַרציקן זינגען. זי האָט אַריינגעבראַכט אין ווילנער געטאָ אַ יום־טובדיקע שטימונג, בעת זי איז אויפגעטראָטן מיט אירס אַ געזאַנג־רעציטאַל. אין געטאָ האָט זי זיך שטאַרק געגרייט אויפ־צוטרעטן אין דער אָפּערע, וואָס דער דיריגענט וו. דורמאַשקין האָט דאָרט איינגעשטודירט. זי איז געווען אינגאַנצן דורכגענומען מיט דער באַפאָר־שטייענדיקער פאָרשטעלונג און האָט זיך שטאַרק אָפּגעהיט, אַז זי זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן פאַר דער פּרעמיערע. צו דער פּרעמיערע איז אָבער שוין נישט געקומען.

בעת איינער פון די „אַקציעס״ אין ווילנער געטאָ איז ליובאַ געבראַכט געוואָרן אין דער געביידע פון געשטאַפּאָ, ווו זי איז שטאַרק געפייניקט

געוואָרן. על פּי נס איז איר דעמאָלט געלונגען צו אַנטלויפן און צוריק־צוקומען אין געטאָ. זי האָט פון די מוראדיקע קלעפּ און פּייניקונגען, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין אין געשטאַפּאָ, געשפּיגן מיט בלוט. מען האָט זי גלייך אַריינגענומען אין געטאָ־שפּיטאָל.

נאָך דעם ווי זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו זינגען. אין דער מוזיק־שול פון געטאָ האָט ליובאַ געגעבן לעקציעס פון געזאַנג.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זי אַריינגעשמוגלט אין געטאָ אַריין אַ קליין זעקעלע מיט אַרבעס, וואָס זי האָט געוואָלט אָפּקאָכן פאַר איר קראַנקער מוטער. שוין ביים טויער פונעם געטאָ איז זי געכאַפּט געוואָרן פונעם ווילנער תליון מורער (דעם מאַסן־מערדער פון די ווילנער ייִדן). ער האָט זי באַזוכט און געפינענדיק ביי איר דעם „שמוגל״, האָט ער ביי דער טויער־וואַך זי געהייסן אָפּשמייסן. זי האָט געקריגן 25 שמיץ. דער דייטשישער מערדער מורער האָט אָבער געהאַלטן, אַז די שטראָף איז צו קליין און ער האָט זי אָפּגעפירט אין לוקישקער טורמע.

ליובאַ איז אָפּגעזעסן אין תפיסה אַ חודש צייט. פון איר קאַמער האָט זיך אָפּט געהערט אַ געזאַנג. דאָס האָט ליובאַ לעוויצקאַ געזונגען פאַר די צום טויט־פאַרמשפּטע ייִדן.

מען האָט אַלץ געטון, כדי צו ראַטעווען די באַליבטע ליובאַ לעוויצקאַ פונעם טויט. ליידער איז עס נישט געלונגען.

אַברהם סוצקעווער גיט איבער אין זיין בוך „ווילנער געטאָ״ וועגן די לעצטע שעהן פון דער פּרעכטיקער זינגערין ליובאַ לעוויצקאַ. און אָט וואָס ער שרייבט:

„...ווייס, דער שעף פון עקזעקוציע־פּאָלק (אין ווילנער פּאָנאַר — י. ט.) האָט ליובען אָוועקגעפירט קיין פּאָנאַר. פון זיין גראָען יום־טובדיקן היטל האָט אַראָפּגעקוקט אַ זילבערן שאַרבנדל, ווי אַ מיניאַטור פון זיין פּנים. ער האָט אַליין געפירט דעם אויטאָ. לעבן אים איז געזעסן זיין געליבטע, די 30־יעריקע געסטאַפּאָווקע פון האַמבורג עלען דעגנער, און האָט געררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

„ביים דורכגיין די דראָטן, וואָס האָבן אַרומגעצוימט די גריבער, האָט עלען זיך אָפּגעשטעלט און באַפוילן ליובען, זי זאָל זיך אויסטון

נאָקעט. ווען די זינגערין האָט עס גלייך נישט געטון, האָט עלען אַרויס־געצויגן אַ שפּיז און געסטראַשעט, אויב ליובאַ וועט זיך תּיכף נישט אויסטון, וועט זי איר אויסשטעכן די אויגן. מיט דעם זעלבן מיטל פלעגט זיך באַנוצן ווייס און כמעט שטענדיק האָט עס געהאָלפן.

ליובאַ האָט זיך אויסגעטון, זי איז אַריין אין גרוב. דאָרט זענען געלעגן טויטע, באַגאָסענע מיט קאַלך. פון דער זייט האָט זיך צוגעקוקט ווייס און מורער מיטן מאַנאָקל. עלען דעגנער — די געוועזענע סטודענטין פון האַמבורגער אוניווערסיטעט, האָט מיט אַ געלעכטער אַ נעם געטון דעם אויטאָמאַט און מיט אַ סעריע קוילן דורכגעשניטן ליובען..."

אַזוי האָט פאַרענדיקט איר יונג לעבן די באַליבטע און פּילצוזאַגנדיקע ווילנער זינגערין ליובאַ לעוויצקאַ.

פסח קערמאַן

פסח קערמאַן מיט זיין פרוי

זיין פאָטער, מענדל אַקערמאַן, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע און פּאָפּולערסטע אייגנטימער פון אַ סאָדע־וואַסער־פאַבריק אין וואַרשע. פּסח קערמאַנען האָט מען דעריבער געגעבן אַ צונאָמען „באַלאַן" לויטן פאַך, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז ער איז פאַר אים מער צוגעפּאַסט ווי — צו שפּילן טעאַטער. זיין טאַטע מענדל אַקערמאַן איז אויך געווען ביי דער זעלביקער מיינונג. וואָס האָט ער אָבער געקענט טון, אַז זיין בן־יחיד האָט „נישט געוואָלט זיין אַ לייט" און אַרבעטן ביי אים אין געשעפט?!

פּסח קערמאַן האָט אויסגענוצט זיין „פּריווילעגירטע לאַגע", וואָס ער איז געווען אַ בן־יחיד און ער האָט זיין טאַטן געשטעלט אַן אולטימאַטום:

— טאַטע, איך וויל נישט זיין ביי די באַלאָנען. איך וויל ווערן אַ יידישער אַרטיסט.

— וואָס הייסט, דו ווילסט ווערן אַן אַרטיסט? — האָט מענדל אַקער־מאַן געעפנט אַ פּאָר אויגן — ערשטנס, ווי קומסטו צו זיין אַן אַרטיסט, אַז דו קאָנסט נישט רעדן. דו פּאַנפּעסט דאָך!...

— איך וועל זיין פונקט אַזאַ אַרטיסט ווי אַלע יידישע אַרטיסטן — האָט פסח געענטפערט — איך קען זינגען; איך קען טאַנצן אַ „טשעטשאָטקע"...

— נישט ביי מיין לעבן — האָט מענדל אַקערמאַן צוגעוואָרפן און געוואָלט אָפּהאַקן דעם שמועס.

— טאָ זיי־זשע וויסן, טאַטע, אַז אויב דו וועסט נישט זען מען זאָל מיך אַריינגעמען אין טעאַטער, וועל איך מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן. אָדער טעאַטער, אָדער טויט!...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז מענדל אַקערמאַנען געוואָרן קאַלט און וואַרעם. פאַרט אַן איינציק קינד ביי אים געוועזן. און ער האָט אַרויס־געקרעכצט:

— אַז אָך און וויי צו וואָס מענדל אַקערמאַן האָט דערלעבט, אַז זיין איינציק קינד זאָל ווערן אַ קאָמעדיאַנטשיק, אַ פּורים־שפּילער...

מענדל האָט אָבער דערפילט, אַז ס׳איז אַ פאַרפאַלענע זאַך; אַז זיין פסח איז „געכאַפּט געוואָרן אויף דער מעשה", און ער האָט באַשלאָסן, אַז אויב זיין זון דאַרף שוין יאָ גיין צום טעאַטער, זאָל ער כאָטש שפּילן אין קאַמינסקיס טעאַטער, וואָס האָט צו יענער צייט געהאַט מער חשיבות און ווו עס האָבן זיך געפונען — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — „בעסערע מענטשן". דערצו נאָך איז מענדל אַקערמאַן געווען אַ מיטשותף צו קאַ־מינסקיס טעאַטער. ער האָט דאָרט געהאַלטן די „שאַטניע" (גאַרדעראָב).

די, אַזוי גערופענע „שאַטניע" אין יידישן טעאַטער איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, — אַ טרויעריק קאַפּיטל, וואָס האָט ווי אַ מגפה אַרומגעכאַפּט דאָס אַמאָליקע יידישע טעאַטער. די אייגנטימערס פון דער „שאַטניע" זע־נען געווען די פאַקטישע באַלעבאַטים פון די טעאַטערס. אַ דאַנק זיי אָבער האָט מען נאָך געקענט דינגען און עפענען אַ יידיש טעאַטער אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן. זיי זענען געווען די געלט־מענטשן און, ממילא, די הויפּט־דעה־זאָגערס. זיי האָבן אָפט דעצידירט וועלכע אַקטיאָרן מען דאַרף אַנגאַזשירן און וואָס פאַר אַ רעפּערטואַר צו שפּילן... די טעאַטער־דירעק־טאָרן האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט די מיינונגען פון זייערע „פאַר־זאָרגערס".

האָבן זיך די „שאַטניע״־אייגנטימער טאַקע אויפגעפירט ווי אמתע באַלעבאַטים. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר פונעם טעאַטער אַ וואַך פון בריטפּלייציקע, געזונטע יונגען און פלעגן אָפּהיטן, אַז קיינער זאָל נישט אַריינגיין אין זאַל אין אַ מאַנטל. זיי איז, חלילה, נישט געגאַנגען אַזוי ווייט אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין זאַל, ווי אין זייערע אייגענע פּראָ־פיטן: מען זאָל באַצאָלן פאַר דער גאַרדעראָב.

זייער אָפּט זענען צוליב דעם פאָרגעקומען סקאַנדאַלן. ווען אַ פּרוי, למשל, האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן איר טייערן מאַנטל אין דער „שאַט־ניע״ אַריין, צוליב די גנבות, וואָס זענען דאָרט פון צייט צו צייט פאָר־געקומען, אָדער, ווען אַ לאַנג־געקליידעטער יונגערמאַן האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן זיין יידיש היטל, — זענען אויסגעבראָכן גרויסע סקאַנדאַלן. בעת די גרויסע ווינטער־פרעסט, ווען אין די יידישע טעאַטערס פלעגט ס'רוב זיין זייער קאַלט, האָבן די „שאַטניע״־מענטשן אויך געצוווּנגען דעם עולם אַראָפּצונעמען די מאַנטלען. דאָס האָט געבראַכט צו פאַרקילונגען, צו הוסטן און ניסן אין זאַל, און אַזוי אַרום געשטערט דעם גאַנג פון דער פאָרשטע־לונג. צוליב דידאַזיקע דראַקאָנישע מיטלען, וואָס די „שאַטניע״־באַלע־באַטים פלעגן אָננעמען, ווי אויך צוליב די אָפטע סקאַנדאַלן, האָט מען ממש פאַרטריבן דעם עולם פונעם טעאַטער...

מענדל אַקערמאַן איז געווען דער „קיניג פון די וואַרשעווער שאַטניע״־אייגנטימער און מען האָט זיך מיט אים שטאַרק גערעכנט אין דער יידישער טעאַטער־וועלט. וואָלט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז פאַר אים וואָלט נישט געדאַרפט שווער אָנקומען צו באַוועגן די אָנפירערשאַפט פונעם טעאַטער, מען זאָל זיין פּסחן אַריינעמען אין טרופּע. דאָס איז אים אָבער נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. ער האָט אָנגעטראָפן אויף פאַרהאַקטע טירן. מען האָט אים געוואָלט איבערצייגן און אַריינגעטענהט אין אים:

— מענדל, צי ביסטו חסר־דעה, צי וואָס... דיין פּסח האָט דאָך אַ טויט פּנים פאַר דער בינע. ער האָט נישט קיין דיקציע... ער וועט דאָך אונדז פאַרטרייבן דעם עולם פון טעאַטער!

דאָ האָט זיך שוין מענדל אַקערמאַן נישט געקענט באַהערשן און איז אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס. ווי האָט מען אים געוואַגט אָפּצוזאָגן. ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש וואָס איז שיער נישט צעשפּאָלטן געוואָרן

אויף צווייען, — ווייל מענדל אַקערמאַן איז געווען אַ ייִד — אַ גיבור. פאַר זיין האַנט האָבן מענטשן געציטערט. ער האָט מיט צוויי פינגער געקענט צעברעכן געלט־מטבעות. דער דאָזיקער גיבור איז בטבע געווען זייער אַ גוטער און רואיקער מענטש און זעלטן ווען זיך אויפגערעגט. אָבער אַז מען האָט אים אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט, איז זאָל שוין גאָט שומר ומציל זיין דעם, וואָס איז געקומען אויף זיינע הענט...

מענדל אַקערמאַן

אויב ער האָט זיך דאָס מאָל אויפגע־רעגט, איז נישט דערפאַר, ווייל מען האָט געזאָגט דעם אמת וועגן זיין זון. אים איז מער געגאַנגען אין דעם, וואָס אַלעמאָל, ווען אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן האָבן געבעטן ביי אים טובות, פלעגט ער זיי אין דעם קיינמאָל נישט אָפּזאָגן. ווען אַ ייִדישער אַקטיאָר האָט ווען עס איז גע־מאַכט ביי זיך אַ שמחהלע אין הויז, פלעגט אַקערמאַן צושטעלן אַ באַלאָן סאָדע־וואַסער אָן אַ גראָשן געלט; אָפּגעהיטן האָט געקענט ווערן אַ ייִדי־שער טעאַטער־מענטש, וואָס זאָל פאַרבייגייען די באַגנע גאַס אין וואַרשע, ווי ס'האָט זיך געפונען אַקערמאַנס געשעפט, און נישט אַריינגיין און אויסטרינקען אַ גלעזעלע סאָדע־וואַסער מיט מאַלינע־זאַפט. — און האָט ער דען ווען עס איז אַמאָל ביי עמעצן פון די טעאַטער־מענטשן גענומען דערפאַר באַצאָלט?!

און אַז ער האָט זיך איצט, צום ערשטן מאָל, געווענדט צו זיי נאָך אַ טובה, האָבן זיי אים אָפּגעזאָגט?! דאָס האָט ער זיי נישט געקענט מוחל זיין. און ווען מענדל האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט ער צו זיי געזאָגט מיט דער טיפּיש וואַרשעווער אויסשפּראַך:

— מאַ פייסאָך עט שוין פאַשפאָרן צי פאַטראַבן דעם עולם פין טיאַטאַ, ווייל עץ האָט עים שוין אַלאַין פאַטריבן מיט ענקאָ שפּילאָכץ. יעצט על יאָך אַך אַראָסטראַבן אין פאַמאַכן די בודע.

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָבן חברה־אַקטיאָרן אָנגעהויבן צוריק־

צודרייען דעם דישל און באַשלאָסן אַריינצונעמען דעם זון פון מענדל אַקערמאַן אין טעאַטער אַריין.

כדי נישט צו פאַרגרעסערן דעם בודזשעט פונעם טעאַטער, האָט מענדל אַקערמאַן, אין דער ערשטער צייט פון זיין זונס אַרבעט אין טרופּע, אַפילו געגעבן דער דירעקציע אַ ספּעציעלע סומע געלט, אַז זיי זאָלן מכלומרשט אויסצאָלן פּסחן זיין פאַרדינסט.

פּסח קערמאַן (מען האָט אים פאַרקירצט דעם נאָמען) איז גיך געוואָרן אַן אייגענער מענטש צווישן די אַקטיאָרן. מען האָט אים ליב געקריגן, ווייל ער איז געווען אַ גוטער און איבערגעגעבענער חבר. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן קליינע ראָלן און שפּעטער איז ער געוואָרן אַ „פּאַט" אין דער יידישער אָפּערעטע. און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, ער האָט זיך מיט דער צייט אויסגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ נוצלעכער אַקטיאָר אין יעדער טרופּע. ער האָט אין זיין טעאַטער־קאַריערע געשאַפן אַ פּאָר פיינע עפּיזאָדן־געשטאַלטן, וואָס דאַרפן דערמאָנט ווערן: אין ל. אַנדרעיעווס „7 געהאָנגענע" — דעם זשאַנדאַרם; אין ד״ר עטינגערס „סערקעלע" — בערל, דעם ליטוואַקס הויז־יונג; אין שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער" — דעם דאָרפס־שרייבער, און אין דער אָפּערעטע „די רומענישע חתונה" — דעם אַלטן פויער. אין די אָפּערעטעס האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוטן טאַנצן. ער האָט זיך אויך געמאַכט פיינע גרים־מאַסקעס.

פּסח קערמאַן אין אַ ראָל
(צייכענונג פון פ. פרידמאַן)

זיין אינטערעסאַנטסטער טעאַטער־פּעריאָד איז געווען ווען ער האָט געשפּילט אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער (1921—1923) אין וואַרשע, דערנאָך אין „וויקט".

אין יעדער טרופּע, וווּ ער האָט געשפּילט, האָט מען אים געהאַלטן פאַרן שעיר לעזאָזל (הגם מען האָט אים זייער ליב געהאַט) און אַלץ איז אויסגעלאָזט געוואָרן צו זיין קאָפּ. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויס געפיל פאַר הומאָר און אַלע שאַרפע פיילן, וועלכע מען האָט קעגן אים געווענדט, האָט ער געשיקט צוריקגעקלאַפּט אויף אַן אייגנאַרטיקן, גוטמוטיקן אופן. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען ביים טעאַטער, האָט מען אים גערופן נישט אַנדערש, ווי: „באַלאַן". אַפילו אויף דער בינע, ווו מען מען האָט אים נישט געקענט רופן „באַלאַן", האָט מען יעדעס מאָל ביי זיין דער־שיינען אים באַגעגנט מיטן כאַראַקטעריסטישן ס...ס...ס...ס...ס (אימיטירט דאָס סיקען פון אַ באַלאָן בעתן אַרויסשפּריצן פון אים דאָס וואַסער). פּסח קערמאַן האָט זיך שוין דערצו געהאַט צוגעוווינט און ער האָט זיך געוווּנ־דערט ווען מען האָט אים נישט באַגריסט אויף אַזאַ אופן...

פּסח קערמאַן האָט געהערט צו די בעסט־געקליידעטע אַקטיאָרן. אַלע־מאָל עלעגאַנט אָנגעטון. אין די פיינסטע אַנצוגן, מיט די מאָדערנסטע קראַ־וואַטן און בעסטע שיך, האָט מען אים געקענט טרעפן אין די לאָקאַלן ביים בילאַרד אָדער קאָרטן — זיינע באַליבטסטע שפּילן.

אין זיין פּריוואַט־לעבן איז ער נישט געווען איבעריק גליקלעך, יעדנ־פאַלס אין די יאָרן, ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיין מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אין זיין פאָטערס געשעפט. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער זי אָפּגעגט. צום צווייטן מאָל האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שיינער ייִדי־שער כאָריסטין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַן אַקטריסע, העלאַ מעל (מעלאַמעד) און מיט איר געפירט אַ גליקלעך לעבן. די לעצטע יאָרן פאַרן וועלט־קריג האָבן זיי געשפּילט צוזאַמען אין פאַרשיידענע טרופּעס. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, זענען זיי אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין ביאַ־ליסטאָק און פון דאָרט — קיין לעמבערג.

אין לעמבערג האָבן זיי געאַרבעט אינעם דאָרטיקן ייִדישן מלוכה־טעאַטער. ווען אַ טייל פון דער טרופּע איז אַוועק אויף גאַסטשפּילן קיין ראָוונע, איז פּסח קערמאַן געווען מיט זיי. זיין פרוי, העלאַ מעל, איז פאַר־

בליבן מיט דער אַנדערער טייל טרופּע אין לעמבערג, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן. בעת די „ליקווידאַציעס״ איז זי אומגעבראַכט געוואָרן.

פּסח קערמאַן איז פון ראָוונע עוואַקויִרט געוואָרן צוזאַמען מיט דער טרופּע קיין מיטל־אַזיִע, ווו עס האָט צו יענער צייט געהערשט אַ גרויסער הונגער. ער האָט דאָרט געפירט אַ שווער לעבן. ער האָט פון אָנהייב אויס־פאַרקויפט פון זיך זיינע גוטע קליידער, אָבער ווען דאָס האָט זיך געענדיקט, האָט ער ממש געהונגערט. ער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און געשטאָרבן.

זיין פאָטער, מענדל אַקערמאַן — דער „קיניג פון דער טעאַטער־שאַטניע״ אין וואַרשע, איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, פּונקט ווי עס זענען אומגעקומען די אַנדערע „זיילן״ פון דער טעאַטער־גאַרדעראָבע: עלע ליכטענבערג, דער זון פון דער „מומע רבקה״ — אסתר רחל קאַמינס־קיס שוועסטער, ווי אויך — א. לאַנגמאַן. דריי מענטשן, וואָס האָבן — אויף זייער אופן — געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די ייִדישע טעאַטערס אין פּוילן פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה.

הענריק שארא

אין יאָר 1926 האָט זיך אין וואַרשע באַוויזן אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד. ער האָט דאָרט געענדיקט די רוסישע טעאַטער־שול און געאַרבעט אַלס רעזשי־אַסיסטענט ביי אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, שפּעטערדיקער אָנפירער פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

הענריק שאַראָ — אַזוי האָט ער געהייסן — האָט זיך געמאָלדן צו די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן מיט גאַנץ אינטערעסאַנטע טעאַטער־פּלענער. ראָד האָט זיך אויף דער דזשעלנע גאַס געעפנט אַ ניי טעאַטער, א״ב „סקאַלאַ״, און די דירעקציע האָט אים אַנגאַזשירט צו שטעלן די ערשטע פּרעמיערע. ער האָט אויפגעפירט אָסיפּ דימאָווס „יאַשקע מוזיקאַנט״ אין אַ נייער מאָדערניזירטער באַאַרבעטונג. דער פּרווו איז געווען זייער אַ געלונגענער און מען האָט מיט אינטערעס געוואַרט אויף זיינע ווייטערדיקע אויפפירונגען. האָט אים אָבער אויסגעכאַפּט אַ פילם־געזעלשאַפט „לעאָ־פילם״ און אים אַנגאַזשירט צו רעזשיסירן י. בוימס „ל׳ וואָווניק״, אין וועלכן איך האָב געשפּילט די הויפּטראָל. באַלד נאָך דעם האָט ער פאַר דערזעלביקער פילם־געזעלשאַפט געמאַכט דעם צווייטן פילם „דער רויטער ליץ״, אין וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן דאָס דעמאָלט־באַרימטע וווּנדער־קינד פון ווילנע — די קליינע טענצערין מוסיאַ דייכעס.

צוזאַמען מיטן דערפאָלג פון די דאָזיקע פילמען איז אויך געוואַקסן די פּאָפּולאַריטעט און דערפאָלג פונעם יונגן רעזשיסאָר שאַראָ, — ביז ער איז דערגאַנגען צו אַ רעקאָרד־צאָל פילמען, וואָס ער האָט געמאַכט שוין פאַר אַנדערע פילם־געזעלשאַפטן. אויב אָבער זיינע ערשטע פילמען

זענען געווען קינסטלעריש און פּרעציז דורכגעפירט, זענען דערפאַר זיינע וויטערדיקע פילמען שוין געווען שאַבלאָנע, פון מאַסן־פּראָדוקציע. ער האָט זיך שוין צוגעפּאַסט צום געשמאַק און פאָדערונגען פונעם „ברייטן עולם". אַלע דורך אים געמאַכטע פילמען (אַגב די מערהייט פּוילישע) האָבן טאַקע ביים ברייטן עולם שטאַרק אויסגענומען און זיי זענען געווען, ווי מ׳האָט עס גערופן, קאַסע־פילמען. אַ סך פּוילישע אַרטיסטן האָבן אים גע־האָט צו פאַרדאַנקען זייער קאַריערע. צווישן די פילם־אַרטיסטן פון יידישער אָפּשטאַמונג, וועלכע האָבן זיך, אַ דאַנק שאַראָס פילמען, אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט, זענען געווען: נאָראַ נעי, אירמאַ גרען, סטאַניסלאַוו שיעלאַנסקי, מיכאַל זניטש א״אַ.

בכלל איז די גאַנצע פילם־פּראָדוקציע אין פּוילן געבויט און אָנגע־פירט געוואָרן ס׳רוב דורך יידן. כמעט אַלע רעזשיסאָרן און פּראָדוצענטן זענען געווען יידן. צווישן דער גרויסער פּלעיאַדע פּוילישע פילם־רעזשי־סאָרן זענען געווען אייניקע ביז גאָר פּעאיקע מענטשן, ווי: טריסטאַן (אַ ברודער פונעם פאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פון פּויליש־יידישן „נאַש פּשעגלאָנד" אין וואַרשע ס. וואַגמאַן), גאַרדאַן, שאַראָ, פאָרד, וואַשינסקי און לייטעס. דער לעצטער — יוסף לייטעס — אַגב, דער טאַלאַנטירטסטער פון זיי אַלע, האָט צוביסלעך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן צווישן די פילם־רעזשיסאָרן און ער האָט אויך אַוועקגערוקט אין אַ זייט שאַראָן.

מיטן וווקס פונעם שרעקלעכן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָט מען צוביסלעך אָנגעהויבן אַרויסצונעמען די פילם־בראַנזשע פון יידישע הענט. קודם־כל האָבן זיך געגרינדעט ריין פּוילישע נאַציאָנאַלע פילם־געזעל־שאַפטן מיט פּוילישע פּראָדוצענטן (אַ סברא, אַז די ניי־אַנטשטאַנענע גע־זעלשאַפטן זענען געווען געשטיצט פון דער מלוכה) מיט פּוילישע רעזשי־סאָרן, אָפּעראַטאָרן און סצענאַר־שרייבער, און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרטרייבן די יידן.

און הגם העבריק שאַראָ (זיין אמתער נאָמען איז געווען שאַפּיראָ, אַ זון פון אַ באַקאַנטן יידישן אינזשיניער) האָט זיך צוגעפּאַסט צום הוראַ־פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אָנגעהויבן צו הערשן אין פּוילן, און געמאַכט בלויז פּוילישע נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע פילמען, האָט זיך זיין פּאָזיציע אָנגעהויבן צו וואַקלען. ער האָט אויף דער אייגענער האַנט אָנגעהויבן צו

פּראָדוצירן דידאַקטיקע פילמען. אַ שטילער שותּף צו זיי איז געווען זיין שווער, אַ גרויסער גביר אין וואַרשע, דער דירעקטאָר פון דער אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט „איראָפע״, גאָלדמאַן, אָבער שאַראָס שטערן איז פאַרטונקלט געוואָרן צוליב דעם אויפשטייג פונעם רעזשיסאָר יוסף לייטעס.

שאַראָ האָט פון צייט צו צייט אויך רעזשיסירט פּיעסן אין פּוילישן טעאַטער. אַ גאָר גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט זיין אויפפירונג אין טעאַטער אויף קאַראָווע 18, אין וואַרשע, וווּ ער האָט געשטעלט יעווראעיִנאָווס אַן עקספּערימענטאַלע פאָרשטעלונג. אין יידישן טעאַטער אין פּוילן האָט ער שוין מער נישט געאַרבעט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז שאַראָ מיט זיין פרוי און קינדער אַוועק פון וואַרשע און זיך באַזעצט אין אַ שטעטל אין וואָלינער געגנט. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַלס לערער אין שול. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין ווילנע, פון וואַנען ער האָט געהאַפט זיך אַרויסצובאַקומען קיין אַמעריקע. ליידער איז אים דאָס נישט געלונגען. ער איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין די הענט, ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט ווילנע.

שאַראָ האָט אין ווילנע, בעת די רוסן זענען דאָרט געווען, געאַרבעט אין יידישן טעאַטער. ער האָט אויפגעפירט שלום עליכמס „200.000״ („דאָס גרויסע געווינס״). עס האָט אים אָבער געצויגן צוריק אין דער שטאָט פון זיין אויפבלי און גלאַנץ־פּעריאָד — וואַרשע.

ווען די דייטשן האָבן די יידן אַריינגעשטופּט אין ווילנער געטאָ, האָט ער געמאַכט גרויסע באַמיאונגען צוריקצוקומען קיין וואַרשע. פאַר אַ גרויסער סומע געלט איז ער, צוזאַמען מיט זיין משפּחה און אַ קליינער גרופּע יידן, צווישן וועלכער עס האָט זיך געפונען דער באַרימטער יידישער כירורג, ד״ר אַהרון סאָלאָווייטשיק, מכלומרשט אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ גרופּע געשטאַפּאָ־לייט, וואָס זענען ספּעציעל נאָך זיי געקומען פון וואַרשע. עס האָט געהייסן, אַז מען פירט זיי קיין וואַרשע, כּדי זיי דאָרט צו משפּטן פאַר „שווערע חטאים״. מען האָט זיי אַזוי אַרום געבראַכט אין וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז געווען אין יאָר 1942. שאַראָ נעמט אָן דעם פאָרשלאָג פונעם יידישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין געטאָ צו „דעקן זיך״ אַלס פּאָליציאַנט. ער האָט אָבער קיין שום פונקציעס נישט אויסגעפירט און ממילא נישט געבראַכט קיין שאָדן זיינע יידישע מיטבירגער. אָבער

אויך דאָס „דעקן זיך" אין דער ייִדישער פּאָליציי האָט אים ווייניק געהאָלפן.

די געשיכטע מיטן ברענגען זיי קיין וואַרשע איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין דער וואַרשעווער געשטאַפּאָ און מען האָט די מענטשן — זיי זענען געבראַכט געוואָרן אויף פאַלשע פּאַפּירן און פאַלשע נעמען — אָנגעהויבן צו זוכן. נישט אַלע האָבן די דייטשן געקענט אויסגעפינען. שאַראָ איז אָבער געווען צו פּאָפּולער אין וואַרשע, אַז זיין דערשיינען אין געטאָ זאָל נישט ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַראינטערעסירטע צדדים...

אינעם בלוטיקן פרייטיק (אַפּריל 1942) זענען אין וואַרשעווער געטאָ דערשאָסן געוואָרן ביינאַכט 52 ייִדן. צווישן די דערשאָסענע האָבן זיך געפונען מענטשן פון פאַרשיידענע סביבות און פּראָפעסיעס *).

צווישן די צווייאונפופציק דערשאָסענע ייִדן זענען אויך געווען דער דירעקטאָר פון דער אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט „אייראָפּע", גאָלדמאַן, מיט זיין איידעם, דעם באַקאַנטן ייִדיש־פּוילישן פילם־רעזשיסאָר הענריק שאַראָ (שאַפּיראָ).

דעם 19טן אַפּריל האָבן די ייִדישע גאַסן־קערער אָנגעהויבן זייער רייניקונג פאַרטאָג און ביי אַ טויער אויף פּאַנסקע גאַס (אינעם קליינעם געטאָ) האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויפן טויטן קערפּער פונעם אומגעבראַכטן הענריק שאַראָ.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס קומענדיק פון ווילנע קיין וואַרשע, האָט שאַראָ זיך אַפילו נישט באַמיט אויסצובאַהאַלטן ביי איינעם פון זיינע אומצאָליקע פּוילישע קאָלעגן, וועלכע ער האָט דערמעגלעכט זייער קאַריערע, ווייל די גרוסן, וואָס מיר, געטאָ־מענטשן, האָבן אָפּגענומען פון אונדזערע קאָלעגן פון דער אַרישער זייט, האָבן נישט צוגעגעבן קיין מוט צו זוכן שוץ ביי זיי.

*) זע: יאָנאַס טורקאָוו „אַזוי איז עס געווען..." (חורבן וואַרשע), באַנד 27 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", בוענאָס־איירעס, 1948.

יעקב מאנדעלבליט

אָנהויב 1921 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין באַראַנאָוויטש. ווען איך בין אינדערפרי אַרויס פון מיין האָטעל, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַריין אַ ריזיקער טעאַטער־אַפיש. איך האָב זיך באמת דערפרייט, ווען כ׳האָב אויף אים דערזען דעם נאָמען: אסתר רחל קאַמינסקי, וואָס האָט גראָד דעמאָלט גאַסטראָלירט מיט דער טרופּע פון אַדאָלף בערמאַן און גוסטאַוו שוואַרצבאַרד.

ווען איך האָב אין אָוונט באַזוכט דאָס טעאַטער (געשפּילט האָט מען דעמאָלט אַ גאָרדין־פּיעסע), האָט מיר אסתר רחל קאַמינסקי פאָרגעשטעלט אַ 17־יאָריקן יונגנמאַן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער טרופּע. זיין נאָמען איז געווען יעקב מאַנדעלבליט. ער האָט דאָרט אָנגעהויבן זיין פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־קאַריערע ווי אַ בינע־געהילף און גלייכצייטיק געשפּילט קליינע עפּיזאָדן־ראָלן.

אסתר רחל קאַמינסקי האָט מאַנדעלבליטן זייער געלויבט. זי האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער אַן ערנסטער, איידעלער און ביז־גאָר פּעאיקער יונגערמאַן, וועלכן עס דערוואַרט אַ צוקונפט אין טעאַטער. דערצו איז ער געווען גוט געבויט, זייער אַ שיינער, מיט אַן אויסדריקלעך עקספּרעסיוו פּנים, געהאַט גרויסע פאַרחלומטע אויגן און אַ געלאָקטן פּעך־שוואַרצן קאָפּ האָר. ער האָט באַזעסן אַלע מעלות און אויסערלעכע באַדינגונגען פאַר אַ ליבהאָבער־שוישפּילער. די איראָניע פון גורל, וואָס האָט ליב אָפּצוטון שפּיצלעך, האָט אין דעם פאַל אויך פאַרטוישט די יוצרות און באַשטימט מאַנדעלבליטן פאַר אַ כאַראַקטער־אַקטיאָר. אַלס אַזעלכער איז ער טאַקע פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין בינע־קאַריערע.

יעקב מאַנדעלבליטן האָט מען, אַ דאַנק אסתר רחל קאַמינסקיס אינטערווענץ, אַנגאַזשירט אין דער טרופּע פון זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקי קיין ווילנע, שפּעטער איז ער געקומען קיין וואַרשע אין „צענטראַל"־טעאַטער, ווו ער האָט זיך שוישפּילעריש אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. מאַנדעלבליט איז מיט דער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן און מען האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים צו רעכענען אין דער טעאַטער־וועלט.

יעקב מאַנדעלבליט שטאַמט פון לובלין, פון זייער אַן אָרעמער משפּחה. די מאַמע זיינע איז געווען כראָניש קראַנק און צוליב דעם האָט אין שטוב ביי זיי תמיד געהערשט אַ נערוועזישע שטימונג. אויף דעם יונגן, פיינפילנדיקן יאַנקעלען — אַזוי האָט מען אים גערופן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן — האָט די קראַנקייט פון זיין מוטער און די שטענדיקע זאָרג פאַר דאגות־פּרנסה זיך טיף איינגעקריצט אין זיין נשמה. יאַנקעלע האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס. ער האָט געשטרעבט צו בילדונג און וויסן. די שטובבאַדינגונגען האָבן אים אָבער נישט דערלויבט צו לערנען מער ווי אין דער לובלינער פאָלקסשול. ער האָט זיך אָבער כסדר פאַרפולקאָמט אין לייענען ביכער, וואָס עס איז געוואָרן זיין גרויסע ליידנשאַפט.

דער פאָטער זיינער איז געווען אַ מיטגליד אינעם לובלינער דראַמאַטישן קרייז און ער האָט אָפט מיטגענומען יאַנקעלען צו די פּראָבן און פאָרשטעלונגען פונעם דאָזיקן קרייז. אויך יאַנקעלע האָט דערפילט אַ דראַנג צום טעאַטער און נאָך אַלס קינד האָט ער געגרינדעט אַ קינדער־טרופּע, מיט וועלכער ער איז אויפגעטראָטן אויף פאַרשיידענע שמחות,

יעדן שבת־נאָכמיטאָג. מיט דער דאָזיקער קינדער־טרופּע האָט זיך פאַר־אינטערעסירט דער באַקאַנטער לובלינער טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ א. טראַכ־טענבערג, וואָס האָט די קינדער־טרופּע אַרויסגעפירט אויף דער פּראָווינץ. שפּעטער איז יאַנקעלע מאַנדעלבליט אָנגעקומען אין דער טרופּע פונעם דעמאָלט־באַוווסטן טעאַטער־דירעקטאָר און שוישפּילער ש. הערשקאָוויטש, ווו ער איז געווען סופליאָר און בינע־פאַרוואַלטער. אַמאָל האָט ער אויך געקריגן אַ קליינעם עפּיזאָד צו שפּילן.

אין יאָר 1921 איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער וואַנדער־טרופּע פון אַדאָלף בערמאַן און גוסטאַוו שוואַרצבאַרד און שפּעטער קיין ווילנע, וואַרשע און לסוף — אין „וויקט" (וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער), ווו ער האָט שוין פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע. מיטן „וויקט" האָט ער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן טורנע איבער פּוילן און רומעניע. אין יאָר 1926 האָט ער געשפּילט ביי מיר און דורכגעמאַכט מיט מיר און דיאַנאַ בלומענפעלד דעם טורנע איבער פּוילן. דאָרט האָט ער געשפּילט צוזאַמען מיט זיין פרוי, פּעפּי אוריך און דוד ליכט. דערנאָך האָט ער געשפּילט צו־זאַמען מיט פּעפּי אוריך ביי לידיאַ פּאָטאָצקי; אין דער „ווילנער טרופּע", אונטער דער אָנפירונג פון מ. מאַזאָ, אין ריגער „מעוטים"־טעאַטער און אין וואַרשעווער יידישן דראַמאַטישן טעאַטער.

יעקב מאַנדעלבליט האָט אָנגעשריבן איניקע אָריגינעלע פּיעסן, דראַ־מאַטיזירט אַ ריי ווערק פון שלום עליכם און שלום אַש און איבערגעזעצט (צוזאַמען מיט חיים ניסענצווייג) אַ פּאָר פּיעסן פון רומעניש. איינע פון די דאָזיקע פּיעסן, ל. סאַרבולס „די רויטע ליידנשאַפט", האָב איך אויפגעפירט אין קראָקע און געשפּילט זי שפּעטער איבער דער גאַנצער פּוילישער פּראָווינץ.

אין יאָר 1938 האָט יעקב מאַנדעלבליט און פּעפּי אוריך געקריגן אַ קאָנטראַקט פון אַמעריקע און זיך געגרייט אַהינצופאָרן. זיי האָבן אָבער נישט באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע און אַזוי אַרום זענען זיי פאַרבליבן אין פּוילן.

פּעפּי אוריך — די פרוי פון יעקב מאַנדעלבליט — איז אויך געווען זייער אַ פּעאיקע שוישפּילערין. זי האָט געשפּילט אין די דראַמעס און אָפּערעטעס. זי איז געווען זייער אַ שיינע, געהאַט אַ ליכטיק פּנים און

באַזעסן אַ שלל מיט חן און ווייבלעכקייט. זי האָט אָנגענעם געווירקט אויף דער בינע, פונקט אַזוי ווי אין לעבן.

אין יאָר 1938 ווערן פעפּי אוריך און יעקב מאַנדעלבליט אַנגאַזשירט דורך זיגמונט טורקאָוו אין זיין באַנייטן „וויקט״. פעפּי אוריך האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין גאָלדפאַדנס „שולמית״, אין דער ראָל „אַביגיל״.

פעפּי אוריך

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן זענען יעקב מאַנדעלבליט און פעפּי אוריך אַנטלאָפן פון וואַרשע און זיך דערשלאָגן ביז לעמבערג. לעמבערג איז דעמאָלט געווען פאַרנומען דורך דער סאָוויעטן־מאַכט און ס׳האָט שוין דאָרט געשפּילט אַ יידיש טעאַטער. ווען עס זענען אַהינגעקומען די אַנטלאָפענע פון פוילן אַקטיאָרן, איז דאָס טעאַטער רעאָרגאַניזירט געוואָרן. צו דער לעמבערגער טרופּע זענען צוגעקומען אידאַ קאַמינסקי, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן קינסטלערישן לייטער, אַדאָם דאָמב, סאָניאַ אַלטבוים, שמחה, נעמי, אידאַ און מישאַ נאַטאַן, מאיר מעלמאַן, יצחק קרעלמאַן, אייזיק ראָטמאַן, לעאָן קאָסווינער, בער און דוד האַרט, יעקב רייגנלאַס, זיסל גאַרליצקי, יעקב פישער, יעקב קורלענדער, יעקב גינזבערג, דידיאַ עפּשטיין, גרישאַ ראָטשטיין, לאָלאַ יאַקובאָוויטש, פסח קערמאַן, יצחק אינווענטאַזש, העלאַ מעל, לעאָן הערבסט (סטאַוו), מאַניאַ מאַניעלאַ, משפחה אַמזעל, מיכאל מעסינגער, רייקע בעזמאַן, יעקב מאַנדעלבליט און פעפּי אוריך.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען לעמבערג, האָט אַ טייל פון דער טרופּע זיך געפונען אויף גאַסטשפּילן אין ראָוונע. די איבעריקע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען, זענען פאַרבליבן אין לעמבערג. זיי האָבן שוין נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. צווישן די, וואָס זענען איבערגעבליבן ביי די דייטשן זענען געווען: נעמי און אידאַ נאַטאַן מיטן קינד, מאַניאַ מאַניעלאַ מיטן טעכטערל (אַלע דריי זענען, צוזאַמען מיט די קינדער, שפּעטער געקומען קיין וואַרשע אין געטאָ און פון דאָרט זענען זיי אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע). סאָניאַ אַלטבוים מיט דער טאָכטער און אַלע איבעריקע איבערגעבליבענע אַקטיאָרן, אויסער צווערלינגן, וועלכן ס'איז, על־פּי־נס, געלונגען זיך צו ראַטעווען און איבערלעבן די מלחמה, זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

באַלד נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך די דייטשן האָט דער לעמבערגער „יודענראַט״ צונויפגערופן אַלע איבערגעבליבענע יידישע אַקטיאָרן, ווי אויך די שוישפּילערין פון דער פּוילישער בינע קיפּיניוונאַ (אַ יידישע פרוי) און זיי געהייסן אָרגאַניזירן אַ יידישע רעוויע. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ טעאַטער־ראַט, אין וועלכן עס זענען אַריין: יעקב מאַנדעלבליט, ד״ר גראַף (דער מאַן פון דער שוישפּילערין קיפּיניוונאַ) און ד״ר מ. קאַנפער, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער פּויליש־יידישער קראָקעווער צייטונג „נאָווי דזשענניק״. ווען די פּראָבן האָבן זיך שוין דערנענטערט צום סוף, האָבן די דייטשן נישט דערלאָזט צו דער פאָרשטעלונג. צוליב דער דאָזיקער גזירה האָט יעדער פון די אַקטיאָרן אָנגעהויבן צו זוכן עפּעס אַ באַשעפטיקונג פאַר זיך, כדי ער זאָל געהערן צו דער קאַטעגאָריע „נוצלעכע יידן״, דאָס הייסט, ער זאָל האָבן אַ רעכט צו לעבן.

יעקב מאַנדעלבליט איז אַוועק אַרבעטן אַלס מאָלער אין יאַנאָווער לאַגער. פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, פלעגט ער מיט דער גרופּע אַרבעטער צוריקקומען אין געטאָ אַריין. זיין פרוי פעפי אוריך, מיטן קינד, וועלכע האָבן געוווינט צוזאַמען מיט אירע עלטערן די אַקטיאָרן שמאי און צילי אוריך, האָט געהאַט אַ פּאַפּיר פון דער דייטשישער מאַכט, אַז זי איז באַפרייט פון אַרבעט, אויפן סמך פון איר מאַנס „אויסוווייז״ אַלס „נוצלעכער ייד״.

די אַלטע אוריכס, נישט האָבנדיק קיין „אויסווייז״, האָבן שוין נישט געהאַט „קיין רעכט צו לעבן״. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן אין לעמבערג די גרויסע אויגוסט־„אַקציע״, אין יאָר 1942, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער, הינטער קוילן.

פּעפּי אוריך מיטן קינד איז געבליבן אינדערהיים. ווען עס האָבן די דייטשן אויסגעפּעלט צום באַשטימטן קאָנטינגענט אַ פּאָר הונדערט יידן, האָבן זיי זיך נישט גערעכנט מיט די אַרויסגעגעבענע „אויסווייזן״ און האָבן צוגענומען יעדן אָנגעטראָפענעם יידן. אַזוי אַרום איז פּעפּי אוריך צוגענומען געוואָרן צוזאַמען מיטן קינד און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין טויטן־לאַגער בעלזשעץ.

נאָך דער „אַקציע״, ווען די אַלטע אוריכס זענען אַרויס פון באַהעל־

צילע און שמאי אוריך

טעניש, האָבן זיי שוין נישט געטראָפן אין שטוב זייער טאָכטער מיטן אייניקל...

פּעפּי אוריכס עלטערן, שמאי און צילע אוריך, זענען געווען באַקאַנטע יידישע שוישפּילערס. ער האָט געשפּילט לאַנגע יאָרן ביי בער האַרטן אין טרופּע, ביי גימפּעלן אין לעמבערג, ביי זעליק שאָרן, ביי טאַנענצאַפּן אין טרופּע און אין ווין — ביי יונגווירטן. ער איז אויך געווען מיט זיין

פרוי 3 יאָר אין די פּאַרייניקטע שטאַטן, ווו ער האָט געשפּילט אין פאַר־שיידענע טרופּעס.

צילע אוריך האָט אָנגעהויבן איר בינע־קאַריערע אַלס יונג מיידל ביי טאַנענצאַפּן און ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט שמאי אוריכן, האָט זי דורכגעמאַכט דעם גאַנצן טעאַטער־וועג, וואָס איר מאַן. אין ניו־יאָרק האָט צילע אוריך אַ שוועסטער, וואָס איז אַמאָל אויך געווען טעטיק אין יידישן טעאַטער. איר טאָכטער איז די פעאיקע יונגע שוישפּילערין און זינ־גערין פריידעלע ליפּשיץ. אויך די אוריכס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע. עס האָט זיי אָבער געצויגן אַהיים צו זייער איינציקער טאָכטער פּעפּי (פּערל). אין דער דאָזיקער משפּחה האָט גע־הערשט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט פון איינעם צום צווייטן.

מיר איז אויסגעקומען מיטצואַרבעטן מיט די אוריכס בעת מיינע אויפטריטן אין לעמבערג און איך האָב די דאָזיקע האַרציקע מענטשן אויפריכטיק ליב געקריגן.

אין לעמבערגער געטאָ האָבן זיי געפירט אַ שווער לעבן. זיי האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די גאַסן, הונגעריקע, אָפּגעריסענע, אָפּגע־שליסענע. מורא האָבנדיק צו נעכטיקן אין אַ שטוב, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין „לעבנסרעכט־קאַרטן״, האָבן זיי גענעכטיקט אין קעלערס, אויף די גאַסן, ביז זיי זענען, אָנהויב 1943, געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און דורך זיי אומגעבראַכט געוואָרן.

פון די אומגעבראַכטע לעמבערגער יידישע אַקטיאָרן דאַרף מען אויך דערמאָנען יעטע האָכבערג, וועלכע איז געווען אין יאַנאָווער לאַגער. יעטע האָכבערג איז געווען נישט נאָר אַ גוטע שוישפּילערין, נאָר אויך אַ טיי־ערער, איידעלער און האַרציקער מענטש. אין יאַנאָווער לאַגער האָט זי גע־אַרבעט אַלס וועשערין און זי פלעגט אַ סך העלפן אירע חברים; זי פלעגט זיי באַזאָרגן מיט ריינע וועש און אויך מיט עסן. זי האָט זיך געטיילט מיט זיי מיטן לעצטן ביסן.

אין יאַנאָווער לאַגער האָט זיך געפונען אויך דער פּאָפּולערער לעמ־בערגער אַקטיאָר גרשון ראָט, וועלכן די דייטשן האָבן דאָרט דערשאָסן. די אַמאָל זייער באַליבטע אַקטריסע ראָזאַ פוקס (די פרוי פון גרשון ראָט) האָט זיך געפונען אין ראָוונע מיט דער צווייטער טייל טרופּע פונעם

לעמבערגער טעאַטער. איר איז געלונגען צוריקצוקומען קיין לעמבערג און אַריין אין געטאָ. זי האָט דאָרט אויך געפירט זייער אַ שווער לעבן, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די גאַסן אַ געשוואָלענע פון הונגער. די דייטשן האָבן זי דערשאָסן. ראָזאַ פוקס איז געווען די מוטער פון לעאָ פוקס.

העלאַ מעל (די פרוי פון פסח קערמאַן) און פעלאַ ראָטשיין (די פרוי פון גרישאַ ראָטשיין) האָבן זיך בעת די „אַקציעס" אין לעמבערגער געטאָ אויסבאַהאַלטן אין אַ קוימען. די דייטשן האָבן זיי אָבער אויך דאָרט געפונען און אַרויסגעשלעפּט — צום טויט.

אין יאָר 1943 האָט זיך אין לעמבערג געגרינדעט אַ יידישע אונטער־ערדישע קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט באַשלאָסן נישט אונטערצוגעבן זיך די דייטשן, נאָר קעמפן מיט זיי ביזן לעצטן אָטעם־צוג. בראש פון דער דאָ־זיקער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון קנאַפּע הונדערט יונגעלייט, זענען געשטאַנען די דיכטער יעקב שודריך, סאַניע פרידמאַן און דער אַקטיאָר יעקב מאַנדעלבליט. זיי האָבן זיך פאַרשאַפט געווער און פראָוויאַנט און אָרגאַניזירט זייער „באַזע" אין די קאַנאַלן פון דער פּעלטווע.

עמעצער האָט זיי געמסרט פאַר די דייטשן, וועלכע האָבן אַרומגע־רינגלט די קאַנאַלן, וווּ עס האָבן זיך געפונען די יידישע קעמפער. נאָך אַ לענגערן קאַמף האָבן די דייטשן אַריינגעלאָזט אין קאַנאַל שטיקנדיקע גאַזן און אַזוי אַרום איז זיי געלונגען צו כאַפּן לעבעדיקערהייט ביי 40 קעמפער. מען האָט זיי אַרויפגעשטופּט אויף אַ גרויסן לאַסט־וואָגן, כדי זיי צו פירן צום אָרט פון דער עקזעקוציע: צו די „פּיאַסקעס".

ווען דער לאַסט־אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן די פּיעקאַרסקע גאַס, האָבן די געכאַפּטע יונגעלייט אָנגעהויבן אַראָפּצושפּרינגען פונעם אויטאָ. אייניקע קעמפער האָבן נאָך געהאַט ביי זיך האַנט־באָמבעס, וועלכע זיי האָבן גע־וואָרפן אויף די דייטשן. די איבעריקע — האָבן זיך מיט די בלויזע הענט געוואָרפן אויף די רוצחים. אינעם נישט גלייכן קאַמף זענען אַלע העלדי־שע יידישע קעמפער אומגעקומען. עס זענען אָבער אויך דערהרגעט געוואָרן אַ צאָל דייטשן.

אַלס נקמה פאַרן דאָזיקן ווידערשטאַנד האָבן די דייטשן דערשאָסן יעדן צענטן ייד אינעם לאַגער „נאַ טשוואַרטאַקאַד", הינטער לעמבערג. דער סך־הכל איז געווען: הונדערטער אומשולדיק־אומגעבראַכטע יידן.

יעקב מאַנדעלבליט, יעקב שודריך און סאַניע פרידמאַן, ווי אויך די איבעריקע יידישע קעמפער, זענען ווייטער פאַרבליבן אין די קאַנאַלן. עס איז זיי אויסגעגאַנגען דאָס עסן און זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט צו פאַרשאַפן זיך אַ ביסל פּראָוויאַנט. דערווייל האָט די געסטאַפּאָ אָנגעהויבן דורכצונישטערן די קאַנאַלן, ביז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דער איבערגעבליבענער גרופּע יידישע קעמפער. עס איז געקומען צו אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס. די יידישע קעמפער האָבן זיך העלדיש פאַר־טיידיקט און זיך נישט געוואָלט איבערגעבן לעבעדיקערהייט. זיי זענען אַלע דורכגעלעכערט געוואָרן דורך דייטשישע קוילן.

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן דער יונגער, באַגאַבטער שוישפּילער און העלדישער געטאָ־קעמפער יעקב מאַנדעלבליט.

משה ווײדע

עס זענען געווען אין פוילן מענטשן, וואָס הגם זיי זענען נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־מענטשן, האָבן זיי נישט ווייניקער מיטגע־האָלפן צו שטאַרקן און פּראָפּאַגאַנדירן דאָס בעסערע יידישע טעאַטער.

איינער פון די דאָזיקע עקשנים איז געווען אַ וואַרשעווער יונגערמאַן, אַן אָנגעזעענער טוער ביי די האַנדלס־אָנגעשטעלטע און מיטגליד פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי, משה ווײדע. ער האָט אין די צוואַנציקער יאָרן גע־גרינדעט אין וואַרשע אַ דראַמאַטישן קרייז, וווּ ער האָט אויפגעפירט אַן אינטערעסאַנטן און ערנסטן רעפּערטואַר. ווײדע האָט די פּיעסן אַליין רע־זשיסירט, אַליין איינגעאָרדנט די פאָרשטעלונגען און איז אַליין אַרויסגע־פאָרן אויף דער פּראָווינץ צו דינגען טעאַטער־זאַלן און זיך דאָרט איינצו־אָרדענען די פאָרשטעלונגען. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן שפּילן בלויז אין וואַרשע, נייערט אויך זיין קרייז אַראָפּגעבראַכט אין די שטעט און שטעטלעך אַרום וואַרשע. דער רעפּערטואַר פון ווײדעס דראַמ׳־קרייז איז באַשטאַנען פון פּיעסן, וואָס זענען לרוב געשפּילט געוואָרן אין די ערנסטערע טעאַטערס אין וואַרשע.

בלי שום ספק איז די דאָזיקע טעאַטער־אַרבעט געווען אַ פּאָזיטיווע, און הגם פּראָפעסיאָנעלע וואַנדער־טרופּעס האָבן געהאַלטן, אַז די „ווײדעס״ נעמען צו דאָס ברויט ביי זיי און געקוקט אויף די דראַמ׳־קרייזן ווי אויף אַן אָנשיקעניש, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז די אויפגאַבן, וואָס האָבן זיך געשטעלט די פיל־פאַרצווייגטע טעאַטער־סטודיעס און דראַמאַטישע קרייזן אין פוילן, זענען געווען ביז־גאָר וואַגיקע. זיי האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פונעם בעסערן יידישן טעאַטער אין פוילן.

אין וואַרשע אַליין זענען געווען צענדליקער דראַמאַטישע קרייזן, פון וועלכע דעם אויבנאָן האָבן פאַרנומען, אויסער משה ווײַדעס קרייז בײַ דער געזעלשאַפט „אַרבעטער אָוונט־קורסן", דער גלענצנדיק־אױפֿגעשטעלטער דראַמ׳־קרייז ביים „צוקונפט" (בונד), אָנגעפירט פון מ. פערענסאָן, „אָרפּע־אוש" ביים טעקסטיל־פאַריין, אָנגעפירט פון אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע רעזשי־סאָרן, ווי יעקב ראַטבוים, דוד ליכט, סאַמי פעדער און ל. קאָברינסקי; אויך אַנדערע קרייזן זענען אָנגעפירט געוואָרן פון פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, ווי דוד שערמאַן (אַ שוואָגער פון משה ווײַדען), משה גאַרבאַזש, שלמה קאָן, אברהם וואָלפשטאַט, סעם ווײַנשטאָק א״אַ.

אין לאָדזש זענען געווען אַ גאַנצע ריי דראַמקרייזן, צווישן וועלכע דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען די טעאַטער־סטודיע פון י. מאָשקאָוויטש, וועלכער איז בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע געווען אין וואַרשעווער געטאָ און דאָרט געשפּילט פּראָפעסיאָנעל טעאַטער. אין איינער פון די „אַקציעס" איז מאָש־קאָוויטש אומגעבראַכט געוואָרן.

נישט רעדנדיק וועגן דער לעמבערגער „מאַסקע", וועגן וועלכער איך האָב שוין געשריבן, האָט זיך אין פאַרמלחמהדיקן פוילן אַרויסגע־רוקט אויפן ערשטן אָרט דער סטאַניסלאַוואָווער קרייז א״נ „גאָלדפאַדן־פאַריין" מיט זיינע ערנסטע, וואַגיקע אויפפירונגען וואָס האָבן אָפט איבער־געשטיגן די אויפפירונגען פון פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס; דער צווייטער דראַמ׳־קרייז אין סטאַניסלאַוואָוו — דער „אַן־סקי־קרייז"; די טאַרנאָווער „מוזע", אָדער „יובאל" אין פּשעמישל, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט ד״ר לייב לאַנדאַו; די „מוזע" אין בענדין; דער דראַמקרייז אין ריישע, אָנגעפירט ביזן קריג דורך דער שוישפּילערין צע־שיע סאַרנאַ, די קרייזן אין קאָלאָמיי, קאָסאָוו; די קרייזן אין ווילנע, אָנגע־פירט פון די אַקטיאָרן מ. מאַלסקי און ב. באָריסאָוו; דער דראַמ׳־קרייז אין גראָדנע א״נ „אַרווי", אָנגעפירט פון שמואל גאַרבער און דער קרייז, אָנגעפירט פון קווינט; באַרקאָווסקיס דראַמ׳־קרייז אין קאַלאָ; אַדאַם דאָמבס דראַמ׳־קרייז אין גאָסטינין, דער קרייז „גיליאַרינאַ" אין ביאַליסטאָק, אָנ־געפירט פון טאָפּיצער, בובריק און בערמאַן, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַר־וואַנדלט אין אַ פּראָפעסיאָנעלן קליינקונסט־טעאַטער. די קרייזן אין וולאָצלאַ־וועק, פּלאָצק, פּלאָנסק, מלאַווע, לאָמזשע און אין נאָך און נאָך צענדליקער

שטעט און שטעטלעך, ווו די דאָזיקע דראַמ׳־קרייזן האָבן אַריינגעבראַכט פריש בלוט אינעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און ממילא געשטאַרקט די אַקטיאָרישע רייען מיט נייע קאַדרען פון יונגע, טאַלאַנטירטע כוחות.

אין פּערספּעקטיוו פון צייט קען מען איצט ווי געהעריק אָפּשאַצן די באַדייטנדיקע ראָל, וואָס די אינסטיטוציע: דראַמקרייזן האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער טעאַטער־קולטור אין פּוילן, וואָס האָט געשפּרודלט מיט אַזוי פיל לעבן.

און ווען מיר שטייען איצט, נאָכן גרויסן חורבן פונעם מזרח־אייראָפּע־אישן ייִדנטום, פאַר דעם טרויעריקן מצב פונעם ייִדישן טעאַטער אין אַמע־ריקע, ווערט אונדז נאָך שווערער אויפן האַרצן. אין דעם צוויי־און־האַלב־מיליאָניקן ייִדישן ישוב פון ניו־יאָרק האָבן מיר סך־הכל איין, אָדער צוויי ייִדישע טעאַטער־סטודיעס, וואָס ראַנגלען זיך אויך מיט שוועריקייטן. אין די איבעריקע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן — אויך נישט מער ווי צוויי־דריי שטענדיקע טעאַטער־קרייזן. איך וויל נישט מאַכן קיין פאַרגלייך מיט וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, וואָס האָבן געהאַט סטודיעס אָדער דראַמקרייזן ביי יעדער אָרגאַניזאַציע, ביי יעדן פּאַרטיי (פּאַרטייאישע און אומפּאַרטיי־אישע), אָבער עס וועט געווּג זיין אונטערצושטרייכן, אַז אין איין שטאָט, ווי, למשל, ביאַליסטאָק, האָבן זיך געפונען מער דראַמ׳־קרייזן און סטו־דיעס, ווי גאַנץ אַמעריקע מיט איר פינפמיליאָניקער ייִדישער באַפעלקע־רונג האָט פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע טעאַטערס און טעאַטער־קרייזן צוזאַמענ־גענומען.

עס פעלן אונדז היינט די פאַרמלחמהדיקע אידעאַליסטן און עקשנים, ווי די משה ווײַדעס, וואָס האָבן געשאַפן אַטמאָספער און אַ סביבה פאַרן ייִדישן טעאַטער.

דאָס פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע טעאַטער אין מזרח־אייראָפּע (פאַר דער לעצטער מלחמה) האָט זיך אויך באַנוצט מיט די דראַמ׳־קרייזן צו אירע אויפפירונגען און אין דער באַטייליקונג פון די מאַסן־סצענעס. און מיט וואָס פאַרא איבערגעגעבנקייט און אחריות האָבן זיך די אָרגאַניזירטע גרו־פּעס באַצויגן צו זייערע אויפגאַבעס!

משה ווײַדע איז, אַ דאַנק זיין נוצלעכער אַרבעט, געוואָרן זייער פּאָ־פּולער אין פּוילן. זיין פּאָפּולאַריטעט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען

די אָנהענגער פונעם לייכטערן זשאַנר אין יידישן טעאַטער האָבן געוואָלט חוזק מאַכן פון אַ יידישן אַקטיאָר, וואָס שפּילט אויסשליסלעך אין ערנסטן רעפּערטואַר, האָבן זיי אים אָנגערופן: „ווײַדע"... אין די פריערדיקע יאָרן האָט מען אַזאַ איינעם באַצייכנט מיטן נאָמען: „אינטעליגענט", אָדער „ליטעראַרישער אַקטיאָר"... משה ווײַדען האָט עס אָבער קיין אומכּבֿוד זיכער נישט פאַרשאַפט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט משה ווײַדע פאַרלאָזט וואַרשע און זיך געלאָזט צו מזרח. ער איז אָבער באַלד צוריקגעקומען און איז געוואָרן זייער אַקטיוו אין דער „אַליינהילף", אַלס אָנפירער פון אַ פאָלקסקיך. ער איז אויך געווען שטאַרק טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ. ווען איך האָב אים איינמאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער אָרגאַניזירט נישט קיין דראַמ'־קרייז אין געטאָ, האָט ער מיר געענטפערט:

— איצט איז אַ צייט צו אָרגאַניזירן אַנדערע „קרייזן", — קרייזן, וואָס זאָלן קעמפן מיט די דייטשן.

אויך אין דער דאַזיקער אַרבעט איז ער געווען זייער אַקטיוו. משה ווײַדע איז געווען באַקאַנט פון דעם, אַז אַלע אויפגאַבן, וואָס מען האָט אים אָנפאַרטרויט, האָט ער דערפילט בשלמות.

לײַדער האָט ער שוין נישט דערלעבט צו זען די פרוכטן פון זײַנע לעצטע צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. בעת איינער פון די געטאָ־אַקציעס איז דער שטילער, באַשיידענער און צילבאַוווסטער משה ווײַדע אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשישע רוצחים.

יצחק אזארך

צווישן די ייִדישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי און זיך אויפגעהאַלטן אין דער גראָדנער פעסטונג, האָט זיך געפונען אַ יונגער ייִדישער אַקטיאָר פון אוקראַינע — יצחק אַזאַרך.

די גראָדנער ייִדן האָבן דעם יונגן סאָלדאַט מקרב געווען און אים אַרויסגעוויזן אַ סך וואַרעמקייט. ער האָט זיך אַזוי צוגעבונדן צום דאָרטיקן ישוב, אַז נאָכן פאַרענדיקן זיין מיליטער־דינסט, האָט ער באַשלאָסן זיך דאָרט צו באַזעצן אויף שטענדיק. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גראָדנער מיידל און איז געוואָרן אַן אמתער „גראָדנער". די גראָדנער באַלעבאַטים האָבן אים אַפילו געוואָלט איינאָרדענען ביי אַ „לייטישער" פּרנסה, ווו ער האָט געקענט פירן אַ רואיק און פאַרזיכערט לעבן. אַזאַרך האָט אָבער זייער ליב געהאַט טעאַטער און ממש נישט געקענט לעבן אָן דער טעאַטער־לופט. האָט ער פון די אַלע „גאָלדענע גליקן", — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — רעזיגנירט און באַשלאָסן אויך ווייטער פאַרבינדן זיין לעבן מיטן ייִדישן טעאַטער.

הגם ער האָט ביים טעאַטער אויך קיינמאָל קיין „גליקן" נישט געמאַכט און ער איז געווען אַ גאַנץ נישקשהדיקער קבצן, האָט אים אָבער קיינמאָל נישט פאַרלאָזן זיין גוטער הומאָר. ער איז געווען צופרידן מיט זיין שווער און געמאַטערט לעבן. אַזאַרך האָט געהערט צו די פאַנאַטיקער, וואָס זענען געווען אין שטענדיקן טעאַטער־פיבער. ער האָט געגלויבט אין זיינע טעאַטער־פּלענער און ער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער אָפּטימיסט. זיינע וויצן, גלייכווערטלעך און המצאות האָבן געהאַט אַ שם אין דער טעאַטער־וועלט.

יאָנאָס טורקאָוו

אויסער אין רוסלאַנד, האָט אַזאַרך געשפּילט אייניקע יאָר אין קאָוונע, ווילנע און אין ביאַליסטאָק. ער איז געווען אַ גוטער כאַראַקטער־אַקטיאָר און איז באַקאַנט געווען פון זיין גרויסן אונטערנעמונגס־גייסט. ער איז געווען נישט נאָר דער אָרגאַניזאַטאָר פון טרופּעס, נאָר אויך דער געשעפטס־פירער, רעזשיסאָר און הויפּט־קאָמיקער.

ביי דעם אַלעם איז ער געווען זייער אַן אָפּגעלאָזענער, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין אייגענער פּערזאָן. ווען גראָדנע איז נאָך דער ער־שטער וועלט־מלחמה פאַרייניקט געוואָרן מיט פּוילן און ס׳איז אין דער הויפּט־שטאָט וואַרשע שוין געווען אַ שטענדיקע אַקטיאָרן־אָרגאַניזאַציע (דער יידישער אַרטיסטן־פאַריין), האָט אַזאַרך, זייענדיק פאַרטון מיט זיינע „גראַנדיעזע" פּראָיעקטן, פאַרנאַכלעסיקט צו ווערן אַ מיטגליד פון דער אַקטיאָרן־אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט אים געשטערט צו שפּילן טעאַטער אין די שטעט, מחוץ דער גראָדנער געגנט. האָט ער זיך געשאַפן אַן אייגענע „אינסטיטוציע": אַ וואַנדער־טעאַטער, א״נ „גראָדנער טרופּע". דער קערן פון דער טרופּע איז באַשטאַנען פון גראָדנער דילעטאַנטן, צו וועלכע ער האָט צוגעגאַזשירט אַ פּאָר פּראָווינציאַנעלע אַקטיאָרן, ווי שאַיעלע צווייליך מיט דער פרוי, דראַנאָוו (נישט נתן דראַנאָוו) מיט זיין פרוי באַומאַן, לאָלאַ יאַקובאָוויטש און פון צייט צו צייט — דעם אַקטיאָר און זינגער מ. טרילינג.

די אַזאַרך־טרופּע האָט, ווי געזאָגט, געשפּילט אין גראָדנע און אויף דער פּראָווינץ. דער רעפּערטואַר זייערער איז באַשטאַנען פון אַלע „שלאַגערס" פון די וואַרשעווער טעאַטערס. עס האָט זייער אָפט פּאַסירט, אַז אַזאַרך האָט נישט געהאַט מיט וואָס אַרויסצופאָרן פון די שטעט, אין וועלכע ער האָט מיט זיין טרופּע געשפּילט. ער האָט זיך אָבער, ווי זיין שטייגער איז געווען, דערמיט נישט איבערגענומען און שטענדיק געפונען אַן אויסוועג פון דער סיטואַציע. ווען ער האָט געהאַט זיינע „זיבן גוטע יאָר" אין טעאַטער, פלעגט ער שטענדיק איינקויפן זיך גאָלדענע רינגלעך. ווען מען האָט אים געפרעגט:

— אַזאַרך, וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל רינגלעך?

— כ׳זאָל האָבן וואָס צו פאַרזעצן, ווען עס וועט נישט זיין מיט וואָס אַרויסצופאָרן פון אַ שטאָט...

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. די אַקטיאָרן האָבן געקענט זיין רואיק, אַז אַזאַרך וועט זיי נישט לאָזן אויף „גאָטס באַראָט", ווי עס פלעגן דאָס טון אַנדערע פּראָווינצער טעאַטער־אַקטיאָרן אין אַזאַ פאַל. פון אַלע שווער־סטע סיטואַציעס האָט זיך דער מענטש געקענט אַרויסדרייען. ער האָט געהאַט אַ שלל מיט איינפאַלן. נישט קענענדיק קיין וואָרט פויליש, האָט ער דאָך באַוויזן אַרויסצוקריגן ביי דער פּוילישער לאָקאַלער מאַכט אַ דער־לויבעניש צו שפּילן יידיש טעאַטער, נישט באַזיצנדיק דערביי קיין מלוכה־קאָנצעסיע, וואָס האָט זיך געפאָדערט אין אַזאַ פאַל.

אָט האָט ער אַמאָל געדאַרפט שפּילן אין שטעטל סקידל, גראָדנער גובערניע. דער גראָדנער אַקטיאָר מ. טרילינג, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער טרופּע, און וועלכער איז, אַגב, געווען אַ פּעאיקער מאָלער, האָט אייגנהאַנטיק צוגעגרייט די אַפישן פאַר דער טרופּע. אויף געדרוקטע אַפישן האָט דער „בודזשעט" פון דער אַזאַרך־טרופּע נישט דערלויבט. מיטן פּעקל אַפישן האָט טרילינג געדאַרפט אָפּפאָרן פריִיטיק קיין סקידל, ווו די טרופּע האָט געזאָלט שפּילן שבת. די באַן פון סקידל קיין גראָדנע איז געגאַנגען איינמאָל אַ טאָג. צום שלימזל האָט טרילינג פאַרשפּעטיקט די באַן. אַזוי ווי צומאַרגנס האָט מען שוין געדאַרפט שפּילן, האָט אַזאַרך זיך נישט געפוילט, גענומען דאָס פּעקל אַפישן אונטערן אָרעם און זיך אַוועקגעלאָזט צופוס קיין סקידל — אַן ערך 25 קילאָמעטער.

ווען די טרופּע איז שבת אינדערפרי געקומען מיט דער באַן קיין סקידל, איז אַזאַרך נאָך דאָרט נישט געווען. צוויי שעה שפּעטער, ווען די אַקטיאָרן האָבן זיך געפונען אין גאַס, האָבן זיי פּלוצלונג דערזען דעם אַנקומענדיקן, פאַרמאַטערטן און פאַרשוויצטן אַזאַרכן, מיטן פּעקל אַפישן אונטערן אָרעם.

— קינדערלעך, — (אַזוי האָט ער גערופן די אַקטיאָרן) — מיר שפּילן היינט! — האָט אַזאַרך אויסגערופן מיט טריאומף. און מען האָט טאַקע געשפּילט.

אַ צווייטער עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט אינעם זעלביקן סקידל. אַזאַרך האָט אין אַ צייט אַרום אַראָפּגעבראַכט פון גראָדנע קיין סקידל אייזיק סאַמבערגן מיט זיין טרופּע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען מרים אָרלעסקאַ, העלענע גאָטליב און שעפּטל זאַק. דאָס איז געווען אין יאָר

1938. פּוילן איז דאַן איבערגעפאַלן טשעכאָסלאָוואַקאַי און באַזעצט די גרענעץ־געביטן.

דער גראָדנער סטאַראָסטע, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט סקידל, האָט באַין אופן נישט געוואָלט דערלאָזן צו שפּילן יידיש טעאַטער. ער האָט, משמעות, געהאַלטן, אַז אַ יידישע פאָרשטעלונג קען, הלילה, שאַדן ברענגען דער פּוילישער מלוכה אינעם אָנפאַל קעגן טשעכאָסלאָוואַקאַי...

אָבער אַזאַרך איז אויך געווען נישט קיין קליינער „פּאָליטיקער". ער האָט דעם סטאַראָסטע אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז צוליב דער אינטער־נאַציאָנאַלער לאַגע איז גאָר נויטיק צו שפּילן יידיש טעאַטער. מען טאָר אויך נישט באַווייזן, — האָט ער אויפגעקלערט דעם סטאַראָסטע — אַז פּוילן האָט מורא פאַר טשעכאָסלאָוואַקאַי און דערמיט שאַפן אַ שלעכטע שטימונג אין לאַנד...

אַזאַרכס „איבערצייגנדיקע" אַרגומענטן זענען דעם סטאַראָסטע, אפנים, אַריין אין אויער. עס האָט אים אָבער פאַרט נישט געפּאַסט נאָכ־צוגעבן אַ ייִד, און דערצו — אַ ייִד, וואָס קען ריכטיק נישט אויסרעדן קיין צוויי פּוילישע ווערטער. איז דעם סטאַראָסטע איינגעפאַלן אַ „געניאַ־לער" געדאַנק: ער וועט אַזאַרכן געבן די דערלויבעניש, אויב די פאָרשטע־לונג וועט זיך אָנהויבן פּינקטלעך 6 אַזייגער נאָכמיטאָג...

פאַרוואָס עפּעס 6 אַזייגער, האָט מסתמא געוווּסט נאָר דער סטאַראָסטע פון גראָדנע. מילא, נישט געווען קיין אַנדער ברירה און אַזאַרך האָט געמוזט אויף דעם מסכים זיין. אַ טריאומפירנדיקער איז ער צוריקגעקומען צו די אַקטיאָרן, אַ צי געטון מיט די פינגער די נאָז — פון קיין טיכל צו דער נאָז האָט ער נישט געהאַלטן, — פאַרריבן די הענט, ווי עס איז געווען זיין טבע, און אויסגערופן:

— קינדערלעך, מיר שפּילן אין סקידל, ביי אַזאַרכן וועט דער סטאַ־ראָסטע נישט זיין קיין שטאַרקער...

דער אַנסאַמבל, מיט אייזיק סאַמבערגן בראש, איז אָנגעקומען קיין סקידל. די פאָרשטעלונג האָט געזאָלט פאָרקומען דעם צווייטן טאָג ראש השנה. מען איז אַוועק אין טעאַטער־זאַל (אין דער שאַפע פון די פייער־לעשער) און געוואַרט אויפן עולם. פּינקטלעך צו דער מינוט: 6 אַזייגער, האָט זיך באַוויזן אין טעאַטער דער קאָמענדאַנט פון דער סקידלער פּאָליציי

און געפאָדערט פון אַזאַרכן, מען זאָל גלייך אָנהויבן די פאָרשטעלונג. אַזאַרך האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן דעם קאָמענדאַנט, אַז ס'איז אומ־מעגלעך אָנצוהויבן 6 אַזייגער, ווייל דער גאַנצער עולם איז נאָך אויפן יום־טובדיקן שפּאַציר. ווי אַזוי וועט מען קענען שפּילן, אַז קיין איין מענטש איז נאָך נישטאָ אין זאַל?! דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס: מען מוז אָנהויבן זעקס אַזייגער. אַזאַ באַפעל האָט ער פונעם סטאַראָסטע. אויב נישט, וועט ער זיין געצוווּנגען צו שליסן דעם „טעאַטער־זאַל".

זעענדיק, אַז עס איז ביטער, האָט זיך אָבער אַזאַרך אויך אין דעם מאָמענט נישט פאַרלוירן. ער האָט פאַרזיכערט דעם קאָמענדאַנט, אַז אָט הויבט מען שוין אָן. ער האָט אַ צי געטון מיט די פינגער די נאָז, פאַר־ריבן די הענט, און אויסגערופן:

— קינדערלעך, מיר הויבן אָן...

סאַמבערג איז אַרויף אויף דער בינע און רעציטירט „אָפּגעגעבן ברויט", דערנאָך האָט זאַק געגעבן אַ רעציטאַציע „הענט", און איידער נאָך אָרלעסקאַ האָט געדאַרפט מאַכן איר נומער, איז דער פּאָליציי־קאָ־מענדאַנט אויפגעשטאַנען, — אַגב איז ער געווען דער איינציקער גאַסט אין זאַל — באַדאַנקט די אַרטיסטן און געמאָלדן:

— איצט, פּאַנאָוויע, זענט איר אין אָרדענונג...

ער האָט זיך געזעגנט מיטן דירעקטאָר אַזאַרך און ער איז אַוועק. ווי נאָר דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט פאַרלאָזט דעם זאַל, האָט אַזאַרך, אַ שטראַלנדיקער פון פרייד, פאַרבעטן דעם גאַנצן טעאַטער־אַנסאַמבל אין דער אכסניה אויף וועטשערע. אַ צופרידענער האָט ער זיך געריבן די הענט און געזאָגט:

— זעט איר, קינדערלעך, אַזאַרך האָט געוווּנען די מלחמה צווישן פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי אָן בלוט־פאַרגיסונג...

די פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אַן אויספאַרקויפטן זאַל, האָט זיך אָנגעהויבן אָנשטאָט זעקס אַזייגער, ווי עס איז געווען אין דער דערלויבעניש, פּינקטלעך ...11 אַזייגער ביינאַכט, ווען דער סקידלער עולם איז, נאָכן וועטשערע־שפּאַציר, צוריקגעקומען פון הינטער דער שטאָט...

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד: אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן איז די וואַנדער־טרופּעס אויסגעקומען צו פאָרן פון שטעטל צו שטעטל, אין אַ סך פאַלן, מיט פערד און וואָגן, ווייל קיין באַנען אָדער אויטאָבוסן זענען אין לרוב שטעטלעך נאָך נישט דערגאַנגען. אין זייער נסיעה איבער די דערפלעך פלעגן ייִדן זיין אויסגעשטעלט אויף כוליגאַנישע אָנפאַלן מצד די דאָרטיקע פּויערים. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע כוליגאַניש־אַנטיסעמיטישע פּויערים צוויי דערפער, וואָס זענען געלעגן אויפן וועג צווישן אַמדור און גראָדנע. די פּויערים האָבן נישט דורכגע־לאָזט קיין איין ייִד, זיי זאָלן אים נישט מכבד זיין מיט שטיינער אָדער מיט קלעפּ, און אָנרייצן אויף אים די הינט.

אַזוי ווי די ייִדישע אַקטיאָרן האָבן דערפון געוווּסט, האָבן זיי פשוט מורא געהאַט פאַרבייצופאָרן די דאָזיקע דערפער. אַזאַרך האָט זיי אָבער באַרואיקט:

— זייט רואיק, קינדערלעך, ס'עט אַלץ זיין אין אָרדענונג. פאַרלאָזט זיך אויף אַזאַרכן...

וואָס האָט ער געטון? — היות אַ נאַכט פריִער האָט אַזאַרך געשפּילט אין אַ פאָרשטעלונג דעם קאָמיקער מיט אַ צעבראָכענעם צילינדער, האָט ער אים אויסגעגלייכט, אַראָפּגעריסן די באָרד, אָנגעטאָן דעם קראַוואַט האָט ער אָנגעטון אַ רויטן באַנד און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער פור, נעבן קריסטלעכן בעל־עגלה. די טרופּע זיינע האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער געבעטער פור און מען האָט זיך אין אַ מזלדיקער שעה געלאָזט פאַרטאָג אין וועג אַריין.

ווען מען איז פאַרבייגעפאָרן די כוליגאַנישע דערפער, האָט די אַק־טיאָרן באַגעגנט אַ גרויסע איבעראַשונג. די פּויערים, וואָס זענען גע־שטאַנען אויפן וועג און האָבן דערזען אויף דער פור דעם מענטש מיטן צילינדער און רויטן באַנד, האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס פאָרט עפּעס אַ פּריץ. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן פאַר אַזאַרכן זייערע שטרויענע ברייטע קאַפּעלייושן און זיך טיף פאַרנייגט פאַר אים, דעם מכלומרשטן פּריץ, באַגריסנדיק אים מיט די ווערטער:

— דאָברי דזשיען, דזשיעדזשיצו (אַ גוטן מאָרגן, פּריץ)...

אַזוי אַרום איז די טרופּע, אַ דאַנק אַזאַרכס דערפֿינדערישקייט און אָריענטאַציע, פֿאַרבייגעפֿאָרן די דערפֿער בשלום.

מיט זיין אַרומפֿאָרן מיט ייִדישע טרופּעס איבער די פּאַרוואָרפֿנסטע שטעטלעך פֿון דער ליטווישער און ווייסרוסישער פּראָווינץ, האָט יצחק אַזאַרך צוגעהאָלפֿן פֿאַרשפּרייטן דאָרט דאָס ייִדישע וואָרט און שוין מיט דעם אַליין געטון אַ פּיאָנערישע אַרבעט.

די לעצטע יאָרן פֿאַרן גרויסן חורבן איז שוין אַזאַרך מער נישט אַרויסגעפֿאָרן פֿון גראָדנע. ער איז געוואָרן דער גראָדנער שטאָט־אימפּרע־סאַריאָ. ער האָט דאָרט געאַרבעט צוזאַמען מיטן רעדאַקטאָר פֿון דער גראָד־נער ייִדישער צייטונג „גראָדנער מאָמענט", דוד בערעזאָווסקי, און צוזאַ־מען מיט אים אַראָפּגעבראַכט קיין גראָדנע די בעסטע ייִדישע טרופּעס. נישט געווען דאָרט קיין איין אונטערנעמונג וואָס זאָל נישט דורכגיין דורך דער אַזאַרך־בערעזאָווסקי אימפּרעזע. אַזאַרך איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע, ווענען עס איז נאָר אַמאָל אויסגעקומען מיט אים צו אַרבעטן. דאָס איז געווען אַ שטילער, באַשיידענער און אָרנטלעכער מענטש. ער האָט קיינעם נישט באַעוולהט און איז תּמיד גרייט געווען צו טון אַ מענטשי אַ טובה.

אין יאָר 1939, ווען די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען גראָדנע, האָט אַזאַרך איבערגענומען די אָנפֿירונג פֿון אַ „זעלבסט־טעטיקייט־קרייז" ביי דער קונסט־פֿאַרוואַלטונג און געשטעלט מיט דער גרופּע אייניקע פֿאָר־שטעלונגען.

ווען די דייטשן האָבן פֿאַרנומען די שטאָט, האָט זיך אַזאַרך דאָרט געפֿונען. עס איז אים געגאַנגען זייער שלעכט, ביז — — —

— — — ער האָט געטיילט דעם גורל פֿון אַלע גראָדנער טעאַטער־מענטשן און זייערע טויזנטער פֿאַרערער.

וול. ווײַנטרויב און א. אָסטזשעגאַ

וו. ווײַנטרויב

וול. ווײַנטרויב, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: וולאַדעק, איז געווען דער אײנציקער צווישן די קונסט־מאָלער אין פּוילן, וואָס איז געקומען צום טעאַטער מיט דער נויטיקער פאַך־קענטעניש. ניט אומזיסט איז ער געווען דער שילער פונעם באַרימטן קינסטלער לעאָ באַקסט אין פּאַריז.

אָנגעהויבן זײַן מאָלער־קאַריערע האָט ווײַנטרויב נאָך אַלס חדר־ייִנגל אין זײַן געבוירן־שטעטל לוי־וויטש — די שטאָט פון קלויסטערס און מאָלערישע טראַכטן. דאָרט האָט ער אויך אָנגעהויבן אויסצוקנעטן ליים־פיגורן, וואָס האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פּאַב־ליק און זיי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף פאַר־שיידענע קונסט־אויסשטעלונגען אין וואַרשע.

א. אָסטזשעגאַ

ווען ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין וואַרשע, איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַ־דעמיע. די פּוילישע קונסט־געזעלשאַפט האָט אים אויף איר חשבון אַוועקגעשיקט שטודירן מאָלערײַ אין פּאַ־ריז. ער האָט זיך דאָרט ספּעציאַליזירט אין מאָלן טעאַטער־דעקאָראַציעס אונטער דער פּערזענלעכער השגחה פון לעאָ באַקסט.

הגם ווײַנטרויב האָט אויך געמאָלן פּייזאַזשן, „שטיל־לעבנס“ און פּאָרטרעטן, האָט אים אָבער מער געצויגן צו דעקאָ־ראַטיווער אַרבעט. זײַנע „שטיל־לעבנס“ זענען קאָמפּאָזיציאָנעל געווען

זייער דעקאָראַטיוו און ממילא האָט עס אים פאַרלייכטערט די אַרבעט ביים טעאַטער.

זיינע דעקאָראַציעס זענען תמיד געווען צוגעפּאַסט צום סטיל און אינהאַלט פון די אויפגעפירטע פּיעסן און זענען אַזוי אַרום געווען אין איינקלאַנג מיט דער אידעע און גאַנצקייט פון דער אויפפירונג. דאָס זעלביקע — זיינע קאָסטיומען, וועלכע ער האָט געמאָלן. ער האָט זיך אויך זייער גוט פאַרשטאַנען אויף ליכט־באַלייכטונג און קיינמאָל נישט געדאַרפט אָנקומען, ווי עס איז געווען דער שטייגער ביי דער מערהייט פון זיינע טעאַטער־פאַך־קאָלעגן, צו זייטיקער הילף. ער איז געווען תמיד אינטערעסאַנט און אָריגינעל אין זיינע דעקאָראַטיווע אויפפירונגען.

אָנגעהויבן זיינע ערשטע טריט ביים יידישן טעאַטער אַלס מאָלער האָט וו. וויינטרויב אין די קליין־קונסט־בינעס פון „סמבטיון" און „אַזאַזעל", ווי אויך ביי דער „ווילנער טרופּע", ווו ער האָט געמאָלן די דעקאָראַציעס און פּראָיעקטירט קאָסטיומען צו פיל גרויסע אויפפירונגען. דאָס זעלביקע אויך צו אַ רייע אויפפירונגען פון „וויקט".

צו דער ערשטער יידישער אָפּערע פון משה בראָדערזאָן, א"נ „דוד און בת שבע" (מוזיק פון הענעך קאָן; רעזשי — דוד הערמאַן), האָט וויינטרויב אויך געמאַכט די דעקאָראַציעס און פּראָיעקטירט די קאָסטיומען. בכלל האָט וויינטרויב מיט זיינע קינסטלערישע דעקאָראַציעס אַ סך ביינעטראָגן צו הויבן דעם ניוואָ פונעם יידישן טעאַטער אין פּוילן. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך געאַרבעט אַלס דעקאָראַטאָר אין פּוילישן טעאַטער. וויינטרויב איז אויך געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט צווישן יידן". אַ חוץ דעם האָט ער אָפט געשריבן וועגן מאָלעריי און וועגן דער קונסט פון דעקאָראַציע אין טעאַטער.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך וויינטרויב כמעט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט ביים טעאַטער און פון מאָלעריי בכלל. ער האָט, צוזאַמען מיטן באַרימטן סקולפּטאָר אָסטזשעגאַ, אָנגעפירט אין וואַרשע אַ וואַרשטאַט פאַר אויספאַרטיקונג פון קינסטלערישע מצבות.

אברהם אָסטזשעגאַ, דער גרויסער יידישער סקולפּטאָר, איז געווען פון קליינעם וווּקס, מיט אַ שטענדיקן גוטמוטיקן שמייכל אויף די ליפּן.

קוקנדיק אויף אים, וואָלט קיינער נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס דאָזיקע מענטשעלע זאָל זיין אַזאַ גרויסער קינסטלער. ווען מען איז אָבער אַריינגע־קומען אין זיין אַטעליע און מען האָט דערזען די מאַסן סקולפּטורן, האָט מען דורך אַרץ געקריגן פאַר דעם קליינעם, נישט־אָנזעעוודיקן גוטמוטיקן אָסטזשעגאַן, וואָס איז געווען דער שאַפער פון דעם גרויסן בראָנדזענעם „רמב״ם״.

נאָך לערנענדיק אין דער ישיבה — געשטאַמט האָט אָסטזשעגאַ פון



וו. ווינטרויבס דעקאָראַציע און קאָסטיומען צו פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, אויפגעפירט דורך דוד הערמאַנען אין דער „ווילנער טרופּע״ אין וואַרשע.

שטעטל ראַדזימין, נעבן וואַרשע, — פלעגט ער שוין מאַכן „שניצערייען״ פון פאַרשיידענע געשטאַלטן. דאָס האָט ער איבערגענומען פון זיין פרומען טאַטן, וואָס האָט אויך געהאַט — ווי ער האָט געזאָגט — אַ שוואַכקייט צו מאָלעריי און פלעגט באַפּוצן די בתי־מדרשים מיט „שויתים״ און לייבן מיט לעמפּערטן.

ווען אברהם אָסטזשעגאַ איז אונטערגעוואַקסן, איז ער געקומען קיין וואַרשע און איז באַלד אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם קרייז פון י. ל. פּרץ, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן יונגן, באַגאַבטן סקולפּ־טאָר. מיט דער צייט איז פון דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט אַרויסגעקומען אַ גרויסע פריינטשאַפט צווישן י. ל. פּרץ און אברהם אָסטזשעגאַ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ווי פּרץ האָט געלעבט.

אָסטזשעגאַ האָט אָנגעהויבן אויסצושטעלן זיינע זאַכן אין דער וואַר־

וו. וויינטרויבס דעקאָראַציע און קאָסטיומען צו שלום אַשס „קידוש השם״, אויפגעפירט דורך מ. ווייכערט אין דער „ווילנער טרופּע״ אין וואַרשע. די גרופּע אין צענטער (פון רעכטס): העלענאַ גאָטליב, דוד ליכט, א. סאַמ־בערג, מרים אָרלעסקאַ, נעמי נאַטאַן און דוד בירנבוים (ליגט אין פאָדערגרונד).

שעווער „זאַכענטאַ״ און זיין פּאָפּולאַריטעט האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן.

אָסטזשעגאַ איז געווען צווישן די ערשטע גרינדער פון דער „געזעל־שאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט צווישן יידן״.

אָסטזשעגאַ האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע סקולפּטורן „דער

נביא״, „רמב״ם״, „מוטער און קינד״, וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין פאָדערגרונט פון די גרעסטע סקולפּטאָרן אין פּוילן.

אָבער קיין „גליקן״ האָט ער פון דעם אַלעם נישט געמאַכט. ער האָט תמיד געפירט אַ שווער לעבן. האָט ער באַשלאָסן צו זוכן זיך נאָך אַ באַ־שעפטיקונג, וואָס זאָל אים דערמעגלעכן צו קענען אויסהאַלטן זיין פרוי און טאָכטער. ער האָט זיך גענומען אויסצופּאַרטיקן קינסטלערישע מצבות און אויפן דאָזיקן געביט מוז ער פאַררעכנט ווערן ווי אַ פּיאָנער. ער האָט שטאַרק געגלויבט, אַז דורך קונסט־מצבות קען מען אויפוועקן דעם איינ־געשלאָפענעם חוש פאַר פּלאַסטישער קונסט בכלל.

אָסטזשעגאַ האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם סטיל אין דער מצבה־שטיין־קריצעריי, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין לייב ניידוסעס מצבה, וואָס ער האָט געמאַכט און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין גראָדנע. אַ מייסטערשטיק פון קונסט איז זיין „אוהל פרץ״ (פּרץ—אַנ־סקי—דינעזאָן), ווו ער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנצן שאַפערישן טאַלאַנט און נשמה.

אין די לעצטע יאָרן, פאַרן לעצטן חורבן, האָבן זיך פאַראייניקט ביידע קינסטלער: אָסטזשעגאַ און וויינטרויב און געשאַפן אַ גרויסע מצבות־קונסט־ווערקשטעל אויף דער מילנע גאַס, וואָס האָט זייער גוט פּראָס־פּערירט.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָבן די ביידע קינסטלער וויי־טער געפּרוווט אָנצוגיין מיט זייער אַרבעט. ווען עס איז אָבער איינגעפירט געוואָרן דאָס וואַרשעווער געטאָ, האָבן זיך שוין נישט געפונען קיין בעלנים אויף קונסט־מצבות און זיי האָבן, באין ברירה, פאַרוואַנדלט דעם גרויסן גאָרטן, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, אין אַ קאַפע, וועלכן מען האָט אָנגערופן: „אַרטיסטן־גאָרטן״. די אונטערנעמער, אייגנטימער און באַדינער אין דעם קאַפע־גאָרטן זענען געווען די קינסטלער־מאָלער, וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ און זיך גרופּירט אַרום אָסטזשעגאַ־וויינטרויב.

בעת די „אויסזידלונגען״ פון די אַזוי גערופענע „אומנוצלעכע ייִדן״, איז די מצבה־ווערקשטעל פון אָסטזשעגאַ־וויינטרויב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „נוצלעכע״ אונטערנעמונג — אין אַ וואַרשטאַט פאַר אויסאַרבעטונג פון מעטאַל־רייניקונג־פּולווער און פאַר שטיינער אויף צו שלייפן מעסערס.

פאַר ייִדישע וואַרשטאַטן, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן „שאָפּן״, האָבן

די דייטשן קיין רוישטאָפּן נישט צוגעשטעלט. אַזוי לאַנג ווי די „שאָפּן" האָבן געקענט פּראָדוצירן פון אייגענע רוישטאָפּן, זענען זייערע „לעבנס־רעכט־קאַרטן" פאַרלענגערט געוואָרן. יעדער „שאָפּ" האָט זיך דעריבער באַמיט צו פאַרשאַפן וואָס מער רוישטאָפּן, כדי אַזוי אַרום, ווי מען האָט נאָך נאַאיוו געגלויבט, צו פאַרלענגערן זיך דאָס לעבן.

דער „שאָפּ" פון אָסטזשעגאַ־ווײַנטרויב און זייערע חברים האָבן אין דעם פּרט קיין מאַנגל נישט געהאַט. די טייערסטע איטאַליענישע שטיינער און מאַרמאָרן, וואָס פלעגן פריִער דינען פאַר אויסאַרבעטונג פון קונסט־מצבות, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „נוצלעכער" פּראָדוקציע פאַר רוצחישע דייטשישע מעסערס.

קיין רוישטאָפּן פאַר דער „מענטשהייט נוצלעכער פּראָדוקציע" וואָלט אָסטזשעגאַ־ווײַנטרויבס וואַרשטאַט נישט געווען פאַרפעלט ביזן סוף פון דער מלחמה, ווען נישט דער איבעראַשנדיקער איבערפאַל פון דער „ס. ס. פאַניכטונגס־קאָמאַנדע", וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צום קאַפּיטל „יידישע קונסט־מאָלער און סקולפּטאָרן אין פוילן".

סוף חודש סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון זייער אַרבעט־וואַרשטאַט אויף דער מילנע גאַס די קינסטלער אברהם אָסטזשעגאַ, וול. ווײַנטרויב, דעם יינגערן טרעמבאַטש, פינקעלשטיינען, עליאָוויטשן, יוסף שליוויאַק, ראָמאַן ראָזענטאַל, וועלטשער־שווייגער, ראַבינאָוויטשן, טראַכטערן, טיקאָטשינסקין, צינאַ, לעווין — און צו זיי פאַראייניקט די גרופּע „נוצלעכע יידן" פון די אַנדערע „שאָפּן" פון דער מילנע גאַס — די אַקטיאָרן, מוזיקער, רעזשיסאָרן, אימפּרעסאַריאָס. מען האָט זיי אַלע אינאיינעם צונויפגענומען און אָפּגעפירט גלייך צו די וואַגאָנען אויפן „אומשלאַגפּלאַץ"...

די פּראָצעסיע פון די אָוועקגעפירטע — פון די, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די יידישע קונסט־וועלט אין פוילן, איז געווען אַ שוידערלעכע. זי האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך וועל דאָס דאָזיקע בילד קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דער קליינער אָסטזשעגאַ, וואָס האָט אויסגעזען נאָך קלענער, איז געגאַנגען נעבן זיין שותף און חבר ווײַנטרויב. דאָס גוטמוטיקע שמייכעלע האָט אָסטזשעגאַן נישט פאַרלאָזט אַפילו אין די טרויעריקסטע פאַר אים

שעהן. ווייַנטרייב איז געווען ווייס ווי די וואַנט און שטאַרק פאַרזאָרגט. מסתמא געטראַכט וועגן גורל פון זיין יונגער פרוי און זייער אייניאָריק קינד, וואָס זייַנען געבליבן פאַרשטעקט אויף דער מילנע גאַס.

הינטער זיי איז געגאַנגען דער קונסט-מאָלער יוסף שליווניאַק, דער פאַרמלחמהדיקער דעקאָראַטאָר פונעם ייִדישן טעאַטער. ער איז געווען אָנגעטון אין זיין ווייסן אַרבעט-כאַלאַט. שליווניאַק האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און מאַכן מאָדנע העויות מיט די הענט. ער איז שוין אַ לענגערע צייט נישט געווען ביים קלאָרן זינען, נאָך דער טראַגעדיע וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען די דייטשן האָבן דערשאָסן זיין איינציקן זון. דער מאָלער און קאָמפּאָזיטאָר ראָמאַן ראָזענטאַל, וואָס איז געגאַנגען נעבן אים, האָט זיך באַמיט אים צו באַרואיקן. די איבעריקע קינסטלער זענען געגאַנגען פאַרמאַכט אין זיך, פאַרטון אין זייערע אייגענע שווערע מחשבות...

קיין פרויען זענען אין דער גרופּע קינסטלער-מאָלער, אויסער דער מאָלערין וועלטשער-שווייגער, נישט געווען. פרויען האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט קיין רעכט צום לעבן. די, וואָס זענען איבערגעבליבן נאָך דער ערשטער „אַקציע", האָבן זיך שוין געמוזט אויסבאַהאַלטן.

מיין פרוי און איך זענען דעמאָלט געווען פאַרשטעקט אין איינער פון די חורבות אויף דער זאַמענהאָף גאַס און פון דאָרט האָב איך זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער שרעקלעכער פּראָצעסיע — צום טויטן-מאַרש פון מיינע טייערע חברים.

ווען מיר זענען פאַרנאַכט צוריקגעקומען אויף דער מילנע גאַס, האָבן מיר געטראָפן אַרומלויפן ווי אַ וואַנזיניקע ווייַנטרויבס פרוי, די יונגע אַקטריסע רעגינאַ הערצליך מיטן קינד אויף דער האַנט. דאָס קינד האָט געהאַט שטאַרקע היץ. זי איז מיטן קינד געווען באַהאַלטן הינטער אַ שאַנק. ווי נאָר מען האָט די קינסטלער-גרופּע אַרויסגעפירט פון דער מילנע גאַס, איז רעגינאַ הערצליך אַראָפּגעלאָפן מיטן קראַנקן קינד אויף דער גאַס. זי האָט באַקומען אַ ספּאַזמאַטישן אַנפאַל. ס'איז אוממעגלעך געווען זי צו באַרואיקן. ווען זי האָט אונדז דערזען, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען פאַרוואָס מיר האָבן איר נישט צוריקגעבראַכט איר מאַן. פּלוצלונג איז זי פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי איז מיטן קינד אויף דער האַנט אָוועקגע-

לאָפּן ראַטעווען איר מאַן. מער איז זי שוין נישט צוריקגעקומען. זי האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע „אַוועקגעפירטע“.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז צו מיר געקומען די פרוי פונעם קינסטלער ראָמאַן ראָזענטאַל, — די באַקאַנטע פּיאַניסטין סטעפאַניאַ פעלטענס. זי איז נישט געווען ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. זי האָט געבראַכט מיט זיך די לעצטע געטאָ־בילדער פון ראָזענטאַלן. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל זיי נעמען צו זיך. די אָרעמע פרוי איז געווען געשוואָלן פון הונגער. אָסטזשעגאָס פרוי און טאָכטער האָב איך אין אַ צייט אַרום געטראָפן אין „יודענראַט“. אָסטזשעגאָס טאָכטער איז געווען אַ באַגאַבטע דיכטערין. אויך זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון זייער פאָטער. זיי זענען אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד.

***

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, בין איך אַוועק אויף דער מילנע גאַס. צווישן די חורבות פון דער אַמאָליקער מילנע, צווישן די ציגל, שטיינער און מיסט, ביים אַריינגאַנג פונעם געוועזענעם „אַרטיסטן־גאָרטן“, האָב איך געפונען אַן אויסגעבלאַקטן בלאַט נאָטן, מיטן טעקסט פון ע. שלעכטער „איך דאַנק דיר פאַר אַלעם“.

אויפן אָרט, וווּ עס איז אַמאָל געווען דער קונסט־מצבה־וואַרשטאַט פון די קינסטלער אָסטזשעגאָ און ווײַנטרויב און זייערע חברים, האָבן זיך געוואַלגערט אַ פּאָר צעהאַקטע מצבות פון טייערן מאַרמאָר־שטיין. אויף איין שטיין איז געווען אויסגעקריצט פאָלגנדיקער טעקסט: „גלייך ווי ס'וואָלט קיינמאָל קיינער נישט געווען, אַזוי פיל איז אומגעקומען“... ווי סימבאָליש דאָס האָט געקלונגען...

דאָס איז אַלץ, וואָס איז נאָך זיי געבליבן אויף דער מילנע גאַס.

יאשא גלעזער

ווייזט אויס, אַז נישט אַלעמאָל קען גילטן דאָס פֿאָלקס־ווערטל: אַ סך מלאכות — ווייניק ברכות.

איך מיין עס אַנטקעגן יאַשאַ גלעזער פֿון קאָוונע. דער דאָזיקער אַלזייטיק־באַגאַבטער מענטש האָט געהערט צו די קליינע אויסנאַמען, וואָס האָבן באַזעסן אַ סך מלאכות און זיך אויסגעצייכנט אין זיי אַלע מיט נישט־דורכשניטלעכקייט. יאַשאַ גלעזער, דער אַלזייטיק־געבילדעטער און ביז־גאָר באַגאַבטער מענטש, פֿון אַ הויכער קולטור, איז געווען אַ מין אוניקאַט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד און נאָך אַלס קינד איז ער געקומען מיט זיינע עלטערן קיין ריגע (לעטלאַנד), ווו זיי האָבן זיך באַזעצט. פֿון זיינע קינדער־יאָרן־אָן האָט יאַשאַ אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ניי־גונג און פֿאַראינטערעסירונג צו מאַטעמאַטיק, מוזיק און געזאַנג (ער האָט געהאַט אַ שיינע שטים) און אויף די אַלע געביטן זיך אויסגעצייכנט ממש מיט גאוניש̥ע פֿעאיקייטן. מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ וווּנדער־קינד און מיט שפּאַנונג האָט מען נאָכגעפֿאָלגט זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

יאַשאַ גלעזער האָט פֿאַרגעזעצט זיין בילדונג. ער האָט געענדיקט אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטל: דאָקטער כעמיע. ער איז, אַגב, דער מחבר פֿון אַ ריי וויסנשאַפֿטלעכע ווערק, וואָס זענען אַרויס אין דרוק. גלייכצייטיק האָט ער געענדיקט די מלוכה־קאָנסערוואַטאָריע אַלס אַלזייטיקער מוזיקער: קאָמפּאָזיטאָר, אָרקעסטראַטאָר, דיריגענט און אויך אַלס זינגער. ער איז געווען אַ געשולטער באַס־באַריטאָן. געשפּילט האָט ער אויף אַלע אינסטרומענטן. ער האָט אויך געלערנט אין אַ דראַמאַטישער שול.

מחוץ לזה האָט ער זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן פאַרשיידענע שפּיל־אינסטרומענטן. צווישן אַנדערע האָט ער דערפונדן אַ נייעם פידל־אינסטרומענט מיט אַכט סטרונעס, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען אין דער מוזיק־וועלט. ער האָט אויך געשאַפן „באַנדזשאָס" מיט טראָמ־פייטן, אַ באַס און אַ מיניאַטור־טשעלאָ, וואָס איז געווען גרויס, ווי אומגע־פער דריי פעקלעך פּאַפּיראָסן און מען האָט עס געקענט האַלטן אין קע־שענע. מען האָט דעם אינסטרומענט אַ נאָמען געגעבן „קימפּעט־טשעלאָ".

יאַשאַ גלעזער איז אויך געווען סצעניש באַגאַבט, סיי אַלס אַקטיאָר, סיי אַלס רעזשיסאָר. אויף דעם אָפּשניט האָט ער געאַרבעט איניקע יאָר אין פאַרשיידענע טעאַטערס. אַנהייב פון די דרייסיקער יאָרן האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיטן יידישן טעאַטער. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין רו־מעניע, ווו ער האָט געאַרבעט ביי יעקב שטערנבערגן.

זייענדיק אין רומעניע האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונגער יידישער שוישפּילערין. זיי האָבן געהאַט אַ מיידעלע, וואָס האָט אויך אַרויסגעוויזן נישט־דורכשניטלעכע מוזיקאַלישע פעאיקייטן. עסינקע — האָט זי געהייסן. זי איז געווען גוראָטן אין טאַטן מיט אַלע פּיטשעווקעס. זי האָט געשפּילט פּיאַנאָ און פידל. אויך עסינקען האָט מען פאַרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט.

צוריקקומענדיק פון רומעניע, האָט יאַשאַ גלעזער געשפּילט אַלס אַקטיאָר איר ריגע, דערנאָך איז ער געקומען קיין קאָוונע, ווו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער תושב.

אַנהויב 1933 האָט ער געגרינדעט די ערשטע יידישע עקספּערימענ־טאַלע סטודיע אין קאָוונע, וואָס האָט מיט אירע ערשטע אויפפירונגען אַרויסגערופן גרויס אויפזען. אַרום דער סטודיע האָבן זיך גרופּירט אַ ריי יונגע טאַלאַנטירטע כוחות, אויף וועלכע יאַשאַ גלעזער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן איינפלוס. אַלע זיינע סטודיאַנטן האָבן, פּונקט אַזוי ווי ער אַליין, זיך באַצויגן צו זייער טעאַטער־אַרבעט מיטן גרעסטן יראת הכבוד.

אויסער דער פּראַקטישער אַרבעט, וואָס יאַשאַ גלעזער האָט געפירט אין דער דאָזיקער סטודיע, וועלכע ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ מין טעאַ־טער־לאַבאָראַטאָריע, האָט ער אויך צוגעגרייט זיינע סטודיאַנטן טעאָרע־

טיש. ער אַליין האָט אָנגעפירט מיט די קלאַסן פון טעאַטער־שפּיל, מוזיק און שטים־בילדונג; לעקציעס וועגן טעאַטער, ליטעראַטור און געשיכטע האָבן געהאַלטן די פּעדאַגאָגן העלענע כאַצקעלעס און ליוסיא מוזיקאַנט; ריטמיק און פּלאַסטיק — די שוישפּילערין און טענצערין ראָזאַ אַלשאַנס־קאַיאַ; קאָסטיומאָלאָגיע און דעקאָראַטיווע קונסט — דער מאָלער־גראַפיקער ח. נ. פיינשטיין און א. שענקער.

פון דער דאָזיקער סטודיאַנטן־גרופּע האָבן זיך מיט דער צייט אויס־געשיילט אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אייניקע ביז־גאָר באַגאַבטע מענטשן. דעם אויבן־אָן האָבן פאַר־נומען: יצחק קלוטש, רחל אַנטיפּוצקי, ראַכי בערמאַן, יעקב לאָזדאָן, משה פּאָפּיאַנסקי, לאה ניימאַרק, פייגע האַנטווערקער, שמואל סאַקער, י. בלאָך, שרה פילאָווניק, ליובאַ גראַזני, חיים גלאַז, בערל שניידער, רייע בערמאַן, עסי קאַץ, משה שערמאַן, חיה זילבערצווייג, יחזקאל קאַפּלאַן, יעקב גאָלד־בערג, מינע גאָלדבערג, משה נאַפּטאַלאָוויטש, לייב גורוויטש, נח פריי־זינגער און חיים פרייזינגער.

אַלע פּיעסן האָט יאַשאַ גלעזער אַליין אינסצעניזירט, רעזשיסירט, קאָמפּאָנירט און אַראַנזשירט די מוזיק, דיריגירט מיטן אָרקעסטער און אויך צוגעגרייט די סקיצן פאַר די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. אין דער מוזיק האָט יאַשאַ גלעזער אַריינגעבראַכט אַן אייגנאַרטיקן טאָן און נוסח, אַ סימ־פּאָניע פון קלאַנג־עלעמענטן, אַרויסגעבראַכט אויף אַן אולטראַ־מאָדערני־זירטן אופן.

בעת איך בין, אין סעזאָן 1936, געווען דער רעזשיסאָר פון ראַשעל בערגערס טעאַטער אין קאָוונע, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דעם זעלטן־באַגאַבטן — נאָך גאָר יונגן מענטש — יאַשאַ גלעזער. דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַ באַהעמיער אין בעסטן זין פון וואָרט. איך האָב געזען זיין אינטערעסאַנטע אַרבעט אין דער סטודיע. איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער קען געווינען אין אים אַ נישט־אָפּשאַצבאַרע קראַפט. האָב איך אים טאַקע צוגערעדט, אַריינצו־טרעטן אינעם טעאַטער, ווו איך האָב געאַרבעט. ליידער איז עס שוין געווען קורץ פאַר מיין פאַרלאָזן קאָוונע. עס איז מיר אויסגעקומען מיטצו־אַרבעטן מיט אים אין טעאַטער אַ גאַנץ קורצע צייט.

זיין גרויסע ליבשאַפט צום טעאַטער און צו מוזיק האָט אים אויף אַ צייט אָפּגעריסן פון זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויפן געביט פון כעמיע.

אָפט האָב איך פאַרבראַכט מיט גלעזערן אין אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן יידיש־טעאַטער און וועגן טעאַטער בכלל. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין דער יידישער־ און אַלוועלטלעכער־ליטעראַטור, הגם אין דער יידישער שפּראַך האָט ער אַ ביסל „אונטערגעהונקען" און ס׳איז אים (יעדנפאַלס — אין יענע יאָרן) שווער אָנגעקומען זיך אויסצודריקן אין דער יידישער שפּראַך. ער האָט יידיש זייער ליב געהאַט, אָבער ער האָט זיך בעסער אויסגעלעבט און, אַזוי צו זאָגן, קלאָרער אַרויסגעבראַכט זיינע געדאַנקען אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס איז אים געווען אַ סך נענטער.

פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט זיך באַהאַפטן מיט יידיש טעאַטער, איז ער אים געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. ער האָט געפירט אַ צילבאַוווסטן, אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער.

ביי דעם אַלעם איז גלעזער געווען זייער אַ באַשיידענער, אוממיטל־באַרער און האַרציקער מענטש. ער האָט געהאַט אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר און ס׳איז געווען אָן אמת פאַרגעניגן צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט.

בעת ער האָט געאַרבעט אין ראַשעל בערגערס פאָלקס־טעאַטער איז ער נאָר געווען טעטיק אַלס שוישפּילער און ער האָט נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוווייזן זיינע מעגלעכקייטן אַלס רעזשיסאָר־אינסצע־ניזאַטאָר. גלייכצייטיק האָט ער אָבער ווייטער געאַרבעט אין זיין טעאַטער־סטודיע, וועלכע ער האָט פאַרנאַכלעסיקט און ווו ער איז אויך ווייטער געווען פּראָדוקטיוו, ביז — —

— — די מלחמה איז אויסגעבראָכן און זיין שאַפערישע טעאַטער־אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן. אַזוי לאַנג ווי די סאָוויעטישע מאַכט איז געווען אין ליטע, האָט ער זיך מער מיט טעאַטער־אַרבעט נישט אָפּ־געגעבן. ער איז מאָביליזירט געוואָרן אַלס כעמיקער און מען האָט אים באַשטימט אַלס הויפּט־כעמיקער פון אַ גרויסער מלוכה־פאַבריק אין קאָוונע.

סוף יאָר 1939 האָט יאַשאַ גלעזער דערפונדן אַ כעמישן פּרעפּאַראַט, זייער אַ ווירקזאַמען מיטל, קעגן אינזעקטן.

ווען די „נאַציס" האָבן פאַרכאַפּט קאָוונע איז יאַשאַ גלעזער מיט זיין פרוי און טעכטערל געווען אין געטאָ. ער האָט דורכגעמאַכט זייער שווערע צייטן: ממש געליטן הונגער און נויט.

איינער פון זיינע געוועזענע סטודיאַנטן און נאָענטסטער פריינט, דער געראָטעוועטער יידישער שוישפּילער פון קאָוונע — ראַכי בערמאַן, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַפילו אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, אין וועלכע גלעזער האָט זיך געפונען אין קאָוונער געטאָ, האָט ער נישט פאַרלוירן זיין גוטן הומאָר און אָפּטימיזם. בערמאַן האָט מיר צוו. אַנד. דערציילט פאָלגנדיקן טרויעריקן עפּיזאָד:

— „דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1941. דער הונגער אין געטאָ איז געווען זייער גרויס. האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי מיין מוטער אין אַ קליין צימערל די שוישפּילערס סאָפּיאַ ערדי, משה קופּריץ, דוד לעווין, איך און מיין פרוי (אַנטיפּוצקי). מיין מוטער האָט אָפּגעקאָכט אַ פּאָר פּאָמידאָרן אין זאַלץ־וואַסער און מיט דער „זופּקע" מכבד געווען די גאַנצע געזעלשאַפט. נאָך דעם מאָלצייט האָט יאַשאַ גלעזער אַרויסגענומען פון קעשענע זיין „קימפּעט־טשעלאָ" און אונדז פאַרגעשפּילט „ציגיינער־וויזע". אַלע זענען מיר געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צו די פלעצער, הערנדיק אים שפּילן אויף זיין אייגענעם דערפונדענעם מיניאַטור־אינסטרומענט. דאָס זענען געווען מינוטן, וואָס לאָזן זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן"...

אין יאָר 1942 איז יאַשאַ גלעזער, וואָס איז דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פערציק יאָר, אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן.

בעת דער ערשטער גרעסערער „אַקציע" אין קאָוונער געטאָ איז ער, צוזאַמען מיט זיין הייס־געליבט טעכטערל, די ביז־גאָר באַגאַבטע עסינקע, ד'ערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אויפן „9טן פאָרט".

זיין פרוי, אַלטע גלעזער, האָט זיך פון דער דאָזיקער „אַקציע" באַוויזן אַרויסצוראַטעווען. אָבער אין אַ האַלב יאָר אַרום איז זי אויך אָוועקגעפירט געוואָרן אויפן „9טן פאָרט" און דאָרט געטיילט דעם גורל פון איר מאַן און טעכטערל.

מיט יאַשאַ גלעזערן האָט די יידישע טעאַטער־קולטור אָנגעווירן איינעם פון די געציילטע אַלזייטיק־באַגאַבטע מענטשן.

ד״ר יעקב וויגאדסקי

איך וואָלט, מיין איך, באַגאַנ־
גען די גרעסטע עוולה, ווען איך
זאָל נישט אַריינגעמען אין מיין
בוך די ליכטיקע געשטאַלט פו־
נעם קדוש ד״ר יעקב וויגאָדסקי
פון ווילנע.

אַ מנהיג אין שענסטן זין פון
וואָרט, וואָס האָט זיין לעבן
אַוועקגעגעבן לטובת הכלל.
צווישן אַלע זיינע אַלגעמיינע
פאַראינטערעסירונגען האָט גאָר
אַ חשוב אָרט פאַרנומען זיין באַ־
ציִאונג צום ייִדישן טעאַטער. ער
איז געווען אַ ממש פאַנאַטישער
אָנהענגער פונעם בעסערן ייִדישן
טעאַטער. די דאָזיקע באַציִאונג
איז געקומען צום אויסדרוק נישט
נאָר אין ווערטער, נאָר אין
מעשים; מעשים, וואָס האָבן דערפירט צו דער אַנטשטייאונג פון איינעם פון
די בעסטע ייִדישע טעאַטערס, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז
לויט זיין איניציאַטיוו געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע די ערשטע ייִדישע

טעאַטער־געזעלשאַפט א״נ „פֿריינט פֿונעם יידישן טעאַטער״, אַרום וועל־כער עס האָבן זיך גרופּירט אַזעלכע אָנגעזעענע יידישע קולטור־געזעלשאַפט־לעכע כוחות, ווי ד״ר צמח באַשאַד, ד״ר מיכאַל זשיטלאָווסקי (אַ ברודער פֿון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי), מענדל עלקין, הירש אַבראַמאָוויטש, זלמן רייזען, באָריס קלעצקין, ד״ר י. ראַפּעס, באָריס טורגעל, מיכאַל שור, הירש מאַץ, י. אַראָנאָוויטש, א״אַ. ד״ר יעקב וויגאָדסקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט. אַ דאַנק טאַקע דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט איז אַנטשטאַנען די שפּעטער־באַרימט־געוואָרענע „ווילנער טרופּע״, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם נוסח אין יידישן טעאַטער.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט ד״ר יעקב וויגאָדסקי — אין יאָר 1920. ווילנע האָט דעמאָלט געהערט צו דער ליט־ווישער מלוכה. איך האָב זיך געפֿונען אין דער טרופּע פֿון אסתר רחל קאַמינסקי. מיר האָבן געשפּילט אין מינסק (ווייס־רוסלאַנד) און זיך באַמיט צו קומען קיין ווילנע. די ליטווישע מאַכט האָט אונדז אָבער, אַלס פּוילישע בירגער, נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש צו קומען קיין ווילנע.

אסתר רחל קאַמינסקי האָט וועגן דעם געשריבן צו איר אַלטן פֿריינט און פּאַרערער ד״ר וויגאָדסקי. ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. דער ווילנער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז צו יענער צייט געווען דער באַ־קאַנטער יידישער געזעלשאַפֿטלעכער טוער ראָזאָווסקי, וועלכער האָט אויך מיטגעהאָלפֿן אונדזער טרופּע צו קומען קיין ווילנע. ס׳האָט לאַנג נישט־געדויערט, און ד״ר וויגאָדסקי האָט אונדז צוגעשיקט אַן אָפֿיציעלע דער־לויבעניש פֿון דער ליטווישער מאַכט, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט אַריינצוקומען קיין ווילנע.

ד״ר וויגאָדסקי האָט אונדז אין ווילנע שטאַרק מקרב געווען און אונדז אַרויסגעוויזן, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַ סך וואַרעמקייט. עס איז באמת געווען אַ גרויסער נחת־רוח צו פֿאַרברענגען אין זיין הויז, אין זיין און זיין ליבער פֿרויס געזעלשאַפֿט. דאָס איז געווען אַן אָפֿן און גאַסטפֿריינטלעך הויז, פֿון וועלכן מען איז אַרויס דערמוטיקט און געשטאַרקט.

ד״ר וויגאָדסקי האָט מיט שטאָלץ גערעדט וועגן זיין טאָכטער, וועלכע האָט געלעבט אין מאָסקווע. זי איז געווען אַן אָנגעזעענע רוסישע דראַמאַ־

טורגין און אָנפירערין פון אַ קינדער־טעאַטער. ער האָט נאָר באַדויערט, וואָס ער קאָן נישט זען די פרוכט פון איר אַרבעט. ער האָט זי שוין מער קיינמאָל נישט געזען.

ד״ר וויגאָדסקי האָט זייער אַ סך געשריבן וועגן יידישן טעאַטער. מיט זיינע אַרטיקלען האָט זיך די טעאַטער־וועלט שטאַרק גערעכנט.

דעם 22טן יולי 1941 האָבן די בלוט־דורשטיקע דייטשישע האָרדעס פאַרנומען ירושלים ד׳ליטאַ. צווישן די אַנגעזעענסטע ווילנער יידישע געזעלשאַפטלעכע־ און קולטור־טוער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ „יודנראַט״. ד״ר יעקב וויגאָדסקי האָט געהאַלטן, אַז אויך ער, נישט געקוקט אויף זיין הויכן עלטער, טאָר זיך נישט אָפּזאָגן אַנצונעמען דעם אַחריותפולן אַמט. ער האָט זיכער געוווסט, אַז איצט איז זיין גורל געחתמעט.

ד״ר וויגאָדסקי האָט דאָך אָבער זיין גאַנץ לעבן מסירת־נפשדיק געקעמפט פאַר יושר און גערעכטיקייט, פאַרן יידישן און מענטשלעכן כבוד, — טאָ ווי האָט ער זיך איצט, אין די גורלדיקע שעהן, וואָס עס קומט אויס איבערצולעבן זיין יידישע ווילנע — דאָס וויגעלע פון ליטווישער למדות, פון השכלה און פון יידיש־שפרודלדיק לעבן, — געקענט אַוועקשטעלן אין אַ זייט מיט פאַרלייגטע הענט?!... און ווי אַ געטרייער סאָלדאַט האָט ער זיך געשטעלט צו דינסט פון זיין פאָלק.

וועגן ד״ר יעקב וויגאָדסקיס לעצטע טעג שרייבט אַברהם סוצקעווער אין זיין בוך „ווילנער געטאָ״.

„ווי נאָר עס זענען אַריין אין ווילנע די דייטשן, האָט נאָך געפּרווט אָנגורטן זיינע כוחות דער אַלטער ווילנער כלל־טוער, דער געוועזענער פאָרזיצער פון דער ווילנער יידישער קהילה ד״ר יעקב וויגאָדסקי.

„צו 85 יאָר איז אים באַשערט געווען צו זען דעם האַקנקרייץ איבער זיין היימשטאָט. ער איז שוין געווען קראַנק, קוים וואָס געגאַנגען. ווען די נייע מאַכטהאָבער האָבן אָנגעהויבן זייער מאָרד איבער דער יידישער באַפעלקערונג, זענען צענדליקער און הונדערטער מענטשן געלאָפן צו וויגאָדסקין. ביי דעם האָט מען אַוועקגערויבט אַ זון, ביי יענעם — אַ טאַטן, זאָל ער ווי אַלעמאָל זיי העלפן, זיי ראַטעווען.

„דער קראַנקער וויגאָדסקי האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, אָנגעטון זיינע שוואַרצע קליידער מיט די אָקאָרשט אָנגענייטע לאַטעס, גענומען אַ שטעקן און אַוועק צום רעפערענט. פאַר יידישע ענינים מורער אָפּצושרייען די גזירות. דער שטורמיסט ביי דער טיר האָט אים נישט אַריינגעלאָזט. געהייסן וואַרטן אויף די טרעפּ. אין אַ שעה אַרום איז אַרויסגעקומען מורער.

יאָנאָס טורקאָוו

„דער זקן איז צוגעגאַנגען נענטער, זיך פאַרגעשטעלט ווער ער איז און דערציילט דעם נייעם הערשער וועגן די גרויסע עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטון לגבי די יידן. מורער האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט. ווען דער זקן האָט געענדיקט האָט ער אַרויפגעצויגן אויף דער האַנט אַ ווייסע הענטשקע און וויגאָדסקין אַראָפּגעשליידערט פון די טרעפּ.

„דער זקן האָט זיך קוים אויפגעהויבן, זיך אַרומגעווישט דאָס בלוט און מיטן ברוק, ווי אַלע יידן, אַוועקגעלאָזט זיך אַהיים. ער איז געגאַנגען דורך מיצקעוויטשאַ גאַס (אַמאָליקע געאָרגעווסקע — י. ט.). ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען עס איז אַרויס אַ געזעץ, אַז די הויפּטגאַסן זענען פאַרווערט פאַר יידן. עס איז גלייך אויסגעוואַקסן אַ כאַפּער און אים אַ נעם געטון.

„צופעליק האָט עס באַמערקט אַ נישט־יידישער פּראָפעסאָר, ער האָט אויסגעקויפט דעם זקן און אים געבראַכט אַהיים.

„פון דעמאָלט איז שוין דער אַלטער כלל־טוער נישט אַרויס פון שטוב. ביז איינמאָל איז געקומען צו זיין שטוב אַ טאַקסי. מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט און אַוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע.

„מיין פרוי האָט אים געזען אין טורמע. אַ חודש לאַנג האָט אים שווייגענבערג (דער ווילנער תליין — י. ט.) געמאַטערט. צו וויגאָדסקין אין קאַמער האָט ער אַריינגעוואָרפן מתים. די יידן אַנגעכאַפּטע פון פאַר־שיידענע פּראָוואָקאַציעס, האָבן זיך געצויגן צו דעם זקן און געמאָנט ביי אים טרייסט. וויגאָדסקי האָט געמונטערט די פאַרמשפּטע. איטלעכן האָט ער געהייסן צערייסן זיין געלט און אַריינוואַרפן אין אָפּטריט, אויך דאָס גאָלד און צירונג, כדי עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין די מערדערישע הענט. ער האָט געענדעט, מען זאָל רואיק אויפנעמען דעם טויט, אַזוי ווי אונדזערע זיידעס אויף קידוש השם״...

ער האָט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן געטרייסט און געמונטערט און אויפגעפאָדערט נישט אויסצופירן די דייטשישע באַפעלן.

ד״ר יעקב וויגאָדסקי, דער גרויסער ייד און קעמפער פאַר רעכט און יושר, דער וויסנשאַפטלער און שרייבער, דער פאַנאַטיקער פון בעסערן יידישן טעאַטער, איז צוזאַמען מיט זיינע ווילנער יידן געשטאָרבן אויף קידוש השם.

נתן און מלך רייכענבערג

לאָדזש איז נישט נאָר געווען דער גרעסטער אינדוסטריע־צענטער אין פוילן, אָדער ווי מען האָט עס גערופן — „פוילישער מאַנטשעסטער", נאָר — אויך געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אינעם ייִדישן גייסטיקן און קולטור־לעבן.

לאָדזש, די שטאָט פון אַרבעט און קאַפּיטאַל, האָט אויך הינטער זיך אַ שיינע טעאַטער־טראַדיציע. אין לאָדזש זענען געמאַכט געוואָרן ביז־גאָר אינטערעסאַנטע טעאַטער־פּרוּוון. לאָדזש האָט אפשר מער ווי אַלע אַנדערע שטעט צוגעשטעלט אַקטיאָרן פאַרן ייִדישן טעאַטער; אַקטיאָרן, וואָס זענען געקומען פון פאָלק, פון די מאַסן.

צווישן די אָנגעזעענע און ווייניקער־אָנגעזעענע ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס שטאַמען פון לאָדזש, האָבן אָבער אַלע געהאַט טעאַטער־בלוט און ליבשאַפט צום טעאַטער, וועלכע זיי האָבן שפּעטער פּראָפּאַגאַנדירט און איבערגעפלאַנצט אין אַלע שטעט און שטעטלעך, פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, — אומעטום, ווו עס איז נאָר געווען אַ ייִדישער ישוב.

נישט נאָר פון די פּילצאָליקע דראַמקרייזן און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן זיך ווערבירט די צוקונפטיקע אַקטיאָרן, נאָר אויך די פאַבריקן, אַרבעט־וואַרשטאַטן און וועבער־שטולן האָבן באַרייכערט די ייִדישע בינע.

ייִדישע אַקטיאָרן — מחוץ לאָדזש — פון פוילן און רוסלאַנד און אפילו פון אַמעריקע האָבן געהאַלטן פאַר אַ זכיה צו שפּילן אין לאָדזש און צו קריגן סמיכה פונעם לאָדזשער ייִדישן טעאַטער־עולם.

לאָדזש איז געווען די טעאַטראַלישסטע פון אַלע טעאַטער־שטעט אין פוילן. דער לאָדזשער עולם האָט ליב געהאַט טעאַטער און איז געווען מיט אים געקניפּט און געבונדן.

צווישן אַנדערע איז אין לאָדזש באַקאַנט געווען אַ הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויף וואָלבאָרסקע 36 — „כאַפּושס הויף" האָט עס געהייסן. דאָרט איז געווען אַ וועבעריי, אין וועלכער עס זענען „געגאַנגען" 200 וועב־שטולן. פון דער דאָזיקער וועבעריי האָבן זיך אָפּגעריסן אַ גאַנצע ריי וועבער, וואָס זענען אַוועק צום טעאַטער און געוואָרן באַקאַנטע ייִדישע שוישפּילערס. כאַפּושס הויף האָט אויך אַרויסגעגעבן אָנגעזעענע שרייבערס, מאָלערס, געזעלשאַפטלעכע־ און פּראָפעסיאָנעלע־טוערס.

אין כאַפּושעס הויף האָבן זיך יונגע פּאָרלעך געשווירן אייביקע ליבע, געבויט פּלענער אויף די צוקונפט. פון דאָרט האָבן זיך געטראָגן געזונטע, זאָרגלאָזע געלעכטערס; פרייד איז געזאַנג. דאָס הויז אויף וואָלבאָרסקע 36 איז געווען ווי אַ מין אָאַזע, וווּ עס האָט פּולסירט אַ ברויזנדיק, אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן.

כאַפּושס הויז פלעגן דעריבער אָפט באַזוכן יונגע ייִדישע דיכטערס און מאָלערס, וועלכע האָבן געזוכט אינספּיראַציע אין זייער שעפערישער אַרבעט. אָן אָפטער גאַסט אין כאַפּושס הויף איז אויך געווען דער נאָך דעמאָלט יונגער, ענטוזיאַסטישער זלמן זילבערצווייג. ער האָט דאָרט „געכאַפּט נשמות" צו זיינע פּאָרשטעלונגען, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין לאָדזש און אין די שטעטלעך אַרום לאָדזש. זילבערצוויג און אַנדערע אָנפירערס פון האַלב־פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס האָבן געוווּסט, אַז אויב עס וועט זיי פעלן אַ „שפּילער" אָדער אַ זינגער, איז דאָ אַ גוטער אַדרעס: כאַפּושעס הויף...

איז דען אַ חידוש וואָס די איינוווינער פונעם דאָזיקן הויז זענען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער „אַרטיסטן־ספערע" און זענען אַליין „געכאַפּט געוואָרן אויף דער מעשה?"...

צווישן די פיל איינוווינער פונעם דאָזיקן גרויסן הויז האָט זיך אויך געפונען אַ ייִד — אַ סופר, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ מגיד — רייכענבערג האָט ער געהייסן. ער אַליין איז געווען אַ גרויסער חסיד פון דער חברה ייִדישע אַקטיאָרן און ייִדיש טעאַטער. ער האָט אַזוי ליב געהאַט ייִדיש טעאַטער און ייִדישע אַקטיאָרן, אַז ווען ער וואָלט „זיך נישט געשעמט פאַר גאָט", וואָלט ער אַליין אויך געוואָרן אַ ייִדישער אַקטיאָר...

רייכענבערג האָט געהאַט צוויי געראָטענע זין: נתן און מלך. ביידע האָבן זיי געשטרעבט צו ווערן יידישע אַקטיאָרן. דער גוטמוטיקער אַלטער רייכענבערג האָט געגעבן דערויף זיין הסכמה.

צו די רייכענבערגס אין שטוב פלעגן אָפט אַריינקומען אַלע צוקונפטיקע יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געאַרבעט אין כאַפּושס הויז, ווי אויך די אַקטיאָרן, וועלכע זענען געווען אין סתירה מיט די „דראָבנע אותיותלעך". האָט זיי דער אַלטער סופר און מגיד אַלעמאָל אַרויסגעהאָלפן. אַקטיאָרן האָבן ליב געהאַט אַזעלכע ייִדן. זענען זיי טאַקע אָפּגעזעסן דאָרט זייער גאַנצע פרייע צייט און מהנה געווען די רייכענבערג־משפחה מיט זייערע שיינע מאָנאָלאָגן און לידער. צו די הויפּט־מחותנים און שטאַם־געסט ביי די רייכענבערגס האָבן זיך גערעכנט שלמה קוטנער און הערשל יעדוואַב, — דער גרויסער וויצלער און פריילעך־מאַכער.

ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז נתנען און מלכן איז, צוליב דער באַקאַנטשאַפט און גוט־ברודערשאַפט מיט דער חברה־אַקטיאָרן, שוין נישט שווער געווען אָנצוקומען אין טעאַטער. מלך האָט זיין קאַריערע אָנגעהויבן ווי אַ פּעקל־טרעגער ביי די יידישע אַקטיאָרן. זיין ליבלינג איז געווען שלמה קוטנער, וועלכער האָט דעמאָלט געשפּילט אין „פלאָראַ"־ טעאַטער. מלכס „טעאַטער־קאַריערע" איז אָבער שנעל איבערגעריסן געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן אים בעת דער ערשטער מלחמה פאַרשלעפּט קיין דייטשלאַנד, ביז ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין עלזאַס־לאָטרינגען. אין מעץ, ווו ער האָט געוווינט, האָט ער זיך שנעל אַרויפגעאַרבעט און ער האָט געעפנט אַ פאַבריק און אַ געשעפט פון קאַפּעליושן.

ס׳האָט אים אָבער געצויגן צום טעאַטער, וואָס האָט אים „פאַרכאַפּט" נאָך אין זיין היים־שטאָט, אין כאַפּושס הויף. ער האָט נישט גערוט, ביז עס איז אים, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע טעאַטער־ליבהאָבער, געלונגען צו גרינדן אין מעץ אַ דראַמאַטישן קלוב א"נ „הבימה". מלך רייכענבערג איז דאָרט געוואָרן אַ רעזשיסאָר און דירעקטאָר. ער האָט אָבער געהאַט גרעסערע אַמביציעס. ער האָט געוואָלט שפּילן מיט פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן און טאַקע מיט „אָנערקענטע סטאַרן". האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון פאַריז לעאָניד סאָקאָלאָוו און זיין פרוי ניבינאַ (די טאָכטער פונעם טעאַטער־דירעקטאָר א. ב. קאָמפּאַניעיעץ). סאָקאָלאָוו האָט אויפגעפירט

מיטן דראַמאַטישן קלוב אין מעץ „שמע ישראל" פון אָסיפּ דימאָוו, „טוביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם און דעם „גערדאַנק" פון לעאָניד אַנדרעיעוו.

מלך רייכענבערג האָט אויך אַראָפּגעבראַכט קיין מעץ העברי טאַרלאָ, וואָס האָט אויפגעפירט מיט דער מעצער „הבימה" דעם „דיבוק", וועלכן מען האָט געשפּילט אין דאָרטיקן אָפּערע־הויז. ס'האָבן ביי רייכענבערגן אויך אויפגעטראָטן העברי לאַקטיגער פון פּאַריז, פּסחקע בורשטין, יוליוס אַדלער, מאַקס בוים מיט דער פרוי און אַניסמאַן מיט דער פרוי. אַפילו קלאַראַ יאַנג האָט ביי אים געשפּילט, איידער זי איז אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

מלך רייכענבערג האָט מיט די אַלע סטאַרס מיטגעשפּילט און זיין גליק איז געווען אין לשער.

ווען איך האָב מלך רייכענבערגן געטראָפן אין ניו יאָרק, האָט ער מיר צוו. אַנד. געזאָגט:

— איך בין געווען אַזוי פאַרנאַרט מיט די „סטאַרס" און מיטן שפּילן גוט טעאַטער, אַז כ'האָב פאַרגעסן אָן מיינע געשעפטן, געמוזט באַנקראָטירן און אַנטלויפן אין סאַאַר־געביט. דאָרטן האָב איך אָנגעהויבן פון אָנפאַנג, כדי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. דאָס אַלץ האָב איך געהאַט צו פאַר־דאַנקען די „סטאַרס", וועלכע האָבן מיך געמאַכט פאַר „אויס קאַפּעליוש־מאַכער"... אָבער איך האָב עס קיינמאָל נישט באַדויערט. עס איז געווען אַ שיינע צייט.

מער מזל ביים טעאַטער האָט שוין געהאַט זיין ברודער נתן רייכענ־בערג. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ דירעקטאָר; ער האָט אַנדערע פאַרגונען דעם כבוד און די קאָפּדרייעניש. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן מיט די לאָדזשער אַקטיאָרן אין די שטעטלעך אַרום לאָדזש און דערנאָך מיט לאָלאַ פּאַטראַני און שלמה קוטנערן, וועלכער האָט אים מקרב געווען, אין ש. קופּערמאַנס טעאַטער. שפּעטער איז רייכענ־בערג אַריבער אין „פּלאָראַ"־טעאַטער, ווו ער האָט געשפּילט אַ לענגערע צייט און געהאַט שוין פאַרנומען אַ געהעריקע פּאָזיציע.

אין יאָר 1921 איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט נתן רייכענבערגן ביי לעאָניד סאָקאָלאָוו אין ווילנע. רייכענבערג איז געווען אַ סאָלידער, דיסציפּלינירטער אַקטיאָר, אַ ליבהאַרציקער מענטש און גוטער חבר. ער האָט זייער ליב געהאַט טעאַטער און זיך באַצויגן צו אים מיט דער

גרעסטער ערנסטקייט. מיר האָבן ביי סאָקאָלאָוון געשפּילט צוזאַמען „די רויבער" פון פרידריך שילער, „טרילבי" און „טויט-שטראָף" פון גריגאָרי גע, „קין" פון אַלעקסאַנדער דיומא, „דער געדאַנק" פון ל. אַנדרעיעוו, א"אַ.

נתן רייכענבערג איז פון ווילנע אַוועק צוזאַמען מיט סאָקאָלאָוון, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט אין פּוילן. ער האָט אויך געשפּילט, צוזאַמען מיט זיין פרוי ליובאַ ראָזענבערג אין וואַרשע און אַ לענגערע צייט — מיט דער טרופּע פון כאַש-קאַדיש-נחמה, מיט וועלכער ער איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ פּוילן. אַ קורצע צייט האָט ער אויך געשפּילט אין טשעכאָסלאָוואַקיי. זיין אַמפּלואַ איז געווען: רעזאָניאָרן און כאַראַקטער-ראָלן. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נוצלעכן אַקטיאָר. זעלטן ווען מען האָט געטראָפן אַזאַ שטילן, איידעלן און גוטמוטיקן מענטש אין דער יידישער טעאַטער-וועלט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר נאָענטע פריינט, מיט וועלכע ער האָט כמעט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט צוזאַמען, — דאָס זענען געווען די שוישפּילערס ג. ראַקאָוו און נערה. ער האָט זיך מיט זיי צעשיידט ביים אויסברוך פונעם צווייטן וועלט-קריג. ראַקאָוו מיט זיין פרוי נערה — ביידע פיינע שוישפּילערס — זענען געווען, געאַרבעט און אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ.

הגם נתן רייכענבערג האָט געהאַט אַמביציעס צו שפּילן גוטע ראָלן, האָט ער זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פון קיין שום ראָל, וואָס מען האָט אים געגעבן. מען האָט אים דערפאַר גערן אַנגאַזשירט אין אַ טרופּע.

נתן רייכענבערג האָט, ווי געזאָגט, ביים טעאַטער געהאַט מער מזל ווי זיין ברודער מלך. דערפאַר אָבער קען מען דאָס נישט זאָגן וועגן זיין לעבן.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז ער צוזאַמען מיט זיין פרוי ליובאַ רייכענבערג — איר בינע-נאָמען איז געווען ראָזענבערג — אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן.

שלמה ווײַנגאַלד

וואָס האָט באַוויגן דעם קריסט ספּירידיאָן וואָיצאַ, אָדער, ווי ער האָט געהייסן אין יידישן טעאַטער — שלמה ווײַנגאַלד, צו פאַרבינדן זיין לעבן מיט דער יידישער בינע?

די דאָזיקע פראַגע האָט מיך יאָרנלאַנג נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן. ביז היינט האָב איך אויף איר נישט געפונען קיין תשובה, פונקט ווי איך האָב עד־היום נישט געלייזט די שאלה, וואָס האָט באַוויגן אַנדערע קריסטן צו אַרבעטן אין יידישן טעאַטער.

פאַרן גרויסן חורבן האָב איך פאַרענדיקט אַן אַרבעט וועגן „קריסטן אויף דער יידישער בינע". די מאַטעריאַלן פאַר דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער טעמע האָב איך פאַרזיכטיק געזאַמלט און, ווי ווייט מעגלעך, נאָכקאָנטראָלירט די ידיעות וואָס כ'האָב באַקומען.

קודם כל שטעלט זיך די פראַגע, וואָס האָט אייגנטלעך געטריבן קריסטן, וואָס האָבן געהאַט גרעסערע און בעסערע מעגלעכקייטן אויסצולעבן זיך אויף זייערע אייגענע בינעס, צו גיין אין יידישן טעאַטער? וואָס האָט זיי געשטויסן צום יידישן טעאַטער, אין דער צייט ווען זיי האָבן שוין געהאַט פאַרנומען בכבודיקע פּאָזיציעס אויף זייערע אייגענע בינעס? דאָרט האָבן זיי דאָך געאַרבעט אין באַקוועמערע באַדינגונגען ווי ביי אונדז.

עס קענען אין דעם פאַל גענומען ווערן אין באַטראַכט 3 מאָמענטן:

1) צוליב אידעע,

2) קאַריערע, אָדער מאַטעריעלע תנאים,

3) צוליב אַ ייִדישער פרוי, ד״ה, — ליבע.

דער ערשטער און צווייטער מאָמענט, גלויב איך, פאַלן פון זיך אַליין אָפּ. בלייבט, אַלזאָ, איבער דער דריטער מאָמענט: ליבע צו אַ ייִדישער פרוי.

פון די אַלע דורך מיר געזאַמלטע מאַטעריאַלן האָב איך אָבער נישט געקענט פעסטשטעלן קיין איינציקן פאַל, וואָס זאָל באַשטעטיקן די דאָזיקע מעגלעכע השערה. וואָס־זשע האָט פאָרט דעצידירט ביי די דאָזיקע קריסטן — און אין געוויסע פאַלן אויך גרים — צו גיין צום ייִדישן טעאַטער?!

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, פאַרנעמען אָבער די דייטשן דעם אויבן־אָן צווישן די קריסטן אויף דער ייִדישער בינע...

פון דער לאַנגער רשימה, וואָס געפינט זיך אין מיין באַזיץ, וועל איך איצט נאָר אויסרעכענען די באַקאַנטסטע פון צווישן זיי.

מיט 50 יאָר צוריק איז אַריבער צום ייִדישן טעאַטער און גע־שפּילט ביי בערנשטיינען אין טרופּע אַ דייטשישע וואַריעטע־אַרטיסטין, וועלכע האָט זיך גערופן עמאַ. דערנאָך קומט אַ באַקאַנטע דייטשישע שוישפּילערין עלזאַ באַרדט, וועלכע האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין רוסלאַנד, און דווקא — אין ספּעציפיש־ייִדישע ראָלן, ווי, למשל, די רביצן אין יעקב גאָרדינס „שחיטה״ און אַנדערע ענלעכע ראָלן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַריבער צום ייִדישן טעאַטער די באַוווּסטע דייטשישע שוישפּילערין דזשעני וואַליער. אין יאָר 1919 איז זי אַנגאַזשירט געוואָרן אין מאָריס שוואַרצס „קונסט־טעאַטער״ אין ניו יאָרק.

די דייטשישע אַקטריסע פון בערלין העני לעימאַן האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין קאָוונע, ריגע, ווין, בעלגיע. זי האָט געלייענט און געשריבן אַן אויסגעצייכנטן ייִדיש.

דעם אויבן־אָן פון די אַלע דייטשן פאַרנעמט אָבער — און דאָס דאַרף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן — דער לאָדזשער ייִדיש וואַלדעמאַר היינצע.

היינצע שטאַמט פון אַן אָנגעזעענער קריסטלעכער משפּחה אין לאָדזש. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַריבער פון דער דייטשישער בינע צום ייִדישן טעאַטער, ווו ער שפּילט ביזן היינטיקן טאָג. ער באַהערשט גלענצנדיק אין וואָרט און אין שריפט די ייִדישע שפּראַך. ער איז אַ גוטער שוישפּילער און אַ גוטער מענטש. אַ גרויסער פריינט פון ייִדן.

אין די גורלדיקע שעהן פון אונדזער פאָלק, אונטער דעם נאַצי־רעזשים, האָט היינצע זיך געפונען אין פראַנקרייך, ווו ער האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון די דייטשן און פון זייער פאַריזער געשטאַפּאָ פאַר נישט וועלן מיטאַרבעטן מיט זיי, האָט ער, דער דייטש, איינשטעלנדיק זיין לעבן, געטראָגן הילף פאַר די אויסבאַהאַלטענע ייִדן. ער געהער צו די „חסידי אומות העולם", וואָס האָבן אין דער שווערער פאַר אונדז צייט אויסגעהאַלטן דעם מאָראַלישן עקזאַמען.

די דאָזיקע פּרטים האָבן מיר איבערגעגעבן לעבן־געבליבענע פאַריזער ייִדן און איך פאַרצייכן עס מיט פרייד. אויך איצט געפינט ער זיך אין פאַריז, ווו ער איז ווייטער טעטיק אויף דער ייִדישער בינע.

דאָס צווייטע אָרט צווישן די קריסטן אויף דער ייִדישער בינע האָבן פאַרנומען די רוסן.

צו די באַקאַנטסטע פון זיי האָט געהערט אַן אָנגעזעענע רוסישע שוישפּילערין זשוקאָווא. זי האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער נאָך לאַנג פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין די באַלטישע לענדער. עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער באַרימטער רוסישער אַקטיאָר עספּע, וועלכער איז, מיט איבער 50 יאָר צוריק, אַנגאַזשירט געוואָרן אין ייִדישן טעאַטער דורך אַברהם יצחק קאַמינסקי. ער האָט, צווישן אַנדערע ראָלן, געשפּילט אויף ייִדיש „אוריאל אַקאָסטאַ".

ווייטער קומט די רוסישע אַקטריסע אַדאַיעוואַ, וועלכע האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער ביזן אָנהייב פון דער לעצטער מלחמה.

אָראַנסקי, אַ ברודער פונעם אַמאָל באַרימטן רוסישן פילם־סטאַר איוואַן מאָזשוכין, איז אַריבער צום ייִדישן טעאַטער און געשפּילט ביי גוזשיקן אין טרופּע.

אַגרעלי — אָראַנסקיס פרוי — אויך אַ פּראַוואָסלאַוונע — האָט אָנגעהויבן צו שפּילן ייִדיש, צוזאַמען מיט איר מאַן, ביי גוזשיקן. זי איז געווען אַ גלענצנדיקע שוישפּילערין.

מרים קאָראַלאָווא — אַ פּראַוואָסלאַוונע — האָט אָנגעהויבן אַלס כאָריסטין אין ייִדישן טעאַטער אין ווילנע און שפּעטער געוואָרן אַ באַוווסטע ייִדישע אָפּערעטן־אַקטריסע.

אויך די רומענער, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען ספּירידיאָן וואָיצאַ (שלמה וויינגאָלד), האָבן פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט צווישן די קריסטן אויף דער ייִדישער בינע.

פון די מער באַקאַנטע זענען מיט יאָרן צוריק געווען די שוישפּילערס כריסטעסקאָ און בידעסקאָ (מאַן און ווייב). זיי האָבן געשפּילט ביי יצחק זאַנדבערגן אין „גרויסן טעאַטער" אין לאָדזש. כריסטעסקאָ האָט צוו' אַנד', געשפּילט „דינה" אין „בר־כוכבא" און בידעסקאָ — „רופוס". כריסטעסקאָ האָט גערעדט אַ גלענצנדיקן ייִדיש. איר מאַן, בידעסקאָ, זאָל זיך שפּעטער האָבן מגייר געווען.

די דאָזיקע לאַנגע הקדמה האָב איך געמאַכט, כדי צו געבן דעם אונטערגרונט פאַר דעם קריסט ספּירידיאָן וואָיצאַ — שלמה וויינגאָלד, וועלכן עס איז געווידמעט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל.

„שלמה וויינגאָלד" איז געווען אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטער און אייגנאַרטיקער טיפּ. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאַסי (רומעניע) ביי קריסטלעכע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ רומענער און די מוטער — אַן איטאַליענערין. ווי מ'האָט געזאָגט, זענען זיי געווען ציגיינער.

וואָיצאַ־וויינגאָלד האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין דער רומענישער אָפּערעטע און וואַריעטע אין גאַלאַץ (רומעניע). אַ צייט לאַנג האָט ער געאַרבעט אַלס אַקראָבאַט אין טרוציס צירק.

אין יאָר 1907 איז וויינגאָלד אַריבער צום ייִדישן טעאַטער. אָנגעהויבן האָט ער אין אַ ייִדישן וואַריעטע, ווו ער האָט געזונגען לידער. ער האָט געהאַט אַ שיינע באַריטאָן־שטים און געלערנט זינגען אין דער יאַ־

סער קאָנסערוואַטאָריע. וויינגאָלד האָט באַהערשט גרינטלעך די ייִדישע שפּראַך אין וואָרט און אין שריפט. ער האָט אויך געקענט גוט העברעאיש. די ערשטע יאָרן איז ער אין ייִדישן טעאַטער געווען געזאַנג־ליבהאָבער.

אין יאָר 1911 האָט ער פֿאַרלאָזט רומעניע. געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין אונגאַרן און אין עסטרייך.

ווי וויינגאָלד האָט מיר געהאַט איבערגעגעבן, זאָל ער זיך האָבן מגייר געווען אין יאָר 1914 אין בודאַפּעשט. אַנדערע ווידער האָט ער דערציילט, אַז ער האָט זיך מגייר געווען אין ווין. פֿון זיינע דאָקומענטן האָב איך פֿעסטגעשטעלט, אַז ער איז פֿאַרשריבן אַלס קריסט, אונטערן נאָמען ספּירידיאָן וואָיצאַ. דעם „קען־צייכן" פֿון ייִדישקייט האָט ער אָבער פֿאַרט געהאַט און דאָס האָט משמעות דערפֿירט צו זיין טויט בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

אויסגעזען האָט ער ווי אַ ספּעציפֿישער ציגיינער. ער איז געווען פֿון מיטלוווּקס, פֿעסט געבויט, מיט אַ כאַראַקטעריסטיש ציגיינעריש פּנים, פֿון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן, מיט פּעך־שוואַרצע האָר אויפֿן קאָפּ.

אין יאָר 1918 איז ער צום ערשטן מאָל געקומען קיין פּוילן און איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין קראָקעווער ייִדישן טעאַטער, וווּ ער האָט פֿאַרנומען אַן ערשטע פּאָזיציע ווי אַ שוישפּילער און רעזשיסאָר.

יאָרנלאַנג האָט שלמה וויינגאָלד געשפּילט ביי מיר אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ. אין וואַרשע האָט ער געשפּילט אין מיין „קאַמעראַל־בינע" אויף ביעלאַנסקע 7, צוזאַמען מיט די שוישפּילערס נאַטאַליע ליפּ־מאַן, מרים ראָזען, די פֿרוי פֿון שמואל זיגעלבוים (אַרטור), ראָמאַ לערער, יעקב גינסבערג, דוד שערמאַן, רות טאַרו־ליכט, חיים בראַקאַזש און מיין פּריצייטיק־פֿאַרשטאָרבענע שוועסטער רחל טורקאָוו.

שלמה וויינגאָלד איז געווען אַ גלענצנדיקער כאַראַקטער־שוישפּילער מיט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. פֿון יעדער ראָל האָט ער געשאַפֿן ממש מייסטערווערק. קיין געזאַנג־ליבהאָבערס האָט ער שוין נישט געשפּילט, ווייל ער האָט פֿאַרטרונקען זיין שיינע שטים. ער וואָלט זיכער פֿאַרנומען איינע פֿון די ערשטע פּאָזיציעס אין ייִדישן טעאַטער, ווען נישט זיין ליידנ־

שאַפּט צום ביטערן טראָפּן. ער איז געווען אַ כראָנישער אַלקאָהאָליקער און אָפּט אַריינגעפאַלן אין דעלירים־צושטאַנד.

איך האָב געשעצט אין אים זיין גרויסן טאַלאַנט און דערפאַר האָב איך אַוועקגעקוקט פון זיינע „שוואַכקייטן" און אים אַנגאַזשירט אין מיין טעאַטער. ביי זיין שוואַכקייט צום פלעשל האָט ער אָבער תמיד געקענט זיינע ראָלן פון אויסנווייניק (מיר פלעגן שפּילן אָן אַ סופליאָר) און קיינמאָל זיך נישט פאַרפלאָנטערט. מיט די קאָלעגן־שוישפּילער האָט ער זיך גוט פאַרהאַלטן און קיינמאָל זיך מיט זיי נישט געקריגט. אויב ס'איז אַמאָל געקומען צו אַ קריגעריי, איז עס געווען נאָר דאַן, ווען ער האָט זיך אויפגערעגט בעת עמעצער פון די אַקטיאָרן האָט שלעכט אַרויסגערעדט אַ העברעאיש וואָרט.

— איך האָב פיינט עם־הארצים בתכלית השנאה! — האָט ער אויסגעשריִען.

אונדז איז אַמאָל אויסגעקומען צו שפּילן אינעם שטעטל לענטשיץ, נעבן לאָדזש, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיטן „קונסט־בילד"* אינעם דאָרטיקן קאָשטשיאָל, ווו עס ווערט געוויזן ווי יידן צאַפּן ביי אַ קריסטלעך קינד בלוט אויף פסח...

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אין פּוילן האָט געבושעוועט דער זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם. דאָס שטעטל לענטשיץ האָט געהערט צו די פעסטונגען פון די פּוילישע כוליגאַנעס.

אינעם טאָג פון אונדזער פאָרשטעלונג האָט מען אונדז געוואָרנט, אַז ס'איז געפערלעך אַרויסצוגיין אין לענטשיץ ביינאַכט אויף דער גאַס, צוליב די כסדרדיקע אָנפאַלן אויף יידן. מען האָט אונדז געראָטן, אַז מיר זאָלן נאָך דער פאָרשטעלונג אַלע צוזאַמען אַהיימגיין פון טעאַטער. די לענטשיצער יידן האָבן ממש געבראַכט אַ קרבן, קומענדיק אין אַזאַ צייט אין טעאַטער.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט זענען מיר אַקטיאָרן, אַלע צוזאַמען — דער עולם פון טעאַטער איז שנעל אַהיימגעלאָפן — אַוועק אין דער ריכטונג פונעם האָטעל.

צוקומענדיק צום מאַרק־פּלאַץ, ווו עס האָט זיך געפונען אונדזער האָטעל, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ באַנדע פּוילישע

כוליגאַנעס און אונדז באַפאַלן מיט מעסערס און פלעשער. ס׳איז דעמאָלט געקומען צו אַ בלוטיק געשלעג. אָבער ווי דערשטוינט ביז איך געוואָרן, ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבערן „קאַמף־פּלאַץ״ און נישט געזען דאָרט שלמה וויינגאָלדן. ער איז דער ערשטער נעלם געוואָרן... און מיר האָבן אויף דעם גיבור ווײנגאָלד געלייגט אַלע האָפענונגען.

ווען איך האָב אים צומאָרגנס געפרעגט וואָס עס איז מיט אים געשען, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט אויפן פּלאַץ און איז נעלם געוואָרן, האָט ער מיר גאַנץ לאָגיש געענטפערט:

— זעט איר, חבר טורקאָוו, איך האָב מורא געהאַט, אַז מיין הינטיש, גויִיש בלוט וועט זיך אין מיר אָנצינדן און איך וועל אַוועקלייגן טויט אַ פּאָר אַנטיסעמיטן. — האָב איך באַשלאָסן בעסער נישט אָנטיילצונעמען אין קאַמף און כ׳בין אַוועק מאַכן אַ כוסה און פאַרטרינקען די צרות... אַזוי אַרום האָב איך נאָך געהאַט אַ מצווה: איך האָב פאַרהיט לענטשיץ פון אַ פּאָגראָם...

אפשר איז ער טאַקע געווען גערעכט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז שלמה וויינגאָלד־וואַיצא פאַרשוווּנדן געוואָרן פון האָריזאָנט. ער האָט געוווּסט וואָס עס דערוואַרט אים פון די נאַציס. ער איז אַוועק פון וואַרשע און יעדער שפּור נאָך אים איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. עס איז אים באַשערט געווען צו האָבן דעם זעלביקן סוף וואָס זיינע אַדאָפּטירטע ברידער און אַריינצופאַלן צו די נאַציס אין די הענט אַריין. זיין ייִדישער „קענצייכן״ איז געווען געַנוג ער זאָל טיילן דעם גורל פון ייִדן און ציגיינער, פון וועלכע ער האָט געשטאַמט.

מענדל ראבין

גראָדנע, וואָס ליגט ביים טייך ניעמאַן, איז געווען באַקאַנט ווי אַ רוסישע פעסטונג־שטאָט און וואָס האָט געזאָלט דינען ווי אַ שוץ־וואַל קעגן דעם דייטשישן יונקערטום. אין די פריִערדיקע יאָרן, פאַרן ערשטן וועלט־קריג, האָט גראָדנע געפירט אַ רחבותדיק לעבן. די 25.000 ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין דער דאָזיקער שטאָט, האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן אויף פּרנסה. איבערן ניעמאַן זענען טאָג און נאַכט געגאַנגען טראָט־ווערס מיט פלאָקס פון די אַרומיקע שטעטלעך און געהילץ, וואָס מען האָט געשיקט פון רוסלאַנד קיין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. דער דאָזיקער מסחר איז כמעט אויסשליסלעך געלעגן אין ייִדישע הענט. אויך ביים צושטעלן פּראָוויאַנט און באַקליידונג פאַרן גראָדנער רוסישן מיליטערישן גאַרניזאָן האָבן ייִדן געשפּילט די הויפּטראָל. אַ חוץ דעם האָט גראָדנע געהאַט איינע פון די גרעסטע פּאַפּיראָסן־פאַבריקן פון די ברידער שערעשעווסקי, ווו עס האָבן געאַרבעט כמעט בלויז ייִדן.

כדי וואָס מער צו רוסיפיצירן דעם אַרויסגערוקטן פאָדערשטן פּאָסטן פון דער סלאַווישער קולטור, האָט די רוסישע מאַכט געפירט דאָרט אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־ און אויפקלערונגס־אַרבעט און צווישן אַנדערע אויפגעבויט אין גראָדנע אַ פּרעכטיקן טעאַטער־בנין, וואָס האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו שעמען פאַר די טעאַטער־געביידעס אין די גרעסטע אייראָפּעאישע שטעט.

נאָכן אַנטשטיין פון דער נייער פּוילישער מלוכה האָט גראָדנע — די אַמאָליקע סטראַטעגישע פאַר די רוסן פעסטונג — אויפגעהערט צו שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל. עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע פּאָלאָניזאַציע פון דער געוועזענער רוסישער שטאָט. מיטן וווּקס פון דער פּאָלאָניזאַ־

ציע איז שטאַרק געפאַלן די פּרנסה פון די גראָדנער ייִדן, ביי וועלכע מען האָט צוגענומען אַלע הויפּט־מקורים פון חיונה און ווילשטאַנד. די אַלע פּאָזיציעס זענען איבערגעגאַנגען צו דעם ניי־אָנגעקומענעם עלעמענט — פּאָליאַקן, וועמעס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו פאַרשפּרייטן דעם פּוילישן גייסט און קולטור אין די מזרח־ראַנד־געביטן.

דעם דורשט אָבער נאָך אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור־אויסלעבונג איז ביי דער פאַראָרעמט־געוואָרענער ייִדישער באַפעלקערונג געווען אַזוי שטאַרק איינגעפלאַנצט און אַנטוויקלט, אַז ס׳איז נישט קיין וווּנדער וואָס די נייע פּוילישע „באַלעבאַטים" זענען נישט אימשטאַנד געווען ביי זיי אויסצוּוואָרצלען. אויך די גרויסע ליבשאַפט צום ייִדישן טעאַטער האָבן די נייע מושלים נישט באַוויזן ביי זיי צו דערשטיקן.

גראָדנע האָט געהערט צו די ייִדישע שטעט, ווו עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ייִדישע טעאַטער־געזעלשאַפט. און געגרינדעט האָבן די געזעלשאַפט פּשוטע ייִדן, פאַלקסמענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אויפהאַלטן די שיינע טעאַטער־טראַדיציע פון זייער שטאָט.

בראש פון דער ערשטער ייִדישער טעאַטער־געזעלשאַפט זענען געשטאַנען די עמך־ייִדן: סליעפּ — אַ שוסטער פון פאַך; ווישניעווסקי — אַ שניידער; פאַלניצקי — אַן אָנגעשטעלטער אין האַנטווערקער־קאָאָפּעראַטיוו און מאַרמער — אַן אייגנטימער פון אַ קליין געוועלבל. דער סעקרעטאַר פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט איז געווען רפאל קווינט.

די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך, צווישן אַנדערע, געשטעלט פאַר אַ ציל צו קויפן אַ הויז פאַר אַן אייגענעם טעאַטער און צו דעם צוועק האָט מען אַפילו, אין יאָר 1924, דורכגעפירט אַ „בלימל־טאָג".

אין די לעצטע יאָרן זענען צו דער טעאַטער־געזעלשאַפט צוגעשטאַנען אויך מענטשן פון דער אַזוי גערופענער „בעסערער געזעלשאַפט" און די מער פאַרמעגלעכע ייִדן. עס דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן די אין גראָדנע פּאָפּולערע ייִדן, ווי: בראָנערוויין, וועלכער איז געווען אַ גרויסער סוחר און דער גבאי פון דער גרויסער שול; ד״ר בריזמאַן; א. יעזערסקי, וועלכער האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין גראָדנער געטאָ מיט זיין העלדישקייט און מסירת נפש. בעת דער ליקווידאַציע פון די גראָדנער ייִדן האָט

ער געשטאַרקט און אויפגעהאַלטן די מאָראַל ביי די צום טויט־פאַר־משפטע ייִדן.

די גראָדנער ייִדישע טעאַטער־געזעלשאַפט האָט זיך מוטיק אַנטקעגנגעשטעלט דער מוראַדיקער פּאָלאָניזאַציע און אויסגעקעמפט דורך אירע פאַרטרעטער אין שטאָט־ראַט, אַז מען זאָל קריגן דעם שטאָט־טעאַטער פאַר ייִדישע פאָרשטעלונגען, עטלעכע מאָל אין חודש, אינגאַנצן אומזיסט.

די טעאַטער־געזעלשאַפט האָט דורכגעפירט, אַז ייִדישע טרופּעס זאָלן באַפרייט ווערן פון צאָלן שטייערן און אַליין אַראָפּגעבראַכט ייִדישע טרופּעס קיין גראָדנע און סובסידירט די ייִדישע פאָרשטעלונגען. די גראָדנער טעאַטער־געזעלשאַפט האָט געפירט אַ קאַמף קעגן שונד און אויף דעם געביט געהאַט צו פאַרצייכענען וואָגיקע אויפטוען.

אין גראָדנע איז אין יאָר 1926 געגרינדעט געוואָרן אַ קליינקונסט־טעאַטער א״נ „סימכעוועסאָסן" (שמחה וששון), אונטער דער ליטעראַרישער אָנפירונג פונעם רעדאַקטאָר פון „גראָדנער מאָמענט" — דודל ברעזאָווסקי. די הויפּט־כוחות, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם דאָזיקן טעאַטערל, זענען געווען: אַנאַ לוביטש, יענקעלע ליפּינסקי, דער קונסט־מאָלער יוסף פאַסמאַניק, וועלכער האָט אויך מיטגעשפּילט, און יהודה יאַצעוולאַן.

דודל ברעזאָווסקי איז געווען אַ גרויסער, איבערגעגעבענער פריינט פונעם ייִדישן טעאַטער. אין גראָדנער געטאָ איז דער דאָזיקער אידעלער מענטש משוגע געוואָרן פון צרות.

גראָדנע קען זיך באַרימען, וואָס זי האָט צוגעשטעלט דעם ייִדישן טעאַטער אַ גרויסע צאָל אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן.

קורט קאַטש (קאַץ), דער באַוווסטער דייטשישער אַקטיאָר, וואָס איז שפּעטער אַריבער צום ייִדישן טעאַטער און דערנאָך געוואָרן אַ פילם־סטאַר אין האָליווד, שטאַמט פון גראָדנע; שמעון פינקעל, דער באַקאַנטער אַקטיאָר פון דער „הבימה" אין ישׂראל שטאַמט פון גראָדנע; דער אַמעריקאַנער ייִדישער אָפּערעטן־סטאַר און טעאַטער־דירעקטאָר הערמאַן יאַבלאָקאָוו איז אַ גראָדנער. אויך דער פאַרשטאָרבענער אַקטיאָר פון דער „ווילנער טרופּע" שלום טאַנין איז געווען אַ גראָדנער.

און איצט — די אַקטיאָרן יוסף כאַש, ק. קאַדיש, אברהם גראָדנער, אידינאַ, מיכאל טרילינג, שעפּטל און מאַטיע זאַק, יוסף פאַסמאַניק, קויפּ־

מאַן, סאָניאַ סטאַראָדוב־אַלטבוים, גאַלאַ סטאַראָדוב, דאַשעװסקי, שמואלקע גאַרבער, עמאַ דיאַמאַנט, מאַלאָוויסט, מינדל ראַבינאָוויטש, די טאָכטער פֿונעם גראָדנער הויפּט־רב; מענדל און ברוך ראַבין; דער קאָמפּאָזיטאָר און פּיאַניסט שמואלקע בערעזאָװסקי; דער טעאַטער־דיריגענט לייזער דראַזנין; די סופליאָרן משה וועלער און מאיר יאָסעלעוויטש, ווי אויך דער לאַנגיאָריקער רעקוויזיטאָר אלתר ניעפּראַוװסקי.

און ווען מיר וועלן צוגעבן, אַז אויך דער גלענצנדיקער אַקטיאָר דניאל שאַפּיראָ, וואָס איז בעת דער לעצטער מלחמה דערהרגעט געוואָרן אין וואַרשע פֿון אַ דייטשישן שראַפּנעל, שטאַמט פֿון סקידל, גראָדנער גובערניע, און דער אַקטיאָר וו. פּעקער — פֿון סאָקאָלקע, און אחרון אַחרון חביב — די גרעסטע ייִדישע שוישפּילערין, „די מאַמע פֿונעם ייִדישן טעאַטער״, אסתּר רחל קאַמינסקי שטאַמט פֿון פּאָראָזעווע, גראָדנער גובערניע, מוז מען קומען צום אויספֿיר, אַז פֿאַר אַזאַ שטאָט און גובערניע, ווי גראָדנע איז געווען, איז עס אַ גאָר גרויסער צושטייער, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם ייִדישן טעאַטער.

איינעם פֿון די דאָזיקע גראָדנער טעאַטער־מענטשן, מענדל ראַבין, איז געווידמעט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַלעבאַטישער ייִדישער היים אין גראָדנע. זיין זיידע ר' מענדעלע, נאָך וועלכן ער טראָגט טאַקע דעם נאָמען, איז געווען אַ רב. מענדל איז דערצויגן געוואָרן אין זיין היימשטאָט און דערנאָך געלערנט אין ווילנע. זיין עלטערער ברודער איז געווען אַ באַקאַנטער ייִדישער שרייבער אין רוסלאַנד. זיין ייִנגערער ברודער — ברוך ראַבין — איז אויך געווען אַן אַקטיאָר און געשפּילט ביי ליפּאָווסקין אין ווילנע, דערנאָך — אין גראָדנע און לסוף — פֿאַרלאָזט דאָס טעאַטער. ער איז אומגעקומען אין גראָדנער געטאָ.

מענדל ראַבין האָט אויך אָנגעהויבן זיין פּראָפֿעסיאָנעלע אַרטיסטישע קאַריערע אין ווילנע, ביי ליפּאָווסקין, בעתן ערשטן וועלט־קריג. אַ צייט לאַנג האָט ער געשפּילט אין אסתּר רחל קאַמינסקיס טרופּע, און ביזן 1924 — אין קאָוונער ייִדישן טעאַטער. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אין זיין היימשטאָט גראָדנע און געשפּילט מיט פֿאַרשיידענע טרופּעס. פֿון 1932 ביזן אויסברוך פֿונעם לעצטן וועלט־קריג האָט ער געשפּילט מיט קאַדיש־

כאַש. ראַבין איז געווען אַ גוטער כאַראַקטער־אַקטיאָר און אויך אַן אַניס־פּיציענט.

בעת דער מלחמה האָט ער, אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע, געשפּילט אין ביאַליסטאָקער ייִדישן מלוכה־טעאַטער. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער דייטש־רוסישער קריג, האָט ער זיך געפונען, צוזאַמען מיטן אַנסאַמבל פון ביאַליסטאָקער מלוכה־טעאַטער אין מאָהילעוו, ווו די טרופּע איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן.

מענדל ראַבין איז, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע אַקטיאָרן, מגולגל געוואָרן קיין פרונזע (הויפּטשטאָט פון קירגיזיע).

מענדל ראַבין האָט געהאַט אַ פרוי און טאָכטער. די פרוי איז געווען די טאָכטער פונעם באַקאַנטן ייִדיש־העברעאישן לערער אין גראָדנע גוטמאַן. מענדלס פרוי, בערטאַ גוטמאַן, האָט אַ צייט לאַנג געשפּילט מיט אים צוזאַמען אין פאַרשיידענע טרופּעס. זייער לעבן איז נישט געווען האַרמאָניש. זיי האָבן זיך געגט. די פרוי און טאָכטער זענען אַ פּאָר יאָר פאַר דער לעצטער מלחמה אַוועק קיין ישראל.

מענדל ראַבין האָט לײַדער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. די דאָזיקע לײַדנשאַפט האָט אים געשטערט אין זײַן אַרטיסטישער קאַריערע און מען האָט אים נישט גערן אַנגאַזשירט אין טרופּעס. ער איז געוואָרן פאַרביטערט, געהאַט ווייניק חברים און געלעבט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון מענטשן.

ווען ער איז געקומען קיין פרונזע, איז די לאַגע דאָרט געווען זייער אַ שווערע. צוליב דער מלחמה איז דאָרט פּשוט נישט געווען וואָס צו עסן. אַמערגסטן האָט עס זיך אָפּגערופן אויף די ייִדישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן פּשוט נישט געוווּסט צו וואָס זיך צו נעמען.

אין פרונזע האָט זיך צו יענער צייט געפונען אַ גרעסערע צאָל ייִדישע שוישפּילערס פון פּוילן, ווי, למשל, אידאַ קאַמינסקי, מאיר מעלמאַן, שעפּטל און מאָטקע זאַק, יצחק גרודבערג־טורקאָוו, דידיאָ עפּשטיין, אסתּר פּערעלמאַן, יעקב קורלענדער, יעקב ריינגלאַס, אַניאַ ליטאַן, זיסל גאָרליצקי, שׂמחה נאַטאַן, הירש האַרט, יצחק קרעלמאַן, יצחק אינוועטאַזש, דבורה פּשעפּיורקאָ, גרישאַ אַריעל און יוסףווידעצקי.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די דייטשישע אַרמיי איז גע־שטאַנען הינטער מאָסקווע. ברויט איז דעמאָלט געווען ראַציאָנירט. כדי צו באַקומען אַ ברויט־קאַרטע, האָט מען געמוזט זיין באַשעפטיקט. און ווי האָבן יידישע אַקטיאָרן געקענט געפינען באַשעפטיקונג, אַז צו יענער צייט איז נישט געווען צו שפילן יידיש טעאַטער. ערשט שפּעטער האָבן די היימלאָזע יידן אָנגעהויבן צו שטראָמען קיין פרונזע און מען האָט אָנגעהויבן צו שפילן יידיש טעאַטער.

מענדל ראַבין האָט געהערט צו די „גליקלעכע״, וואָס האָבן יאָ באַקו־מען אַרבעט. ער איז געוואָרן אַ וועכטער אין אַ גאָרטן. זיין שכירות איז געווען 120 רובל אַ חודש. אַ פונט ברויט האָט צו יענער צייט געקאָסט אין פרונזע 100 רובל אויפן שוואַרצן מאַרק... פלעגט מענדל ראַבין מאַכן אַ לעבן דערפון וואָס ער פלעגט צונויפזאַמלען די אַראָפּגעפאַלענע צווייגן פון די ביימער און פאַרקויפן עס פאַר באַהייצונג. אַזוי אַרום האָט ער זיך נאָך מער דערווייטערט פון די איבעריקע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך די גאַנ־צע צייט געהאַלטן צוזאַמען. מען האָט דעריבער אַ לאַנגע צייט פון ראַבינען גאָרנישט געהערט.

אין אַ געוויסן טאָג איז דער אַקטיאָר שעפטל זאַק געקומען צו ראַבי־נען נאָך אַ ביסל צווייגן און ער האָט זיך דערוווסט פונעם הויפּט־וועכטער, אַז ראַבין געפינט זיך אין שפּיטאָל. ער איז קראַנק געוואָרן פון די שווערע לעבנסבאַדינגונגען און פון אויסשעפּונג.

ווען זאַק האָט ביי די באַגעגנטע קראַנקע געפרעגט אויף דעם יידישן אַקטיאָר ראַבין, האָבן זיי אים אָנגעהויבן צו מוסרן, הלמאי מען דערלאָזט עס דעם קראַנקן ראַבינען ליגן עטלעכע טעג אָן אַ ביסן ברויט און וואַסער. אַגב האָבן זיך די איבעריקע יידישע אַקטיאָרן אויך נישט געפונען אין אַ סך אַ בעסערער לאַגע: זיי האָבן אַליין גוט אונטערגעהונגערט...

מען האָט צוויסן געגעבן ראַבינען, אַז עמעצער פרעגט זיך אויף אים.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פון אַ מענטש: דאָס איז געווען מענדל ראַבין. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און מער ווי דאָס וואָרט „עסן״ האָט ער נישט געקענט אַרויסשעפּטשען. ווען זאַק האָט

אים געפרעגט, צי ער באַקומט נישט קיין ברויט אין שפּיטאָל, האָט ער נאָך באַוויזן קוים אַרויסצורעדן, אַז ער האָט פאַרקויפט זיין ברויט־קאַרטע, כדי זיך צו קויפן אונטערוועש.

זאַק איז באַלד אַוועקגעלאָפן צו אידאַ קאַמינסקי, ביי וועלכער עס איז געווען די היים פאַר אַלע יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט געפונען אין פרונזע, און אַלאַרמירט וועגן ראַבינס טראַגישן מצב. די אַקטיאָרן האָבן זיך אָבער אַליין געפונען אין זייער אַ שלעכטער לאַגע און ווייניק וואָס געקענט העלפן ראַבינען.

אסתר פערעלמאַן איז גלייך אַרויסגעלאָפן צו די אַרומיקע שכנים און ממש אויסגעבעטלט אַ שטיקל קאַרטאָפל, אַ שטיקל ציבעלע, אַ שטיקל מייערל און דאָס אַלץ צוגעקאָכט מיט אַ ביסל הייס וואַסער און אויף גיך געמאַכט אַ זופּ פאַר דעם שווער־קראַנקן ראַבינען. צוזאַמען מיט שעפּטל זאַק איז אסתר פערלמאַן אַוועקגעלאָפן אין שפּיטאָל אַריין. קומענדיק אַהין מיטן טעפּל זופּ (דער וועג האָט געדויערט צוויי שעה צייט), האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז ראַבין לעבט שוין נישט מער און געפינט זיך אין טויטן־שטיבל. ער האָט זיך, נאָך לאַנגע טעג פון הונגער, נישט דערוואַרט אַוועק־צוגיין אַ זאַטער פון דער וועלט...

אין פרונזע האָט זיך דעמאָלט געפונען אַ ביאַליסטאָקער יונגערמאַן, מיטן נאָמען בערל איצקאָוויטש. ער איז אין פרונזע געווען אַ שאָפער און נישט איינמאָל געהאָלפן די יידישע אַקטיאָרן. ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם טרויעריקן פאַל מיט ראַבינען, האָט ער צוגעשטעלט זיין לאַסט־וואָגן און חברים־אַקטיאָרן האָבן אַליין אַרויסגעטראָגן דעם מת פון שפּיטאָל און אים אַוועקגעפירט אויפן פרונזער בית עולם. אין פרונזע איז נאָך דעמאָלט קיין יידישער בית עולם נישט געווען.

אַלע יידישע אַקטיאָרן האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי זיין קבר, וועלכן זיי האָבן מיט די אייגענע הענט אויסגעגראָבן, און דער פאָרשטייער פון די פאַרזאַמלטע אַקטיאָרן יצחק גרודבערג־טורקאָוו האָט מספּיד געווען דעם נפטר. ראַבינס לאַנדסמאַן שעפּטל זאַק האָט אָפּגעזאָגט נאָך אים קדיש און

יאָנאַס טורקאָוו

אויף אַ געפונענעם שטיין, וועלכן ער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן קבר, האָט ער אויסגעקריצט פאָלגנדיקע ווערטער:

פּ. נ. מענדל ראַבין
יידישער אַרטיסט פון גראָדנע.
ת. נ. צ. ב. ה.

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין שווערן לעבן אַ יידישער אַקטיאָר אין דער ווייטער קירגיזיע.

לאורא גליקסמאַן

לאורא גליקסמאַן האָט געהערט צו דער גרו־פּע „ווינער שוישפּילערס". הגם קיין איינער פון זיי איז נישט געבוירן געוואָרן אין ווין, האָבן זיי דאָך, אַ דאַנק זייער יאָרנלאַנגער אַרבעט דאָרט, געקריגן דעם צונאָמען „ווינער".

די אַלע אַזוי גערופענע ווינער שוישפּילערס זענען געווען עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט און געשפּילט אין ווין ייִדיש טעאַטער. ווען איינ־יקע פון זיי זענען שפּעטער אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטשפּילן אין אַנדערע לענדער, איז זיי שוין נאָכגעגאַנגען די „מאַרקע": „ווין".

לרוב האָבן די ווינער שוישפּילערס געשטאַמט פון גאַליציע, דערנאָך זענען געקומען די שוישפּילערס פון רומעניע און קאָנגרעס־פּוילן.

צו די ערשטע שוואַלבן און פּיאָנערן פונעם ייִדישן טעאַטער אין ווין האָבן געהערט: ש. פאָדזאַמטשע, א. בעל, וועטשטיין, ש. צוקער, מ. שטרענג, יונה רייזמאַן, שפּעטער זענען צוגעקומען: יצחק דייטש, זיגלער, יונג־ווירט, גראַף, פראַנצאָס, פאַמיליע ווײַנבערג, ווייסמאַן, יעקב און איטשע מעסטעל, א. מייזעלס, שאָר, נתן קלינגער, דאָראַ דרייבלאַט, דאַליע נאַכ־באַר א"אַ.

דעם ערשטן אָרט האָט פאַרנומען איינער פון די באַדייטנדיקסטע ייִדישע אַקטיאָרן, יונה רייזמאַן, וועלכער איז געקומען פון גאַליציע. ער האָט נאָך געהערט צו דער גרופּע „בראָדער זינגערס", ווו ער האָט אָנ־געהויבן זיין אַרטיסטישע קאַריערע.

אין יאָר 1926 האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם אינטערעסאַנטן מענטש און שוישפּילער, וואָס האָט געשאַפן אַן אייגענעם נוסח אינעם אַלטן יידישן טעאַטער. אַ סך פון זיינע נאָכפאָלגערס — שפּעטער באַקאַנט־געוואָרענע יידישע שוישפּילערס — זענען געגאַנגען אויף זיינע דרכים און איבערגענומען זיין אַרט שפּילן. רייזמאַן איז געווען ממש אַ סקולפּטאָר, וואָס האָט אויסגעקנאָטן פאַרשידענע בינע־געשטאַלטן און אין זיי אַריינגעהויכט לעבן.

דער גרויסער שוישפּילער יונה רייזמאַן האָט אָבער נישט געהאַט די נייטיקע אַרבעטס־מעגלעכקייטן און געפּטרט זיין טאַלאַנט אויף שפּילן אין „טינגל־טאַנגל" און ביי די טישלעך אויף דער טאַבאָר־שטראַסע. ערשט שפּעטער, מיטן אויפקומען פון דעם ערשטן ערנסטן דראַמקרייז אין ווין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער דאָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף דער גלאָקן־גאַסע, און איז אָנגעפירט געוואָרן פון ד"ר פריש, האָט ער, רייזמאַן, געהאַט די מעגלעכקייט אויף די עלטערע יאָרן זיך קינסטלעריש אויסצולעבן. אינעם דאָזיקן קרייז האָבן זיך גרופּירט יונגעלייט (אַלץ עמיגראַנטן, פאַרשטייט זיך), וואָס האָבן געשטרעבט צו שפּילן בעסער טעאַטער. אייניקע פון די דאָזיקע יונגעלייט זענען שפּעטער אַוועק אין די טעאַטער־שולן און דערנאָך — צום דייטשן טעאַטער, וואָס איז אין יענער תקופה נאָך געווען אָפן פאַר יידן.

דער דאָזיקער דראַמקרייז האָט צו יעדער אויפפירונג אַנגאַזשירט אַן אַנדערן רעזשיסאָר. צווישן אַנדערע האָבן דאָרט אויך רעזשיסירט יוליוס האַלער פון „ווינער שטאָט־טעאַטער" און יעקב מעסטעל. יונה רייזמאַן האָט מיט דעם קרייז אויפגעפירט אָסיפ דימאָוס „שמע ישראל". די דאָזיקע גרופּע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ריי יידישע שוישפּילערס, וואָס האָבן שפּעטער געאַרבעט אין דער ביי־געגרינדעטער ווינער „פרייער יידישער פאָלקסבינע", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון עגאָן ברעכער און יצחק דייטש.

די „פרייע פאָלקסבינע" איז געווען דאָס ערשטע יידישע ערנסטע טעאַטער אין ווין, וווּ עס האָט שפּעטער מיטגעאַרבעט ד"ר פּאַול באַראַטאָוו אונטערן פּסעוודאָנים בן־צבי. דאָס איז געווען דער ערשטער אויפ־

טריט אינעם יידישן טעאַטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידישן שוישפּילער.

די „פרייע פאָלקסבינע" האָט, אַ דאַנק איר ערנסטן רעפּערטואַר און צילבאַוווסטער, אחריותדיקער אַרבעט פון אַלע אירע מיטאַרבעטער, פאַרנומען דעם אויבן־אָן אינעם ווינער יידישן קולטור־לעבן. אין דער „פרייער פאָלקסבינע" האָבן צוו. אַנד. מיטגעשפּילט לאה ווייַנטרויב־גראַף, מינע דייטש, רחל וויסבערג־סיגאַל, יצחק דייטש, משה טאַרלאָווסקי, מלך הערשקאָוויטש, יעקב מעסטעל און לאורא גליקסמאַן.

ביי דעם פאַריין „פרייע יידישע פאָלקסבינע" איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ טעאַטער־שול אונטער דער אָנפירונג פון יעקב מעסטעל. פון דער שול זענען אַרויס די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן יהודה בלייך (י. מענדעלסאָן), מיכאל פּרייס און בן־ציון סיגאַל. זיי זענען גלייך אַריינגענומען געוואָרן אין אַנסאַמבל פון דער „פרייער יידישער פאָלקסבינע".

אַ מיטגליד פון דער ווינער „פרייער יידישער פאָלקסבינע" איז געווען די ביז־גאָר באַגאַבטע שוישפּילערין לאורא גליקסמאַן. זי איז געבוירן געוואָרן אין לעמבערג. איר פאָטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פונעם יידישן טעאַטער, האָט זיין באַליבטע לאָרקע — אַזוי האָט מען זי גערופן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אָפט מיטגענומען מיט זיך אין גימפּעלס יידישן טעאַטער. זי איז ווי פאַרכשופט געוואָרן פון דער בייער פאַר איר וועלט און האָט אַליין אָנגעהויבן צו חלומען צו ווערן אַ יידישע אַקטריסע. זי האָט געהאַט אַ שיינע שטים צו זינגען.

איר פאָטער, אַלס מיליטערישער צושטעלער פאַר דער עסטרייכישער אַרמיי, האָט אָפט פאַרבעטן צו זיך אַהיים פאַרשיידענע מיליטערישע און ציווילע געסט. די קליינע, באַחנטע לאָרקע פלעגט פאַר זיי זינגען די לידער, וואָס זי האָט געהערט אין יידישן טעאַטער. אַלע זענען מיטגעריסן געוואָרן נישט נאָר בלויז פון איר זינגען, נאָר נאָך מער — פון דעם אופן ווי אַזוי זי האָט אָפּגעזונגען און אויסגעשפּילט דאָס ליד.

פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעהויבן צוצורעדן לאָרקעס פאָטער, ער זאָל זי לאָזן אויסבילדן פאַר אַן אַקטריסע, און זי וועט נאָך זינגען אין דער ווינער קייזער־ און קעניגלעכער־אָפּער, און אַז זי וועט זיין אַזוינס און אַזעלכעס...

לאַרקעס פּאָטער, וואָס האָט אַליין ליב געהאַט ייִדיש טעאַטער און אַ ייִדיש ליד, האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן. זיין לאַרקע — האָט ער געזאָגט — מוז אויסוואַקסן אויף אַ מענטש...

ווען דער דירעקטאָר פונעם ייִדישן טעאַטער אין לעמבערג, גימפּעל, האָט זיך דערוווּסט וועגן איר שיין זינגען, האָט ער געשיקט נאָך איר און איר צוגעזאָגט „גאָלדענע גליקן״, אַבי זי זאָל אַריין צו אים אין טעאַטער. מען האָט צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז לאַרקעס פּאָטער זאָל דערפון נישט וויסן, ווייל ס׳וועט זיך טון חושך...

לאַרקע האָט אָנגעהויבן צו זינגען ביי גימפּעלן אין כאָר און איר פּאָטער האָט פון אָנהויב גאָרנישט געוווּסט. עס איז אַלץ געגאַנגען כשורה.

ווען דער „אַנטדעקער״ פון נייע טאַלאַנטן, אַליין אַ גלענצנדיקער שוישפּילער און טעאַטער־דירעקטאָר אין גאַליציע, קאַרל עבעל, האָט געזען און געהערט לאַרקען, האָט ער באַלד פעסטגעשטעלט, אַז דאָס יונגע מיידל וועט מיט דער צייט ווערן אַ נישט־דורכשניטלעכער בינע־כוח. ער האָט זי אַריינגענומען אין זיין טרופּע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט לאַרקע גליקסמאַן שוין פאַרנומען אַן ערשטע פּאָזיציע אין דער טרופּע און געשפּילט אַלע הויפּטראָלן.

פון עבעלן איז לאורע גליקסמאַן אַנגאַזשירט געוואָרן צו אַקסעלראָדן קיין טשערנאָוויץ. זי איז שנעל געוואָרן זייער פּאָפּולער און באַליבט ביים עולם. דער טעאַטער־דירעקטאָר בערנאַרד האַרט האָט מיט איר געמאַכט אַ שותפות־דירעקציע, אַזוי אַז זי איז שוין געוואָרן אַ טעאַטער־דירעקטאָ־רין און צוזאַמען מיט האַרטן געפירט אייניקע יאָר אַן אייגענע טרופּע.

אין יאָר 1914 אַנגאַזשירט זי שלום פּאָדזאַמטשע קיין ווין, וווּ זי ווערט באַלד דער ליבלינג פונעם פּובליקום. מיטן גרינדן פון דער „פריי־ער ייִדישער פאָלקסבינע״ ווערט לאורע גליקסמאַן אַנגאַזשירט אינעם דאָזיקן טעאַטער און פאַרנעמט דאָרט אַ בכבודיקן אָרט.

הגם לאורע גליקסמאַן האָט פריִער געשפּילט אין אָפּערעטן־רעפּער־טואַר די סוברעטינס — אגב, איז זי געווען איינע פון די בעסטע ייִדישע סוברעטינס אין אייראָפּע — האָט זי אויך אין ערנסטן רעפּערטואַר באַ־וויזן, אַז זי איז אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט. ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, איז אַלץ פול געוואָרן מיט לעבן. די פרוי האָט געהאַט

אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט ממש אָנגעצונדן אַלץ אַרום איר.
לאָרקע גליקסמאַן איז געווען געבענטשט מיט אויסערלעכע מעלות. זי האָט געהאַט אַ שיין פּנים; אַ שוואַרצן קאָפּ האָר; אַ פּאָר גרויסע גראָ־בלאָע אויגן, וואָס האָבן געלאָקט און צוגעצויגן צו זיך. פאַרמאָגט גאָר אַ סך חן. הגם זי איז געווען אַ פּשוטע פרוי, דורך און דורך פאָלקסטימלעך און האָט נישט באַזעסן קיין שום בילדונג, אָבער ווען מען האָט זי געזען אין אַן ערנסטער אויפפירונג, אונטער אַ געהעריקער רעזשי, האָט מען ממש געשטוינט ווי עס קומט צו דער דאָזיקער פרוי אַזוי פיל בינע־קולטור.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט זי שוין געשפּילט כאַראַקטער־ראָלן. זי האָט אַרויסגעבראַכט, ווו מען האָט געדאַרפט, טיף־מענטשלעכע טראַגישע טענער, וואָס האָבן מיט דער נאַטירלעכקייט און אוממיטלבאַר־קייט דערשיטערט און מיטגעריסן נישט נאָר דעם עולם אין זאַל, נאָר אויך אירע קאָלעגן מיטשפּילערס אויף דער בינע. אין ערנסט טאָלערס „הינקעמאַן" (דאָס רויטע געלעכטער) האָט לאורא גליקסמאַן געשפּילט די מוטער און זי האָט אין דער קליינער ראָל געשאַפן אַן אמתע קרעאַציע.

ווען פּאול באַראַטאָוו איז געפאָרן אויף גאַסטשפּילן קיין קאָוונע צו בוקאַנצן, איז לאורא גליקסמאַן דאָרט אויך געווען אין טעאַטער.

לאורא גליקסמאַן האָט אויך געשפּילט אין רומעניע, אין פּוילן, ביי בלומענטאַלן אין פּאַריז, אין בעלגיע און טשעכאָסלאָוואַקיי. אַ לענגערע צייט איז זי צוזאַמען מיט שמחה פּאַסטעלן אויפגעטראָטן אין לאָנדאָן. זי האָט אומעטום געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. זי האָט אויך מיטגעשפּילט אין איניקע פילמען.

ווען די לעצטע מלחמה איז אויסגעבראָכן און די נאַציס האָבן איי־בערגענומען די מאַכט אין ווין, איז זי פון דאָרט אַנטלאָפן קיין בעלגיע. דאָס מזל האָט איר אָבער אויך דאָרט נישט צוגעשפּילט. די נאַציס זענען איר נאָכגעגאַנגען... בעלגיע איז פאַרנומען געוואָרן פון די רוצחים און לאורא גליקסמאַן האָט געטיילט דעם גורל פון דער מערהייט יידן אין בעלגיע, וואָס זענען דורך די נאַציס דעפּאָרטירט געוואָרן און זי איז אומגעקומען אין איינעם פון די דייטשישע טויט־לאַגערס.

וואלף נייהויז

וואָלף נייהויז האָט געהערט צו די פּאַרדינסטפולע יידישע טעאַטער־מענטשן אין פּוילן.

ער האָט געהערט צו די פּשוטע טעאַטער־סאָלדאַטן, וואָס האָבן מיט זייער מי און שווייס אויסגעקעמפט איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער, און פאַר וועלכע די טעאַטער־גענעראַלן האָבן געקריגן אָנערקענונג און אויס־צייכענונגען.

וואָלף נייהויז, דער שטילער און ביז־גאָר איידעלער מענטש, האָט ביי זיין גרויסער ליבשאַפט צום טעאַטער, זיך מקריב געווען פאַר אים. ער איז געווען אַ סופליאָר ביים יידישן טע־אַטער, — אַ פּאָזיציע, נישט קיין דאַנקבאַרע, אַ ביז־גאָר שווערע, וואָס האָט קיין לאָרבער־קראַנצן און אַפּלאָדיסמענטן נישט איינקאַסירט; קיין וועלט־נאָמען זיך נישט געשאַפן; אין דער געשיכטע פונעם יידישן טע־אַטער נישט אַריין.

און דאָך האָט דער כמעט נישט־אָנזעעוודיקער סופליאָר פונעם יידישן טעאַטער, דער באַשיידענער טעאַטער־נסתר וואָלף נייהויז פאַרדינט, אַז זיין נאָמען זאָל פאַראייביקט ווערן. דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר צווישן די סופליאָרן, נאָר אויך צווישן אַ סך,

אַ סך אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן, אַ דאַנק זיין גענזעלשאַפטלעכן חוש און צילבאַוווסטן צוגאַנג צום יידישן טעאַטער. ער איז געווען איינער פון די פאָרקעמפער פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער.

וואָלף נייהויז האָט געהערט צו די געציילטע פון דער אַלטער טעאַטער־גוואַרדיע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אַ דאַנק בעסער טעאַטער קען מען הייבן די חשיבות פונעם אַקטיאָר און גלייכצייטיק פאַרבעסערן און פאַרשטאַרקן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די יידישע טעאַטער־מענטשן. ער איז זיך ווייט פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיינע פאַך־קאָלעגן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם עולם געבן דאָס, וואָס ער וויל און וואָס ער פאַרלאַנגט.

וואָלף נייהויז האָט, ווי געזאָגט, געהאַט גאָר אַן אַנדערע איינשטעלונג צו דער פראַגע און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער זי מאַניפעסטירט. ער איז געווען דער פאָרשטייער פונעם יידישן אַרטיסטן־פאַריין אויף לאָדזש, און פריער נאָך — סעקרעטאַר פונעם לאָדזשער יידישן אַרטיסטן־פאַריין. ער האָט געאַרבעט אין לאָדזשער „פילהאַרמאָניע־טעאַטער" ווי אַ סופליאָר ביי דער דאָרטיקער יידישער טרופע, וועמענס רעפּערטואַר איז נישט געווען שטאַרק איבערקלויבעריש. אָבער ווי נאָר נייהויז האָט באַקומען אַ ידיעה פונעם אַרטיסטן־פאַריין, אַז אַ טרופע מיט אַן ערנסטן רעפּערטואַר קלויבט זיך קיין לאָדזש (קיין אַנדער טעאַטער־זאַל פאַר יידיש טעאַטער איז דעמאָלט נישט געווען אין לאָדזש), פלעגט ער, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס האָט אָנגערירט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, דורכגעפירט, אַז די שטענדיקע טרופע פון לאָדזש זאָל אויף דער צייט, וואָס די אַנדערע טרופע האָט דאָרט געדאַרפט שפּילן, אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ, כדי אָפּצוטרעטן דאָס אָרט פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער.

וואָלף נייהויז איז געווען אַ זעלטן ערלעכער מענטש, וואָס האָט נישט געוווסט פון קיין הינטער־קוליסן־פּאָליטיק און קיינמאָל נישט אַראָפּ פונעם דרך הישר. דערפאַר איז ער ביי אַלע טעאַטער־מענטשן געווען באַליבט און געשעצט. נייהויז איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטשריפטן און ער האָט אויך פון צייט צו צייט געשריבן וועגן אַקטועלע טעאַטער־פּראָבלעמען אין דער צייטונג „לאָדזשער פאָלקס־בלאַט".

נייהויז האָט אויך צוגעהאָלפן אייניקע פונעם אַלטן דור אַקטיאָרן, וואָס האָבן געוואָלט ווערן מיטגלידער פון דעם אַרטיסטן־פאַריין און האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן דורכפאַלן ביי די עקזאַמענס, וואָס זיי האָבן נעבעך געמוזט באַלייגן אויף די עלטערע יאָרן. נייהויז האָט זיי טעאָרעטיש צוגעגרייט צו די עקזאַמענס און דערמיט זיי דערמעגלעכט צו ווערן מיט־גלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. ער איז צווישן דער אַלטער גוואַרדיע געווען דער אַזוי גערופענער „אוטשאָני יעווריי״ (דער געבילדעטער ייִד). אויף אַלע צוזאַמענפאָרן פונעם אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן איז ער געווען דער דעלעגאַט פון לאָדזש.

וואָלף נייהויז איז געבוירן געוואָרן אין איזשביץ, נישט ווייט פון לאָדזש, ווו ער האָט געלערנט אין חדר און אין דער ישיבה, און ווי ער האָט אַליין דערציילט, האָט ער שוין, זיצנדיק ביי דער גמרא, ליב געקריגן ייִדיש טעאַטער און נישט אויפגעהערט וועגן דעם צו חלומען. ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָבן זיך זיינע עלטערן, צוזאַמען מיטן גאַנצן הויזגעזינט, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי טעכטער און צוויי זין, אַריבער־געצויגן קיין לאָדזש. וואָלף האָט צוגעהאָלפן זיינע עלטערן אינעם פוטער־געשעפט, וואָס זיי האָבן דאָרט געעפנט. אין די אָוונטן האָט ער זיך אַליין געלערנט און זייער אַ סך געלייענט. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער ייִדישער און וועלטלעכער ליטעראַטור. ער איז אויך געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער אין ייִדישן טעאַטער. ער האָט זיך מיט דער צייט באַקענט מיט די אַקטיאָרן און אַליין אָנגעהויבן צו שפּילן אין פאַרשיידענע האַלב־פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס. אַזוי ווי ער איז געווען באַהאַוונט אין די „קליינע אותיותלעך״, האָט מען אים אַריינגעצויגן אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער אַלס סופליאָר. ביי דעם דאָזיקן שווערן, אומדאַנקבאַרן פאַך איז ער שוין פאַר־בליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

זיין פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אונטער דער דירעקציע פון טיטעלמאַן, דערנאָך געשפּילט אין די טרופּעס פון אברהם יצחק קאַמינסקי, ווו ער איז שוין געווען סופליאָר, און ווייטער — ביי יוליוס אַדלער און הערמאַן שעראַדזקי, ביי קאָמפּאַניעיעצן, ביי זאַנד־בערגן, ביי משה דוד וואַקסמאַן, מישאַ פישזאָן, אין דער „ווילנער טרופּע״,

מיט קלאַראַ יאָנג, מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך, אין „אַזאַזעל״, „סמבטיון״, מיט ל. סאָקאָלאָוו, קאַדיש־כאַש־נחמה און פיל אַנדערע טרופּעס.

ווי ווייט נייהויז איז געווען פּאָפּולער און אָנגעזען אַלס טעאַטער־מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער, קען דינען דער פאַקט, אַז ווען מען האָט אין יאָר 1930 געפייערט זיין 20־יאָריקן יובל פון טעאַטער־טעטיקייט, זענען צום קאָמיטעט צוגעשטאַנען די פּאָפּולערסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון דער לאָדזשער געזעלשאַפטלעכער־ און קולטור־וועלט.

מען האָט וואָלף נייהויזן פאַר זיין אויסדויער און עקשנות אין דער אומדערטרעגלעכער אַטמאָספער, אין וועלכער עס איז אים אין משך פון 20 יאָר אויסגעקומען צו אַרבעטן, צוגעטראָגן פיל פרייד און כבוד.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די דייטשן האָבן פאַרנומען לאָדזש, איז וואָלף נייהויז, צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיינע שיינע צוויי טעכטער דינה און צילע, אַנטלאָפן קיין וואַרשע. ווען מ׳האָט איינגעפירט דעם וואַרשעווער געטאָ, איז „חבר וואָלף״ — אַזוי האָט מען אים גערופן אין די טעאַטער־קרייזן, אַנגאַזשירט געוואָרן צו חיים סאַנדלערן אין טעאַטער.

די עלטסטע טאָכטער זיינע, דינה, האָט געאַרבעט אין אַ געזעלשאַפט־לעכער קיך; די צווייטע טאָכטער — צילע, וועלכע האָט נאָך אין לאָדזש און אויף דער פּראָווינץ געשפּילט קינדער־ראָלן אין די טרופּעס פון אַנאַ יאַקובאָוויטש, דאָראַ וויסמאַן, מישאַ און לוסי גערמאַן, איז אויך אויפגע־טראָטן אין וואַרשעווער געטאָ, אויף פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען אין די הויז־קאָמיטעטן און קאַפעס.

קורץ פאַר דער ערשטער „אויסזידלונג״ אין וואַרשעווער געטאָ איז וואָלף נייהויזס פרוי אַוועק אויף געפעלשטע פּאַפּירן קיין קאָמאַראָוו, — אַ קליין שטעטל נעבן לובלין. באַלד נאָך איר איז אַהינגעפאָרן די יינגערע טאָכטער צילע. נאָך זיי האָט געזאָלט אַהינפאָרן וואָלף מיט דער עלטסטער טאָכטער דינה.

דערוויַיל האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס״ אין וואַרשעווער געטאָ און וואָלף נייהויז מיט דער טאָכטער האָבן שוין פון דאָרט נישט געקענט אַרויס. די עלטסטע טאָכטער נייהויזס, די 18־יאָריקע דינה, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט. זי האָט געאַרבעט ביי טעבענסן אין

„שאָפּ“. בעת דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז זי, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע ייִדן, פון טעבענסנס „שאָפּ“ אַוועקגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָוו, ווו זי איז אומגעבראַכט געוואָרן אָנהויב נאָוועמבער 1943.

צילע נייהויז האָט, קומענדיק קיין קאָמאַראָוו, אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ דאָרף אין דער פעלד־ווירטשאַפט. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „ייִדן־אויסזידלונגען“ פון קאָמאַראָוו, איז איר געלונגען אַרויסצוגנבענען פון דאָרט איר מוטער און זי ברענגען צו זיך אין דאָרף אַריין. ווען מען האָט אָנגעהויבן צו זוכן ייִדן איבער די דערפער, האָט דער פויער, ווו צילע האָט געאַרבעט, זי אַרויסגעטריבן. צוזאַמען מיט דער מוטער האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שלעכטע וועטערס, האָט זי זיך מיט דער מוטער אַריינגעגנבעט אין אַ דאָרפישער סטאָדאָלע מיט היי. דאָרט אין היי געמאַכט אַ לאָך, ווו די צוויי פרויען האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אַכט חדשים צייט זענען זיי דאָרט געלעגן. ביינאַכט פלעגט צילע אַרויס פון באַהעלטעניש און צוגנבענען דאָס עסן, וואָס די פויערים פלעגן אָנגרייטן אין שטאַל פאַר די חזירים. צילע האָט געהאַט אַ נס, וואָס דער הונט פון פויער האָט זי דערקענט נאָך פון דער צייט ווען זי האָט דאָרט געאַרבעט און נישט אָנגעהויבן צו בילן אויף איר. אין אַ צייט אַרום האָבן זיך אָבער די פויערים געכאַפּט, אַז עס איז עפּעס אין דער סטאָדאָלע נישט אין אָרדענונג. זיי האָבן אָנגעהויבן צו זוכן מיט ווידלעס אין היי, אָבער — נישט אָנגעשטויסן זיך אויף די ייִדישע פרויען.

זעענדיק, אַז דער באָדן אונטער זייערע פיס הויבט אָן צו ברענען, איז צילע מיט דער מוטער אַנטלאָפן ווייטער. זיי האָבן זיך אַזוי אַרומגעוואַלגערט איבער די דערפער צוויי און אַ האַלב יאָר. צילע האָט זיך אויסגעגעבן אַלס קריסטין און געאַרבעט ביי די פויערים אויף די פעלדער. איר מוטער, וואָס האָט שלעכט גערעדט פויליש, האָט געשפּילט די ראָל פון אַ שטומע. אַזוי אַרום האָבן די ביידע פרויען איבערגעלעבט די מלחמה. די העלדישע צילע נייהויז, וואָס האָט אויף אַזאַ זעלטענעם אופן געראַטעוועט זיך און איר מוטער, איז געוועז פון די ערשטע ייִדן אין דעם באַפרייטן לובלין. זי איז שפּעטער מיט איר מוטער אַוועק קיין דייטשלאַנד, ווו זי האָט גע־

שפּילט ייִדיש טעאַטער. פֿון דאָרט זענען זיי אָפּגעפֿאָרן אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן.

דער „חבר וואָלף", דער זעלטן־גוטער מאַן און פֿאָטער, דער געטרייער ייִדישער טעאַטער־סאָלדאַט, דער ליבער, באַשיידענער מענטש, האָט נישט געהאַט דאָס מזל איבערצולעבן די מלחמה. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע „אויסזידלונגען", איז ער אַרומגעלאָפֿן פֿון איין אָרט צום צווייטן און געזוכט שוץ.

ביי איינער פֿון די דאָזיקע „וואַנדערונגען" איז ער אַריינגעפֿאַלן אין די רוצחישע הענט און מען האָט אים אַוועקגעפֿירט אויפֿן „אומשלאַג־פּלאַץ". פֿון דאָרט איז שוין אַלץ געגאַנגען לויטן דייטשישן סדר: וואַגאָנען. טרעבלינקע. גאַז־קאַמערן.

אדאם דאמב און סאניא אלטבוים

גאָסטינין — דאָס קליינע רואיקע שטעטל מיט די גרויסע סאָסנע־וועלדער, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון גאָמבין, צווישן וואַרשע און לאָדזש — האָט געשמט מיט איר ראָמאַנטישקייט און צוציאונגס־קראַפט. נישט אומזיסט פלעגט דאָרט זומער זיין פול מיט געסט, וואָס פלעגן קומען נישט נאָר פון די אַרומיקע שטעטלעך, נאָר אויך פון די גרויסשטעט וואַרשע און לאָדזש.

שלום אַש האָט אַמאָל געשריבן, אַז „די גאָסטינינער יונגען און די גאָמבינער מוידן פלעגן זיך טרעפן אויף העלפט וועג...״ שלום אַש פלעגט אָפט קומען קיין גאָסטינין אויף פאַרלעזונגען און בינו לבינו זיך אָנזאַפן מיטן גאָסטינינער שטייגער־לעבן. זיין ראָמאַן דער „תהילים־ייִד״ איז טאַקע געבויט אויפן לעבן פון גאָסטינינער רבין ר׳ יחיאל מאיר.

דאָס שטעטל גאָסטינין, וואָס איז, פון איין זייט, געשטאַנען אונטער דער גייסטיקער השפעה פונעם רבין ר׳ יחיאל מאיר און געפירט אַ שטרענג אָרטאָדאָקסיש לעבן, האָט, פון דער אַנדערער זייט, געלעכצט נאָך וועלטלעכקייט. גאָסטינין האָט געהאַט פאַריינס־קלובן און אַ גרויסע ביב־ליאָטעק, וועלכע פלעגן אָפט אַראָפּברענגען אַהין געסט־שרייבער און קול־טור־טוער און בכלל — פירן אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, אין וועלכער ס׳איז אַריינגעצויגן געוואָרן די גאַנצע דאָרטיקע יוגנט.

דער באַגאַבטער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר ישראל גלאַטשטיין האָט אויך געשטאַמט פון גאָסטינין. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן אַלס ייִנגל אין כאָר ביים גאָסטינינער חזן. בעת דער לעצטער מלחמה איז ער געווען זייער טעטיק אין וואַרשעווער געטאָ, ווו ער האָט אָרגאַניזירט דעם ערשטן

יידישן רעוועלערסן־כאָר. גלאַטשטיין איז אומגעקומען אין איינעם פון די דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערס.

ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער צו דער גרויסער יידישער אויפקלערונגס־ און קולטור־אַרבעט אין גאָסטינין האָט אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן אַ פויליש־רעדנדיקער יידישער יונגערמאַן, וואָס איז געקומען

סאָניאַ אַלטבוים

אַדאַם דאָמב

פון פלאָצק און כמעט קיין יידיש נישט געקענט. דער דאָזיקער יונגער־מאַן — אַדאַם דאָמב האָט ער געהייסן — איז געבוירן געוואָרן אין פלאָצק ביי אַן אַסימילירטער משפחה. אַדאַם דאָמבס עלטסטער ברודער, יוליוס, וועלכער האָט אין פלאָצק געפירט אַ פאָטאָגראַפישע סטודיע, האָט באַ־שלאָסן צו עפענען אַן אָפּטיילונג אויך אין גאָסטינין. ער האָט איבערגעגעבן די אָנפירונג פון דער סטודיע זיין יינגערן ברודער, אַדאַם.

אַדאָם דאָמב, זייענדיק יונג און ראָמאַנטיש, האָט ליב געקריגן דאָס שטעטל גאָסטינין און האָט זיך דאָרט באַזעצט. פילנדיק אַ געוואַלטיקן דראַנג צום טעאַטער (ער האָט שוין פריִער געשפּילט אין פּוילישן טעאַטער אין פּלאָצק), האָט ער באַשלאָסן צו גרינדן דאָרט אַ דראַמאַטישן קרייז. די גאָסטינינער יוגנט האָט שוין געהאַט טעאַטער־טראַדיציע. יעקב וויסליץ, איינער פון די פּיאָנערן פון די פּראָווינצער דראַמ׳־קרייזן, האָט שוין פריִער אָנגעפירט דאָרט אַ לענגערע צייט מיט דער דאָזיקער אַרבעט. די גאָסטינינער יוגנט האָט זיך געניטיקט אין אַ שטענדיקן דראַמ׳־קרייז. דאָמב האָט אָנגעהויבן געשמאַק צו לערנען די ייִדישע שפּראַך.

אין יאָר 1915 איז ביי דער גאָסטינינער ביבליאָטעק אָרגאַניזירט געוואָרן דער דראַמ׳־קרייז און אַדאָם דאָמב איז געוואָרן דער רעזשיסאָר און הויפּטשפּילער פון דער גרופּע טעאַטער־ליבהאָבער. די ערשטע פּיעסע, וואָס ער האָט מיט זיי אויפגעפירט, איז געווען יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", וואָס ער האָט שוין געהאַט געשפּילט אין פּלאָצק אויף פּויליש. דאָמב האָט געשפּילט „אוריאל מזיק". ער האָט אויך אויפגעפירט סטרינדבערגס „פאָטער", לעאָן קאָברינס „דאָרפס־יונג", א. דיומאַס „קין", טשיריקאָווס „ייִדן", גאָרדינס „אומבאַקאַנטער" א"אַ.

דאָמב האָט מיט דער גרופּע געוואָלט אויך אויפפירן גאָרדינס „שחיטה" און ער האָט געזאָלט שפּילן „ר׳ צלאל ראַפּאָפּאָרט". ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דער עברי. ער האָט פּאַרדרייט די העברעאישע ווערטער און סוף כּל סוף געמוזט דערפון רעזיגנירן. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער עקשן און אַ מענטש מיט גרויסע אַמביציעס, האָט ער אַ סך געאַרבעט איבער זיך, איבער זיין ייִדיש און אָנגעהויבן צו שטודירן די ייִדישע ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז געוואָרן שטאַרק באַהאַוונט. נישט געווען קיין ייִדיש בוך, וואָס ער זאָל נישט האָבן געלייענט. דער דאָזיקער עקס־אַסימילאַנט איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון דער ייִדישער קולטור און פון דער ייִדישער שפּראַך. אַלס אינטעליגענטער מענטש האָט ער זיך פונקט אַזוי באַצויגן צו זיין טעאַטער־אַרבעט. דער באַגריף „שונד" איז אים געווען פרעמד. ער האָט אויפגעפירט בלויז ליטעראַרישע און ווערטפולע פּיעסעס.

אַדאַם דאַמב האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דער געשטאַלטיקונג פונעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין גאָסטינין, ווו ער איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן. צום טעאַטער האָט ער געהאַט אַן אידעאַליסטישן צוגאַנג. די גאַנצע הכנסה פון די פאָרשטעלונגען זענען געווען

אַדאַם דאַמב (×) מיטן דראַמאַטישן קרייז אין גאָסטינין

באַשטימט פאַר וווילטעטיקע צוועקן. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס צו די פאָרשטעלונגען פונעם גאָסטינינער דראַמ'־קרייז זענען אויך געקומען אָרטאָדאָקסישע ייִדן אין קאַפּאָטעס, מיט לאַנגע בערד, — וואָס דאָס אַליין איז שוין געווען אַ דורכברוך אין די גאָסטינינער מנהגים.

אַדאַם דאַמב האָט מיטן גאָסטינינער דראַמ'־קרייז אויך אויפגעפירט דוד פינסקיס „גאַברי מיט די פרויען". גראָד צו יענער צייט האָט אין גאָסטינין פאַרבראַכט אויף זומער־וווינונג די שוישפילערין ראָזאַ שושנה. איר מוטער האָט געשטאַמט פון גאָמבין, וואָס איז געלעגן דריי מייל פון גאָסטינין. היות שושנה האָט געהאַט אַ שטאַרקן סענטימענט פאַר די מקומות, פלעגט זי זומער אַהינקומען זיך דאָרט אָפּרוען. דאַמב האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און זי פאַרבעטן צו שפּילן אין פינסקיס פּיעסע די הויפטראָל.

דער דראַמ׳־קרײַז פון גאָסטינין פלעגט אויך אָפּט אַרויספאָרן מיט די פאָרשטעלונגען קיין גאָמבין, קוטנע, פּלאָצק און אומעטום איז די גרופּע טעאַטער־ליבהאָבער אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט.

איינער פון די בויער און אַקטיווסטע מיטאַרבעטער פונעם גאָסטינינער דראַמ׳־קרײַז שמואל קעלער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען די גרופּע האָט זיך אַמאָל געגרייט אויפצופירן שלום אַשס „מיטן שטראָם״, איז מען געבליבן שטיין פאַר אַ שווערן פּראָבלעם: ווו נעמט מען אַ שטריימל פאַרן רבֿ, און ווער וועט עס איין דעם קליינעם שטעטל אויסבאָרגן אַ שטריימל. ווען דעם האָט זיך דערוווּסט די גאָסטינינער שרהלע פּיינזילבער, — אַ ראָמאַנטיש מיידל, וואָס האָט געוואַלטיק ליב געהאַט ייִדיש טעאַטער. שרהלע פּיינזילבער, די טאָכטער פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע חסידישע משפּחות אין גאָסטינין, וואָס פלעגט ממש מיטלעבן מיט יעדער פאָרשטעלונג, האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען די סיטואַציע. אירס אַ שוואָגער, אַ מאַנופאַקטור־סוחר אין גאָסטינין, וואָס האָט געהאַט היתר אויף רבנות, האָט אויך געהאַט אַ שיין שטריימל. האָט שרהלע פּיינזילבער נישט לאַנג געטראַכט און ביינאַכט, ווען די משפּחה איז שוין געשמאַק געשלאָפן, האָט זי אַרויסגעגנבעט דאָס שטריימל און אויף אַ שטריקל עס אַראָפּגעלאָזט דורכן פענצטער. אונטן האָט שוין געוואַרט אַ מיטגליד פונעם דראַמ׳־קרײַז און עס אויפגעבונדן. דאָס שטריימל האָט „געשפּילט״ טעאַטער. דער עפּיזאָד איז שפּעטער געוואָרן דאָס געשפּרעך פונעם טאָג.

די דאָזיקע טאַט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַלע ווונדערבאַרע שרהלעך פון די קליינע שטעטלעך, וואָס זענען אַזוי געווען צוגעבונדן און ליב געהאַט טעאַטער, און אויף זייער שטייגער מיטגעהאָלפן ביי דער געשטאַלטיקונג און פאַרשטאַרקונג פון טעאַטער און פון אַלע צווייגן פון דער ייִדישער קולטור אויף דער פּראָווינץ.

נאָך אַ פּאָר יאָר שיינער און נוצלעכער אַרבעט איז אַדאַם דאָמב געקומען פון גאָסטינין קיין וואַרשע און אין אַ צייט אַרום — אַנגאַזשירט געוואָרן אין אסתּר רחל קאַמינסקיס דראַמאַטישן טעאַטער. פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך דאָמבס פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרישע טעטיקייט. אַפילו זייענדיק שוין אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, פלעגט ער פון צייט צו צייט

קומען קיין גאַסטינין און אַרויסהעלפן דעם דראַמ׳־קרייז, וועלכן ער האָט געגרינדעט און צו וועלכן ער איז געווען אַזוי צוגעבונדן.

מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט אַדאַם דאָמבן אייניקע יאָר און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן זיין אַנטוויקלונג ביים טעאַטער, ביזן סוף פון דער לעצטער מלחמה (יאָר 1939). דאָמב איז שויש־פילעריש געוואַקסן פון יאָר צו יאָר און לסוף — פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעענעם אָרט אינעם יידישן טעאַטער.

אַדאַם דאָמב האָט געהאַט אַ גלענצנדיקע רעפּרעזענטאַטיווע פיגור, כאָטש — פון מיטלוווקס. אַן אויסדריקלעך פנים. אַ וווּנדערבאַרע דיקציע. אַ פּרעכטיק־קלינגענדיקע שטים, אָבער זינגען האָט ער נישט געקענט. ער האָט נישט געהאַט קיין אויער פאַר מוזיק. ווען עס איז אים אויסגע־קומען צו זינגען, האָט ער קיינמאָל נישט געקענט טרעפן אין טאָן... עס איז אים אויך שווער אָנגעקומען צו לערנען אַ ראָל, אָבער צום שבח מוז מען צוגעבן, אַז ער האָט טאָג און נאַכט געלערנט אַ ראָל און זי סוף כל סוף באַהערשט.

דאָמב האָט געשאַפן אַ ריי גלענצנדיקע, אומפאַרגעסלעכע בינע־לייסטונגען, ווי, למשל, אין אַנדרעיעווס „7 געהאָנגענע״, מענדעלע מוכר ספרימס „פּריזיוו״ (ר׳ יוחנצע), שלמה עטינגערס „סערקעלע״ (ר׳ משה דאַנציגער), דוד פּינסקיס „אוצר״ (יודקע), וויקטאָר הוגאָס „גלאָקן־ציער פון נאָטר־דאַם״ (אַלטער ציגיינער), ראָמען ראָלאַנס „וועלף״ (קענע), יהושע פּערלעס „נייע מענטשן״, יעזשי טעפּאַס „פריילין דאָק־טער״, מאַקס באַומאַנס „גליקל האַמעלן״, משה בראָדערזאָנס באַאַרבעטונג פון לאַטיינערס „שרה שיינדל פון יעהופּעץ״ און אַ סך אַנדערע, אין וועל־כע ער איז דערגאַנגען צו אַ הויכער מדרגה.

אַדאַם דאָמב איז געווען אַ גרויסער פּעדאַנט. אַלעמאָל עלעגאַנט, ציכ־טיק אָנגעטון, לויט דער נייעסטער מאָדע. באַזעסן גוטע מאַנירן און זיך געהאַלטן ווי אַן אמתער אַריסטאָקראַט. תמיד געווען אַ צעשמייכלטער; גע־האַט אַ גרויסן חוש פאַר הומאָר. ער האָט געהאַט אַ סך פריינט, וועלכע האָבן אים אַפילו מוחל געווען דאָס, וואָס ער פלעגט אָפט מגזם זיין ביים דערציילן פאַרשיידענע מעשיות...

יאָרנלאַנג האָט ער געאַרבעט מיטן „וויקט" און דורכגעמאַכט דעם טורנע איבער פּוילן און רומעניע. ער האָט אויך געשפּילט אין ווין, קאָוונע און אין די לעצטע יאָרן — אין דער טרופּע פון אידאַ קאַמינסקי.

סאָניאַ אַלטבוים, זיין פרוי, האָט געשטאַמט פון גראָדנע און איז געווען אַ ביז־גאָר טאַלאַנטירטע שוישפּילערין. אַ געבילדעטער מענטש און אַ גרויסע חכמת. דערצו איז זי געווען זייער שיין, באַחנט, צאַרט און פּשוט. טעאַטער האָט זי ליב געהאַט מיט אַלע פיבערן פון איר פיינפילנדי־קער נשמה. סאָניאַ אַלטבוים — איר ריכטיקער נאָמען איז געווען סטאַ־ראָדוב — איז געווען אַ לערערין אין גראָדנע. פאַרן איבערגיין אין יידישן טעאַטער האָט זי אָנטיילגענומען אין די רוסיש־אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונ־גען און תמיד געשטרעבט צו ווערן אַ שוישפּילערין. איר ציל איז דער־גרייכט געוואָרן ווען אסתר רחל קאַמינסקי האָט אין יאָר 1923 אָרגאַני־זירט דעם דראַמאַטישן אַנסאַמבל אין ווילנע, וואָס איז געווען דער שפּע־טערדיקער פונדאַמענט פון אידאַ קאַמינסקיס און זיגמונט טורקאָווס „וויקט" (וואַרשעווער יידישער קונסט־טעאַטער). סאָניאַס שוועסטער — גאַלאַ סטאַראָדוב, איז אויך געווען אַ יידישע שוישפּילערין.

סאָניאַ אַלטבוים איז געווען זייער רעפּרעזענטאַטיוו, געהאַט אַ פיינעם נאַטירלעכן טאָן און געווירקט אוממיטלבאַר מיט איר אַרט שפּילן און ערנסטער באַציאונג צו איר טעאַטער־שליחות. שוין אין אירע ערשטע ראָלן, וואָס זי האָט באַקומען אין אָסטראָווסקיס „אומשולדיק שולדיק", און דערנאָך — אין אַנדרעיעווס „7 געהאָנגענע", האָט זי זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. זי האָט געשאַפן אַ גאַנצע גאַלעריע וווּנדערבאַרע געשטאַלטן, ווי אין עטינגערס „סערקעלע" (פריידע אַלטע), גאָלדפאַדנס „ביידע קוני לעמל" (דעם שדכנס טאָכטער ליבעלע), שלום עליכמס „טוביה דער מיל־כיקער" (צייטל). נאָך אסתר רחל קאַמינסקיס טויט האָט זי איבערגענומען אין „טוביה דער מילכיקער" די ראָל פון דער „מאַמע גאָלדע", אין וועל־כער זי האָט זיך אויסגעצייכנט. און נאָך און נאָך ראָלן.

סאָניאַ אַלטבוים, וועלכע האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אינעם יידישן טעאַטער, האָט, צוזאַמען מיט איר מאַן אַדאַם דאָמב, דורכגעמאַכט דעם גרויסן טורנע פון „וויקט" איבער פּוילן און רומעניע. זי האָט אויך

געשפּילט אין ליטע, לעטלאַנד און אין די לעצטע יאָרן — אין אַנסאַמבל פון אידאַ קאַמינסקי.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זיך סאָניאַ אַלטבוים, צוזאַמען מיט איר מאַן אַדאַם דאָמב און זייער ווונדערשיינער, ביז־גאָר געראָטע־נער טאָכטער ליזאַ, געפונען אין לעמבערג און געאַרבעט דאָרט אינעם

סאָניאַ אַלטבוים אין אַנדרעיעווס „7 געהאָנגענע" און ד"ר שלמה עטינגערס „סערקעלע" — צוויי אויפפירונגען פון זיגמונט טורקאָוו אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער.

יידישן מלוכה־טעאַטער. זייער 12־יאָריק טעכטערל ליזאַ האָט אַרויסגע־וויזן נישט־דורכשניטלעכע דראַמאַטישע בינע־פעאיקייטן. נישט געקוקט אויף איר יונגן עלטער האָט מען זי אַריינגענומען אין דער לעמבערגער טעאַטער־שול און מ'האָט געלייגט אויף איר גאָר גרויסע האָפענונגען.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען לעמבערג, איז אַדאַם דאָמב געווען מיט דער צווייטער העלפט טרופע פונעם מלוכה־טעאַטער אין ראָוונע. ער האָט שוין נישט באַוויזן צוריקצוקומען צו זיין פרוי און טאָכטער. סאָניאַ אַלטבוים האָט מיט איר פרעכטיק טעכטערל ליזאַ דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. זיי זענען געווען

אין געטאָ און בעת די „אַקציעס‟, ווען מ׳האָט גענומען ייִדן צו די „באַ־רימטע‟ לעמבערגער „פּיאַסקעס‟, זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן.

ביידע — סיי סאָניאַ, סיי ליזאַ — האָבן נישט געהאַט קיין ייִדישן אויסזען: געווען עכט־סלאַווישע טיפּן, מיט פּאַרריסענע רוסישע נעזלעך. זיי האָבן געהאַט אַלע שאַנסן זיך צו ראַטעווען אַלס מכלומרשטע קריסטינס, ווען זיי וואָלטן אַוועק אין אַן אַנדערער שטאָט, ווו קיינער האָט זיי נישט געקענט. האָבן זיי אָבער געהערט צו דער מערהייט אומגעבראַכטע ייִדן, וואָס האָבן נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ פּיזישער אויס־ראַטונג פון אַ גאַנץ פאָלק.

אַדאַם דאָמב, וועלכער איז פון ראָוונע אַוועק, מיט דער טרופּע פונעם געוועזענעם לעמבערגער ייִדישן מלוכה־טעאַטער, קיין רוסלאַנד, איז לסוף מגולגל געוואָרן, אין יאָר 1943, קיין אַסטראַכאַן, ווו ער האָט געשפּילט רוסיש טעאַטער.

די צעשיידונג מיט זיין הייסגעליבטער פרוי און טעכטערל האָט אים ממש אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט. אַ זעלטענע ליבשאַפט און האַרמאָניע האָט געהערשט אין דער דאָזיקער משפּחה. דער פעסט־געבויטער, פיזיש־געזונטער אַדאַם דאָמב האָט באַקומען אַ האַרץ־קראַנקייט און ווען ס׳איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה וועגן אומקום פון זיינע נאָענטסטע און טייערסטע, האָט ער פאַרענדיקט זיין לעבן מיט אַ האַרץ־אַטאַק. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס שיינע, אָבער צו קורצע קאַפּיטל פון דער משפּחה אַדאַם, סאָניאַ און דער פיל־צוזאָגנדיקער ליזאַ דאָמב.

באָריס טורגעל

אין דער גאַלעריע „מענטשן אַרום טעאַטער" האָט באָריס טורגעל פאַרנומען איינע פון די ערשטע פּלעצער. דער דאָזיקער טעאַטער־פאַנאַטי־קער איז שטאַרק באַעוולהט געוואָרן פונעם גורל. פון זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן אָן האָט באָריס טורגעל געשטרעבט צו ווערן אַן אַקטיאָר און צו קענען זיך אויסלעבן אויף אַן אופן, וואָס איז אים געווען נאָענט צום האַרצן און וועגן וועלכן ער האָט געחלומט.

איז אים באַשערט געווען צו זיין גאָר אַן אַפּטייקער. די בענקשאַפט נאָך דער שיינער קונסט איז אים אָבער נאָכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן. אַפילו אין דער אַפּטייק, ווו ער האָט אַרויסגעגעבן די רפואות, האָט ער געהאַלטן „מאָנאָלאָגן" צו זיינע קליענטן און ליב געהאַט, אַז אַלע אָנוועזנ־דיקע אין דער אַפּטייק זאָלן זיך אַרום אים פאַרזאַמלען און אויסהערן זיינע טיראַדן. דעמאָלט האָט ער מסתמא געהאַט דאָס געפיל, אַז ער, באָריס טורגעל, שטייט אויף דער בינע און האַלט אין שפּאַנונג דעם גאַנצן צו־שויער־זאַל...

באָריס טורגעל איז געבוירן געוואָרן אין דעם קליינעם שטעטעלע נאָוואָ־סווייענציאַן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע אינטעליגענץ. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין ווילנער גימנאַזיע, האָט דער שטענדיק־פאַרמאַכטער אין זיך, פיינפילנדיקער באָריס, דערזען פאַר זיך אַ נייע וועלט, וואָס האָט אַנטשפּראָכן זיינע געפילן; אַ וועלט, נאָך וועלכער ער האָט געבענקט און געחלומט: טעאַטער! ער איז געוואָרן אַן אָפטער באַ־זוכער פונעם ווילנער שטאָט־טעאַטער, ווו עס האָבן צו יענער צייט, ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, געשפּילט די גרעסטע רוסישע בינע־קינסט־

לער, ווי וויערא קאַמיסאַזשעווסקאַיאַ, סאַווינאַ, קאַטשאַלאָוו, בראַוויטש, אָר־לעניעוו, דאָבראָוואָלסקי, בלומענטאַל־טאַמאַרין א״אַ. דאָס איז געווען דער בלי־פּעריאָד פונעם רוסישן טעאַטער. די רוסישע רעגירונג האָט סובסי־דירט דאָס רוסישע טעאַטער און געגעבן אים אַלע מעגלעכקייטן פון ברייט־טער אַנטוויקלונג. איז דען אַ חידוש, אַז די ייִדישע יוגנט און אינטעליגענץ האָבן געשטראָמט אין רוסישן שטאָט־טעאַטער, וואָס האָט געקענט אימפּאָ־נירן מיט זיין הויכער טעאַטער־קולטור. וועגן יעדער אויפפירונג, וועגן יעדן אַקטיאָר, האָט מען וואָכן־לאַנג דיסקוטירט. דאָס איז געווען אַ רע־פּערטואַר־טעאַטער, ווו מען האָט געשפּילט דעם גאַנצן קלאַסישן רעפּער־טואַר פון די באַגאַבטסטע רוסישע און אויסלענדישע דראַמאַטורגן. די ווילנער ייִדישע טעאַטער־ליבהאָבער פלעגן נישט דורכלאָזן קיין איין פּרעמיערע פונעם דאָזיקן טעאַטער. מען פלעגט שפּאָרן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, כדי צו האָבן אויף אַ טעאַטער־בילעט.

באָריס טורגעל, דעמאָלט נאָך אַ שילער פון דער ווילנער גימנאַזיע, איז אויך געווען איינער פון די „קנאים״ פון רוסישן טעאַטער. אַהיימקומענ־דיק פון דאָרט, האָט ער נאָכקאָפּירט זיינע באַליבטע אַקטיאָרן און ביסלעכ־ווייז האָט ער זיך אַזוי אַריינגעצויגן אין טעאַטער־שפּיל, אַז ער האָט באַ־שלאָסן צוצוטרעטן צו אַ ליבהאָבער־קרייז, ווו ער האָט געהאַט אַ מעגלעכ־קייט זיך שוישפּילעריש אויסצולעבן. נאָכן פאַרענדיקן די ווילנער גימנאַ־זיע, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און אָנגעקומען אינעם דאָר־טיקן אוניווערסיטעט, ווו ער האָט שטודירט פאַרמאַציע. צו דער זעלביקער צייט איז ער אַריינגעטראָטן אין דער פּעטערבורגער טעאַטער־שול, וועלכע ער האָט געענדיקט צוזאַמען מיט אברהם מאָרעווסקי, זיין ווילנער פריינט און חבר.

ווי באָריס טורגעל האָט מיר אַמאָל איבערגעגעבן, האָט ער צוליב דער אַנטיסעמיטישער שטימונג, וואָס עס האָט געהערשט אין רוסלאַנד, באַ־שלאָסן נישט צו גיין צום רוסישן טעאַטער, נאָר ווידמען זיך זיין נייעם באַרוף: פאַרמאַציע. אַזוי ווי ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אַלס פּראָוויזאָר־פאַרמאַציע, האָט ער, צוריקקומענדיק קיין ווילנע, אָפּגעקויפט די דאָרטיקע פּאָפּולערע אַפּטייק פון שירווינט, אויף דער דייטשישער גאַס, נעבן גיטקע טויבעס זאַולעק. אין ווילנע זענען נישט געווען מער ווי דריי

יידישע אַפּטייקן, אַלע איבעריקע — האָבן געהערט צו פּאָליאַקן און ליטווינער.

„שירווינטס אַפּטייק" איז אָבער געווען די גרעסטע און זיך געשטיצט כמעט אויסשליסלעך אויף יידישע קליענטור. טורגעל, וועלכער איז געווען אַ הייסער, נאַציאָנאַלער ייד, האָט געהאַלטן ביי זיך נאָר יידישע אָנגע־שטעלטע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען: דער פּאָרזיצער פון ווילנער פאַרמאַצעווטן־פאַריין, מיראָן צוקערזיס, — אַן אָנגעזעענער בונדי־שער טוער, ווי אויך קולביס — פון אַן אָנגעזעענער ווילנער משפחה. ביי טורגעלן אין אַפּטייק האָט מען גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש. טורגעל איז, אַ דאַנק זיין פריינטלעכקייט און פשטות, געוואָרן זייער פּאָפּולער אין שטאָט. ער איז נישט געווען קיין באַרייסער, ווי די אַנדערע אַפּטייקער. ער האָט זיך מיט יעדן קראַנקן פאַראינטערעסירט און אָפטמאָל אַפילו געעצהט נישט צו פטרן קיין געלט אויף רפואות, אויב ער האָט איינגע־זען, אַז מען קען זיך אָן דעם באַגיין.

פירנדיק זיין אַפּטייק, האָט טורגעל אָבער נישט פאַרגעסן זיינע „יוגנט־זינד": זיין הייסע ליבשאַפט צום טעאַטער און בפרט צום יידישן טעאַטער. נישט האָבנדיק אַליין די מעגלעכקייט צו זיין ביים טעאַטער, האָט ער געשטרעבט מיט אַלע כוחות צו דערהייבן דאָס יידישע טעאַטער צו דער זעלביקער הויכער מדרגה ווי דאָס רוסישע טעאַטער. ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע אימפּרעזעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט טעאַטער און קונסט.

ווען עס האָט זיך געשאַפן אין ווילנע די טעאַטער־געזעלשאַפט, איז טורגעל געווען איינער פון אירע אַקטיוויסטע טוער און קעמפער פאַר אַ בע־סערן יידישן טעאַטער. ווילנע איז טאַקע, אַ דאַנק די דאָזיקע אידעאַליס־טישע טעאַטער־פריינט, געוואָרן דער צענטער ווו עס האָבן זיך גרופּירט די בעסטע יידישע שוישפּילערס און ווו עס זענען געמאַכט געוואָרן אַ גאַנ־צע ריי ערנסטע טעאַטער־פּרוּוון.

באַריס טורגעל איז געווען דער פאַרבינדונגס־מענטש צווישן דער טע־אַטער־געזעלשאַפט און די אַקטיאָרן. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט זייער לעבן און זיי געהאָלפן מיט ראַט און טאַט. ער איז געווען אַן אויסגע־

שפּראָכענער און איבערגעגעבענער פריינט פונעם יידישן אַקטיאָר און יידישן קינסטלער.

טורגעל איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער ווילנער יידישער קונסט־געזעלשאַפט, וועמעס פאָרזיצער איז געווען דער באַקאַנטער ד״ר דוד יעדוואַבניק, ווי אויך — אַ מיטגליד פונעם יידישן מוזיקאַלישן אינ־סטיטוט.

די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָבן די געשעפטן ביי אים אין אַפּטייק אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. טיילווייז האָט דערצו גורם געווען דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט צו יענער צייט געהערשט אין ווילנע. אָבער פון מיינע פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס בין איך אָבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיינע געשעפטן זענען אַוועק שלעכט, ווייל מען האָט אים פון אַלע זייטן צו פיל אויסגענוצט. ווען עמעצער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט נישט צו באַצאָלן פאַר אַ באַשטעלטער רפואה, האָט ער עס געקענט אַוועקגעבן אונטערן קאָסטן־פּרייז. אָדער — אינגאַנצן אומזיסט. דאָס איז געווען אַ קרישטאָל־ריינער מענטש מיט אַ זעלטן גוטן כאַראַקטער. ער האָט מיט יעדן איינעם מיט־געפילט און ווי ווייט מעגלעך אַרויסגעהאָלפן. נישט געווען קיין שבת אָדער יום־טוב, ער זאָל נישט פאַרבעטן צו זיך אַהיים געסט־קינסטלער און זיי נישט אויפנעמען מיטן שענסטן און בעסטן.

טורגעל האָט, ביי זיין שטענדיקער ערנסטקייט, געהאַט אַ גרויסן חוש פאַר הומאָר און ער האָט באַזעסן הומאָריסטישן טאַלאַנט. מיט אַ סך קאָמישן אויסדרוק פלעגט ער ליב האָבן צו דערמאָנען די פריערדיקע יאָרן פון די „ליובּיטיעלעך״, ווי די יידן פון אַ גאַנץ יאָר פלעגן רופן און אָפּחוזקן פון די ליבהאָבער־קרייזלעך, וואָס האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער.

ווען אַ יידישער אַקטיאָר פלעגט פאַרבייגיין די דייטשישע גאַס אין ווילנע, פלעגט ער אַלעמאָל אָפּטרעטן ביי טורגעלן אין אַפּטייק. וויפל מענטשן עס זאָלן דאָרט נישט האָבן געווען, פלעגט ער אַלץ איבערלאָזן און זיך מיט אים פאַרמאַכן אין זיין חדר־מיוחד און דערציילן וועגן זיינע טעאַטער־פּלענער, וועגן רעפּערטואַר און וועגן דער דראַמאַטישער שול. איך בין זיכער, אַז ער פלעגט פאַרברענגען שלאָפלאָזע נעכט און אַלץ בויען

פלענער ווי אַזוי צו פאַרבעסערן, צו שטאַרקן די עקזיסטענץ פונעם יידישן טעאַטער.

טורגעל איז געווען זייער אַ באַשיידענער, רואיקער און האַרציקער מענטש. ער פלעגט תמיד רעדן געלאַסן, שטיל און ערנסט, ווי ער וואָלט אייך געהאַט איבערצוגעבן עפּעס אַ גרויסן סוד. זייענדיק אַ מיטגליד, און אַן אָנפירנדיקער מיטגליד, פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט, פלעגט ער קיינמאָל נישט אויסנוצן זיין פריווילעגיע און גיין אין טעאַטער אָן אַ בילעט. ווען איך האָב אים אַמאָל געזאָגט: — באָריס, דו גיסט אַוועק דיין צייט און אַרבעט פאַרן טעאַטער, מעג דאָס טעאַטער דיר געבן אַן אומזיסטן בילעט... — טורגעל האָט זיך פון אַזאַ באַמערקונג געפילט געטראָפן. ער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, ערנסט געענטפערט:

— אויב מיר, טעאַטער־פריינט, וועלן גיין אָן בילעטן אין טעאַטער, פון וואַנען וועט איר, אַקטיאָרן, קענען מאַכן אַ לעבן?!...

ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות, שטייט פאַר מיר ווי אַ לעבעדיקע די געשטאַלט פון דעם איינציקאַרטיקן טעאַטער־פריינט, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ערלעכן און נישט פּערזענלעכן צוגאַנג, וועלכן מען טרעפט איצט אַזוי ווייניק.

מיין טייערער פריינט באָריס טורגעל האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געשטרעבט צו זען אַ יידיש קונסט־טעאַטער אין ווילנע, אין אַן אייגענעם בנין. דאָס איז געווען זיין אידעע, אַרום וועלכער ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט צוזאַמען מיט די אַלע איבעריקע ווילנער טעאַטער־פריינט, — די אַבראַמאָוויטשעס, די מאַצס, אַראָנאָוויטשעס, ראַפּעס, טעפּערס, רייזענס און די פּיל, פּיל אַנדערע. ער האָט עס נישט דערלעבט. פאַר זיין פריצייטיקן טויט איז אים באַשערט געווען צו זיין דער עדות ווי די דייטשישע רוצחים האָבן חרוב געמאַכט זיין הייס־געליבטע יידישע ווילנע, די שטאָט פון זיינע יוגנט־חלומות, פון זיין אויפבלי־פּעריאָד און פון זיינע שיינע אידעאַלן.

צעשע סאַרנאַ

צעשע סאַרנאַ מיט איר מאַן

איינע פון די באַגאַבטסטע שוישפּילערינס פון דעם יונגן דור איז, בלי ספק, געווען צעשע סאַרנאַ (הירש־פעלד). זי איז דערשינען ווי אַ מעטעאָר אויפן יידישן טעאַטער־הימל, איז אָבער שנעל פון דאָרט פאַרשוווּנדן געוואָרן.

איך האָב זיך מיט איר באַקענט אין יאָר 1921, בעת דער גרינדונג פונעם „יידישן באַוועגלעכן דראַמאַטישן טעאַטער". מען האָט מיר פאָרגעשטעלט אַ שיינע, יונגע, רעפּרעזענטאַטיווע פרוי פון מיטלוווּקס, מיט גרויסע פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון אַ קלאַסיש־אויסגעצאָקט פּנים, און — אַ קאָפּ מיט קאַשטאַן־רויטע האָר. זי האָט געזאָלט זיין מיין פאַרטנערין אינעם דאָזיקן טעאַטער. צעשע עליאַן האָט זי געהייסן אין פּריוואַט־לעבן, לויטן נאָמען פון איר מאַן.

אין דער טרופּע זענען דעמאָלט געווען: צעשע סאַרנאַ, הדסה העלפּגאָט, מרים ווײדע, האַנקאַ פּלאָום, שלום ציקאָרניק־דאַווידאָוו, מ. מילנער, דינער, לעווענטאַל, אַלעק בערמאַן, שעפּטעל און חיימל פרענקעל — דער געשעפטס־פירער. מיר האָבן געשפּילט אַ געקליבענעם רעפּערטואַר פּיעסעס

פון שלום עליכם, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, פרץ הירשביין, אָסיפּ דימאָוו, לעאָן קאָברין, פישל בימקאָ, א. ווייטער, ס. פשיבישעווסקי, ש. אַנ־סקי, טשיריקאָוו א״אַ.

אונדזער טורנע האָט זיך אָנגעהויבן אין דאַנציג. סאַרנאַ האָט געשפּילט אַלע הויפּט־פּרויען־ראָלן און איך בין געווען איר פּאַרטנער. זי איז געווען אַ שוישפּילערין מיט אַלע מעלות: פּרעכטיק שיין פון דער בינע, הויך־טאַלאַנטירט און אַ זעלטן־געזעענער טעמפּעראַמענט. צו דעם אַלעם האָט זי געהאַט זייער אַן ערנסטן צוגאַנג צו דער בינע און צו יעדער ראָל, וואָס זי האָט באַקומען.

איר „נאַטאַשאַ״ אין קאָברינס „דאָרפס־יונג״, צי „מייטע״ אין „די פּוסטע קרעטשמע״, צי „רייזל״ אין דער „נבלה״ (ביידע פּיעסעס פון פּרץ הירשביין), זענען געווען גלאַנץ־לייסטונגען, וואָס אַזעלכע געדענק איך נישט זינט די צייטן פון דער ערשטער „ווילנער טרופּע״ מיט דער וווּנדערבאַרער סאָניע עלמית אין די זעלביקע ראָלן. סאַרנאַ איז טאַקע געווען אונטערן איינפלוס פון סאָניע עלמית׳ אַרט שפּילן. דאָס האָט איר אָבער נישט געשטערט אַרויסצוברענגען אייגענע טענער, וואָס זענען אַ דאַנק איר שטים געווען קרעפּטיקער און ממילא געטרייער צו די געשאַפענע בינע־געשטאַלטן פון די פאָלקס־מיידלעך. זי האָט פאַרמאָגט אַ מעטאַלענע שטים, מיט וועלכער זי האָט געקענט גוט אָפּערירן און אַזוי אַרום אַרויסברענגען פון די טיף־טראַגישסטע — ביז די ווייך־צאַרטסטע טענער.

אונדזערע אויפטריטן אין דאַנציג האָבן נישט געהאַט דעם דערוואַרטן מאַטעריעלן דערפאָלג. די דאָרטיקע דייטשישע ייִדן, וואָס האָבן מיט יאָרן שפּעטער, אונטער דער נאַצישער ממשלה, אַליין אַראָפּגעבראַכט און אויסגעהאַלטן אַ ייִדיש טעאַטער אויף ייִדיש, האָבן נאָך דעמאָלט נישט אַרויסגעוויזן דעם נויטיקן אינטערעס פאַר ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. קיין גרויסע מזרח־אייראָפּעאישע ייִדישע עמיגראַציע איז נאָך צו יענער צייט נישט געווען אין דאַנציג, אַזוי, אַז ס׳איז פשוט נישט געווען אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. מיר האָבן דעמאָלט געשפּילט אינעם גרויסן „קייזער ווילהעלם״ טעאַטער־זאַל פאַר די ליידיקע בענק... און אַרויספאָרן פון דאָרט האָבן מיר נישט געקענט, ווייל ס׳איז פשוט נישט געווען אויף הוצאות. סאַרנאַ האָט געקריגן צוגעשיקט געלט פון איר מאַן. ס׳האָט אָבער

נישט געקלעקט פאַר דער גאַנצער טרופּע. איך מוז דאָ, למען האמת, דער־מאָנען, אַז דער יידישער שרייבער ד״ר ל. זשיטניצקי, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין דאַנציג און געאַרבעט אין דאָרטיקן מאַגיסטראַט, האָט אונדז זייער מקרב געווען און נישט איינמאָל אונדז אַרויסגעהאָלפן אין אַן עת צרה.

פון דאַנציג — אויפן וועג קיין מזרח־גאַליציע — האָבן מיר געשפּילט אין וולאָצלאַוועק, ריפּין, דאָבזשין, קאָלאָ, קאָנסק, קוטנע, שעדלעץ, לוקאָוו, מעזריטש, ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ, ווו אונדזער דערפאָלג איז געווען אויסער־געוויינלעך גרויס. סאַרנאַן האָט מען ממש געטראָגן אויף די הענט. איר נאָמען איז געוואַקסן פון שטאָט צו שטאָט. אין אַזעלכע קליינע שטעטלעך, ווי קאָלאָ, ריפּין, מעזריטש, ביאַלאַ א״אַ, האָט מען כסדר געמוזט פּראָ־לאָנגירן אונדזערע אויפטריטן. סאַרנאַ האָט זיך, ווי מען זאָגט אין טעאַ־טער־לשון, „געקויפט אַ ריזן־נאָמען״.

יאָרנלאַנג נאָך דעם טורנע, ווען מיר איז אויסגעקומען צו פאָרן איבער די אַלע שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע איך בין פריער געווען מיט צעשע סאַרנאַ, האָט מען זיך אומעטום נאָכגעפרעגט אויף איר.

דעם וואַנדער־פיבער האָט צעשע סאַרנאַ, ווייזט אויס, געירשנט פון איר פאָטער, וועלכער האָט אויך, הגם אויף אַן אַנדערן אופן, אַרומגעוואַנ־דערט פון איין אָרט צום צווייטן. איר פאָטער — דער נאָמען פון דער משפחה איז הירשפעלד — האָט זייער אָפט, צוליב דאגות־פּרנסה, געמוזט וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל, אָנהויבנדיק פון זאַבלודאָווע, איבער וואַ־שילקאָווע, ביאַליסטאָק, סטוטשין — ביז סטאַוויסקי, נעבן לאָמזשע.

דעם בינע־טאַלאַנט האָט זי און איר יינגערער ברודער זלמן הירש־פעלד, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, געירשנט פון דער מוטער, וועלכע האָט געהאַט אַ סך פאָלקס־הומאָר און געקענט שיין דערציילן... דער פאָטער איז אויך געווען אַ גרויסער חסיד פונעם יידישן טעאַטער.

די הירשפעלדס האָבן געהאַט 4 טעכטער און צוויי זין. צעשע איז געבוירן געוואָרן אין זאַבלודאָווע, ביי ביאַליסטאָק; אין יאָר 1912, נאָכן פאָטערס טויט (ער איז געשטאָרבן אין קעניגסבערג, פּרייסן, וווהין ער איז זיך געפאָרן קורירן), האָט זיך די משפחה פונעם קליינעם שטעטעלע סטאַוויסק, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן צעשעס יינגערער ברודער זלמן הירשפעלד, אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש.

סיי צעשע, סיי זלמן הירשפעלד האָבן נאָך אַלס קינדער אַרויסגעוויזן באַגאַבונג צו דער בינע.ביידע זענען זיי טאַקע געוואָרן שוישפּילערס.

צעשע האָט, נאָכן פאַרענדיקן די עלעמענטאַר־שול, געלערנט פּריוואַט ביי אַ לערער. גלייכצייטיק מיט איר אַרבעט אין אַ געשעפט אַלס הוטן־מאָדיסטקע, האָט זי געלערנט טעאַטער־שפּיל ביים דייטש־יידישן רעזשיסאָר איזידאָר לעווי. אירע ערשטע טעאַטער־טריט האָט צעשע סאַרנאַ געשטעלט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דעם לאָדזשער פאַריין „דראַמע און מוזיק": דאָרט האָבן, צווישן אַנדערע, מיטגעשפּילט הערץ גראָסבאַרד, זלמן זילבערצווייג, יאָסעלעוויטש, גורעוויטש און די שוועסטער פונעם אַקטיאָר שמחה נאַטאַן.

דערנאָך איז זי אַריבער אין קאָמפּאַניעיעצס טרופּע, וווּ זי האָט געשפּילט בלויז אין די דראַמאַטישע אויפפירונגען. פון לאָדזש איז סאַרנאַ אַנגאַזשירט געוואָרן קיין גאַליציע, וווּ זי האָט געשפּילט אין די טרופּעס פון קאַרל עבעל, גלימער, איצקאָוויטש, האַרט א״א, ביז זי איז אַנגאַזשירט געוואָרן אינעם ניי־געשאַפענעם יידישן דראַמאַטישן „באַוועגלעכן טעאַטער".

אונטערן דרוק פון איר מאַן האָט זי, נאָך אַ לאַנגן אינערלעכן קאַמף, פאַרלאָזט די בינע, הגם פון צייט צו צייט האָט זי נאָך געשפּילט פּראָפעסיאָנעל טעאַטער: אַ קורצע צייט ביי מיר, אין קראָקעווער יידישן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער; שפּעטער, צוזאַמען מיט איר מאַן, וועלכער האָט אויך געהאַט סצענישע פעאיקייטן, אין ווילנע. אין יאָר 1930 האָט זי נאָך געשפּילט אין מיין טרופּע אין לובלין און פון דאָרט — מיטגעמאַכט דעם טורנע איבער וואָלין, וווּ מיר האָבן געשפּילט ד״ר ציפּורס „אויפשטאַנד". זי האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון „מאַגדאַ". די טרופּע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון סאַרנאַ, רות קאַליש, לידיאַ ליס (ביידע אומגעקומען בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע), דוד שערמאַן, לייב לערנער, לעווענשטיין, יוסף פּאַסמאַניק, יצחק זיגער, עליאַן און דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

מיט דעם טורנע האָט די ביז־גאָר באַגאַבטע שוישפּילערין צעשע סאַרנאַ פּאַקטיש פאַרענדיקט איר קאַריערע אַלס פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילערין. זי האָט זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין איר מאַנס היימשטאָט ריישע און דאָרט אויפגעטראָטן אינעם דראַמ'־קרייז „די בינע", וואָס

האָט אַראָפּגעבראַכט אַהין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אויפצופירן מיט זיי פאַרשיידענע פּיעסעס.

די לעצטע יאָרן פאַרן קריג איז סאַרנאַ געוואָרן רעזשיסאָרין פונעם ריישער דראַמאַטישן קרייז און אויפגעפירט אינעם גרויסן זאַל פונעם ייִדישן שפּיטאָל דעם „אויפשטאַנד" פון ד"ר ציפּור און אַנדערע פּיעסן. זי האָט אויך איינגעשטעלט אייניקע רעוויעס.

ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן אַ לעבנגעבליבענער מיטגליד פון דער ריישער „בינע", שלמה ווידער, האָט סאַרנאַ אַרויסגעוויזן פיינע רעזשי־פעאיקייטן און יעדע אויפפירונג אירע איז געווען אַ דערפרישונג אין שטאָט. אירע אויפפירונגען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קולטור און גע־שמאַק. זי האָט אויך מיטגעשפּילט מיטן דראַמאַטישן קרייז. דאָס האָט גע־דויערט אַזוי לאַנג, ביז עס איז אויסגעבראָכן די לעצטע מלחמה־זאַוויערוכע און די שיינע אַרבעט, מיט וועלכער זי האָט אָנגעפירט, איז איבערגעריסן געוואָרן. איר מאַן, עליאַן, איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, פון וואַנען ער האָט זיך געראַטעוועט קיין ישראל. צעשע איז פאַרבליבן ביי די דייטשן און דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גרויל פון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

אין יאָר 1942 האָט איר ברודער זלמן הירשפעלד דערהאַלטן אין בוענאָס־איירעס אַ קאַרטל פון איר, פון ריישער געטאָ. זי האָט געבעטן אַ שפּייז־פּעקל. דאָס איז געווען די לעצטע ידיעה פון איר.

פון דער גאַנצער הירשפעלד־משפּחה האָבן זיך געראַטעוועט אירע צוויי ברידער, איינער זאב געפינט זיך אין ישראל און דער שוישפּילער זלמן הירשפעלד, וועלכער איז נאָך פאַר דער מלחמה אַוועק צוזאַמען מיט זיין פרוי, דער שוישפּילערין אסתר ראַפּעל (פון דער באַקאַנטער טעאַ־טער־משפּחה), קיין בוענאָס־איירעס, און — די ייִנגערע שוועסטער פעליאַ, וואָס איז פון לאָדזשער געטאָ אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים און על פּי נס זיך געראַטעוועט (איצט איז זי אין ישראל).

צעשע סאַרנאַ, מיין ערשטער בינע־פּאַרטנערין און מיין טייערער האַרציקער קאָלעגין, איז ליידער נישט באַשערט געווען צו דערלעבן די באַפרייאונג. זי האָט געטיילט דעם גורל פון כמעט אַלע ייִדן פון ריישער געטאָ. זי איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די דייטשישע תלינים.

זישע קאַץ

זישע קאַץ אַלס „געשמיסענער" אין לייוויקס „הירש לעקערט"

זישע קאַץ האָט געהערט צו די אַזוי גערופענע מלחמה־אַקטיאָרן. דאָס זענען געווען די אַקטיאָרן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן פּראָפעסיאָנעל טעאַטער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַ דאַרער יונגערמאַן מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים און לאַנגן האַלדז, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטאַרט אַ ביינדל ווי אַ קנאָפּ, מיט אַ כאַראַקטעריסטיש געניגל, האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין ייִדישן טעאַטער אין פּוילן. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים צו זינגען, האָט ער גאָר גיך געמאַכט אַ קאַריערע אין דער ייִדישער אָפּערעטע. נישט האָבנדיק קיין אויסערלעכע מיטלען פאַר אַ געזאַנג־ליבהאָבער, איז ער גיך געוואָרן אַ פאַט־קאָמיקער. ער האָט אויך אַ צייט לאַנג געשפּילט אין דער דראַמע. אין יאָר 1915 — אין קאַמינסקיס טעאַטער, אין שילערס „רויבער" און אין אַנדערע ערנסטע פּיעסעס. צוליב זיין אויסערלעכקייט האָט ער זיך זייער צוגעפּאַסט צו

אַזעלכע ראָלן, ווי „שמואל יאָסל" אין גאָרדינס „שחיטה". אינדערצייט ווען דער פּאַטענטירטער „שמואל יאָסל" — שלמה קאַן — איז געווען אין רוסלאַנד, האָט זישע קאַץ געשפּילט די ראָל מיט אסתּר רחל קאַמינסקי און געהאַט אין איר דערפאָלג. ער איז אויך געווען אין דער וואַנדער־טרופּע פון אברהם יצחק קאַמינסקי און אַרומגעפאָרן מיט אים איבער דער פּיילישער פּראָווינץ.

א גרויסן דערפאָלג האָט קאַץ געהאַט אין וואַרשעווער „ווענוס"־טעאַ־טער אויף דער דזשעלנע גאַס, ווו עס האָט „געקיניגט" דער שונד־מכשף ל. שטראַספאָגעל — הויפּט־רעזשיסאָר פונעם דאָזיקן טעאַטער. דאָס איז געווען אַ מאָדנע באַשעפעניש ,דאָס „ווענוס"־טעאַטער, וואָס האָט ביי זיינע גרויסע חסרונות געשפּרודלט מיט לעבן, אָדער בעסער געזאָגט — מיט טעאַטראַלישקייט. דער אָנפירער פונעם דאָזיקן טעאַטער, דער אַלטער אַקטיאָר ל. שטראַספאָגעל, וואָס האָט אַגב נישט געקענט שפּילן, נישט רעזשיסירן, נישט רעדן מענטשלעך, איז אָבער געווען דורך און דורך טעאַטראַליש. זיין גיין, זיין שטיין, זיין אָנטון זיך, זיין אַרט רעדן — אויף דער בינע, פונקט ווי אין לעבן, — אַלץ איז געווען טעאַטראַליש, נישט מיט זיין קינסטלערישקייט, נאָר מיט זיין געקינצלטקייט. זיינע „ספּיטשעס", וואָס ער האָט געהאַלטן פון דער בינע צום „געשעצטן פובליקום" — און אַן דעם פלעגט עס דאָך אין אַלטן יידישן טעאַטער נישט גיין! — זענען געווען מוסטערן פון ביליקייט, פלאַכקייט און נישטלאָגישן צוזאַמענהאַנג פון איין זאַץ מיטן צווייטן. איין וואָרט האָט זיך נישט געקלעפּט צום צווייטן. אָבער ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט און ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט, האָט ער געדרייט מיט די ווערטער הין און צוריק און פאַרבונדן די אָפּגעהאַקטע געדאַנקען — אויב אַזעלכע זענען בכלל געווען — דורך ווערטלעך, עפּעס אַ זשאַרגאָן, וואָס קיינער, אויסער אים, האָט נישט פאַרשטאַנען. דערביי האָט ער צוגעהוסט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אַסטמאַטישן הוסטל, וואָס האָט אָפּגעקלונגען, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ הוילער פּאַס.

אַפילו דער צוזאַמענשטעל פון דער גאַנצער אַקטיאָרן־קאָמפּאַניע פון „ווענוס"־טעאַטער איז געווען צוגעפּאַסט צו דער שטראַספאָגעל־טעאַטער־טראַדיציע, הגם נישט איין אַקטיאָר פון זיין טעאַטער האָט שפּעטער זיך

אויסגעצייכנט און פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין יידישן טעאַטער. אויסער דעם „סטאַר" פונעם טעאַטער ל. שטראַספאָגעל און זיין פרוי, זענען דאָרט אויפגעטראָטן י. גאָטפריד מיט דער פרוי, מאָריס נאָרפּלוס, דראַנאָוו (וועלכער האָט נאָכקאָפּירט און נאָכגעמאַכט דעם גרויסן יידישן אַקטיאָר נתן דראַנאָוו און אַפילו צוגענומען זיך זיין נאָמען פאַר אַ פּסעוודאָנים), פּאַליאַ קייזער, משהל פּאָליאַקעוויטש, סאַראַ רוזגאַ, גוסטאַוו שוואַרצבאַרד, רפאל גוטהערץ, שלמה לינדענפעלד, פישמאַן און זישע קאַץ. אינעם דאָזיקן טעאַטער האָט אויך גאַסטראָלירט דער העלדן-טענאָר בעני אַבעלמאַן מיט זיין פרוי פעני. קאַץ איז געווען אַ ליבלינג פונעם „ווענוס"-עולם.

אין יאָר 1916 איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן דורך עפּעלבערגן אין „עליזעאום"-טעאַטער, וווּ ער האָט געשפּילט אין ש. לאַנדאַוס אויפפירונג פון קראַשעווסקיס „ציגיינערין אַזאַ" און דערנאָך — מיט דער וואַרשעווער אָפּערע-זינגערין יוזעפינאַ וואַרשאַווסקאַ און יעקב קעלטער אין גאָלדפאַדנס „שולמית". קאַץ האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון „ציניגינטאַנג".

נאָך דער מלחמה האָט שוין קאַץ פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער אָפּערעטע און קליינקונסט-טעאַטער.

ער איז אַרומגעפאָרן מיט פאַרשיידענע טרופּעס איבער דער לענג און ברייט פון פוילן און ליטע, וווּ דער יידישער עולם האָט אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן אינטערעס און צוגעשטעלט דעם בעסטן צושויער פאַרן יידישן טעאַטער.

נישט רעדנדיק וועגן די גרויסע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, לעמבערג, קראָקע און אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט אייגענע יידישע טעאַטערס — געווען אַ צייט ווען די דאָזיקע שטעט האָבן געהאַט אַפילו צו צוויי יידישע טעאַטערס, נישט רעכענענדיק וואַרשע מיט אירע 5 טעאַטערס — האָט פוילן פאַרמאָגט אַ ריזיקע פּראָווינץ, וווּ מען האָט געשפּילט אין 360 שטעט און שטעטלעך יידיש טעאַטער פאַר אַ וווּנדערבאַרן עולם, וועלכער האָט פאַרשטאַנען טעאַטער און זיך געגויטיקט אין אים.

אין קעגנזאַץ צו די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז די גאַנצע יידישע יוגנט אין פוילן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ברייטער נעץ

פון טעאַטער־באַזוכער. נישט אומזיסט זענען אונדז אונדזערע אַמעריקאַ־נער קאָלעגן מקנא געווען. — איר האָט דאָך אַ יוגנט — האָבן זיי גע־שריִען — וועלכע מען זעט אינגאַנצן נישט אין אונדזער טעאַטער; ביי אייך פילט זיך דער ברען, ענטוזיאַזם און וואַרעמקייט, וועלכע זענען אַזוי נויטיק דעם קינסטלער צו זיין שאַפונגס־פּראָצעס. ביי אונדז אין אַמע־ריקע — האָבן זיי געזאָגט — איז דאָס אינגאַנצן נישט בנמצא. אונדזער עולם איז קעלטער, טרוקענער.

זישע קאַץ, דער אַמאָליקער פּאַט־קאָמיקער, האָט אויך געהאַט אַ גוט־אַנטוויקלטן געזעלשאַפטלעכן חוש. פאָרנדיק איבער דער פּוילישער פּראָ־ווינץ, האָט ער זיך צוגעהערט צו די הערשנדיקע שטימונגען און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך ער מוז גיין מיטן פּראָגרעס און מיט די פאָדערונגען פון דער צייט.

ער האָט אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן אָרגאַניזירט, צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם יצחק נאָזשיק, דוד לעדערמאַן, חנה גראָסבערג, לאָלאַ פאָלמאַן, אייזיק ראָטמאַן, ראָזאַ גאַזעל, בער שוואַרצשטיין, דעם קליינקונסט־טעאַטער „יידישע באַנדע“, אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון יצחק נאָזשיק און אַדמיניסטראַטיווער לייטונג — יאַנעק ווייַנבערג. זייער ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין קאַליש. פון דאָרט זענען זיי אַריבער קיין לאָדזש, ווו עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן זייער ריכטיקער גרויסער דערפאָלג. שפּעטער האָבן זיי געשפּילט אין קראָקע און אין ווילנע. אין יאָר 1932, ווען יצחק נאָזשיק איז אַוועק פון דער „יידישער באַנדע“, האָט זישע קאַץ, צוזאַמען מיט דוד לעדערמאַנען, איבערגענומען די אָנפי־רונג און אַנגאַזשירט אין דער טרופּע מאַלווינאַ ראַפּעל, לאָלאַ פאָלמאַן, מאָטל הילסבערג, בער שוואַרצשטיין, און אַרויסגעפאָרן אויף דער פּראָווינץ, פון וואַנען זיי זענען שפּעטער אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע, אין גרויסן „נאָוואָשטשי“ טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון קראָשטשאָר. צו דער „יידישער באַנדע“ זענען דעמאָלט צוגעשטאַנען דזשיגאַן און שו־מאַכער און רחל האָלצער. נאָך דעם סעזאָן, ווען דזשיגאַן און שומאַכער האָבן אויפסניי אָרגאַניזירט דעם קליינקונסט־טעאַטער „אַראַראַט“, זענען צו דער „באַנדע“ צוגעקומען מנשה אָפּענהיים, לילי ליליאַנאַ און לעאָן ליבגאָלד.

אין יאָר 1938 איז זישע קאַץ, צוזאַמען מיט דער „יידישער באַנדע", געפאָרן קיין פּאַריז און פון דאָרט — קיין צפון־אַמעריקע. קורץ פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז קאַץ, צוזאַמען מיט לעדערמאַנען, ראָטמאַנען און שטאָקפעדערן, צוריקגעקומען קיין פּוילן. די איבעריקע מיטגלידער פון דער „באַנדע", ווי חנה גראָסבערג, מאַלווינאַ ראַפּעל, מנשה אָפּענהיים, לילי ליליאַנאַ און לעאָן ליבגאָלד, זענען פאַרבליבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

ווען די דייטשן האָבן, נאָכן אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרנומען וואַרשע, איז זישע קאַץ אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט דער „מיניאַטור־טעאַטער" מיט דזשיגאַן און שומאַכער, און זישע קאַץ איז אויך אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער טרופּע. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט אַקלימאַטיזירן אינעם טעאַטער און אין מערץ 1940 איז ער פון אים אַרויסגעטראָטן. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך זיין פרוי, זילבערמינץ (אַ שוועסטער פונעם באַקאַנטן וואַרשעווער טעאַטער־רעקוויזיטאָר), וועלכע איז געבליבן אין וואַרשע ביי די דייטשן. אין ביאַליסטאָק איז קאַץ געווען צוזאַמען מיט זיינע צוויי זין. נאָך אַ פּאָר נישט געלונגענע פּרוּוון ביים אַריבערגיין די גרענעץ, איז ער צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקע דעפּרעסיע.

בעת דער גרויסער „נאַכט־אַקציע", דעם 29טן יוני 1940, ווען די סאָוויעטן האָבן אַלע פּרעמדע בירגער, וואָס האָבן נישט אָפּטירט פאַר רוסלאַנד, דעפּאָרטירט קיין סיביר, האָט זיך קאַץ אויסבאַהאַלטן. נאָך צוויי טעג, ווען די „אַקציע" איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט ער זיך באַמיט צוריק אַריינצוטרעטן אין ביאַליסטאָקער „מיניאַטור"־טעאַטער. עס איז אים אָבער נישט געלונגען. דאָס האָט אים נאָך מער צוגעשלאָגן. איין זון זיינער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין סיביר. דעם 3טן יולי 1940 האָט זישע קאַץ געזאָגט צו זיין חבר בערל שוואַרצשטיין, מיט וועלכן ער האָט זיך צוזאַמען אויסבאַהאַלטן, אַז ער גייט אַהיים איינפּאַקן די זאַכן און ער וועט זיך פרייוויליק איבערגעבן דער פּאָליציי, ווייל ער האָט שוין מער קיין כוח נישט צו זיין אומלעגאַל.

אַ שעה נאָכדעם ווי זישע קאַץ איז אַוועק, איז געקומען זיין זון צו שוואַרצשטיינען און זיך געפרעגט אויפן פאָטער. דערהערנדיק, אַז ער איז

אַוועק אַהיים, איז ער גלייך אַהינגעלאָפן און געפונען דאָרט די טואַלעט פאַרמאַכט. ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז ס'איז געשען אַן אומגליק מיט זיין פאָטער און ער האָט געמאַכט אַ געוואַלט. ס'איז אָנגעלאָפן דער אַקטיאָר ז. קאָלעשניקאָוו, וועלכער האָט געוווינט אין שכנות, און מיט אַ האַק אויפּגעריסן די טיר. זישע קאַץ איז שוין געווען טויט. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען.

מען האָט אים איינגעאָרדנט אַ שטילע לוויה, וועלכע עס האָבן באַגלייט די געציילטע אַקטיאָרן און שרייבער, וואָס זענען צו יענער צייט געווען אין ביאַליסטאָק.

דער זעלבסטמערדער האָט איבערגעלאָזט צוויי בריוו. איינער איז געווען אַדרעסירט צו זיין פרוי, אין וועלכן ער האָט געבעטן זי זאָל אים מוחל זיין דעם שריט, וואָס ער איז באַגאַנגען און זי זאָל אָפּהיטן די קינדער. דער צווייטער בריוו איז געווען אַ באַשולדיקונג קעגן אַ געוויסן אַקטיאָר און קעגן דעם הויפּט־בוכהאַלטער פון טעאַטער, ווייל זיי האָבן — ווי ער האָט געשריבן — נישט דערלאָזט מען זאָל אים צוריק אויפנעמען אין טעאַטער, צוליב דעם וואָס ער האָט געוווּסט וועגן זייערע נישט־ערלעכע מעשים. זיי זענען די, וואָס האָבן דערפירט צו זיין טויט.

דער דאָזיקער בריוו איז געווען געשריבן כאַאָטיש, ווייל, משמעות, איז ער שוין נישט געווען אין נאָרמאַלן צושטאַנד.

גרישאַ ראָטשטיין און בער שוואַרצשטיין האָבן צוזאַמענגענומען געלט צווישן די אַקטיאָרן און טעאַטער־פריינט און געשטעלט קאַצן אַ מצבה אויף זיין קבר. זיין ייִנגערער זון, וואָס איז געווען ביי דער לוויה, האָט זיך דורכגעשלאָגן די גרענעץ און צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ער האָט געבראַכט דעם פאָטערס לעצטן בריוו צו דער מוטער און גריסן פאַר בער שוואַרצשטיינס פרוי יוכבד און זייער זון בן ציון, וואָס האָבן זיך אויך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ. אַלע זענען זיי שפּעטער אומגעקומען בעת די „אויסזידלונגען" אין וואַרשעווער געטאָ.

משפחה קאַדיש־כאַש

די משפּחה קאַדיש־כאַש האָט פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ייִדישער אָפּערעטע. יוסף כאַש און ק. קאַדיש — צוויי ברי־דער — שטאַמען פון גראָדנע. זייער זיידע איז געווען חזן און שמש אין גראָדנער שול (זייער ריכטיקער נאָמען איז געווען כאַש). זייער פאָטער, פון פאַך אַ שניידער, איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־מנגן און אַ ייִד אַ למדן. געהייסן האָט ער ר׳ שלום כאַש. אַלע קינדער האָבן געירשנט זייער מוזיקאַלישקייט פונעם זיידן און פון טאַטן. אַלס קינדער זענען זיי אָנגעקומען ווי משוררים צום גראָדנער חזן. עס האָט זיי אָבער אַלע געצויגן צום טעאַטער. פון דער כאַש־משפּחה האָבן פינף קינדער גע־שפּילט טעאַטער: דער עלטסטער יוסף קאַדיש, לאה כאַש און אברהם גראָדנער (קאַדיש און גראָדנער זענען געווען פּסעוודאָנימען). זיי זענען אויפגעטראָטן אין פאַרשיידענע ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען, אָדער אַליין אָרגאַניזירט „ספּעקטאַקלען" אויף בוידעמער אָדער אין שייערס.

קאַדיש — אַ באַס, און כאַש — אַ טענאָר, האָבן ביידע געזונגען אין שטאָט־שול ביים חזן ברוך קאַמיעניעצקי, וועמענס זון זונדל קאַמיעניעצ־קי, אַגב אַ זייער שיינער בחור, איז דורך די כאַשס אויך אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין ייִדישן טעאַטער.

קאַדיש און כאַש זענען אויך געווען כאָריסטן אין גראָדנער שטאָט־טעאַטער, ווו עס האָט געשפּילט אַ רוסישע אָפּערעטן־טרופּע. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן אַלס כאָריסטן אין ייִדישע וואַנדער־טרופּעס, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו עפּיזאָדן־ראָלן. זיי זענען אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד.

יאָנאַס טורקאָוו

אין יאָר 1918 זענען זיי אַנגאַזשירט געוואָרן אין נחום ליפּאָווסקיס „פֿאָלקס־טעאַטער" אין ווילנע, ווו עס איז אויך אויפגעטראָטן די אַקטריסע נחמה ליפשיץ — די צוקונפטיקע פרוי פון ק. קאַדיש. זיי האָבן געשפּילט צוזאַמען אין פאַרשיידענע טרופּעס איבער ליטע, לעטלאַנד, דייטשלאַנד, ביז זיי זענען צוריקגעקומען קיין פּוילן און ווידער אויפגעטראָטן אין ווילנער „פֿאָלקס־טעאַטער". פון דאָרט ווערן זיי אַנגאַזשירט קיין לאָדזש אין „סקאַלאַ"־טעאַטער, וואָס שטייט אונטער דער דירעקציע פון ר. שושנה און לאַזאַר קאַהאַן. זיי טרעטן דאָרט אויף מיט גרויס דערפאָלג.

נחמה, קאַדישס פרוי, האָט געשטאַמט פון באָברויסק און האָט אָנגעהויבן איר טעאַטער־קאַריערע אַלס כאָריסטין אין גענפּערס טרופּע, מיט וועלכער זי האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן טורנע איבער רוסלאַנד און ליטע. אין ווילנע, נאָכן באַקענען זיך מיט ק. קאַדיש, מיט וועלכן זי האָט חתונה, גייט זי אַריבער צו ליפּאָווסקין אין טעאַטער און פון דעמאָלט אָן האָט זי שוין געשפּילט צוזאַמען, אָן איבעררייס, מיט איר מאַן און שוואָגער כאַש.

איר ערשטער גרויסער בינע־סוקצעס איז געווען אין קאַלמאַנס „באַיאַדעראַ", אין וועלכער זי האָט געשפּילט די טיטל־ראָל. זי האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט איר וווּנדערבאַרער שטים. זי איז געווען איינע פון די בעסטע טעאַטער־זינגערינס פון יענער צייט. ווען זי וואָלט נאָך געהאַט געשולט איר שטים, וואָלט זי זיכער אויסגעוואָקסן אויף אַ זינגערין פון וועלט־מאַסשטאַב. מען דערציילט וועגן איר אַן אינטערעסאַנטן פאַל. זי איז אַמאָל קראַנק געוואָרן אויפן האַלדז און זיך געלאָזט אונטערזוכן פון אַ באַרימטן וואַרשעווער לאַרינגאָלאָג, ד"ר קעניגשטיין. ער האָט איר בפירוש פאַרווערט צו זינגען, ווייל אַנדערש וועט זי אין משך פון דריי חדשים אינגאַנצן פאַרלירן איר שטים. נישט געקוקט אָבער אויף דעם פאַרווער, האָט נחמה נישט איבערגעריסן איר אַרבעט און געזונגען לאַנגע יאָרן, ביז צו איר סוף, מיט דער זעלביקער גרויסער שטים. דאָס איז געווען אַ פענאָמען פון דער נאַטור. ווי אַ שוישפּילערין איז זי געווען אַ שוואַכע, אָבער זי האָט אַלץ כאַרדעקט מיט איר זינגען. פון דער בינע האָט זי זיך זייער שיין פּרעזענטירט, אַ דאַנק איר אימפּאַזאַנטער פיגור מיט אַן אמת ביבליש פּנים, מיט אַ פּאָר פּרעכטיקע שולמית־אויגן. אַלס

מענטש איז זי געווען זייער באַליבט ביי די חברים־אַקטיאָרן און ביי אַלע, וואָס זענען געקומען מיט איר אין באַרירונג.

איך די אַלע אָפּערעטעס, אין וועלכע זי איז אויפגעטראָטן אין דער משפּחה־טרופּע פון איר מאַן, האָט זי אומעטום געהאַט אַן אויסערגעוויינ־לעכן דערפאָלג.

ק. קאַדיש און יוסף כאַש זענען געווען צוויי באַליבטע אקטיאָרן. דער ערשטער — אַ רעזאָניאָר־רעאַליסט מיט אַ ריזיקן באַס־באַריטאָן, האָט אימפּאָנירט פון דער בינע מיט זיין האַלטן זיך און אויסזען.

יוסף כאַש — אַ מאָגערער, אַ רירעווודיקער — ממש קוועקזילבער. האָט ער טאַקע געשפּילט אַלע פּאַט־ראָלן אין די אָפּערעטעס פון דער משפּחה־טרופּע.

ביידע האָבן זיי ליב געהאַט טעאַטער און זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן יראת־הכבוד. האָבנדיק זיך שוין אויסגעאַרבעט אַ פּאָפּולערן נאָ־מען ביים עולם, און צ׳ענדיק „קאַסעס״, האָבן זיי נישט נאָכגעפּאָלגט דעם ביישפּיל פון אַנדערע אויפגעקומענע „סטאַרס״, נאָר תמיד זיך באמיט צו האָבן אין זייער טרופּע די בעסטע אָפּערעטע־אַקטיאָרן. האָט טאַקע געאַר־בעט ביי זיי לאַנגע יאָרן דער גרויסער ייִדישער זינגער דוד זיידערמאַן מיט זיין פרוי — די סובּרעטין חנה לערנער. יאָרנלאַנג איז דער רעזשי־סאָר פון זייער טרופּע געווען דער גלענצנדיקער אַקטיאָר און רעזשיסאָר שלמה קוטנער, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיין ערנסטן צוגאַנג צום טעאַטער. אין קאַדיש־כאַש האָט ער געפונען די געהעריקע פּאַרטנערן. ביי דער קאַדיש־כאַש־משפּחה האָט אויך לאַנגע יאָרן געשפּילט די סובּ־רעטין און פּיינע שוישפּילערין פּראַניאַ ווינטער. אויך אַניעטא רייזער — די באַגאַבטע טענצערין און שוישפּילערין האָט אַ לענגערע צייט געאַר־בעט אין דער טרופּע קאַדיש־כאַש, וואָס האָט זיך גערופן „ווילנער ייִדישע אָפּערעטן־טרופּע״.

די „ווילנער ייִדישע אָפּערעטן־טרופּע״ האָט, אויסער גאַנץ פּוילן, באַזוכט אויך אַ רייע אייראָפּעאישע לענדער, ווי רומעניע, פראַנקרייך, בעל־גיע, ליטע, לעטלאַנד, דייטשלאַנד. קאַדיש־כאַש האָבן אַריינגענומען אין זייער רעפּערטואַר אַלע אייראָפּעאישע אָפּערעטעס. זיי האָבן אויך מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט ייִדישע אָפּערעטעס און פון צייט צו צייט אַראָפּגע־

בראַכט מאַרק ארנשטיין, וועלכער האָט אויפגעפירט מיט זיי ה. לייוויקס „גולם״. די אויפפירונג, וואָס איז געמאכט געוואָרן מיט גרויס פּאַרנעם, האָט געהאַט אַ פאַרדינטן דערפאָלג. די טרופּע קאַדיש־כאַש האָט זיך גע־גערעכנט צו די בעסטע יידישע אָפּערעטן־טרופּעס אין אייראָפּע.

דער יינגסטער פון דער משפּחה כאַש — אברהם גראָדנער (פּסעוו־דאָנים) — איז געווען זייער אַ פעיִקער שוישפּילער און מען האָט אויף

קאַדיש אַלס מהר״ל כאַש אַלס תנחום גראָדנער אַלס „גולם״
אין ה. לייוויקס „גולם״, אויפגעפירט דורך מאַרק ארנשטיין אין קראָקע
(צייכענונגען פון בן־ציון צוקערמאַן)

אים געלייגט גרויסע האָפענונגען. ער האָט געאַרבעט אין שערעשעווסקיס פּאַפּיראָסן־פאַבריק אין גראָדנע און אַלס אַמאַטאָר אָנגעהויבן אין דער גרופּע פון ש. פינקעל און הערמאַן יאַבלאָקאָוו. אויך ער האָט אַ צייט לאַנג געאַרבעט ביי זיינע ברידער אין דער טרופּע. אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען זיי זענען געקומען אין דער היימשטאָט מיט „באַיאַדעראַ״, אונטער ש. קופּערמאַנס דירעקציע, איז ער צוליב נישט פאַרזיכטיקייט ביים אַרויס־בייגן זיך פון אַ פענצטער אויפן דריטן שטאָק, אַראָפּגעפאַלן און על פּי נס זיך פאַרהאַלטן אויף די טעלעגראַפן־דראָטן. אַ דאַנק דעם איז ער גע־בליבן לעבן. מען האָט אים געגומען אין שפּיטאָל אַריין. צוליב דעם דאָ־זיקן פאַרפאַל איז צו דער פאָרשטעלונג געקומען אַ קליינער עולם, ווייל אַלע זענען געווען זיכער, אַז מען וועט אָפּרופן די פאָרשטעלונג. שלמה

קוטנער האָט פון דער בינע געהאלטן אַ „ספּיטש" צום עולם און צווישן אַנדערע געזאָגט:

— זעט וואָס עס איז אַקטיאָרן־לעבן. דער ברודער ליגט אויפן טויטן־בעט אין שפּיטאָל און די ברידער זיינע שפּילן טעאַטער...

נאָך אַ פּאָר יאָר שפּילן ביי זיינע ברידער, איז גראָדנער אַריבער אין דער דראמע (אַ צייט לאנג געשפּילט ביי דער „ווילנער טרופּע"), ווו ער איז שוין פאַרבליבן.

אין יאָר 1927 האָבן קאַדיש־כאַש געמאַכט צום ערשטן מאָל אַ שות־פות־טרופּע מיט באָריס בוקאנצן פון קאָוונע. אין דער טרופּע זענען גע־ווען: קאַדיש־כאַש־נחמה, אברהם גראָדנער, זלאטקע יאַראָסלאַווסקאַיאַ, שמעון אָרליוק — אַ ברודער פון אַזראַ, פון דער „ווילנער טרופּע", שעפּטל זאַק, נתן רייכענבערג, ליובאַ ראָזענבערג, אידינא — יוסף כאַשס פרוי, (וואָס האָט אויך געשטאַמט פון גראָדנע און געהייסן שעוואכאָוויטש). אויך קאַדישס טאָכטער האָט די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן צו שפּילן אין דער משפחה־טרופּע.

ווי עס איז צו זען, איז די טרופּע קאַדיש־כאַש באַשטאַנען פון אַ היפּ־שער צאָל משפחה־מיטגלידער, צווישן וועלכע עס האָט געהערשט אַן אי־דעאַלע האַרמאָניע. די טרופּע איז אָנגעגאַנגען פאר אַ סאָלידע און ערנסטע און איז געווען זייער באַליבט אין די אַלע מקומות, ווו זי איז אויפ־געטראָטן. אויף זייער חשבון דאַרף מען אויך צושרייבן, וואָס זיי האָבן געפּלעגט די בעסערע יידישע און אייראָפּעאישע אָפּערעטע.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די לעצטע וועלט־מלחמה האָט די קאַדיש־כאַש־טרופּע געשפּילט אין פּינסק. די מענער זענען אנטלאָפן קיין וויל־נע און באַלד אין די ערשטע טעג, ווען די דייטשן זענען אַהין אַריין, זע־נען זיי אומגעקומען. מען האָט ארויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין אַ געוויסן הויז, ווו עס האָבן געוווינט די ברידער ק. קאַדיש און יוסף כאַש, איז דערשאָסן געוואָרן אַ דייטש. מען האָט פון דאָרט אַרויסגעפירט אַלע מע־נער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען קאַדיש און כאַש, און זיי דערשאָסן. אויך נחמה, אידינאַ און די קינדער זענען אומגעקומען. פון דער גאנצער משפחה איז געבליבן לעבן איין אברהם גראָדנער, וועלכן ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן. ער געפינט זיך אין רוסלאַנד.

פריץ קליינמאַן

פריץ קליינמאַן, דער באַוווּסטער לעמבערגער קונסט־מאָלער און טעאַטער־דעקאָראַטאָר, איז געווען — קען מען זאָגן — אַן אינסטיטוציע פאַר זיך.

אַלס מאָלער האָט ער געהאַט זיין אייגנאַרטיקן סטיל און אָריגינעלן צוגאַנג צו מאָלעריי. אַלס קאַריקאַטוריסט און צייכענער האָט ער אויף אַ גלענצנדיקן אופן דאָקומענטירט זיין סביבה. ער איז געווען פאַרליבט ממש אין נעם לעמבערגער פייזאַזש און — ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער באַרימטער יידישער מאָלער, זיגמונט מענקעס — ס'איז צוזאַמען מיט קליינמאַנען אויך פאַרשווונדן די לעמבערגער לאַנדשאַפט, וואָרום ער איז געווען מיט איר געקניפּט און געבונדן. ער האָט זיך אַזוי פאַרהאַפטן מיט זיין געבוירן־שטאָט לעמבערג, אַז וויפל מאָל מען האָט אים צוגערעדט צו וויזן זיך אין דער גרויסער וועלט, האָט ער זיך נישט געקאָנט אַנטשיידן אויף אַזאַ שריט. אַן דער לעמבערגער לופט איז אים אוממעגלעך געווען צו עטעמען. לעמבערג האָט אים אינספּירירט צו זיין שעפערישער ארבעט.

מאָלעריי האָט פריץ קליינמאַן שטודירט אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע. געשטאַמט האָט ער פון אַ רייכער לעמבערגער אַסימילירטער משפחה. זיין מוטער איז געווען אַ באַרימטע שיינקייט, און ווען זי האָט אַלס מיידל געלערנט אין ווין, האָט זיך אין איר פאַרליבט אַן עסטרייכישער הערצאָג און זי ממש פאַרפאָלגט מיט זיין ליבע. ווין האָט דעמאָלט געקאָכט מיט דער ראָמאַנטישער געשיכטע פון דעם עסטרייכישן אַדעליקן צום יידישן לעמבערגער מיידל.

פריץ איז געווען דער עלטסטער זון ביי די קליינמאַנס. ער האָט געהאַט צוויי ברידער (וולאַדעק און ארטעק) און צוויי שוועסטערס (דאָניאַ בעקער און זאָשיע קליינמאַן).

פריץ איז פון זיינע יוגנט־יאָרן אָן געשטאַנען אונטער דער קינסט־לערישער השפּעה פון זיינעם אַ בן־עיר — דעם שפּעטער באַרימט־גע־וואָרענעם קונסט־מאָלער זיגמונט מענקעס, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען געגאַנגען אין שול אַריין און שפּעטער צוזאַמען געאַרבעט (טאַקע אין מענקעסעס אַטעליע). נאָך מענקעסעס אַפּפאָרן פון פּוילן האָט פריץ קליינ־מאַן איבערגענומען די „פירערשאַפט" און געהאַט אַ גרויסן אינטעלעקטועלן איינפלוס אויף דעם לעמבערגער יונגן דור קינסטלער. ער האָט געצויגן דעם המשך פון דער אַרבעט, וואָס עס האָט פריִער אָנגעהויבן זיגמונט מענקעס און הענעק זעלצער — אויך אַ באַקאַנטער לעמבער־גער מאָלער.

בעת דעם ערשטן וועלט־קריג האָט פריץ קליינמאַן געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי. ווען ער איז צוריקגעקומען פון מיליטער, האָט ער, צוזאַמען מיט זיגמונט מענקעסן געגרינדעט אין לעמבערג די ערשטע יידישע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, אַרום וועלכער עס האָט זיך גרופּירט די גאַנצע לעמבערגער יידישע אינטעליגענץ. קליינמאַן איז גע־ווען זייער פּאָפּולער און באַליבט אין לעמבערג, נישט נאָר ווי אַ קינסט־לער, נאָר אויך — אין פּריוואַט־לעבן. ער איז געווען זייער פריינטלעך; תמיד עלעגאַנט; געווירקט עסטעטיש; קלוג און וויציק און — אַ פיינער דערציילער. ער איז באַקאַנט געווען ווי אַ גרויסער דאַמען־פריינט. ער איז געווען זייער מוזיקאַליש. צו זיינע גאָר נאָענטסטע חברים האָבן געהערט די באַקאַנטע לעמבערגער מוזיקער — די ברידער גימפּעל.

אויף איינער פון די לעמבערגער בילדער־אויסשטעלונגען האָט פריץ קליינמאַן באַקומען אַ פּרעמיע פאַר זיין פּרעכטיק בילד „דער יידי־שער דאָן קיכאָט".

אין באַפרייטן פּוילן האָט זיך פריץ קליינמאַן אָנגעהויבן שטאַרק צו אינטערעסירן מיטן יידישן קולטורעלן לעבן פון זיין שטאָט. ער איז גע־וואָרן אַ מיטגליד פונעם יידישן ליטעראַרישן קרייז, וווּ ער איז געווען זייער אַקטיוו. ווען עס האָט זיך געגרינדעט די לעמבערגער טעאַטער־סטו־דיע די „מאַסקע", האָט ער זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיטן יידישן טעאַטער. ער איז געוואָרן דעקאָראַטאָר, ווי אויך אַ מיטגליד פו־נעם קינסטלערישן ראַט ביי דער „מאַסקע". ווען די „ווילנער טרופּע" איז

צום ערשטן מאָל געקומען קיין לעמבערג, האָט מען אים איינגעלאדן צו מאָלן פאר זיי דעקאָראַציעס. דאָס זעלביקע — בעת איך האָב אויפגעפירט אין לעמבערג ערנסט טאָלערס „הינקעמאַן". ער האָט אויך געמאכט די געלונגענע דעקאָראַציעס צו זיגמונט טורקאָווס אויפפירונגען פון „שול־מית", „בר כוכבא" „אַנקל מאָזעס", „גלאָקנציער פון נאָטר־דאם" און



פריץ קליינמאַנס דעקאָראַציע צו זיגמונט טורקאָווס אויפפירונג פון „שולמית" אין לעמבערג (ערשטער אַקט, בילד 2)

„בראָדער זינגערס"; צו משה ליפּמאַנס אויפפירונג פון „גאָט, מענטש און טייוול" און צו אידאַ קאַמינסקיס „גליקל האַמעלן" און „מיין זון". בעת די סאָוועטן זענען געווען אין לעמבערג, האָט קליינמאַן געמאַכט קאָסטיו־מען און דעקאָראַציעס צו אַ רייע אויפפירונגען אין יידישן מלוכה־טעאַ־טער. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט די דעקאָראַציעס פון „לא תחמוד".

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען לעמבערג, האָט קליינמאַן אויפגעהערט צו מאָלן. ער האָט געאַרבעט אַלס פּשוטער אַרבעטער. בעת דער ערשטער

גרויסער „אַקציע" אויף ייִדן, אין חודש אויגוסט 1942 (נאָך פאַרן איינפירן ס׳געטאָ), וואָס האָט געדויערט דריי וואָכן, האָבן די דייטשן „צוגענומען" פריץ קליינמאַנס מוטער און זיין שוועסטער דאָניע בעקער מיט איין קינד. דאָס צווייטע קינד (דאָס עלטערע) איז געווען דעמאָלט ביי קליינמאַנס אַ יינגערער שוועסטער, זאָשיע, וועלכע איז נישט געווען פאַרהייראַט. זיי האָט

„אביגיל באַוויינט אירע קינדער", דעקאָראַציע און קאָסטיומען פון פריץ קליינמאַן צו זיגמונט טורקאָווס אויפפירונג פון „שולמית" (ערשטער בילד פון צווייטן אַקט)

מען נישט גענומען. פריץ איז בעת דערדאָזיקער „אַקציע" געווען ביי דער אַרבעט. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער שוין נישט געטראָפן זיין משפחה. בעת דערדאָזיקער „אַקציע" האָט מען אַרויסגעפירט אין טויטן־לאַגער בעלזשעץ 50.000 ייִדן (זיין פאָטער איז געשטאָרבן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939).

פריץ קליינמאַנס שוואָגער (דאַניעס מאַן), וואָס איז ביים אויסברוך פונעם קריג אַנטלאָפן קיין רומעניע, האָט פון דאָרט געשיקט קיין לעמבערג אַ שליח אַרויסצוראַטעווען זיין פרוי און קינדער און זיי צו ברענגען קיין רומעניע. דער שליח האָט נאָר געקענט מיטנעמען זיין 6־יאָריקן זון, ווייל די פרוי מיטן צווייטן קינד האָבן שוין נישט געלעבט.

צוויי וואָכן נאָך דער ערשטער גרויסער „אויסזידלונג" איז איינגעפירט געוואָרן דאָס לעמבערגער געטאָ (7טער סעפּטעמבער 1942). אין געטאָ האָט פריץ קליינמאַן געאַרבעט אַלס ציגל־טראָגער, פון וועלכן ער האָט נישט פאַרדינט אויף לעבן. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער.

נאָך פאַר דער ערשטער גרויסער „אַקציע", ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט גרופּעס יידן אויף די אַזוי גערופענע „פּיאַסקעס" (זאַמדן), כדי זיי דאָרט צו דערשיסן, האָט פריץ קליינמאַן באַזוכט זיין משפחה עבער, — אַ באַקאַנטער לעמבערגער אינזשעניער, (זיין מוטער איז געווען אַ שוועסטער פון פריץ קליינמאַנס פאָטער). ער איז אַריינגעקומען צו עברן אַ דערשיטערטער פון דעם וואָס ער האָט געזען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט די „סצענע" קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן. אַ סצענע, וואָס שטייט אים לעבעדיק פאַר די אויגן: פון דעם, פול־אָנגעפילטן מיט יידן, לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ „פּלאַנדעקע", האָט אַרויסגעשטאַרט אַ האַנט פון אַ פרוי, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די האַנט האָט זיך געווענדט צום הימל נאָך נקמה... די דאָזיקע סצענע — האָט קליינמאַן געזאָגט — מוז ער פאַראייביקן אויפן לייוונט... ליידער איז דאָס אים שוין נישט געלונגען.

אין געטאָ האָט ער ווייטער זיך גענומען צייכנען קאַריקאַטורן, אָבער דאָסמאָל — טרויעריקע קאַריקאַטורן, — פון יידישע פּאָליציאַנטן; קאַרי־קאַטורן, וואָס האָבן זיך אונטערשיידט פון זיינע פאַרמלחמהדיקע אַרבעטן מיט דעם, וואָס זיי האָבן דאָסמאָל נישט אַרויסגערופן די קאָמישע זייט פון דער סיטואַציע, ווי דאָס איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי אים. זיינע געטאָ־קאַריקאַטורן האָבן אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע שוידערלעכע יידישע טראַגעדיע און די אוממענטשלעכע באַדינגונגען, צו וועלכע אַ טייל פון זיי־נע ברידער זענען געטריבן געוואָרן.

נאָך דעם ווי קליינמאַן האָט פאַרלוירן זיין מוטער און שוועסטער, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין דער וווינונג פונעם אַקטיאָר סעווערין צווערלינג, זיין נאָענטן חבר. דאָרט האָט אויך געוווינט צווערלינגס שוועסטער מיט איר 5־יאָריק וווּנדער־קינד — פּיאַניסט — יוסף גערסטענהאַבער. — אַ שילער פונעם פּראָפעסאָר הענעק גינסבערג (אומגעקומען מיט די ערשטע 500 ייִדן, וואָס די אוקראַאינער האָבן דערמאָרדעט, ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין קיין לעמבערג).

היות ס׳האָט די דייטשן פאַרפעלט אַ קאָנטיגענט ייִדן צו דער שחיטה, האָבן זיך חברה ס׳ ס׳־לייט מיט זייערע אוקראַאינישע שותפים אַ לאָז געטון איבער די ייִדישע הייזער צו זוכן זייערע קרבנות. צווישן אַנדערע זענען זיי אַריינגעפאַלן אין הויז פון די צווערלינגס און וועמען זיי האָבן דאָרט געטראָפן האָבן זיי צוגענומען מיט זיך (צווערלינג איז גראָד געווען ביי דער אַרבעט אין לאַגער אָבראָשין).

פריץ קליינמאַן האָט דער חברה רוצחים געוויזן זיין לעגיטימאַציע, אַז ער אַרבעט און איז אַ „בוצלעכער יודע״. ס׳האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט אים, צוגלייך מיט די איבעריקע געכאַפּטע ייִדן, אָפּגעפירט אין יאַנאָווער לאַגער. פון דאָרט האָט מען די ייִדן, נאָך אַ „סעלעקציע״, אַוועק־געשיקט אין טויטן־לאַגער בעלזשעץ. בעת דער „סעלעקציע״ האָט מען יעדן איינעם געפרעגט וואָס זיין פאַך איז.

ווען די ריי איז געקומען אויף קליינמאַנען, האָט אַ פרוי פון אַ גע־שטאַפּאָ־מאַן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער „סעלעקציע״ פון מענטשן, וועלכע מען האָט צוגענומען דאָס רעכט צום לעבן, געוואָרפן אַן אויג אויף פריץ קליינמאַנען. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און אים געפרעגט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. ווען קליינמאַן האָט געענטפערט, אַז ער איז אַ מאָלער, האָט זי אים געפרעגט, צי ער מאָלט אויך פּאָרטרעטן. ווען ער האָט גע־זאָגט, אַז יאָ, האָט די דייטשקע אים געהייסן אַרויסנעמען פון דער ריי און אים מיטגענומען צו זיך אַהיים. דריי טעג האָט ער געמאָלן פּאָרטרעטן פון איר. אַלס באַלוינונג האָט זי אים אַרויסגעלאָזט פריי. קליינמאַן איז צוריק־געקומען אין געטאָ אַריין.

אין אַ צייט אַרום איז ער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין. ווען זיין חבר צווערלינג האָט אים באַ־

דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון פריץ קליינמאַן



צוויי סצענעס פון „בר־כוכבא" אין דער „וויקט"־אויפפירונג

דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פון פריץ קליינמאַן צו זיגמונט טורקאָוו
אויפפירונג פון „בראָדער זינגער"

דאָס אָנקומען פון די „בראָדער" אין שטעטל



דאָס אָנקומען פונעם רבין אין שטעטל

זוכט אין שפּיטאָל, האָט ער אים פאַרגעלייגט, אַז ווען ער וועט אַרויס פון שפּיטאָל, זאָלן זיי זיך אויסבאַהאַלטן, און שפּעטער וועט זיי אַזוי אַרום געלינגען איבערצולעבן די מלחמה. קליינמאַן האָט זיך פון דעם פּלאַן אָפּגעזאָגט. ער איז שוין צו שוואַך — האָט ער געזאָגט — און ער וועט עס שוין נישט קענען דורכהאַלטן.

נאָך דעם ווי קליינמאַן איז געזונט געוואָרן, איז ער צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין, ווו מען האָט אים ווידער געכאַפּט און אַוועקגעפירט אין יאַנאָווער לאַגער, צום צווייטן מאָל. דאָס מאָל האָט ער שוין נישט געהאַט קיין מזל צו פּרויען...

גענוי וועגן פריץ קליינמאַנס טויט איז מיר שווער געווען פעסטצושטעלן. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז ער אומגעקומען בעת איינער פון די לעצטע „אַקציעס", אין יאָר 1943.

מיט פריץ קליינמאַנען איז אַוועק פון דער וועלט נישט נאָר דער פאַרקערפּערער פון דער לעמבערגער לאַנדשאַפט, נאָר אויך איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מאָלערס און טעאַטער־דעקאָראַטאָרס פונעם יידישן פּוילן.

יוסף קאַמען

אין יאָר 1920, ווען מיר זע־נען צום ערשטן מאָל געקומען קיין ווילנע מיט דער טרופּע פון אסתר רחל קאַמינסקי, האָבן מיר באַזוכט דאָס רוסישע אָפּערעטן־טעאַטער. מען האָט דעמאָלט גע־שפּילט „גיישאַ״. פון גאַנצן, אַגב — זייער גוטן, אַנסאַמבל, — האָט זיך אויפן ערשטן אָרט אַרויסגערוקט אַן אַקטיאָר מיטן נאָמען קאַמען. ער האָט געשפּילט מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און טעמ־פּעראַמענט, אַז ער האָט אונדז, אַקטיאָרן, אַלע מיטגעריסן. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען מען האָט מיר שפּעטער פאָרגעשטעלט דעם אַקטיאָר קאַמען און איך האָב דערזען פאַר זיך נאָך גאָר אַ יונגנמאַן, וואָס האָט צו דעם אַלעם גערעדט אַ זאַפטיקן, מחיה־דיקן יידיש.

בעת מיין זיין אין ווילנע האָב איך זיך באַפריינדעט מיט דעם האַרציקן אָסיאַ — אַזוי האָבן מיר אים גערופן — און אונדזער פריינטשאַפט האָט געדויערט לאַנגע יאָרן. איך בין נישט איבערראַשט געוואָרן, ווען איך האָב

אין די ווייטערדיקע יאָרן געזען דעם גרויסן אויפשטייג פון יוסף קאַמען — אויף דער יידישער בינע. ער האָט געשפּילט ביי דער „ווילנער טרופּע" און איז געוואַקסן פון ראָל צו ראָל. קאַמען איז געווען גלענצנדיק סיי אין דער דראַמע, סיי אין דער קאָמעדיע. אין יידישן טעאַטער האָט ער קיין אָפּערעטע נישט געשפּילט.

זיי גלאַנץ־פּעריאָד אין יידישן טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער ער האָט אויך דורכגעמאַכט דעם טורנע איבער פּוילן און רומעניע און מיט דער צייט האָט ער שוין אין דער טרופּע פאַרנומען איינע פון די הויפּט־פּאָזי־ציעס, — אויב נישט דאָס ערשטע אָרט. דאָרט האָט ער אויך געפּרוווט זיינע כוחות ווי אַ רעזשיסאָר און אויפגעפירט מיט די „ווילנער" איניקע פּיעסן, בעת זייערע גאַסטשפּילן אין לעמבערג.

יוסף קאַמען אַלס „הערשעלע אַסטראָפּאָליער"

(צייכענונג פון פריץ קליינמאַן)

אַ געוויסע צייט האָט ער, צוזאַמען מיט דוד הערמאַן, שמחה נאַטאַן און יעקב וויסליץ, געפירט אַן אייגענע טרופּע, מיט וועלכער זיי זענען אַרומ־געפאָרן איבער דער פּראָווינץ, שפּילנ־דיק „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" פון משה ליפשיץ, ווו קאַמען איז געווען פּרעכטיק אין דער ראָל פון „הער־שעלען", אַנ־סקיס „טאָג און נאַכט", „די ראַסע" א״אַ.

יוסף קאַמען — דער יינגערער ברו־דער פון עם רוסיש־יידישן אַקטיאָר אַליאָשאַ שטיין — דאָס איז זייער ביידנס ריכטיקער נאָמען — איז געווען איינער פון די בעסטע, קערנדיקסטע און זאַפטיקסטע יידישע אַקטיאָרן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

אָסיאַ (יוסף) קאַמען, דער שיינער, פעסטגעבויטער, עלעגאַנטער און זאָרגלאָזער מאַן, האָט אין זיין פּריוואַט־לעבן קיין מזל נישט געהאַט. זיין

ערשטע פרוי — אַ ווילנער מיידל, נישט קיין שוישפּילערין — מיט וועל־כער ער האָט יונג חתונה געהאַט, האָט ער גיך אָפּגעגט; זיין צווייטע פרוי — אַ שוישפּילערין — דינה קעניג, האָט פריִער געשפּילט אין דער אָפּע־רעטע, אָבער נאָך דער חתונה מיט קאַמענען איז זי אַריבער אין דער דראַמע. אויך מיט דער צווייטער פרוי איז דאָס צוזאַמענלעבן נישט געווען פון די גליקלעכע. נאָך דעם ווי אָסיאַ איז ערנסט קראַנק געוואָרן און מען האָט אים געמוזט אַמפּוטירן אַ פוס, האָט זי אים פאַרלאָזט.

יוסף קאַמען אַלס „גולם“
(צייכענונג
פון י. ראַטבוים)

יוסף קאַמען איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער און פון דעם האָט ער באַקומען אַ ניקאָטין־פאַרגיפטיקונג, וואָס האָט זיך קאָנ־צענטרירט אויף אַ פינגער פון זיין פוס. קיין שום הילף האָט נישט געהאָלפן. מען האָט דעם פוס געמוזט אַמפּוטירן. ער האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין סטאַניסלאַוואָוו, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס רעזשיסאָר פון דאָרטיקן „גאָלדפאַדן־פאַריין“. דער דאָזיקער פאַריין האָט אויך פינאַנסירט זיין רייזע און אָפּעראַציע אין ווין.

ווען ער איז, אין יאָר 1935, צוריקגעקומען פון ווין מיט אַן אָראָפּ־גענומענעם פוס, האָט ער אַלץ נישט פאַרלוירן זיין גוטן הומאָר און זיך געוויצלט אויפן חשבון פון זיין „אידיאָטישער אָפּעראַציע“ — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט שוין קיין טעאַטער נישט געקענט שפּילן, הגם אין אַ צייט אַרום האָט מען ספּעציעל פאַר אים געשריבן אַ פּיעסע, וועלכע ער האָט געשפּילט גאַנץ קורץ. דער „גאָלדפאַדן־פאַריין“ אין סטאַניסלאַ־וואָוו, וואָס האָט זיך אויך ווייטער נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט אים, האָט אים פאַרזאָרגט מיט אַ קינסטלעכן פוס (פּראָטעזע). קומענ־דיק צו זיך, אויב מען קען זיך אין דעם פאַל אַזוי אויסדריקן, האָט ער אָנגעהויבן צו געבן וואָרט־קאָנצערטן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך גרויסן דערפאָלג.

ווען ער האָט צום ערשטן מאָל נאָך דער אָפּעראַציע באַגעגנט איינעם

פון זיינע אַלטע חברים, זענען זיינע ערשטע ווערטער, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, געווען:

— אמת, אַז ווען איך זיץ, זע איך אויס ווי אַ גאַנצער דזשענטלמען?...

דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי אָסיאַ קאַמען איז געווען זיין לצנות. ער האָט געלצעוועט פון אַלע און פון אַלץ, און — פון זיך אַליין אויך. ביי יעדער געלעגנהייט. דאָס איז ביי אים נישט געווען געקינצלט. אַזוי איז ער געווען פאַר דער אָפּעראַציע און אַזוי — נאָך דער אָפּעראַציע. די גרויסע טראַגעדיע, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, האָט ער, ביי זיין אייזערנעם ווילן, באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אין אַ קאָמעדיע, — אַ טראַגיקאָמעדיע, וועלכע ער האָט זיך באַמיט אָפּצושפּילן לייכט. ער איז געווען אַ קאָמעדיאַנט אין בעסטן זין פון וואָרט. אפשר האָט ער עס געטון דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים אַרויסווייזן רחמנות.

נאָך דער אָפּעראַציע האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו אים אַלע חולאתן: צוקער — אין זייער אַ הויכן פּראָצענט, נירן־קראַנקייט און — דאָס האַרץ. זיין גאַנצן ברויזנדיקן, אומגעצוימטן טעמפּעראַמענט האָט ער, נאָך זיין אָפּעראַציע, אַריינגעלייגט אין די רעציטאַציעס, וועלכע ער האָט נישט נאָר פּרעכטיק איבערגעגעבן, נאָר ממש זיי מייסטערהאַפט אויסגעשפּילט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר אים אַ גרויסע אָנשטרענגונג, וואָס האָט פאַרצערט זיינע כוחות און וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּגעשוואַכט זיין האַרץ. עס איז געווען אַ ווייטיק צו קוקן אויף דעם יונגן, שיינעם און לעבנסלוסטיקן יוסף קאַמען, פון וועלכן עס האָט נאָך ווייטער געשלאָגן לעבנס־פרייד, און זען אים אין אַזאַ מצב.

דער אַזוי באַגאַבטער אַקטיאָר יוסף קאַמען, וואָס האָט פאַרמאָגט, אַ חוץ טאַלאַנט, אַ שלל מיט חן און וואַרעמקייט אין זיין שפּילן, איז געווען אויך אַ גוטער, האַרציקער חבר און זייער באַליבט. ער איז געווען אַ גרויסע אַרטיסטישע אינדיווידואַליטעט, וועלכן מען האָט נישט געקענט פאַרגלייכן מיט קיינעם, וואָרום קאַמען איז געווען אייגנאַרטיק און ממילא איינציקאַרטיק.

ווען די לעצטע מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז יוסף קאַמען, צוזאַמען מיט זיין לעצטער פרוי — די זינגערין נאַדיאַ קאַרעני — אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק. דאָרט איז ער אין יאָר 1940 קראַנק געוואָרן אויף טיפוס.

ער האָט אָבער אַלץ געקעמפט מיט דער נאַטור און זיך באַוויזן אויך דאָס מאָל אַרויסצודרייען. נאָכן געזונט־ווערן האָט ער, צוזאַמען מיטן גרויסן זינגער און חזן משה קוסעוויצקי, ווי אויך מיט זיין פרוי, נאַדיאַ קאַרעני, אָרגאַניזירט אַ „קאָנצערט־בריגאַדע" און אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך. משה קוסעוויצקי האָט געזונגען אָפּערע־אַריעס און יידישע פאָלקס־לידער און יוסף קאַמען האָט רעציטירט. אַ שטורמישן דערפאָלג האָט ער געהאַט אין משה טאַפּטס רעציטאַציע „פּאָרט שאַנביי".

די רייזעס, נישט תמיד ביי גוטע באַדינגונגען, ווי אויך די אַלערליי קראַנקייטן, האָבן ענדלעך איינגעבראָכן זיין גענוג שטאַרקן אָרגאַניזם. ער איז געשטאָרבן אין אוראַלסק, אין יאָר 1943. איך בין זיכער, אַז ער האָט מיטן מלאך־המות אויך געלצעוועט און חוזק געמאַכט פון אים; און אַז אַפילו אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט ער אַריינגעזאָגט אַ פּאָר געפעפערטע וויצן... די לעבנס־פרייד האָט אים נישט פאַרלאָזט ביז דעם לעצטן אָטעמצוג.

יוסף (אָסיאַ) קאַמענס נאָמען וועט מיט ליכטיקע אותיות פאַרנעמען דעם אויבנאָן ביי דער מזרח־וואַנט אין פּאַנטעאָן פון אונדזערע אומגעקומענע טעאַטער־מענטשן.

ד״ר לייב לאַנדוי

נישט געווען קיין ייִד אין פּוילן, וואָס זאָל נישט האָבן געוווּסט ווער עס איז געווען ד״ר לייב לאַנדוי.

לייב לאַנדוי, אַן אַדוואָקאַט פון באַרוף, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די גרעסטע פּאַרטיידיקער אין פּוילן און ממש ווי אַ גאָניאַלער רעדנער, האָט זיך קונה שם געווען מיטן באַרימטן „שטייגער״־פּראָצעס. אַ יונגער ייִדישער סטודענט אין לעמבערג — סטאַניסלאַוו שטייגער — איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַ מכלומרשטן אַטענטאַט אויפן פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט סט. וואָיטשעכאָווסקין. דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1925. שטייגערן האָט געדראָאַט טויט־שטראָף. הגם די ייִדן און די ליבעראַלע פּוילישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן זענען געווען איבערצייגט אין שטייגערס אומשולד, האָט מען דאָך מורא געהאַט, אַז דער פּראָצעס וועט זיך ענדיקן מיטן פאַרמשפּטן שטייגערן, ווייל אין דעם זענען געווען פאַראינטערעסירט די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע כוחות, וואָס האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין פּוילן. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול און דער אומשולדיקער שטייגער וועט פאַלן אַ קרבן פון אַ פּאָליטישן מאָרד.

איז געקומען דער ייִדישער אַדוואָקאַט פון פּשעמישל, ד״ר לייב לאַנדוי און מיט אַן אייזערנער לאָגיק צעקלאַפּט די גאַנצע פאַלשע באַשולדיקונג. שטייגער איז באַפרייט געוואָרן. דער „שטייגער״־פּראָצעס, אין וועלכן עס זענען אויפגעטראָטן אַלס פאַרטיידיקער די באַרימטסטע אַדוואָקאַטן, וואָס פּוילן האָט פאַרמאָגט, האָט אַרויסגערוקט אויפן אויבן־אָן דעם ביז־דעמאָלט נאָך ווייניק־באַקאַנטן אַדוואָקאַט פון פּשעמישל, לייב לאַנדוי. פון דעמאָלט אָן האָט אָנגעהויבן אויפגיין זיין שטערן. נאָך דעם צווייטן גרויסן פּראָצעס,

וואָס האָט צו אונדז יידן געהאַט נאָך אַ גרעסערן שייכות — דער פּשיטיק־פּראָצעס, — איז לאַנדוי אָנערקענט געוואָרן פאַרן גרעסטן קענער פון געזעץ אין פּוילן און פאַר אַ רעדנער פון אַ וועלט־מאַסשטאַב.

צו פאַרטיידיקן די פּשיטיקער יונגעלייט האָבן זיך געשטעלט די גרעס־טע יידיש־פּוילישע אַדוואָקאַטן מיטן ד״ר לייב לאַנדוי בראש. זיין שטאַרקע פאַרטיידיקונגס־רעדע האָט דעמאָלט געמאַכט אַ רושם איבער דער גאַנצער וועלט און פאַרשאַפט אים נאָך מער כבוד און אָנזען. דער פּשעמישלער אַדוואָקאַט לייב לאַנדוי, דער ביז־גאָר באַשיידענער און אוממיטלבאַרער מענטש, האָט נאָך זיינע גרויסע זיגן אין די צוויי גרעסטע יידישע פּראָ־צעסן, נישט פאַרריסן מיט דער נאָז, אַפילו נישט געענדערט זיין יידישן נאָמען — לייב און ווייטער פאַרבליבן דערזעלביקער פּשוטער, צוגעלאָזענער, פאָלקסטימלעכער ייד ווי פריִער, — אַ זאַך, וואָס מען קען נישט זאָגן וועגן אַ סך פון זיינע פאַך־קאָלעגן און אַנדערע יידישע פּראָפעסיאָנעלע אינ־טעליגענטן.

ווען דער וואַרשעווער יידישער ליטעראַטן־פאַריין האָט נאָכן שטייגער־פּראָצעס איינגעאָרדנט פאַר לייב לאַנדוי אַ פאַרלעזונג אין דער געביידע פונעם וואַרשעווער צירק, איז נישט נאָר דער זאַל געווען איבערגעפּולט, נאָר אויך די גאַסן זענען שוואַרץ געווען פון יידן, וואָס האָבן זיך שוין נישט געקענט דורכשלאָגן צו דער געביידע פונעם צירק. אַזוי באַליבט און פאַרערט איז לאַנדוי געווען צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעל־קערונג.

ווי לאַנדוי האָט מיר אַמאָל איבערגעגעבן, האָט ער אין זיינע יונגע יאָרן געשטרעבט צו ווערן אַ יידישער אַקטיאָר. דאָס לעבן האָט אים אָבער אָוועקגעטראָגן אויף אַנדערע וועגן. ווען ער האָט געזען, אַז אין זיין ביים באַרוף, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, קען ער ברענגען דער מענטשהייט, און בפרט זיין אייגן פאָלק, מער נוצן, האָט ער זיך מיט אַלע זיינע חושים און גאַנצן טעמפּעראַמענט אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער אַרבעט.

וועגן טעאַטער — און בפרט יידיש טעאַטער — האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן און נישט נאָר מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט אַלע זיינע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, נאָר אַליין אויך צוגעלייגט צו אים אַ האַנט און אַ פלייצע. ער איז געווען אַ פאַנאַטישער ליבהאָבער פונעם יידישן טעאַטער,

— פונעם בעסערן יידישן טעאַטער, פאַרשטייט זיך. נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זיין אַדוואָקאַטישער קאַריערע האָט ער אין זיין געבוירן־שטאָט פשעמישל (מזרח־גאַליציע) געגרינדעט אַן אַמאַטאָרן־גרופּע „יובאל", וווּ ער איז געווען דער רעזשיסאָר און הויפּט־ראָליסט. די דאָזיקע טעאַטער־סטודיע האָט זיך קונה שם געווען מיט איר ערנסטער באַציִאונג צו דער טעאַטער־עבודה, און מיט איר טאַלאַנטירטער יונגער גרופּע טעאַטער־ענטוזיאַסטן. דער רעפּערטואַר, וואָס זיי האָבן אויפגעפירט אונטער דער רעזשי פון לייב לאַנדוי, איז תמיד געווען אויפן העכסטן ניווא. לאַנדוי איז געווען דער ערשטער (אַפילו פאַר דער „ווילנער טרופּע"), וואָס האָט אויפגעפירט אַנ—סקיס „דיבוק". לאַנדוי האָט געשפּילט דעם „מיראָפּאָלער צדיק". ער איז געווען זייער באַגאַבט סיי אַלס אַקטיאָר, סיי אַלס רעזשיסאָר. ווי עס האָבן מיר איבערגעגעבן מענטשן, וואָס האָבן אים געזען אין „דיבוק", צווישן זיי אויך — אַקטיאָרן, האָבן זיי קיין בעסערן „מיראָפּאָלער צדיק" ווי עס איז געווען לאַנדוי, נישט געזען. ווען די דאָזיקע מיינונגען זאָלן אַפילו זיין איבערגעטריבן, באַווייזט עס דאָך וואָס פאַראַ דרך־ארץ לאַנדוי האָט צו זיך אַרויסגערופן.

פונקט ווי ער האָט ליב געהאַט יידיש טעאַטער, האָט ער אויך ליב געהאַט די יידישע ליטעראַטור. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין יידיש בוך. ער אַליין האָט אויך געהאַט אַ פּיינע — ווי מען זאָגט — פּען צום שרייבן. ער האָט אויך געשריבן וועגן טעאַטער־פּראָבלעמען און געפירט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר בעסער יידיש טעאַטער.

בעת איך האָב אָנגעפירט מיטן קראָקעווער יידישן טעאַטער, האָב איך אים געהאַט אַלס גאַסט כמעט אויף יעדער פּרעמיערע. דאָסזעלביקע איז אויך געווען מיט אַנדערע יידישע טרופּעס, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען פון אַ בעסער טעאַטער.

ד"ר לייב לאַנדוי איז געווען אַ סאָציאַליסט און האָט לאַנגע יאָרן געהערט צום „בונד". ער איז פול געווען מיט די יידישע ליידן און איז טאַקע געווען אַן אומדערמידלעכער קעמפער פאַר יושר און גערעכטיקייט און פאַר יידישע רעכט. די פשעמישלער יידישע קהילה, וואָס איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון ציוניסטישע עלעמענטן, האָט אים, דעם נישט־ציוניסט, אָנפאַרטרויט די אָנפירונג מיט דער קהילה. צו לאַנדויס ערלעכ־

קיים און נאַציאָנאַלער אַחריות האָט מען געהאַט הונדערטפּראָצענטיקן צוטרוי.

צוליב פאַמיליע־סיבות (זייַן איינציקער זון האָט געהאַט טובערקולאָז פון די ביינער) האָט ער זיך געמוזט אַריבערטראָגן קיין לעמבערג. נאָכן טויט פון זייַן זון, וואָס איז געשטאָרבן אין בליענדיקן עלטער, איז לאַנדוי געוואָרן פאַרמאַכט אין זיך און נידערגעשלאָגן. די דאָזיקע שווערע אבדה האָט אין זייַן גרויס, וואַרעם האַרץ געלאָזט אַ שטאַרקן חותם.

אין לעמבערג האָט זיך לייב לאַנדוי נאָכמער פאַרבונדן מיטן ייִדישן טעאַטער. ער איז געוואָרן איינער פון די וואַרעמסטע אונטערשטיצער פון דער לעמבערגער טעאַטער־סטודיע „מאַסקע" און אַ טעטיקער מיטגליד פון דער ניי־געשאַפענער ייִדישער טעאַטער־געזעלשאַפט.

ערב דער צווייטער מלחמה בין איך געווען אין לעמבערג. איך האָב אונטערגעשריבן מיט דער דירעקציע פונעם ניי־אויפגעבויטן ייִדישן טעאַטער, אויף יאַגעלאָנער 11 (אויפן פּלאַץ פונעם געוועזענעם גימפּעל־טעאַטער), אַן אָפּמאַך איבערצונעמען די קינסטלערישע אָנפירונג פונעם דאָזיקן טעאַטער. אין ציינגוטס ייִדישן רעסטאָראַן האָבן מיר „באַטרונקען" דעם קאָנטראַקט. מיר זענען געזעסן צוזאַמען מיט דער דירעקציע: מאַל־ווינאַ יאָלעס־גימפּעל, ד״ר אַדאָלף גימפּעל, דער קונסט־מאָלער פריץ קליינמאַן, דער טעאַטער־פריינט אברהם זיינפעלד, דער אַקטיאָר מאיר מעסטעל און ד״ר לייב לאַנדוי.

איך וועל נישט פאַרגעסן די לעצטע ווערטער פון לאַנדוין:

— קינדערלעך — האָט ער געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — טרינקען קאָן קיינמאָל נישט שאַדן. מען דאַרף נאָר ווי געהעריק אָנשטויסן און טרעפן. אַלזאָ, איך טרינק פאַר דעם, אַז דער קריג זאָל זיך ווי אַמ־שנעלסטן ענדיקן...

די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף אונדז דעמאָלט געמאַכט אַ דערשיי־טערנדיקן איינדרוק. די מלחמה האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן (איך, פונקט ווי אַ סך אַנדערע, האָבן בכלל נישט געגלויבט, אַז די מלחמה וועט אויסברעכן) און דער גרויסער קעמפער פאַר רעכט און יושר טרינקט גאָר פאַר אַ שנעלן סוף פונעם קריג!...

לאַנדוי האָט דעם קריג און דעם שרעקלעכן סוף פון זיין פאָלק פאַרויסגעזען. צי האָט ער אָבער פאַרויסגעזען וואָס אים אַליין דערוואַרט? — ווען די דייטשן זענען אַריין קיין לעמבערג האָט זיך לאַנדוי אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געוואָרן דער אָנפירער פונעם לעמבערגער ייִדישן הילף־קאָמיטעט און מיט זיין גאַנצער נישט־דורכשניטלעכן אָרגאַניזאַציע־כוח באַמיט זיך, ווי ווייט מעגלעך, צו לינדערן די נויט פון זיינע ברידער און שוועסטער. צו זיינע נאָענטסטע האָט ער געזאָגט: מיר זענען פאַרלוירן!...

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז מיר אויסגעקומען צו רעדן צום לעצטן מאָל אין מיין לעבן מיט לייב לאַנדוין. דעם דאָזיקן שמועס האָבן מיר געפירט דורכן טעלעפאָן אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ. איך בין דעמאָלט געווען ביי מיין אַרבעט אין דער ייִדישער סאָציאַלער אַליינהילף אין וואַרשע, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ טעלעפאָן־קלונג. דאָס האָט אָפּגערופן לייב לאַנדוי פון לעמבערג. ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז איך רעד, האָט ער זיך זייער דערפרייט, וואָרום אין לעמבערג זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז איך געפין זיך שוין נישט צווישן די לעבעדיקע. ער האָט אויף אַ פאַרשטעלטן אופן מיך געפרעגט ווי עס זעט אויס די לאַגע ביי אונדז. דאָס איז געווען אין יולי 1942, אין דער צייט ווען עס האָבן זיך ביי אונדז אין געטאָ שוין אָנגעהויבן די „אַקציעס". לאַנדוי האָט מיך אויסגעפרעגט, צי איך ווייס עפּעס וועגן זיין שוואָגער, וואָס האָט זיך געפונען אין וואַרשע, ווי אויך — וועגן דער באַגאַבטער פּויליש־ייִדישער דיכטערין הענריקאַ לאַזאָווערט.ביידע האָבן דאַן שוין נישט געלעבט.

נאָך דעם חורבן אין לעמבערג זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז לייב לאַנדוי האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַן אוקראַינער, וועלכער האָט אים אַליין איבערגעגעבן אין די דייטשע הענט. דאָס כאַראַקטעריסטישע איז דאָס, אַז ווען אין פּוילן האָבן זיך פאַרשאַרפט די פּויליש־אוקראַינישע באַציִאונגען און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאָליטישע פּראָצעסן קעגן די אוקראַינער, האָט לייב לאַנדוי געהערט צו זייערע פלאַמענדיקסטע פאַרטיידיקער. און ווען ער אַליין האָט זיך געפונען אין אַן עת־צרה, האָט זיך נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל אים ראַטעווען פונעם טויט.

וועגן טויט פון לייב לאַנדוי גייען אַרום פאַרשיידענע ווערסיעס. צווישן אַנדערן ווערט דערציילט פאָלגנדיקס: אין אָנהויב 1943 האָט די „געסטאַפּאָ" אין לעמבערג געפאָדערטביים „יודענראַט" אַרויסצוגעבן זיי צוויי אָנגעזעענע לעמבערגער ייִדן: ד"ר לייב לאַנדוי און פרוי ד"ר צעציליאַ קלאַפּטען, — איינע פון די אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע געזעלשאַפטלעכע טוערינס. צוליב זיי איז צום ערשטן מאָל אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן דער ייִדישער פּאָליציי ביים „יודענראַט" און דער „געסטאַפּאָ", ווייל די פּאָליציי האָט זיי נישט געוואָלט אַרויסגעבן. לאַנדוי איז שוין דעמאָלט געווען אויסבאַהאַלטן ביי דעם אוקראַינער, וואָס האָט אים אויסגעגעבן, און צעציליאַ קלאַפּטען האָט די פּאָליציי אַליין אויסבאַהאַלטן אין דער געביידע פונעם „יודענראַט".

צעציליאַ קלאַפּטען איז געווען אַ וועלט־באַרימטע וויסנשאַפטלערין אויפן געביט פון נאַטור־געשיכטע און מאַטעמאַטיק. אין לעמבערג האָט מען זי גערופן „די פרוי אין שוואַרצן". זי איז געווען אַן אַלמנה נאָך אַ באַוווסטן לעמבערגער אינזשיניער, וואָס איז אומגעקומען אין אַ קאַטאַסטראָפע בעת אַ געוויסן עקספּערימענט, וואָס ער האָט דורכגעפירט. נאָכן טויט פון איר הייס־געליבטן מאַן האָט זי שוין מער נישט חתונה געהאַט. זי האָט איר לעבן געווידמעט דער דערציאונג און אויסבילדונג פון ייִדישע יתומות (קיין אייגענע קינדער האָט זי נישט געהאַט). גלייכצייטיק האָט זי ווייטער געפירט איר וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און אַרויסגעגעבן אַ רייע ווערק.

נאָך איר מאַן איז איר פאַרבליבן אַ גרויס פאַרמעגן: אַ פּרעכטיקער בלאָק הייזער מיט גערטנער. דאָרט האָט זי פאַר דער מלחמה איינגעאָרדנט אַ יתומים־הויז פאַר 500 מיידלעך־יתומות. זי האָט אָרגאַניזירט די ערשטע אין פוילן פאַך־מיטלשול, ווו אויסער אַלגעמיינער בילדונג האָט זי אויך געלערנט יעדער איינער אַ פאַך — לויט די אינדיווידועלע פעאיקייטן. אַ דאַנק דעם הויכן ניוואָ פון לערנען און פאַך־אויסבילדונג אין איר אַנשטאַלט האָבן אויך פאַרמעגלעכע ייִדישע עלטערן אהינגעשיקט זייערע טעכטער צו לערנען דאָרט אַ פאַך און זיי אויסבילדן. צעציליאַ קלאַפּטען איז אויך געווען פּראָפעסאָרין אין דער לעמבערגער ייִדישער גימנאַזיע אויף זיגמונטאָווסקע גאַס, ווו זי האָט געלערנט נאַטור־וויסנשאַפט און מאַטעמאַ־

טיק. ווי גרויס איר אָנזען איז געווען אין לעמבערג קען דינען דער פאַקט, אַז אַפילו די לעמבערגער מלוכהשע גימנאַזיעס פלעגן זי תמיד פאַרבעטן ווי אַ מיטגליד פון דער עקזאַמענער־קאָמיסיע. מיט איר מיינונג האָט זיך די פעדאַגאָגישע וועלט זייער שטאַרק גערעכנט.

צעציליאַ קלאַפטען פלעגט אָפט פאָרן קיין אויסלאַנד מיט די האַנט־אַרבעטן פון אירע שילערינס און זיי דאָרט פאַרקויפן. זי איז אויך געווען אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווו די פרוי פונעם דעמאָלסטיקן פּרעזידענט רוזוועלט האָט זי אויפגענומען און אַרויסגעוויזן גרויס פאַראינטערעסירונג מיט די אַרבעטן פון די יידישע יתומות.

בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע איז צעציליאַ קלאַפטען געווען זייער טעטיק אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אינדיווידועלער הילף, הגם איר גאַנץ פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די דייטשן.

נישט געווען קיין אָפּשניט פון אַרבעט, ווו צעציליאַ קלאַפטען זאָל נישט זיין אַקטיוו. מיט די לעצטע געלטער פלעגט זי זיך טיילן מיט די נויטליידנדיקע. זי האָט, פונקט ווי לייב לאַנדוי, אויפגעהאַלטן די מאָראַל אין געטאָ; גערופן צו אויסדויער און פאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, באַצייכנט געוואָרן דורך די דייטשישע מאַכט־האָבער אַלס סאַבאָטאַזש. און ווען די „געשטאַפּאָ" האָט געפאָדערט זי אַרויסצוגעבן, צוזאַמען מיט לייב לאַנדוי, האָט די יידישע פאָליציי זיך גע־שטעלט פאַר אַ ציל צו שיצן די דאָזיקע פאַרדינסטפולע און העלדישע פרוי.

די „געשטאַפּאָ" האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז צעציליאַ קלאַפּטען באַ־האַלט זיך אויס אין דער געביידע פונעם „יודענראַט", וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דער לאָקעטקאַ גאַס. זיי זענען אַהין אַוועק און זי דאָרט געפונען. אויך וועגן איר טויט זענען דאָ פאַרשיידענע ווערסיעס. ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן אַ געראַטעוועטער פונעם לעמבערגער געטאָ, סעווערין צווערלינג, האָבן די דייטשישע רוצחים אַרויסגעשלעפּט די שוין עלטערע פרוי צעציליאַ קלאַפּטען אויף די טרעפּ און זי פון דאָרט אַראָפּ־געשטויסן. זי האָט נאָך באַוויזן אויסצופּאַטשן אַ געשטאַפּאָ־מאַן. מען האָט זי אויפן אָרט דערשאָסן.

לייב לאַנדוין האָבן די דייטשן נישט געפונען, דערפאַר אָבער האָט אַ פאַרשטייער פונעם אוקראַיִנישן פאָלק, וועמעס ברידער לאַנדוי פלעגט

בישט איינמאָל ראַטעווען פון דער תליה, אים איבערגעגעבן אין די דייט־שישע הענט.

ווען די דייטשן האָבן אים אַריינבאַקומען צו זיך, האָבן זיי אים אַוועקגעפירט אויפן מאַרק אין געטאָ, אָנגעטון אים אַ רויט העמד, אויפגענייט פון אַ פאַן און געצוווּנגען אים, אונטער שווערע קלעפּ, צו טאַנצן. דער אָרקעסטער פון דער ייִדישער מיליץ האָט דערביי צוגעשפּילט...

דאָס איז איינע פון די ווערסיעס, וואָס מען האָט מיר איבערגעגעבן וועגן טויט פונעם גרויסן קעמפער פאַר יושר און גערעכטיקייט, וועגן איינעם פון די ווערטפולסטע ייִדן, וואָס דאָס ייִדישע פוילן האָט אַרויסגעגעבן — לייב לאַנדוי.

מ. שניאור

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין וואַרשע באַוויזן אַ מו־זיק־לערער און דיריגענט, וועגן וועלכן קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער שטאַמט, ווער ער איז און ווי אַלט ער איז. פון אים אַליין האָט מען עס אויך נישט געקענט דערגיין.

וואָס עס איז יאָ פעסטגעשטעלט געוואָרן איז דאָס, אַז ער איז געבוירן געוואָרן ערגעץ ווו אין רוסלאַנד; אַז ער האָט געענדיקט די פעטערבור־גער קאָנסערוואַטאָריע און אַז ער איז אַמאָל ערגעץ ווו געווען קאַפּעלמייס־טער פונעם מיליטערישן אָרקעסטער. אין וואַרשע, ווו ער האָט געלעבט איינזאַם און אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, האָט ער פון אָנהויב געגעבן מו־זיק־ און געזאַנג־לעקציעס. זיין שטרעבן איז געווען צו שאַפן אין וואַרשע אַ גרויסן פאָלקס־כאָר, וואָס ער האָט צוביסלעך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן. נאָכן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע פונעם באַוווּסטן וואַרשעווער כאָר־דיריגענט לעאָ ליאָוו, איז שניאור אַרויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך און ער האָט באַוויזן צו גרינדן פונעם געוועזענעם לעאָ ליאָווס כאָר און פון זיין אייגענעם כאָר — אַ גרויסן רעפּרעזענטאַטיוון פאָלקס־כאָר, וואָס איז גע־

וואָרן אַ געשעעניש נישט נאָר אין דער ייִדישער וועלט, נייערט — אין דער גאַנצער מוזיקאַלישער וועלט פֿון וואַרשע. מען האָט שניאורס כאָר פֿאַרגליכן צו די בעסטע אין פּוילן.

דער גרויסער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל האָט בעת זײַן באַזוך אין וואַרשע (אין יאָר 1924) שטאַרק געלויבט שניאורן פֿאַר זײַן מוזיקאַלישקייט און גלענצנדיקן דיריגירן. גראָד האָט דעמאָלט דוד הערמאַן אויפֿגעפֿירט אין וואַרשע משה בראָדערזאָנס ערשטע ייִדישע אָפּערע „דוד און בת שבע" מיט הענעך קאָנס מוזיק. שניאור האָט דיריגירט מיט דער אָפּערע.

זײַן כאָר האָט שניאור דערפֿירט צו דער גרעסטער פּערפֿעקציע. ווען דער כאָר איז נאָך געווען ביים „הזמיר", איידער ער איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער „שניאור־כאָר", האָט ער מיט אים אײַנגעשטודירט בעטהאָווענס „9טע סימפֿאָניע". עס איז אַרויסגעקומען אַ מייסטערהאַפֿטיקע לייסטונג. ער האָט דיריגירט מיטן כאָר און אָרקעסטער. ווען דער באַרימטער דיריגענט פֿון דער וואַרשעווער „פֿילהאַרמאָניע", זדזשיסלאַוו בירנבוים, וואָס איז געווען פֿאַררעכנט פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע דיריגענטן אין אייראָפּע, האָט הערנדיק דעם שניאור־כאָר, אויסגעדריקט זיך מיט די גרעסטע סופּערלאַטיוון וועגן שניאורן אַלס פּעדאַגאָג־דיריגענט.

שניאור איז געווען מוזיקאַליש אין אַלע זײַנע אברים און ס'האָט אים געגרילצט אין די אויערן דער מינדסטער פֿאַלשער טאָן אָדער דיסהאַרמאָניע. זײַן כאָר האָט ער געהאַלטן אין אַן אײַזערנער דיסציפּלין. ער איז געווען שטרענג און קאָמפּראָמיסלאָז ביי דער אַרבעט. בעת די פּראָבן, אין די שטעלן ווען דער אָרקעסטער האָט געדאַרפֿט שפּילן, האָט ער תמיד צוגעזונגען אויפֿן גאַנצן קול. אַגב האָט ער אַמאָל געהאַט אַ גוט־געשולטע שטים. ווען ער האָט זיך אויפֿגערעגט בעת די פּראָבן — ער איז געווען זייער נערוועאָיש — האָט ער זיך צעשריגן אויף די מיטגלידער פֿונעם כאָר:

— זינגט שטילער, איר קענט דאָך סיי ווי סיי נישט זינגען...

אָבער די מיטגלידער פֿונעם כאָר, פֿון וועלכע עס זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ ריי ערשטראַנגיקע זינגער, צווישן זיי זמרה זעליגפֿעלד, דיאַנאַ בלומענפֿעלד, סטערן א"אַ, האָבן עס אים נישט גענומען פֿאַר אומ־

גוט. זיי האָבן אים הויך געשעצט און בלינד געפּאָלגט, וויסנדיק, אַז זייער מייסטער וייס וואָס ער וויל; אַז אים גייט נאָר אין דער גוטסקייט פון דער זאַך, וואָס איז פאַר אים הייליק.

שניאורס ערשטן נאָמען האָט קיינער נישט געוווּסט און ווען מ׳האָט אים אַמאָל געפרעגט ווי ער הייסט, האָט ער, אַן אויפגערעגטער, געענט־פערט: און שניאור איז אייך ווייניק?!...

ער איז געווען אַ גרויסער אָריגינאַל און געהאַט זיינע שוואַכקייטן, וואָס זענען לרוב כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלטע בחורים. קיין ווייב האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט, אָבער אַן אומגליקלעכע גרויסע ליבע האָט ער אי־בערגעלעבט, הגם ער האָט וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט, אַפילו מיט זיינע נאָענטסטע פריינט. דאָס האָט זיך געפילט פון זיין איינשטעלונג און ציניש צוגאַנג צום לעבן. אַ פאַרמאַכטער אין זיך, אַ פאַרכמורעטער, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן מיט זיין כאַראַקטע־ריסטישן קאָפּ לאַנגע, פעך־שוואַרצע האָר און טונקל־ברוינעם פּנים, און שטענדיק — מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר פּרעכטיקע פאַרחלומטע ברוינע אויגן, פון טאַבאַק־קאָליר. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן איטאַ־ליעניש מוזיקער, אָדער אפשר ריכטיקער — פון אַ ציגיינער, סיי מיט זיין אויסזען, סיי מיט זיין גאַנצער לעבנס־מענטאַליטעט.

שניאורס שטענדיקער אַדרעס איז געווען: „טלאָמאַצקע 13“ — דער זיץ־אָרט פון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. דאָרט פלעגט ער זיצן, דאָרט פלעגט ער עסן און טרינקען זיין באַליבט מאכל: וואַסער מיט מילך (באַוואַרקע). דאָרט פלעגט ער קאָמפּאָנירן און צעשרייבן נאָטן ביי דער פּיאַנאָ און דאָרט פלעגט ער אויך שלאָפן. ער פלעגט, אַזוי צו זאָגן, כאַפּן אַ דרעמל, זיצנדיק ביי אַ טישל מיטן פּאַפּיראָס אין מויל. אַ פּאָר אַזעלכע דרעמלעך האָבן אים רעקאָמפּענסירט די שלאָפלאָזע נעכט.

פונקט ווי מען האָט נישט געוווּסט ווי אַלט שניאור איז און פון וואַנען ער שטאַמט, האָט מען אויך נישט געוווּסט וווּ ער וווינט. ביי זיין ריזיקן דערפאָלג און גרויסן נאָמען, איז ער אָפט געווען אָן אַ דירה... ער האָט פּשוט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר איר. דאָס האָט אים געשטערט אָנצונעמען לעקציעס, וואָס וואָלט אים, פיל ווייניק, אַרויסגעהאָלפן פון

דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך אַזוי אָפט געפונען. אַלע באַגעגענישן, אַלע ראַנדעוווס פלעגט ער מאַכן אויף טלאָ־מאַצקע 13. דאָרט פלעגט ער אָפּזיצן ביז שפּעט ביינאַכט, ד״ה ביז מען פלעגט פאַרמאַכן דעם לאָקאַל, ערשט דאַן פלעגט ער אָנהויבן זיינע וואַנ־דערונגען איבער די וואַרשעווער גאַסן און זיך פאַרייניקן מיט די איבערי־קע „נאַכט־וואַנדלער" מ. מ. הורוויטש (אַ יִדישער שרייבער־קאָרעקטאָר), זשאַק לעווי, דעם בונדישן טוער בערנאַרד גאָלדשטיין א״אַ. מען פלעגט זיי טרעפן, אין פאַרשיידענע צייטן, אין גערטנערס באַר, אין „פּיקאַדילי" — און שטענדיק מיטן פּאַפּיראָס אין מויל, ווי ער וואָלט געווען צוגעוואַקסן צו אים. ער האָט נישט געהאַלטן פון דער מאָדע. ער פלעגט שטענדיק טראָגן דעם זעלביקן טונקעלן אָנצוג, מיט די אויסגעבלאַקירטע הויזן, און אים זייער זעלטן בייטן, סיידן — צו אַן אויפטריט פון זיין כאָר. דעמאָלט פלעגט ער אָנטון זיין ווייס אויסגעפּרעסט העמד מיט די האַרטע אָנגעקראָכ־מאַלעטע מאַנקעטן, וואָס פלעגן אים אויפרעגן ביים דיריגירן, און דעם אַלטמאָדישן פראַק. ער פלעגט שטיין ביים דיריגענטן־פּולט, מיטן שטע־קעלע אין האַנט, און זיך פילן מעשה קיניג, וואָס שטייט אויפן טראָן מיטן סצעפּטער אין האַנט.

וועגן שניאורן, וואָס איז געווען אַ גרויסער ראָמאַנטיקער און האָט געפירט אַ סך ליבעס, וועגן וועלכע און מיט וועמען קיינער האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, האָט מען, צווישן אַנדערע, דערציילט אַ פּיקאַנטע מעשה: די דאָזיקע מעשה וועגן שניאורן, וואָס אויסער מוזיק האָט אים גאָרנישט אינטערעסירט און וועלכער האָט קיין אַנדערע טעמעס, בעת זיינע זעלטע־נע געשפּרעכן, נישט געהאַט, האָט אַרויסגערופן ממש אַ סענסאַציע, וואָס איז אויף טלאָמאַצקע 13 ממש אויפגעכאַפּט און פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן ווי די בעסטע, טייערסטע שפּייז.

אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער וואַרשעווער חסידישער משפּחה איז אַראָפּ פון דרך הישר. דאָס מיידל איז געווען שיין, אינטערעסאַנט און אינטעליגענט. זייענדיק אונטערן איינדרוק פון דער גאַנצער געשיכטע, האָט שניאור באַשלאָסן צו ראַטעווען דאָס מיידל פון זינקען; צו ראַטעווען איר נשמה און זי צוריק אַרויפפירן אויפן גלייכן וועג. ער האָט אָפּגעראַ־זירט זיינע כאַראַקטעריסטישע שוואַרצע וואָנסעלעך און אונטערגעשוירן

אַ ביסל זיינע לאַנגע האָר, כדי נושא־חן צו זיין אין אירע שיינע אויגן. מען האָט אים שוין געזען ציכטיק אָנגעטון, מיט אַ ריינעם קראַגן, — וואָס דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גרויסע ענדערונג אין זיין לעבן. ער איז אַוועק צו אירע עלטערן און זיי געזאָגט, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט זייער טאָכטער. די משפּחה פונעם מיידל האָט אים געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם... שניאור האָט עס אָבער געמיינט ערנסט, — ער האָט זי אומעטום פאָרגע־שטעלט פאַר זיין כלה.

דער כלה איז אָבער שנעל צוגעגעסן געוואָרן דאָס „אָרנטלעכע" לעבן און זי האָט פאַרלאָזט איר ראָמאַנטישן חתן און צוריק אַוועק אויף דער גאַס... פון דעמאָלט אָן איז שניאור געוואָרן נאָך מער פאַרמאַכט אין זיך, נאָך מער שווייגנדיק און נאָך מער אָנגעווייטיקט און פאַרביסן. די אויס־רופן, בעת די פּראָבן פונעם כאָר: „זינגט שטילער, איר קענט סיי ווי נישט זינגען" — האָבן זיך געהערט אַלץ אָפטער פון זיין מויל. מען האָט דייטלעך באַמערקט, אַז די לעצטע ליבע־אַנטוישונג האָט אים שטאַרק דערשלאָגן, הגם ער האָט זיך פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט און מיט קיינעם וועגן דעם נישט גערעדט.

ווען די לעצטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן איז מ. שניאור אַנט־לאָפן קיין ביאַליסטאָק. ער האָט דאָרט אָרגאַניזירט אַ גרויסן כאָר און איז געווען שטאַרק אָנגעזען. מיטן עוואַקויִרן ביאַליסטאָק, פאַר דער דייטש־שער אינוואַזיע, איז מ. שניאורס שטערן געפאַלן. ער האָט זיך אַרומגע־וואַלגערט איבער רוסלאַנד, אַן אָפּגעלאָזענער, אַ הונגעריקער מיט אַ מאַ־כאָרקע־פּאַפּיראָס אין מויל.

ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן דער שרייבער ש. י. גאָלדשטיין, איז דער ביז־גאָר באַגאַבטער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר מ. שניאור פאַרוואָגלט געוואָרן קיין סאַראַטאָוו. אין אַ דאָרטיקער „טשייניע" איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן ביי אַ טישל, מיטן פּאַפּיראָס אין מויל. פונעם דאָזיקן דרעמל האָט זיך דער אויסגעהונגערטער, אויסגעליטענער שניאור מער נישט אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך פאַרשפּאָרט ווייטערדיקע ליידן.

בן ציון סיגאל

אין אַ דאָרף אין מזרח־גאַליציע — אָלעיוב האָט עס געהייסן — האָבן, צווישן אַנדערע, געוווינט צוויי חסידישע משפחות. דער ראש פון איין משפחה — סיגאַל — אַ ייִד אַן אָרעמאַן, האָט געהאַנדלט מיט זינער. ער האָט, נעבעך, נישט געקענט צונויפבינדן איין עק מיטן צווייטן.

די צווייטע משפחה — פרייס — איז געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכע. דער ראש פון דער משפחה איז געווען אַ גוט־באַזיצער און איז אָנגעגאַנגען פאַרן באַנקיר פונעם דאָרף. דער דאָזיקער משפחה האָט שוין קיין פרנסה, ברוך השם, נישט געפעלט.

סיי דער אַלטער פרייס, סיי דער אַלטער סיגאַל זענען געווען הוסיאַטינער חסידים — און ביידע זענען זיי געפאָרן צו זייער רבין. דער ערשטער — מיט געלט־מתנות און איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט כבוד; דער צווייטער — מיט אַ שווער, אָנגעווייטיקט האַרץ און ליידיקע הענט און איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן מיט שריים...

סיגאַל האָט געהאַט אַ זון — בן ציון האָט ער געהייסן, — זייער אַן איידעלער בחור, וועלכער האָט פון די פריסטע יאָרן אָן דערפילט דעם שווערן טעם פון דלות, וואָס האָט געהערשט ביי זיין טאַטן אין שטוב. נאָך אַלס יונגער בחור האָט ער געמוזט ווערן אַ דרדקי־מלמד, כדי אַרויסצוהעלפן זיין טאַטן אין פרנסה, ווייל אין שטוב איז ממש נישט געווען וואָס צו עסן.

בן ציון איז געווען אַ שטיל, פֿיינפֿילנדיקער בחור. ער האָט געשטרעבט צו אַן אַנדער לעבן — צו אַ לעבן אין אַ וועלט, וואָס זאָל נישט זיין ענלעך צו דער, אין וועלכער ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

זיין חבר מיכאל פּרייס, דער שיינער זון פֿונעם דאָרף־באַנקיר, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין רחבות און אין פֿרייד, האָט אויך געבענקט נאָך אַן אַנדער לעבן און נאָך אַ וועלט, וואָס זאָל זעטיקן זיינע פֿאַרבאָרגענע פֿאַרלאַנגען.

ביידע חברים: בן ציון און מיכאל, פֿלעגן אין די פֿאַרנאַכט־שעהן דורכמאַכן לאַנגע שפּאַצירן און אונטער די טרעלן פֿון פֿייגל־געזאַנג האָבן זיי געוועבט זייערע צוקונפֿט־פּלענער, מיט וועלכע זיי זאָלן קענען פֿאַר־ווירקלעכן זייער בענקשאַפֿט. די צוויי ראָמאַנטישע יונגע בחורים האָבן געשלאָסן אַ פֿריינטשאַפֿט, וועלכע האָט אָפּגעווישט די גרענעצן פֿון די סאָ־ציאַלע דיפֿערענצן, וואָס האָט אָפּגעטיילט די ביידע משפּחות פֿון זיך.

די שיינע, ראָמאַנטישע יוגנט־חלומות זענען אָבער שנעל איבערגע־ריסן געוואָרן. ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ברוסילאָווס רוסישע אַרמיי איז אַריבער די עסטרייכישע גרענעץ און די ייִדן האָבן אָנ־געהויבן צו אַנטלויפֿן פֿאַר די רוסישע קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו זייערע היימען.

אויך דאָס דאָרף אָלעיוב האָט זיך עוואַקויִרט. ביידע משפּחות: סיגאַל און פּרייס זענען, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע ייִדישע משפּחות פֿון די גאַליציאַנער שטעט און שטעטלעך, אַנטלאָפֿן קיין ווין, פֿילנדיק זיך זיכער נעבן זייער באַליבטן מאָנאַרך קייזער פֿראַנץ יאָזעף.

בן ציון סיגאַלס פֿאָטער האָט מען גענומען צום מיליטער אין דער קייזער־ און קיניגלעכער עסטרייך־אונגאַרישער אַרמיי. קיין געלט אויס־צוקויפֿן זיך פֿון דער אַרמיי האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, נישט געהאַט. האָט ער געהערט צו די, וואָס האָבן געדאַרפֿט באַווייזן „פּאָניען" וואָס די „קירעס" קענען... בן ציון איז געבליבן אַזוי אַרום דער איינציקער פֿאַרזאָרגער פֿון דער משפּחה. ער האָט אָנגעהויבן צו קלויבן שמאַטעס, געאַרבעט אין פֿאַר־שיידענע פֿאַבריקן און געטון אַלץ, כדי נישט צו לאָזן אויסגיין זיין משפּחה פֿון הונגער. נישט געקוקט אויף זיין שווערער אַרבעט, האָט ער נאָך געפֿונען צייט זיך צו לערנען וועלטלעכע לימודים, צו לייענען ביכער און

אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ ייִדיש טעאַטער. דאָ האָט אים עפּעס געגעבן אַ צופּ בײַ דער נשמה. וועגן דעם האָט ער דאָך, נישט אָפּגעבנדיק זיך פֿריִער קיין דין־וחשבון, געבענקט. דאָס איז דאָך געווען די נײַע וועלט, וועלכע ער האָט פֿאַר זיך אויסגעטרוימט.

מיכאל פּרײַס איז אַרײַנגעטראָטן אין אַ ווינער גימנאַזיע; געהאַט אַ מעגלעכקייט נאָרמאַל זיך צו אַנטוויקלען און צו לערנען. אויך ער האָט, באַזוכנדיק דאָס ייִדישע טעאַטער אין ווין, באַשלאָסן, אַז ער מוז ווערן אַ ייִדישער אַקטיאָר.

די בײדע חברים פֿון אָלעיוב, וואָס האָבן אַמאָל צוזאַמען געשטרעבט צו איין ציל, האָבן זיך אין ווין צונויפֿגעטראָפֿן און בײדע זענען זיי טאַקע געוואָרן ייִדישע אַקטיאָרן.

בן ציון סיגאַל האָט אָנגעהויבן אויפֿצוטרעטן אין די ליטעראַרישע פֿאָרשטעלונגען, וועלכע יונה רייזמאַן האָט אַראַנזשירט. גלייכצייטיק האָט ער באַזוכט די דראַמאַטישע קורסן, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפֿירט דער רעזשיסאָר פֿונעם ווינער „שטאָט־טעאַטער" יוליוס האַלע. ער האָט אויך געלערנט אין דער טעאַטער־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בײַ דער געזעלשאַפֿט „פֿרײַע ייִדישע פֿאָלקסבינע". דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן פּראָפֿעסיאָנעל אין דער זעלביקער „פֿרייער ייִדישער פֿאָלקסבינע" און מיטן דאָזיקן טעאַטער געפֿאָרן אויך אויפֿן טורנע איבער רומעניע. ווען די „פֿרײַע ייִדישע פֿאָלקסבינע" איז זיך צעפֿאַלן, האָט סיגאַל געשפּילט אין ייִדישן טעאַטער אויף דער טאַבאָר־שטראַסע, דערנאָך — מיט שטראַמערס טרופּע געמאַכט אַ טורנע איבער טשעכאָסלאָוואַקיי, אונגאַרן און — צוריק קיין ווין.

בן ציון סיגאַל האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע נוצלעכע שויש־פּילער אויף דער ייִדישער בינע. ער האָט געוואַלטיק ליב געהאַט ייִדיש טעאַטער און זיך ערנסט באַצויגן צו זײַן באַרוף. ער איז געווען אַן אינ־טעליגענטער מענטש, זייער באַלעזן און איז אויך געווען גוט באַהאַוונט אין פּאָליטישע ענינים. דערפֿאַר האָט מען אים טאַקע גערופֿן: דער פּאָ־ליטיקער. סיגאַל האָט אָבער געהאַט אַ ליידנשאַפֿט, וואָס האָט אים אַ סך געשטערט אין זײַן טעאַטער־אַנטוויקלונג: אויסער שאַך, וואָס ער האָט גערן געשפּילט, האָט ער אָבער נאָך מער ליב געהאַט קאָרטן. זײַן גאַנצע

פרייע צייט האָט ער געפּטרט אויף קאָרטן־שפּיל, פון וועלכער עס איז אים ממש שווער געווען זיך אָפּצורייסן.

אַלס אַקטיאָר האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין אַ גאַנצער ריי ראָלן. קיין ספּעציעלן אַמפּלואַ האָט ער נישט געהאַט. ער האָט אַלץ געשפּילט. ווען עמעצער פון דער טרופּע איז קראַנק געוואָרן, איז ער גלייך „אַריין" אין דער ראָל און מ'האָט טיילמאָל נישט געקענט דערקענען, צי ער שפּילט עס, צי דער אַנדערער אַקטיאָר, וואָס איז קראַנק געוואָרן. סיגאַל איז געווען אַ ספּעציאַליסט נאָכצומאַכן און קאָפּירן טיפּן. ער האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט ביים קאָפּירן דעם גרויסן יידישן אַקטיאָר יונה רייזמאַן. ער האָט אים קאָפּירט מיט אַלע פּיטשעווקעס — ביז צו די קלענסטע ניואַנסן.

אויב איך רעד שוין וועגן קאָפּירן טיפּן און אַקטיאָרן, מוז איך אויך דערמאָנען אַ צווייטן ווינער אַקטיאָר מלך הערשקאָוויטש, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען דאָרט אַ בינע־אינספּיציענט אין יידישן טעאַטער און אויך געשפּילט כאַראַקטער־ראָלן.

מלך הערשקאָוויטש האָט געשטאַמט פון לאָדזש און נאָך אַלס קינד אָנגעהויבן צו „שפּילן טעאַטער" ביי זיך אינדערהיים, ווען דער פאָטער איז נישט געווען. לרוב פון די פאָרשטעלונגען האָבן זיך געענדיקט מיט פּעטש, ווייל דער פאָטער, אַ פאַרמעגלעכער, באַלעבאַטישער ייִד, האָט געוואָלט „אַרויסשלאָגן" פון זיין זונס קאָפּ דעם „טריאַטער". עס האָט אים אָבער וויניק געהאָלפן. ער איז, בסוד פון זיין פאָטער, אַרויסגעפאָרן מיט אַמאַטאָרן און געשפּילט איבער דער לאָדזשער פּראָווינץ.

ווען די ערשטע מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז הערשקאָוויטש מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי און אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. ער איז אַריינגעפאַלן אין דער אונגאַרישער געפאַנגענשאַפט, ווו ער האָט אויך אַראַנזשירט יידישע פאָרשטעלונגען. אין דער געפאַנגענשאַפט האָט ער זיך אויסגעלערנט די אונגאַרישע שפּראַך און אָנגעהויבן צו שפּילן אין אונגאַרישן טעאַטער. דערנאָך איז ער געקומען קיין ווין, ווו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער תושב און געשפּילט דאָרט יידיש טעאַטער. ער איז אויך געווען אין דער „פרייער יידישער פאָלקסבינע" און געשפּילט אין רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיי און — ווידער אין ווין — אין

„רעקלאַם־טעאַטער" אויף דער פּראַטער־שטראַסע. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ רייע פּיעסן, וועלכע מען האָט אויפגעפירט אין ווין.

להיפּוך צו בן ציון סיגאַל, איז מלך הערשקאָוויטש געווען הויך און פעסט־געבויט און זייער קאָרפּולענט. פּונקט ווי זיין קאָלעגע סיגאַל, האָט הערשקאָוויטש שטאַרק ליב געהאַט טעאַטער. ער איז געווען זייער אַרבעט־זאַם. אויך ער איז געווען אַ גוטער קאָפּירער פון טיפּן. ער האָט צווישן אַנדערע גלענצנדיק קאָפּירט באַראַטאָוון און מאָריס שוואַרצן. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען זעט פאַר זיך די מענטשן, וועלכע ער קאָפּירט.

ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין ווין צוליב די אָפּטע בענעפיסן, וועלכע ער פלעגט פאַר זיך אַראַנזשירן און גיין פון הויז צו הויז מיט בילעטן צום פאַרקויפן, ווי אויך — פון זיינע „ספּיטשעס", חצי דייטש — חצי יידיש, וועלכע ער פלעגט האַלטן פאַרן עולם און פאַרגיסן דערביי בי־טערע טרערן, אַז די קאָנקורענץ מסרט אים כסדר און לאָזט אים נישט לעבן... די אָריגינעלע „ספּיטשעס" פלעגט ער אָנהויבן בזה הלשון: „זייער געערטע דאַמען און הערן און אינסבעזאָנדערע מיין קונסט־פריינט..." דאָ האָט ער אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ דיפּלאָמירטן אינטעליגענט, וועלכן ער האָט געזען אין טעאַטער־זאַל. צו דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אַנדערע פאַרשטייער פון פרייע פּראָפעסיעס, האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלע שוואַכ־קייט. ער האָט שטאָלצירט פון דער באַקאַנטשאַפט מיט זיי.

הערשקאָוויטש איז געווען אַ פּאָלקסמענטש און האָט פאַרמאָגט אַ סך חן. ער אַליין האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין „גרויסן, נישט אָנערקענטן טאַלאַנט", וועלכע די „קאָנקורענץ" וויל — ווי ער האָט זיך אויסגע־דריקט — באַגראָבן... ער פלעגט פון צייט צו צייט אַליין אָרגאַניזירן טרו־פּעס און אַרויספאָרן מיט זיי, אַלס גאַסטראָליאָר, קיין טשעכאָסלאָוואַקיי, שפּילנדיק דאָרט באַראַטאָווס רעפּערטואַר, שפּעטער — שוואַרצס רעפּער־טואַר.

ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט ווין און אָנגעהויבן דאָרט איינצופירן זייער „נייע וועלט־אָרדענונג", איז מלך הערשקאָוויטש פאַרשיקט געוואָרן דורך זיי קיין אָשוויענטשים.

די גערעטעוועטע פונעם דאָזיקן שרעקלעכן טויטן־לאַגער גיבן איבער וועגן הערשקאָוויטשן, אַז ער האָט זיך דאָרט זייער מוטיק געהאַלטן. ער האָט געזונגען און פאַרגעשטעלט פאַר די צום־טויט־פאַרמשפטע ייִדן און זיי געשטאַרקט אין די לעצטע שעהן. ער איז אין אָשוויענטשים געווען זייער באַליבט. דאָרט האָבן אָבער זיינע „ספּיטשעס״ שוין נישט געווירקט. מלך הערשקאָוויטש איז קורץ פאַרן פאַרענדיקן דעם קריג פאַרברענט געוואָרן.

בן ציון סיגאַל האָט צוזאַמען געשפּילט יאָרנלאַנג מיט זיין קאָלעגע הערשקאָוויטש אין עסטרייך און אין אַנדערע לענדער. סיגאַלס פרוי, רחל וויסבערג, איז אויך געווען אַ ייִדישע שוישפּילערין. נאָך זייער חתונה האָבן זיי געשפּילט צוזאַמען מיט שלום פּאָדזאַמטשע (ווען עס איז, נאָך דער באַזעצונג פון ווין דורך די נאַציס, געלונגען צו אַנטלויפן קיין אַמע־ריקע, ווו ער האָט געהאַט אַ טאַכטער. דאָרט איז ער אין אַ צייט אַרום געשטאָרבן), דאָראַ דרייבלאַט (וועלכע איז געשטאָרבן פון אַ קאַנסער), וויסמאַן — אומגעקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, מוניאַ שטרענג (געשטאָרבן), משפחה ווינבערג, משפחה זיגלער, דאַליע נאַכבאַר (אומגע־קומען), י. וואַלדמאַן (געשטאָרבן אין רוסלאַנד) א״אַ.

ווען די נאַציס האָבן איבערגענומען די הערשאַפט אין ווין, איז בן ציון סיגאַל, צוזאַמען מיט זיין פרוי רחל וויסבערג און זייערע צוויי קינדער, אַנטלאָפן קיין טשעכאָסלאָוואַקיי. פון דאָרט זענען זיי דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן (לעמבערג), פון וואַנען זיי האָבן געמאַכט זייער לעצטן טורנע — אין די גאַז־קאַמערן פון בעלזשעץ.

ווען די צוויי חברים פון אַלעיוב: בן ציון סיגאַל און מיכאל פּרייס, וואָס האָט זיך, צום גליק, געראַטעוועט, האָבן בעת זייערע לאַנגע שפּאַצירן אונטערן שיינעם הימל פון אַלעיוב, געחלומט וועגן אַ נייער, בעסערער וועלט, האָבן זיי זיכער זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיי וועלן זיין עדות און דורכמאַכן אַ וועלט, פול מיט רשעות און אויסראָטונג.

משה און פעלא גארבאזש

ער — אַ הויכער און אַ מאָגערער. שוואַרצע אויגן, באַדעקט מיט ברילן אין אַ שוואַרצער ראַם. אַ קאָפּ מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, אויף וועלכן ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן ברייטן הוט. אַן אָנצוג — אויך געטראָגן תמיד אַ שוואַרצן, סיי זומער, סיי ווינטער, מיט אַ ברייטער ליטעראַרישער שוואַרצער בינדע.

זי — אַ נידעריקע בלאָנדע פרוי מיט שיינע בלאָע אויגן. אַ צאַרט אײדל פּנים, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוטער, שטילער פרוי. ווי נאָר אָבער זי האָט געעפנט דאָס מויל צו רעדן, איז גלייך צערונען געווארן דער איינדרוק, וועלכן זי האָט געמאַכט פון ערשטן אויגנבליק. זי האָט געהאַט אַ הייזעריקע כאַראַקטעריסטישע שטים און דערביי איז זי געווען אַ פאַרביסענע.

ער — אַ ראָמאַנטישע נאַטור. שטענדיק געווען טרוימעריש פאַרליבט. יעדעס מאָל, ביים דערשיינען פון אַ ניי פּנים פון אַ נייער שוישפּילערין אין טרופּע, האָט עס ביי אים אַרויסגערופן פלאַמענדיקע געפילן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געפונען קיין קעגנזייטיקייט.

זי — אַגב, זייער אַ קלוגע פרוי — איז שטענדיק געווען אייפערזיכטיק צוליב זיינע „ליבעס", הגם זי איז קיינמאָל נישט געווען זיכער צי זיין ליבע האָט געפונען קעגנזייטיקייט ביים געגעבענעם אָביעקט.

ער און זי — דאָס פּאָרל משה און פעלאַ גאַרבאַזש — זענען שטענדיק אַרומגעגאַנגען געאָרעמט און האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרליבט פּאָרל, כאָטש זיי האָבן זיך שטענדיק געקריגט. אַזוי האָבן זיי צווישן זיך גערעדט יידיש, נאָר ביים קריגן זיך — רומעניש. פאַרוואָס עפּעס רומע-

נישׁ? — זיי האָבן אַ פּאָר יאָר געלעבט אין רומעניע, ווו זיי האָבן, ווי זיי האָבן איבערגעגעבן, געשפּילט ייִדיש טעאַטער. געשטאַמט האָבן ביידע פון וואַרשע. ער — פון אַן אַנגעזעענער רביישער משפּחה (דער טאַטע זיינער איז געווען אַ ווינקל־רב). אויך משה גאַרבאַרזש האָט געזאָלט ווערן אַ רב, אָבער אים האָט געצויגן צום טעאַטער און לסוף — אַנטלאָפן פון דערהיים. אין זיינע וואַנדערונגען איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן קיין רומעניע.

איין גרויסע ליבע האָט זיי ביידן פאַרייניקט: דאָס איז געווען די ליבע צו זייער איינציק קינד — אַ ייִנגעלע. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן זייער אַ שיינס און די עלטערן זענען געווען איבערגליקלעך. ליידער האָבן זיי זיך אין אַ צייט אַרום געכאַפּט, אַז דאָס קינד וואַקסט אַ קריפּל, און וואָס ווייטער — איז געוואָרן אַלץ ערגער: ס'האָט נישט געקענט רעדן און נישט געקענט גיין. וויפל זיי האָבן זיך נישט באַמיט דאָס קינד צו ראַטעווען, האָט קיין שום דאָקטער נישט געקענט העלפן. צו צוועלף יאָר איז דאָס קינד געשטאָרבן אַלס קריפּל. יעדן טאָג פלעגט פעלאַ גאַרבאַרזש גיין אויפן בית־עולם צום קבר פון איר פאַרשטאָרבן קינד און אויסוויינען דאָרט איר ביטער האַרץ.

משה גאַרבאַרזש האָט געהאַט גרויסע טעאַטער־אַמביציעס, סיי אַלס טעאַטער־דירעקטאָר, סיי אַלס רעזשיסאָר, וואָס עס איז אים געלונגען דורכצופירן נאָר אין די קלענסטע שטעטלעך אויף דער פּראָווינץ, מיט די וואַנדער־טרופּעס, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט. זיין רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון פּיעסן, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע און זענען דאָרט געווען גרויסע „שלאַגערס״, ווי, למשל, „מאָטקע גנב״, „דיבוק״, „גיבור אין קייטן״, „גנבים״ א״אַ. פאַרשטייט זיך, אַז אין די אַלע פּיעסן, וועלכע ער האָט רעזשיסירט, האָט ער און זיין פרוי געשפּילט אַלע הויפּט־ראָלן — אַלץ איינס צי זיי זענען געווען צוגעפּאַסט פאַר די ראָלן צי נישט.

פעלאַ גאַרבאַרזש, וואָס איז געווען אַ גלענצנדיקע כאַראַקטער־שוישפּילערין און האָט געקענט זיין מער ווי גוט אין יעדער איינער ראָל פון „מאָטקע גנב״, אויסער די הויפּט־העלדין (מערי, די דראַמן־גייערין), צו וועלכער זי איז נישט געווען צוגעפּאַסט סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך. האָט זי אָבער דווקא אויסגעקליבן די דאָזיקע ראָל צו שפּילן.

משה גאַרבאַרזש, ווידער, וואָס האָט געשפּילט „מאָטקע גנב״, האָט גע־

קענט זיין גאַנץ גוט אין „פריץ", אָדער אין „קאַטאַרינאַזש", האָט דווקא געוואָלט שפּילן „מאַטקען", ווייל ס'איז געווען די הויפּט־ראָל...

כאַראַקטעריסטיש ביי אים איז געווען דאָס וואָס ער האָט געשטאַמלט ביים רעדן. דאָס טראַגיקאָמישע ביי דעם אַלעם איז געווען זיין סלאָגאַן: „דדדדי הויפּפּפּט זאַך בבבביי אַן אַקקקקטיאָר איז דדדי דדדדיקקקקציע"...

דאָס פּובליקום פון די קליינע שטעט און שטעטלעך, וואָס איז געווען דאַנקבאַר די גאַרבאַזשס פאַר אַראָפּברענגען צו זיי די וואַרשעווער שלאַ־גער־פּיעסעס, האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די הויפּט־אַקטיאָרן, ווייל אַן אַנסאַמבל האָט גאַרבאַזש תמיד צוזאַמענגעשטעלט פון פּעאיקע, יונגע, אינטעליגענטע כוחות. זיין קאַפּיטל: יידיש טעאַטער אויף דער פּוילישער פּראָווינץ האָט אַלזאָ געהאַט געוויסע פּאָזיטיווע זייטן.

משה גאַרבאַזש אַלס פאַר־זיצער פון טריבונאַל אין „דאַנטאָנס טויט"

(צייכענונג פון פ. פרידמאַן)

ביידע גאַרבאַזשס האָבן געליטן פון אַ מינ־דערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, ווייל אַלע יאָרן האָבן זיי געשטרעבט צו שפּילן אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע און קיינער האָט זיי נישט געוואָלט אַנגאַזשירן. מיט דעם דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס זיי האָבן אין זייערע אייגענע פּראָווינץ־טרופּעס געשפּילט אַלע הויפּט־ראָלן.

ערשט ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען משה ליפּמאַן האָט אָרגאַניזירט אַ טרופּע אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער און אַנגאַזשירט צו זיך פּעלאַ גאַר־באַזש און איר געגעבן פּאַסיקע ראָלן, האָבן אַלע (סיי די פּרעסע, סיי דער עולם) זיך איבערגעצייגט, וואָס פאַראַ גלענצנדיקע כאַראַקטער־שוישפּילע־רין זי איז. פון דעמאָלט אָן איז שוין פּעלאַ גאַרבאַזש נישט געווען בלויז אַ פּראָווינצער שוישפּילערין, נאָר אויך — פון דער הויפּטשטאָט וואַרשע.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אויך משה גאַרבאַזש אַנגאַזשירט געוואָרן פון צייט צו צייט אין די וואַרשעווער טעאַטערס, ווו ער האָט, פאַרשטייט זיך, קיין הויפּט־ראָלן נישט געשפּילט.

דאָס דאָזיקע טעאַטער־פּאָרל איז געווען שטאַרק פּאַרביסן און אָנגעווייטיקט, הויפּטזעכלעך — נאָכן טויט פון זייער איינציק, הייסגעליבט קינד. צו מענטשן, מיט וועלכע זיי זענען געווען באַפריינדעט, האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ סך האַרץ. זיי זענען געווען גאַסטפריינטלעך און באמת גליקלעך, ווען מען האָט זיי באַזוכט.

משה גאַרבאַזש האָט אָנגעשריבן אַ ריי טעאַטער־שטיק, געבויט אויפן יידישן שטייגער־לעבן. ווי ער האָט דערציילט, האָט מען אייניקע פון זיינע פּיעסן אויפגעפירט אין רומעניע. אין פּוילן האָט ער זיי געשפּילט נאָר אונטער זיין דירעקציע אויף דער פּראָווינץ. ער האָט אַ צייט לאַנג מיטגעאַרבעט מיט פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן. די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט משה גאַרבאַזש אָנגעפירט מיטן וואַרשעווער דראַמקרייז „קאָמעטאַ", ווו ער איז געווען זייער שעפעריש.

פעלאַ גאַרבאַזש אַלס מיידל פון מאַרק אין גאָלדפאַדנס „כשוף־מאַכערין"

(צייכענונג פון פ. פרידמאַן)

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן די גאַרבאַזשס נישט געשפּילט קיין טעאַטער. ער האָט געאַרבעט ביי זיין ברודער אין וואַרשטאַט.

דאָס איינפירן און דאָס פאַרמאַכן ס׳געטאָ און צונויפשמעלצן אַ האַלבן מיליאָן יידן, סיי פון וואַרשע, סיי פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, אויף אַן ענגן שטח, האָט דערפירט צו אַ גרעסערער נויט און הונגער און עס האָבן זיך אָנגעהויבן מערן קראַנקייטן און עפּידעמיעס פון טיפוס, דעזינטעריע און ממילא —אויך טויט־פאַלן.

די וואָס האָבן דאָס אַלץ דורכגעלעבט, קענען באמת פאַררעכנט ווערן פאַר מענטשן מיט שטאָלענע נערוון, וואָרום מען האָט געדאַרפט זיין פון שטאָל און אייזן דורכצוגיין דעם גאַנצן גיהנום.

פעלאַ גאַרבאַזש האָט, משמעות, נישט געהאַט קיין שטאָלענע נערוון

און איז נישט געווען פון אייזן, זי זאָל קענען אַריבערטראָגן דעם גיהנום, וואָס האָט זיך גערופן: וואַרשעווער געטאָ. זי האָט זיך נערוועאיש איינגעבראָכן און משה גאַרבאַזש האָט זי אויף אַ מינוט נישט געקענט איבערלאָזן אַליין.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין געטאָ, זענען די צוויי מענטשן אַרומגעלאָפן ווי די מײַז פון איין לאָך צום צווייטן, זוכנדיק שוץ. עס איז פּשוט געווען צו שטוינען ווי אַזוי דאָס פּאָרל האָט זיך באַוויזן אַרויסצודרייען פון אַלע געפאַרן. זיי פלעגן זייער אָפט צו אונדז קומען אויף דער מילנע גאַס און מיר האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט ברויט און מאַרמעלאַד — דאָס, וואָס מיר אַליין האָבן געגעסן. זייער „היים" האָט זיך געפונען אונטער די חורבות פון די איינגעפאַלענע הײַזער — אַגב, דאָס איינציקע זיכערע אָרט אין יענע צײַטן. אין דער לעצטער „אַקציע", קורץ פאַרן אויפשטאַנד, זענען די גאַרבאַזשס, פאַרשווונדן געוואָרן. אויף אייביק.

די דאָזיקע צוויי שוישפּילערס, מיט גרויסע אַמביציעס און נישט־געזעטיקטע פאַרלאַנגען, האָבן געפירט אַ שווער, געמאַטערט לעבן. ווייניק פרייד איז זיי באַשערט געווען אין זייער אַרטיסטישער קאַריערע, און נאָך ווייניקער — אין זייער פּריוואַט־לעבן, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן.

נחום שטערנהיים

דער דיכטער בעריש ווײַנשטײַן, וואָס שטאַמט פון ריישע (מזרח־גאַליציע), באַזינגט אין זיין בוך „לידער און פּאָעמען" זיין היימשטאָט, וואָס האָט געשמט מיט אירע גאונים און מיט די ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר; מיט דער אינטעליגענץ און די קרעמער; מיט די פּאַרטייען, פאַריינען און ביבליאָטעקן און מיט די אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

פון די ריישער ייִדן, וואָס האָבן געבויט און געשאַפן אַ פולסירנדיק ייִדיש לעבן, איז כמעט קיין זכר נישטאָ. דאָס לעבן פון די ריישער ייִדן, פּונקט ווי די ייִדן פון אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען באַטראָטן געוואָרן פון די דייטשישע שטיוול, איז פאַר דער צייט פאַרשניטן געוואָרן.

צווישן די קדושים פון ריישע האָט פאַרנומען אַ באַזונדער, אייגנאַרטיק און אָנגעזעען אָרט אַ פשוטער פאָלקס־מענטש מיטן נאָמען נחום שטערנהיים. דער דאָזיקער שטערנהיים — דער טרובאַדור פון ריישע — איז געווען דער באַזינגער פון די ליידנדיקע נשמות, — פון די שרהלעך און שלמהלעך, וואָס האָבן אין זייער לעבן נישט געפונען קיין תקון; וואָס זענען אויסגעאַנגען אין בענקשאַפט נאָך זייערע באַשערטע, פון וועלכע דער גורל האָט זיי פונאַנדערגעטיילט.

נחום שטערנהיים, דער צאַרטער, איידעלער און פיינפילנדיקער מענטש, האָט אַליין אויך געהערט צו די בענקנדיקע און ליידנדיקע נשמות און דעריבער האָט ער אַמבעסטן געקענט איבערגעבן די נשמה־געראַנגלען פון די שלמהלעך און נחומלעך.

נחום שטערנהיים האָט געשטאַמט פון אַ רעליגיעזער ריישער משפחה. דער פאָטער זיינער איז געווען אַן אָנגעזעענער אייער־סוחר, וועלכער האָט

געשטרעבט צו מאַכן פֿון זיין נחומל אויב נישט קיין רב, איז לכל הפּחות — אַ וויל־לערנער. ער האָט אים אַוועקגעגעבן אין דער ישיבה. אין זיינע יינגלישע יאָרן האָט זיך נחום שטערנהיים אָנגעזאַפּט מיט ציוניזם און שטילערהייט זיך אָנגעשלאָסן אין די ערשטע ציוניסטישע יוגנט־גרופּעס אין ריישע.

ווען דער פֿאָטער האָט זיך דערפֿון דערוווּסט, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זיין נחומל וועט שוין קיין רב נישט זיין... — זאָל ער כאָטש זיין אַ מענטש — האָט ער געטענהט, ווען ער האָט נחומען אַוועקגעגעבן ווי אַ משרת אין אַ דאָרטיקן שניט־געשעפֿט. אָבער נחומס געדאַנקען זענען גע־ווען געווענדט אין גאָר אַן אַנדערער ריכטונג, און ווייניק, וואָס ער האָט גאַנצע טעג אונטערגעזונגען עפּעס משונהדיקע לידער, האָט ער אויך די איבעריקע משרתים פֿאַרדרייט די קעפּ מיט זיינע שטותערייען. האָט אים דער באַלעבאָס פֿון שניט־קראָם משלח געווען, מיט די ווערטער: דו דאַרפֿסט ווערן אַ פּורים־שפּילער, נישט קיין מענטש...

נחום שטערנהיים האָט זיך דערפֿילט ווי אַ פֿרייער פֿויגל, וועלכן מען האָט אַרויסגעלאָזט פֿון שטייג. דער טאַטע זיינער פֿלעגט אים אָפּט מיט־נעמען צום רבין אין הויף אַריין, אפשר וועט דאָס אים משפּיע זיין — האָט ער זיך געטראַכט. און נחום איז גערן געגאַנגען צום רבין און שפּע־טער אין די „הויפֿן" פֿון אַנדערע רביים, ווו ער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיטן שטייגער־לעבן און אויפֿגעכאַפּט די ניגונים, וועלכע מען האָט דאָרט געזונגען.

דער גוטמוטיקער, תמיד־צעשמייכלטער נחום שטערנהיים האָט געהאַט אַ גרויסן חוש פֿאַר הומאָר. ער פֿלעגט שנעל אויפֿכאַפּן און גוט איבערגעבן אַ וויץ, — און ווער שמועסט נאָך, אַז זיינע צוהערער האָבן אויף דעם ווי געהעריק רעאַגירט, איז זיין גליק געווען אין לשער. ער האָט געהאַט אַ רייכע פֿאַנטאַזיע און פֿלעגט שיין דערציילן אַ מעשה. ווען אַפֿילו די אַלע מעשות זענען באַצירט מיט זיין רייכער פֿאַנטאַזיע, איז אויך כדאַי איבערצוגעבן איינע פֿון זיינע פֿילע מעשות, וואָס ער פֿלעגט דערציילן.

ווען שלום עליכם איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין גאַליציע, האָט נחום שטערנהיים — אַ טעטיקער מיטגליד פֿונעם קלוב פֿון דער ציוניס־טישער יוגנט — באַשלאָסן אויך אַראָפּצובריענגען דעם גרויסן שרייבער

קיין ריישע. זיי האָבן — האָט נחום שטערנהיים דערציילט — גוט אָרגאַ־ניזירט דעם אָוונט, וועלכער האָט געזאָלט פאָרקומען אין אַ זונטיקדיקן טאָג. שלום עליכם איז אָבער געקומען קיין ריישע מיט אַ טאָג פריִער, ד״ה, שבת פאַרטאָג. ווען נחום האָט דערזען פאַר זיך דעם גרויסן גאַסט, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן...

— וואָס האָט איר געטון, פּאַניע שלום עליכם — האָט שטערנהיים אויסגערופן אַ פאַרצווייפלטער — איר זענט געקומען צו פאָרן אין אַזאַ פרומע שטאָט, ווי ריישע, אום שבת?! מען וועט דאָך מיך מיט אייך צוזאַ־מען פאַרשטיינען...

ווי שטערנהיים האָט ווייטער דערציילט, האָט ער געמוזט אויסבאַהאַלטן שלום עליכמען דעם גאַנצן שבת, כדי זיין פרומער טאַטע זאָל אים נישט באַמערקן. אַז נחום איז דעם טאָג נישט געוואָרן אינגאַנצן גראָ, איז עס, מסתמא, נאָר אין זיין טאַטנס זכות...

ווי נאָר עס איז פינצטער געוואָרן, האָט נחום שטערנהיים אַוועקגע־פירט שלום עליכמען אין דאָרף סטראַזשווו, ווו ער האָט איבערגענעכטיקט. ווען שלום עליכם איז צומאָרגנס אָנגעקומען מיט דער באַן קיין ריישע, האָט ער דאָרט געקריגן אַ קיניגלעכע אויפנאַמע. נחום שטערנהיים האָט — ווי ער אַליין האָט איבערגעגעבן — אויפגעשטעלט פאַר שלום עליכמען אַ טריאומף־טויער מיט אַ ריזיקן טראַנספּאַרענט, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלן „שלום עליכם!”. ביי דער באַן האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע שטאָט. אויסער דער ריישער יוגנט, זענען אויך געקומען פרומע ייִדן, מיט לאַנגע בערד. ווען זיי האָבן דערזען דעם „דייטש” שלום עליכם אַ געגאָלטן, מיט אַ קליין בערדל און לאַנגע האָר, מיט אַ ברייטן, שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ און מיט נאָך אַ ברייטערע פּעלערינע אויף די אַקסלען, זענען די פרומע ייִדן געבליבן שטיין אַנטוישט און פאַרשעמט, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אַריינגנאַרן פון דעם „ליץ” נחום שטערנהיים און זיי זענען געקומען צו דער באַן...

אין אָוונט, צו שלום עליכמס פאָרלעזונג, זענען זיי שוין נישט געקו־מען. אין זאַל איז געווען בלויז די יוגנט. נחום שטערנהיים איז געווען פאַרזיצער פונעם שלום עליכם־אָוונט און ער האָט ממש געשיינט פאַר גליק.

נחומס משפּחה האָט געמיינט, אַז נאָך דער חתונה (ער האָט גענומען אַ פיין מיידל פון אַ לייטישער, אָנגעזעענער ריישער משפּחה — העניג), ער וועט האָבן קינדער, וועט ער זיך אַרויסשלאָגן די אַלע שטותים פון קאָפּ. — ער האָט טאַקע זייער ליב געהאַט זיין פרוי און זיינע צוויי קינ־דער, אָבער אַז זיין נשמה פלעגט שוועבן אין די הויכע עולמות, האָט דאָך זיין ווייב דאָס געמוזט פאַרשטיין און אים נישט שטופּן צו מעשים, צו וועלכע ער איז נישט באַרופן געוואָרן...

זיין פרוי האָט עס פאַרשטאַנען און זי האָט שווער און ביטער געהאָ־רעוועט, כדי צו דערנערן איר הויזגעזינט. נחום שטערנהיים פלעגט גאַנצע טעג אַרומגיין איבער די ריישער גאַסן, תמיד מיט אַ לידל אויף די ליפּן. עס פלעגט אים נישט אינטערעסירן וואָס מענטשן קוקן אויף אים ווי אויף אַ שטאָט־משוגענעם, אַ לץ. ער האָט געזונגען שטילערהייט די לידער, צופּנדיק דערביי די האָר פונעם פּנים. ווען מען האָט אים אָנגעקוקט און געזען זיין צופרידענעם, גוטמוטיקן שמייכל אויפן פּנים, האָט מען גע־קענט מיינען ווי גליקלעך דער דאָזיקער מענטש איז... דערביי האָט אָבער דער דלות געפּייפט ביי אים אין שטוב, נישט געקוקט אויף זיין פרויס גרויסע אָנשטרענגונגען. אין שטוב ביי זיי איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטיקל ברויט צו דער זאַט. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט פאַרקלאָגט.

און זיינע לידער? — ווען מען איז געקומען קויפן ביי אים אַ ליד און געפרעגט דעם פּרייז דערפאַר, פלעגט ער ענטפערן, אַז דער בעסטער פּרייז פאַרן ליד וועט זיין ווען מען וועט אים אויסהערן און אַנדער ליד... און טאַקע באַלד אויפן אָרט האָט ער אָפּגעזונגען זיין נייעסטע שאַפונג.

נחום שטערנהיים פלעגט נישט נאָר שאַפן די לידער, נאָר — אַליין זיי אויספירן. דאָס האָט אים פאַרשאַפט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן, וואָס מען קען זיך גאָר פאָרשטעלן. ער פלעגט אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעט־לעך און אָרגאַניזירן זיינע לידער־אָוונטן. ער פלעגט אָבער נישט האָבן קיין געפיל פאַר געלט. וויפל מען פלעגט אים געבן, פלעגט ער נעמען, — אויב מען פלעגט אים בכלל געבן. און וויפל ער פלעגט נעמען, פלעגט אַלץ זיין צו ווייניק. איידער ער איז צוריקגעקומען אַהיים, איז שוין געווען אויס געלט.

נחום שטערנהיים איז, ווי געזאָגט, געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אין די חסידישע הייף: צום ראָזוואַדאָווער רבין, צום רבין ר׳ מנשהלע, אין בלאַזשאָווער קלויז, און בכלל — אַן אָנגעלעגטער און אָנגעזעענער גאַסט אין אַלע רבײַשע שטובן. מען האָט אים דאָרט זייער ליב געהאַט, וואָרום ער האָט תמיד מיט זיי מיטגעזונגען און געשאַפן פאַר זיי ניגונים. אַן אָפּטער גאַסט איז ער אויך געווען אין בעלזער הויף, וווּהין ער פלעגט פאָרן און שטיין דאָרט אַ לענגערע צייט.

שטערנהיימס פּאָפּולער ליד „שרהלע״ איז געבויט אויפן לעבן פונעם ראָזוואַדאָווער רבינס זון שלמהלע, זיין ליד „מלכהלע״ האָט ער געשאַפן אין צייט ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און מאַסן עמיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן אַריינצושטראָמען קיין גאַליציע. צווישן די אָנגעקומענע עמיגראַנטן קיין ריישע איז געווען אַ בילד־שיין מיידל מיטן נאָמען מלכהלע, וואָס, אויסער שיינקייט, האָט זי באַזעסן אַ שלל מיט חן. די דאָזיקע מלכהלע האָט געמאַכט אויף אים אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון איר פּערזענלעכקייט און אָנגעשריבן דאָס ליד, וואָס טראָגט איר נאָמען.

אָבער נישט נאָר ראָמאַנטישע און ליבע־לידער האָט נחום שטערנהיים געשריבן. ער האָט אויך געשאַפן אַ גאַנץ ריי מלחמה־לידער, צייט־לידער און סאַטירישע לידער. ווען ס׳איז אַרויס די מאָדע אויף באָקס־ספּאָרט און די גאַנצע יוגנט האָט זיך אַריינגעצויגן אינעם דאָזיקן ספּאָרט, האָט שטערנהיים געשאַפן אַ בייסיקע סאַטירע, אָפּגעחוזקט פון דער יוגנט, וואָס האָט אויסגעביטן די קולטור פון גייסט אויף פיזישער — קולטור פון דער פויסט. די דאָזיקע טעמע האָט אים געדינט פאַר זיין ליד „אַ באָקס־מעטש״ וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין גאַליציע.

זיינע לידער, וואָס אַ סך פון זיי זענען אַריין טיף אין פאָלק און אַזוי אַרום געוואָרן פאָלקס־לידער, ווערן נאָך ביזן היינטיקן טאָג געזונגען איבער דער גאָרער וועלט. אויסער דעם פּרעכטיקן ליד „שרהלע״, וואָס דיאַנאַ בלומענפעלד האָט פּאָפּולאַריזירט איבער דער וועלט, איז אויך זייער באַקאַנט זיין „שבת נאָכן קוגל״, וואָס דער אומגעקומענער פאָלקס־זינגער יאָסעלע קאָלאָדני האָט אַזוי פּאָפּולער געמאַכט. צו די פּאָפּולערע לידער פון שטערנהיימען געהערן אויך „האָב איך מיר אַ ניגונדל״, וואָס איז באַ־

אַרבעט געוואָרן פון שלמה פּריזאַמענט, „דאָס בוימעלע״, צו וועלכן עס האָט געשריבן מוזיק דער חזן ברי. אויך צו שטערנהיימס פּאָפּולער־גע־וואָרן מלחמה־ליד „פּרייטיק אויף דער נאַכט״ האָט דער חזן ברי, וואָס שטאַמט פון ריישע, געשריבן די מוזיק.

צו שטערנהיימס שאַפונגען געהערן אויך אַ סך קינדער־לידער, צווישן זיי: „אין ציון אונטער די גרינע ביימעלעך״, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין די שולן. אייניקע פון זיינע לידער האָט ער אָפּגעדרוקט און זיי פאַר־קויפט אויף זיינע קאָנצערטן. פאַר דער מלחמה איז אַ בוך לידער פון נחום שטערנהיים אַרויס פון דרוק אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

שטערנהיים איז געווען גליקלעך ווען מען האָט געזונגען זיינע לי־דער, אָבער — נאָך גליקלעכער, ווען ער האָט זיי אַליין געקענט זינגען. ווען ער איז, בעת זיינע קאָנצערט־אָוונטן, אַרויס אויף דער בינע, האָט מען אים שוין פון דאָרט נישט געקענט אַראָפּנעמען, סיידן מען האָט אים מיט כוח אַראָפּגעצויגן פון דער בינע. אין זיין היימשטאָט ריישע, ווו ער איז אויפגעטראָטן אויף אַ גרויסן קאָנצערט מיט זיינע לידער, האָט ער נישט אויפגעהערט צו זינגען און באין אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די בינע. האָט מען נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, נאָר אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג אין מיטן זינגען. שטערנהיים האָט זיך אָבער דערמיט נישט אי־בערגענומען. ער איז אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און ווייטער געזונגען...

אַ ווונדערבאַרער, גוטער, האַרציקער און איידעלער מענטש איז געווען נחום שטערנהיים. ער האָט נישט געקענט קיין הויך וואָרט אַרויסרעדן. ער איז געווען נאַיוו ווי אַ קינד. זיין גוטסקייט האָט מען טאַקע שרעקלעך עקספּלואַטירט. מען האָט געזונגען זיינע לידער אויף קאָנצערטן; מען פלעגט זיי אַריינשטעלן און זינגען אין פאַרשיידענע אָפּערעטעס, און ער האָט דערפון גאָרנישט געהאַט. באָריס טאָמאַשעווסקי, ווי אויך אַנדערע אַקטיאָרן פלעגן נעמען ביי אים זיינע לידער און — — —

— — — אַז זיינע פריינט האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער זאָל נישט געבן זיינע שאַפונגען אומזיסט, האָט ער מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל געענטפערט:

— ס׳עט שוין זיין, ס׳עט שוין זיין......

ער האָט יעדן איינעם געגלויבט און זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מען נאַרט אים אָפּ. ער איז געווען נאַיִוו ווי אַ קליין קינד. דאָס לעבן האָט ער גענומען לייכט; געווען פול מיט בטחון און קיינמאָל נישט פאַרזאָרגט, הגם ער איז אָפט אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער. ער האָט זיך געהאַלטן בכבודיק און ביי קיינעם קיינמאָל גאָרנישט געבעטן. באמת — אַ זעלטענער טיפּ פון אַ מענטש.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין די פאַרייניקטע שטאַטן. ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט אַן אַנטוישטער. אָבער אין זיינע שמועסן וועגן אַמעריקע, וועלכע ער פלעגט פירן מיט זיינע פריינט, האָט ער אַלץ געזאָגט:

— מסתמא איז עס מיין שולד; מסתמא בין איך נישט פאַר אַמעריקע...

יעדן זומער פלעגט נחום שטערנהיים פאַרברענגען אַ לענגערע צייט אין בעלז, אין הויז פון דער משפּחה פונעם בעלזער רבין, וועלכע האָט אים זייער ליב געהאַט און אים געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם. בעת מיינע וואַנדערונגען איבער גאַליציע, פלעג איך אים אָפט טרעפן אין בעלז און ער האָט מיר דאָרט פאָרגעזונגען זיינע נייע לידער, וועלכע ער האָט געשאַפן.

בעת דער לעצטער מלחמה האָט שטערנהיים פאַרבראַכט אין זיין היימשטאָט ריישע. ער איז שוין נישט געווען שרייבעריש־פּראָדוקטיוו. ער האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און געשטאַנען בראש פון פאַרשיידענע הילפס־אינסטיטוציעס. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון די קינדער־היימען, ווו ער פלעגט פאַרברענגען די מערסטע שעהן אין טאָג און מיט די קינדערלעך איינזינגען זיינע לידער. דאָס זענען געווען זיינע פריידיקסטע שעהן.

אויך אין געטאָ איז ער געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט און ער האָט אַלע געטרייסט, אַז „ס׳עט שוין זיין... היטלער מוז האָבן אַ מיאוסן סוף”...

נחום שטערנהיים, דער פאָלקס־טרובאַדור פון ריישע, האָט טאַקע געטראָפן: היטלער האָט געהאַט אַ מיאוסן סוף, אָבער ער, נחום, מיט זיין משפּחה און מיט אַלע זיינע שרהלעך און שלמהלעך האָבן עס, ליידער, נישט דערלעבט. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די דייטשישע רוצחים אין עלטער פון עטלעכע און פופציק יאָר.

הירש (גרישא) מאַץ

הירש מאַץ האָט געשטאַמט פון אַ יחוסדיקער ווילנער יידישער משפחה. פון פני יהושע. זיין עלטער־זיידע איז געווען אַ רב. זיין זיידע, ר׳אליעזר ליפמאַן מ״ץ — אַ מחוקק, האָט געהאַט אין ווילנע אַ שריפט־גיסעריי און איז געווען דער דערפינדער פון די נייע יידישע אותיות, אויף וועלכע עס ווערן איצט געדרוקט אַלע יידישע ביכער און צייטונגען.

הירשס פאָטער, ר׳ יהודה לייב מ״ץ, איז געווען אַ באַרימטער ווילנער דרוקער און פאַרלעגער. זיינע קינדער האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, אויפגעהאָ־דעוועט, צווישן דער „בלייערנער אַרמיי״ פון זייער פאָטערס דרוקעריי. ר׳ יהודה לייב האָט איינגעפלאַנצט ביי זיינע קינדער גרויסע ליבשאַפט צום יידישן בוך און געטריישאַפט צום יידישן גייסט.

ר׳ יהודה לייב האָט געהאַט דריי זין און צוויי טעכטער. דער עלצטער — אַלעקסאַנדער מאַץ, האָט שוין אין זיינע יונגע יאָרן אָנגעהויבן צו זינדיקן מיט דער פען. ער האָט געשריבן לידער. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ מיט־אַרבעטער פון דער „הצפירה״ און „המליץ״, ווי אויך איבערגעזעצט אייניקע לערנביכער אין העברעאיש און יידיש. ער איז אַ באַקאַנטער געזעלשאַפט־לעכער טוער און דיכטער אין אַמעריקע. זיינע „בעטלער־לידער״ האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפזען.

דער צווייטער זון — בנימין מאַץ — איז געשטאָרבן אין די יונגע יאָרן.

זיין טאָכטער — אַנושקאַ ווערכאַווסקי, האָט געלעבט אין קאָוונע, ווו זי האָט געפירט אַ קינדער־גאָרטן. איר גאַסטפריינטלעכע היים איז געווען באַקאַנט ווי אַ גייסטיקע אַכסניה, ווו די יידישע אינטעליגענץ פלעגט זיך צונויפקומען. זי איז אומגעקומען בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

די צווייטע טאָכטער — מאַשאַ ראַסקעס, אַ באַקאַנטע ייִדישע קולטור־טוערין, וועלכע האָט געוווינט אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע), האָט אויך געשמט מיט איר גאַסטפריינטלעכקייט. די לעצטע יאָרן וווינט זי מיט דער משפחה אין קאַנאַדע. איר זון, בנימין, אַ יונגער טעקסטיל־אינזשיניער, איז אַ ייִדישער, העברעאיִשער און ענגלישער שרייבער, ווי אויך אַ קאָמפּאָזי־טאָר. ער איז רעדאַקטאָר פונעם ציוניסטישן סטודענטישן חודש־זשורנאַל אין מאָנטרעאַל.

הירש מאַץ, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין ווילנע — גרישאַ, האָט נאָכן פאַרענדיקן גימנאַזיע, שטודירט מעדיצין אין קראָקעווער אוני־ווערסיטעט. בעתן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג — צוריקגעקומען קיין ווילנע, ווו ער איז שוין פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

גרישאַ מאַץ האָט געהאַט צוויי הויפּט־פאַראינטערעסירונגען: קינדער־פאַרזאָרגונג און טעאַטער. ער איז געווען אַ תּלמיד און אַ ווירדיקער גייס־טיקער און געזעלשאַפטלעכער יורש פון ד״ר צמח שאַבאַד. נאָך אַלס יונ־גערמאַן האָט ער באַוויזן זיך צו שטעלן בראש פון דער „טאָז״־אַרבעט, פון וועלכער ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער אין ווילנע. אַ דאַנק זיין ענערגיע און איבערגעגעבנקייט האָבן זיך אַנטוויקלט אַזעלכע ווונדער־באַרע אינסטיטוציעס אין ווילנע, ווי די „טאָז״־קאָלאָניע, אויפן נאָמען פון ד״ר צמח שאַבאַד; די ערשטע ייִדישע מעדיציניש־היגיענישע פאָלקס־ענציק־לאָפּעדיע — דער זשורנאַל „פאָלקס־געזונט״. דאָס איז געווען ד״ר צמח שאַבאַדס לעבנסווערק און איז געשאַפן געוואָרן מיט דער מיטהילף פון דעם באַקאַנטן ווילנער געזעלשאַפטלעכן טוער ד״ר יצחק ראַפּעס (אומגעקומען אין ליאַכאָוויטש, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע). „פאָלקס־געזונט״ איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביים ייִדישן מאַסן־לייענער. מאַץ איז געווען זיין באַנייער, רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער.

הירש מאַץ איז געווען די נשמה און דער באַוועגנדיקער גייסט פון אַלע אַנשטאַלטן און אויפטוען, וואָס זענען דורך ד״ר שאַבאַדן רעאַליזירט געוואָרן. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פּובליציסטישער טעטיקייט. די לעצטע יאָרן האָט מאַץ צוגעגרייט מאַטעריאַלן פון אַ שאַבאַד־מאָנאָגראַפיע — אַן אינפאָרמאַטיוון און אילוסטרירטן מאַטעריאַל מיט דער געשיכטע פון צמח שאַבאַדס אויפטוען. דאָס איז געווען דער צווייטער אייביקער דענקמאָל,

וועלכן הירש מאַץ האָט געשטעלט דעם גרויסן ייִדישן דאָקטער, דעם „זיידן״ פון דער ייִדישער מעדיציניִשער און היגיעניִשער ליטעראַטור — ד״ר צמח שאַבאַד, וואָס איז געשטאָרבן אין ווילנע, אין יאָר 1936.

הירש מאַץ האָט צוו״אַנד רעדאַקטירט דאָס בוך „קורערטער און טו־ריסטיק אין פוילן״, וואָס דער „טאָז״־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אין וואַר־שע, אין יאָר 1936. דאָס דאָזיקע בוך האָט מאַץ געווידמעט — ווי ער שרייבט אין דער הקדמה — „דעם ליכטיקן אָנדענק פון ד״ר צמח שאַבאַד, דעם פּיאָנער פון דער ייִדישער געזונטשוץ־באַוועגונג אין פוילן, מיט וועלכן עס בינדן מיך 16 יאָר צוזאַמענאַרבעט אין דער געזעלשאַפט „אָזע״־„טאָז״.

מאַץ איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטאַרבעטער פון אַ ריי אַנדערע אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי די סאַנאַטאָ־ריע „בריאות״ אין אָטוואָצק, ווילנער ייִדישער סטודענטן־פאַריין, ווילנער ייִדישער מיטל־מעדיציניִשער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, ייִדישע קיך, ייִדי־שע טעאַטער־געזעלשאַפט, אאַז״וו. עס איז שווער אויסצורעכענען אַלע קאָנקרעטע אויפטוען פון דעם דאָזיקן דינאַמישן געזעלשאַפטלעכן טוער. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז קיין שום געזעלשאַפטלעכע אַקציע אין ווילנע איז נישט דורכגעפירט געוואָרן אָן דער מיטהילף פון הירש מאַצן און טאָקע אַ דאַנק אים זענען זיי רעאַליזירט געוואָרן.

מאַצס צווייטע הויפּט־פאַראינטערעסירונג איז געווען טעאַטער. ער האָט געהערט צו דער גרופּע טעאַטער־פאַנאַטיקער, וואָס האָבן זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו דערהויבן די חשיבות פונעם ייִדישן טעאַטער און דעם ייִדישן אַקטיאָר. יעדער פּרווו פון שאַפן און צו שטיצן אַ בעסער טעאַטער, צי עס איז געווען אַן ערנסט דראַמע־ און קאָמעדיע־טעאַטער, צי אַ ליטעראַרישע קליינקונסט־בינע, זענען געווען פאַרבונדן און קאָנצענטרירט אַרום אים. אין די צוואַנציקער יאָרן איז מאַץ געווען דער „אַמבאַסאַדאָר״ פונעם ייִדישן אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן, אָבער נאָר — ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן בעסער טעאַטער. ער האָט געשאַפן אַטמאָס־פערע און אַגיטירט אין ווילנע פאַר אַ בעסערן, ערנסטערן ייִדישן טעאַטער. מאַץ איז געווען דער אַרביטער בעת די קאָנפליקטן צווישן די אַקטיאָרן פונעם בעסערן טעאַטער און די טעאַטער־אונטערנעמער.

עס איז כדאי צו דערמאָנען איינע כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן: פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען סיכסוכים וועגן אַן אויפפירונג פון אַ גרעסערער פּיעסע. די אונטערנעמער האָבן געהאַלטן, אַז די טרופּע דאַרף נעמען אויף זיך די הוצאות פון דער אויסשטאַטונג (דעקאָראַציעס, קאָסטיומען אאַ"וו). די פאָרשטייער פון דער טרופּע האָבן, דאַקעגן, גע־

אַן אויפנאַמע אין דער וווינונג פון הירש מאַץ פאַר די יונגע פון דער „ווילנער טרופּע" (יאָר 1929)

פאָדערט, אַז די אונטערנעמער זאָלן דעקן די הוצאות, לויט דעם אָפּמאַך וואָס זיי האָבן געהאַט מיט דער דירעקציע. די זאַך האָט זיך נישט גע־רירט פון אָרט. יעדער צד איז געווען איינגעעקשנט און פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט. מען האָט באַין אופן נישט געקענט קומען צו אַ פאַרשטענ־דיקונג. דערווייל האָט מאַץ אַוועקגעשיקט אַ מעלדונג צום אַרטיסטן־פאַריין,

אַז דער סיכסוך איז דערליידיקט אויפן בעסטן אופן. וואָס האָט זיך אַרויס־געוויזן? דער אַרביטער (גרישאַ מאַץ) האָט פון זיין אייגענער קעשענע באַצאָלט דעם אונטערשייד...

דאָס כאַראַקטעריסטישע דערביי איז דאָס, וואָס מאַץ איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אַליין צו שפּילן, רעזשיסירן אָדער שרייבן פּיעסעס, וואָס זאָלן אויפגעפירט ווערן.

ווען אין יאָר 1933 איז געשאַפן געוואָרן אין ווילנע די ייִדישע דראַ־מאַטישע שול ביי דער טעאַטער־געזעלשאַפט און ס'איז נישט געווען צו באַצאָלן פאַרן סעקרעטאַר און אַנגעשטעלטע, האָט די ערשטע געלטער צו דעם צוועק געגעבן הירש מאַץ.

בעת די טרויעריקע נאָוועמבער־טעג אין ווילנע (יאָר 1936), ווען פּוילישע סטודענטן־כוליגאַנעס האָבן דורכגעפירט דעם פּאָגראָם אויף ייִדן, האָט גראָד געשפּילט אין ווילנע די טרופּע פון אידאַ קאַמינסקי. עס איז דעמאָלט געפייערט געוואָרן דער 20־יאָריקער טעאַטער־יובל פון אידאַ קאַמינסקי. בעת דער פייערלעכקייט האָט הירש מאַץ געהאַלטן אין נאָמען פונעם יובל־קאָמיטעט פאָלגנדיקע רעדע:

> „עס איז אַ כאַראַקטעריסטישער צופאַל, וואָס אין דעם באַקאַנטן טרויעריקן זונטיק, גראָד אין דעם זעלביקן אָוונט ווען אַ צעיושעטע חברה סטודענטן האָט געהאַקט יידישע שויבן אין די ווילנער גאַסן, איז פאַר־געקומען אַ זיצונג פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט וועגן אָרגאַניזירן דעם 20־יעריקן סצענישן יובל פון אידאַ קאַמינסקי. און ווי אַן ענטפער אויף אַט די אַרויסטרעטונגען, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו דערשטיקן דעם יידישן לעבן אין אונדזער שטאָט — איז געקומען דער באַשלוס די פייערונג צו אָרגאַניזירן, נישט אַריינצופאַלן אין יאוש, אַרויסווייזן אין אַט די שווערע מינוטן וואָס מער עקשנות, אַקטיוויטעט און סימנים, אַז מיר ווילן און וועלן לעבן! דאָס איז געווען אַ סימבאָל, אַז נישט קוקנדיק וואָס מען וויל אונדז אויסהאַבן, לאָזן מיר נישט אַראָפּ די הענט, שאַפן, בויען און פראַווען נאָך יום־טובים פון אונדזער קולטור. עס פרייט מיך דעריבער באַזונדערס וואָס אונדזער דעמאָלטיקער באַשלוס איז נישט גע־בליבן אויפן פּאַפּיר; אַז דער פייערלעכער אָוונט איז אַ געשעענער פאַקט..."

די דאָזיקע אַרויסטרעטונג פון הירש מאַץ כאַראַקטעריזירט אַמבולט־סטן דעם דינאַמישן און אומדערשראָקענעם קעמפער, דעם פאַנאַטישן עקשן אויפן געביט פון ייִדישער קולטור און פונעם ייִדישן טעאַטער בפרט.

פאַרלאָשענע שטערן

מאַצס וואַרעמע היים אין ווילנע, וואָס איז געווען אַן אמתער קונסט־מוזיי, איז תמיד געווען אָפן און גאַסטפריינטלעך פאַר יידישע קינסטלער, שרייבער און קולטור־טוער, פאַר וועלכע די געזעלשאַפט פון הירש מאַץ איז געווען ממש אַ דערפרישונג.

דער דאָזיקער פאַרדינסטפולער יידישער קולטור־טוער הירש מאַץ איז אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

מאיר מעסטל

מאיר מעסטל, דער ברודער פון יעקב און יצחק מעסטל, איז, פונקט ווי זיי, געבוירן געוואָרן אין זלאָטשעוו (מזרח־גאַליציע), — די שטאָט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם גרויסן יידישן דיכטער משה לייב האַלפּערן, די ברידער אימבער (נפתלי הערץ — מחבר פון „התקוה" און שמריהו־אימבער).

די מעסטלס זענען, פון דער מוטערס צד, געווען קרובים מיט בערל בראָדער, דעם גרינדער פון די „בראָדער זינגערס".

דער עלטסטער פון דער משפחה מעסטל — יעקב — האָט שוין אַלס סטודענט פון אוניווערסיטעט אָנגעהויבן צו שפּילן אין פאַרשיידענע סטודענטן־קרייזן אויף יידיש, העברעאיש און פּויליש. פּראָפעסיאָנעל טעאַטער האָט יעקב מעסטל אָנגעהויבן צו שפּילן אין ווינער „סטעפאַני־טעאַטער". דערנאָך געשפּילט אין רומעניע, בוקאָווינע, טשעכאָסלאָוואַקיי, דייטשלאַנד און איבער דער עסטרייכישער פּראָווינץ. אין ווין האָט ער אויך געאַרבעט אין דער „פרייער יידישער פאָלקסבינע", ווי אויך אָנגעפירט מיט דער טעאַטער־שול ביי דער דאָזיקער געזעלשאַפט. פון 1920 געפינט זיך מעסטל אין אַמעריקע, ווו ער איז טעטיק אַלס אַקטיאָר, רעזשיסאָר און שרייבער.

דער צווייטער לויט דער ריי — יצחק מעסטל, איז געווען דער גרינדער פון דער יידישער אַרבעטער־בינע אין לעמבערג אויפן נאָמען פון יעקב גאָרדין. דערנאָך איז ער אַריבער אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און

געשפּילט אין פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס איבער גאַליציע און ביי גימפּעלן אין לעמבערג.

אין יאָר 1921 גרינדעט ער צוזאַמען מיט שלמה פּריזאַמענט און מ. פּראַנצאָז אַ יידיש וואַנדער־טעאַטער אין טשעכאָסלאָוואַקאַי, ווו ער איז אויך רעזשיסאָר. אין יאָר 1923 שפּילט ער אין ווינער יידישן טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון יצחק דויטש. ער איז אויך אויפגעטראָטן אינעם דאָרטיקן דייטשישן טעאַטער. ער האָט אָנגעשריבן אַ ריי טעאַטער־שטיק, פון וועלכע אייניקע זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע. פון יאָר 1925 געפינט ער זיך אין אַמעריקע.

דער יינגסטער פון די מעסטלס — מאיר, וועמען עס איז געווידמעט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1902. נאָכן אַריבער־ציִען זיך קיין לעמבערג, האָט ער ווייטער געלערנט און איז אָנגעקומען אין מלוכהשן לערער־סעמינאַר, ווי אויך — אין קאָנסערוואַטאָריע, ווו ער האָט געלערנט שפּילן קלאַוויר. גלייכצייטיק מיט דעם איז ער אויפגע־טראָטן אין פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן אין לעמבערג. פילנדיק אַ שטאַרקן דראַנג צום טעאַטער — און ווי האָט עס גאָר אַנדערש געקענט זיין ביי איינעם פון די מעסטלס — האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן פּראָ־פעסיאָנעל טעאַטער אין יאָר 1919 אין ב. באַריצס וואַנדער־טרופּע. דערנאָך האָט ער געשפּילט ביי גליקמאַן, ביי אַדאָלף מעלצער און ביי גימפּעל אין לעמבערג. ער האָט אויך געשפּילט אין לידיאַ פּאָטאָצקיס טרופּע, בעת איר טורנע איבער דער פּראָווינץ.

מיט מאיר מעסטעלן האָב איך זיך באַקענט אין יאָר 1924, ווען איך בין געווען מיטן „וויקט" אין לעמבערג. דאָס איז געווען אַן איידעלער און באַשיידענער יונגערמאַן, וואָס האָט פונעם ערשטן אויגנבליק געמאַכט דעם בעסטן רושם. דער פּעדאַנטיש ציכטיקער, עלעגאַנטער, פריינטלעכער און ליבנסווירדיקער מאיר מעסטל האָט פון דעמאָלט אָן געהערט צו דעם נאָענטסטן קרייז פון מיינע לעמבערגער פריינט. עס איז מיר שפּעטער אויס־געקומען צו אַרבעטן מיט אים צוזאַמען (בעת דיאַנאַ בלומענפעלדס און מיינע אויפטריטן אין לעמבערג) און איך האָב אים אויפריכטיק ליב געקריגן. ער האָט געהערט צו די זעלטענע טיפּן טעאַטער־מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט קיין רכילות און טעאַטער־פּליאָטקעלעך,

נאָר געטון זייער אַרבעט בשלימות. ער האָט מיט אַלע פֿיבערן פֿון זיין נשמה ליב געהאַט טעאַטער און תמיד געשטרעבט צו שפּילן בעסער טעאַטער, הגם נישט אַלעמאָל איז עס אים, ביי די הערשנדיקע באַדינגונגען אינעם לעמבערגער טעאַטער, געלונגען.

מאיר מעסטל איז געווען אַ מוסטער פֿון פּינקטלעכקייט און דיסציפּלין. תמיד געווען דער ערשטער אין טעאַטער: אַזוי ביי די פּראָבן און — ביי די פֿאָרשטעלונגען. יעדע באַקומענע ראָל האָט ער אָפּגעשפּילט מיט פֿאַרשטענדעניש, אינטעליגענץ און — וואָס די הויפּטזאַך — באַצויגן זיך צו איר מיט דער גרעסטער אַחריות. דערפֿאַר טאַקע האָט ער געהערט צו די ייִדישע שוישפּילערס, וועלכע מען האָט גערן אַנגאַזשירט אין אַ טעאַטער. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז מאיר מעסטל קיינמאָל נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק, הגם ער האָט נישט געהערט צו די „זינגענדיקע און טאַנצנדיקע" יונגע שוישפּילערס, וואָס זענען געווען אַזוי אין דער מאָדע אינעם דורכשניטלעכן ייִדישן טעאַטער.

ווען איך האָב נאָכן פֿאַרענדיקן מיין סעזאָן אינעם „קראָקעווער ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן טעאַטער" גאַסטראָלירט אין לעמבערג און דערנאָך אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ טרופּע אויף דער פּראָווינץ, איז מעסטל געווען צווישן די ערשטע, וועלכע כ'האָב אַנגאַזשירט.

צום לעצטן מאָל האָב איך אים געזען ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען איך בין געקומען קיין לעמבערג איבערצונעמען די אָנפֿירונג פֿונעם ניי־אויפֿגעבויטן ייִדישן טעאַטער, אויפֿן פּלאַץ פֿונעם אַמאָליקן גימפּעל־טעאַטער.

איך האָב תמיד ליב געהאַט צו באַזוכן די אַלטע פֿרוי מעסטל (די מוטער פֿון מאירן) ווען איך פֿלעג זיין אין לעמבערג. זי האָט מיר דערציילט וועגן איר קרוב בערל בראָדער און וועגן אירע צוויי זין, וואָס געפֿינען זיך אין אַמעריקע. זי האָט מיך יעדעס מאָל געבעטן נישט צו פֿאַרגעסן וועגן איר מאירן, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. בכלל איז שווער געווען צו געפֿינען אַזאַ קעגנזייטיקע ליבשאַפֿט, ווי עס האָט געהערשט צווישן דער אַלטער פֿרוי מעסטל און איר מאירל. אַזאַ וואַרעמקייט האָט זיך איבערגעטראָגן און ס'איז נישט קיין ווונדער, וואָס מעסטלס אינטימסטע פֿריינט און חברים, ווי פֿריץ קליינמאַן און די קינסטלער ברי־

דער גימפּעל פּלעגן אַזוי גערן פאַרברענגען אין דער האַרציקער וואַרע־מער אַטמאָספער פון איר היים.

באַלד אין די ערשטע טעג נאָכן פאַרנעמען לעמבערג דורך דער רויטער אַרמיי, איז דאָרט אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ייִדיש טעאַטער, אונטער דער אָנפירונג פון שלמה פּריזאַמענט, גרשון ראָט און הענריק לופט. זיי האָבן געשפּילט אין „קאָלאָסעאום־טעאַטער" אויף סלאָנעטשנאַ גאַס (זון־גאַס 33). און מאיר מעסטל האָט געהערט צו דער טרופּע.

ווען ס'האָט זיך שפּעטער אָרגאַניזירט דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער אין לעמבערג, האָט מעסטל דאָרט אויך געאַרבעט.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען לעמבערג, האָט זיך מאיר מעסטל, צוזאַמען מיט אַ טייל פון דער טרופּע פונעם מלוכה־טעאַטער, געפונען אין ראָווּנע, ווו זיי זענען אויפגעטראָטן. מעסטלען האָט אָבער געצויגן אַהיים און, צוזאַמען מיט דער שוישפּילערין ראָזאַ פוקס, האָט ער זיך געלאָזט צופוס צוריק קיין לעמבערג. אויפן וועג האָבן זיי די דייטשן פאַר־כאַפּט. ראָזאַ פוקס איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון די מערדערישע הענט און צוריקצוקומען קיין לעמבערג, ווו זי איז שפּעטער אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעקומען.

מאיר מעסטל, דער האַרציקער, ליבער מענטש און חבר האָט געפונען זיין מאַרטירער־טויט אויפן וועג אַהיים. ער איז דורך די דייטשן פאַרפּייניקט געוואָרן.

לאה ליבראָווסקי

לאה ליבראָווסקין, איינער פון די 360 יידישע שוישפּילערס, וואָס דאָס פאַרמלחמהדיקע פּוילן האָט פאַרמאָגט, איז באַשערט געווען צו שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל אינעם יידישן סאָציאַלן לעבן, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אין וואַרשע. זי איז געווען די ווירטשאַפטלעכע אָנפירערין פון דער יידישער „אַקטיאָרן־קיך" אינעם לאָקאַל פונעם געוועזענעם יידישן אַר־טיסטן־פאַריין, אויף לעשנאָ 2. די דאָזיקע קיך האָט באַדינט נישט נאָר די גאַנצע יידישע טעאַטער־וועלט, נאָר זי איז אויך געווען די „אכסניה" פאַר יידישע שרייבערס, קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע טוערס. די קיך, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אָן דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, האָט נישט געהאַט קיין גרעסערן צוטייל אָדער בעסערע שפּייז־פּראָדוקטן ווי עס האָבן באַקומען אַנדערע קיכן פון דער סאָציאַלער אַליינהילף. און דאָך איז דאָס עסן דאָרט געווען געשמאַקער, היימישער און באַטעמטער ווי אין די אַנדערע פאָלקס־קיכן. די „אַרטיסטן־קיך" האָט געהאַט אַ שם פון איר גלענצנדיקער ווירטשאַפט און וואַרעמער אַטמאָספער.

דער „מכשף" פֿון דער דאָזיקער קיך איז געווען די יידישע אַקטריסע לאה ליבראָווסקי, וואָס האָט זיך באַמיט ווי אַמבעסטן צו באַשפּייזן און צו דערקוויקן אירע חברים־אַקטיאָרן און געסט, וואָס זענען כסדר געקו־מען אין דער דאָזיקער קיך. לאה ליבראָווסקי האָט איר גאַנץ וואַרעם האַרץ אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט אַרום דער „אַרטיסטן־קיך" און זי האָט עס געצערטלט ווי אַ מוטער — איר איינציק קינד.

דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז אויך איר פֿאַרשטאָרבענער מאַן — דער אַקטיאָר אַברהם ליבראָווסקי — האָט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער זעלביקער וואַרשע, אויך באַשפּייזט זיינע חברים־אַקטיאָרן. און געטון האָט ער עס אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופֿן.

פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַברהם ליבראָווסקי — זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען לעוועבראָווסקי — געווען אין כאָר פֿון נאָ־זשיקס שול אין וואַרשע און גלייכצייטיק אָנגעהויבן צו שפּילן מיט ליבהאָ־בער. אין יאָר 1909 איז ער געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר ביי לערמאַנען אין טרופּע. דערנאָך געשפּילט אין אַנדערע יידישע טרופּעס איבער גאַנץ רוסלאַנד און פּוילן. ביים אויסברוך פֿונעם ערשטן קריג האָט ער זיך געפֿונען אין וואַרשע. אַזוי ווי מען האָט פֿון אָנהויב מלחמה (ביי די רוסן) נישט געטאָרט שפּילן יידיש טעאַטער אין וואַרשע, האָט ער זיך גענומען צו זיין אַמאָליקן פֿאַך: ער איז געוואָרן אַ סאַרווער אויף חתונות. יידישע אַקטיאָרן זענען דעמאָלט ממש אויסגעגאַנגען פֿון הונ־גער. אַברהם ליבראָווסקי, אַ מענטש מיט אַן איידעלן, גוטן כאַראַקטער, האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו העלפֿן זיינע חברים־אַקטיאָרן. ער האָט פֿאַר זיי „געגנבעט" דאָס, וואָס עס איז איבערגעבליבן פֿון די חתונה־מאָלצייטן און געבראַכט גאַנצע פּעק מיט עסן פֿאַר זיינע אויסגעהונגערטע חברים־אַקטיאָרן, וועלכע ער האָט ממש דערהאַלטן ביים לעבן. הגם אויף אַן אַנדערן אופֿן האָט עס אויך געטון זיין פֿרוי לאה ליבראָווסקי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער דאָך מוז פֿעסט־געשטעלט ווערן, אַז בעת דער פֿאַריקער וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1914—1918, בעת אויף די פֿראָנטן האָבן מיליאָנען מענטשן אַוועקגעלייגט זיי־ערע לעבנס אויפֿן „מזבח פֿון גערעכטיקייט", איז דער הינטער־פֿראָנט

אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ פיבער פון פאַרוויילונגען. וואָס מער בלוט עס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויפן פראָנט, אַלץ מער ווײַן און בראָנפן האָט אויסגעפּעלט הינטערן פראָנט. מען איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון „חי־געלעבט". מען האָט געשכורט און געהוליעט, געוויילט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט. כמעט אין יעדן הויז איז געוואָרן אַ באַר, צי אַ רעסטאָ־ראַציע, אַ פאַרוויילונגס־לאָקאַל, צי אַ טעאַטער. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מינימאַלע מעגלעכקייט האָט זיך אַריינגעצויגן אין דעם קאַראַהאָד פון עולם הזה און געלעבט אַ גוטן טאָג. אויך די ייִדן זענען נישט אָפּגעשטאַ־נען פון דעם פיבער. אין יעדן צווייטן הויז האָבן זיך געעפנט ייִדישע וואַריעטעס, טעאַטערלעך און פאַרוויילונגס־ערטער. די ייִדישע אַרטיסטי־שע אַרויסטרעטונגען האָבן געהאַט גאָר אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג.

דאָס האָט זיך גענומען דערפון וואָס צו יענער צייט האָבן דײַטשן נאָך געמעגט קומען אין באַרירונג מיט נישט־אַריער, און היות ייִדיש איז זיי געווען נאָענטער און צוגענגלעכער ווי פּויליש, זענען טאַקע ייִדישע פאַר־וויילונגס־פּלעצער און טעאַטערס תמיד געווען איבערגעפּולט מיט מילי־טער־לייט און דײַטשישע ציוויל־באַאַמטע. אין ייִדישן טעאַטער, שוין נישט רעדנדיק וועגן די וואַריעטעס און מיניאַטורן, האָט דעמאָלט געהערשט דער אַלמעכטיקער שונד. האָט איין טעאַטער אויפגעפירט עפּעס אַ טעאַטער־שטיק, האָבן די איבעריקע טעאַטערס באַלד נאָכגעטאַנצט און אויפגעפירט דאָס זעלביקע טעאַטער־שטיק. עס איז אָנגעגאַנגען אַ געשמאַקלאָזע קאָנקו־רענץ. איין טעאַטער האָט זיך באַמיט צו דיסקרעדיטירן די אויפפירונג פון צווייטן טעאַטער. פון דער בינע אַראָפּ זענען געהאַלטן געוואָרן „ספּי־טשעס" (דרשות צום פּובליקום), אַז נאָר די און די געגעבענע אויפפירונג איז די ריכטיקע. דאַקעגן — אין קאָנקורענץ־טעאַטער איז די אויפפירונג אַ געפעלשטע אָדער געגנבעטע. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ווען איין טעאַטער האָט זיך באַמיט צו „שלאָגן" דאָס צווייטע טעאַטער מיטן ריינעם דײַטש־לשון אויף דער ייִדישער בינע (היות דאָס פּובליקום איז באַשטאַ־נען לרוב פון מיליטער־לייט און באַאַמטע, איז מען געגאַנגען אויף אַזעל־כע ביליקע קאָנצעסיעס), האָט דאָס צווייטע טעאַטער אַנאָנסירט, אַז עס ברענגט אַראָפּ דירעקט פון בערלין אַ באַרימטן דײַטשישן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע. די ייִדישע בינע איז אַזוי אַרום פאַרפּלייצט געוואָרן מיט דײַ־

טשישע אַקטיאָרן. האָבן ווידער יידישע אַקטיאָרן געוואָלט באַווייזן, אַז זיי קענען אויך דייטש און עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דאָס יידישע טעאַטער צו יענער צייט דינט גאָר דער דייטשישער קולטור... דער רעפּערטואַר פון די דאָזיקע טעאַטערס איז באַשטאַנען לרוב פון פּאַקטאָמאָנטאַזשן, ווי „מענדל בייליס״, „קאַפּיטאַן דרייפוס״, „אוריאַדניק מערזאַווין״, ווי אויך פון דעם אַרט רעפּערטואַר ווי „געלט, ליבע און שאַנדע״, „בלינדע יתומה״ אד״גל. די דאָזיקע פּיעסן זענען געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער אויפן נאָמען פון קאַמינסקי, „ווענוס״ און סתם אין זאַלן, וווּ עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן טעאַטער־פאַרשטעלונגען.

אין איינעם פון אַזעלכע טעאַטערלעך אויף דזשיקע 29 האָט אויך גע־אַרבעט אַברהם ליבראָווסקי. דאָרט איז פריער געווען אַ חתונה־זאַל, וווּ ער האָט געאַרבעט ווי אַ סאַרווער. בעתן קריג, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, האָט ער צוגערעדט דעם אייגנטימער פון זאַל, ער זאָל דאָרט מאַכן אַ יידיש טעאַטער, וואָס קען געבן מער ווי חתונות. מען האָט צונויפגעקלאַפּט אַ בינע און אויסגעשטעלט דריי הונדערט שטולן און דאָס נייע יידישע טעאַטער איז געווען פאַרטיק. געשפּילט האָט מען דאָרט אָפּערעטעס. אין טרופּע זענען געווען די אַקטיאָרן: אַברהם ליבראָווסקי מיט דער פרוי, אייזיק ראָטמאַן, מאַשאַ ראָטמאַן, שמחה פאַסטעל, חיהלע שירינג, מאַקס פּאַקאַי, שלמה לינדענפעלד א״אַ.

לאה ליבראָווסקי האָט אויך אָנגעהויבן איר אַרטיסטישע קאַריערע אין ליבהאָבער־קרייזן אין וואַרשע, וווּ זי איז אויפגעטראָטן אונטער איר מיידלישן נאָמען דיכטענבערג.

נאָך איר חתונה מיט אַברהם ליבראָווסקי איז זי געוואָרן אַ פּראָ־פעסיאָנעלע שוישפּילערין און געאַרבעט צוזאַמען מיט איר מאַן אין פאַר־שיידענע טרופּעס. נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן איז זי ס׳רוב אַרומגע־פאָרן איבער דער פּראָווינץ צוזאַמען מיט איר מאַן און זייער פּעאַי־קער טאָכטער רייזל ליבראָווסקי. אַברהם ליבראָווסקי איז געשטאָרבן אין יאָר 1928. ער איז געווען אַ פיינער כאַראַקטער־אַקטיאָר און רעזשיסאָר.

קורץ פאַרן קריג איז רייזל ליבראָווסקי, צוזאַמען מיט איר מאַן דעם באַגאַבטן כאַראַקטער־אַקטיאָר מאַקס באָזשיק אָפּגעפאָרן קיין אַר־גענטינע, פון וואַנען זיי זענען געקומען קיין צפון־אַמעריקע. לאה איז

געבליבן אין וואַרשע, ווו זי האָט געשפּילט טעאַטער ביזן אויסברוך פונעם לעצטן קריג.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט לאה ליבראָווסקי נישט געשפּילט טעאַטער. זי האָט זיך געווידמעט אויסשליסלעך דער „אַרטיסטן־קיך", אין וועלכער זי האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט און האַרץ.

אויב ברכות און ווונטשן וואָלטן מקוים געוואָרן, וואָלט די גוטע און ליבע לאה ליבראָווסקי נישט געדאַרפט פאַרענדיקן איר לעבן אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן.

לאזאר קאהאן

אַ זון פון אַ רבניש־משכילישער משפחה — זיין פאָטער איז געווען הרב שמעון כהן, דער רב פון מיטאַווע (לעטלאַנד), — איז לאַזאַר קאַהאַן דערצויגן געוואָרן אויף די בעסטע טראַדיציעס און אידעאַלן. ער האָט געלערנט אין חדר און אין ישיבות. און דערנאָך — וועלטלעכע לימודים.

אַלט זייענדיק זעכצן יאָר, האָט ער אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פונעם פעטערבורגער „פריינט" און דעם וואַרשעווער „וועג", און דערנאָך פון „אונדזער לעבן", „ראַמאַן־צייטונג", פון הלל צייטלינס און ש. יאַצקאַנס „יידישן וואָכנבלאַט". אין יאָר 1907 איז לאַזאַר קאַהאַן אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע און פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין לאָדזש, ווו ער האָט רעדאַקטירט די „לאָדזשער נאַכריכטן". י. אוגער, רעדאַקטאָר פונעם „לאָדזשער טאָגעבלאַט", נעמט אים באַלד אַריבער צו זיך אין דער צייטונג, ווו ער ווערט הויפּט־מיטאַרבעטער.

לאַזאַר קאַהאַן, אַלס מענטש פון גרויסן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, האָט זיך נישט געקענט באַנוגענען בלויז מיט זשורנאַליסטישער

טעטיקייט. ער איז געווען פול מיט געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט. נישט געווען קיין אָפשניט אין ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווו לאַזאַר קאַהאַן זאָל זיך נישט אַריינוואַרפן אין אַרבעט. די מאָדערנע ייִדישע קול־טור און בפרט די ייִדישע שול און דאָס ייִדישע טעאַטער האָבן געהאַט אין אים אַ נישט־אָפּשאַצבאַרן, געטרייען מיטבויער.

ער איז צווישן אַנדערע געווען דער גרינדער און פאָרזיצער פונעם קרייז „דראַמאַטישע קונסט" אין לאָדזש, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט אַהין די אָנגעזעענסטע ייִדישע שרייבערס, ווי: י. ל. פּרץ, הלל צייטלין, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש א"אַ. ביי דער „דראַמאַטישער קונסט" האָט קאַהאַן אויך געגרינדעט אַ טעאַטער־קרייז, אונטער דער אָנפירונג פון מאַרק ארנשטיין.

זייענדיק דער שטענדיקער טעאַטער־קריטיקער פונעם „לאָדזשער טאַ־געבלאַט", האָט זיך קאַהאַן דערנענטערט צום ייִדישן טעאַטער, פון וועלכן ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט ביזן סוף פון זיין לעבן. נאָך אַלס יונגער בחור איז לאַזאַר קאַהאַן דעלעגירט געוואָרן צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, ווו ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן סעקרעטאַר.

לאַזאַר קאַהאַן איז געווען איינער פון די מיטגרינדער (צוזאַמען מיט נח פּרילוצקי, ה. ד. נאָמבערג, ש. י. סטופּניצקי, שלמה מענדעלסאָן א"אַ) פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין פּוילן און ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

אין יאָר 1918 האָט לאַזאַר קאַהאַן געגרינדעט אין לאָדזש אַן אייגענעם פאַרלאַג, וואָס האָט דערמעגלעכט די יונגע שרייבערס אַרויסצוגעבן זייערע ווערק.

אין יאָר 1924 האָט קאַהאַן אַרויסגעגעבן אַ וויכטיק בוך וועגן ייִדישן אָנטייל אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין פּוילן א"נ „ייִדן אַלס פּיאָ־נערן אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע". אינעם זעלביקן יאָר האָט ער זיך גענומען צו אַקטיווער טעאַטער־טעטיקייט. ער איז געוואָרן דירעקטאָר פונעם לאָדזשער „סקאַלאַ"־טעאַטער, ווו ער האָט אַנגאַזשירט די אַקטיאָרן וואָלף זילבערבערג, דאַלסקאַיאַ־זילבערבערג, מישאַ פישזאָן, מאַלווינאַ שעראַדזקי־אוגער, וויעראַ זאַסלאַווסקאַיאַ, שלמה קוטנער, יוסף סטרו־

גאַטש, די ברידער אַדאָלף און הערמאַן פעניגשטיין און קאַהאַנס פרוי — רוזשע שושנה, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט ווען זי האָט געשפּילט אַלס אַמאַטאָרין אינעם קרייז „דראַמאַטישע קונסט“.

לאַזאַר קאַהאַן איז געווען איינער פון די גרינדערס פונעם ייִדישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן. אין די דרייסיקער יאָרן איז ער אויך געווען דער דירעקטאָר פונעם וואַרשעווער „סקאַלאַ“־טעאַטער.

פונעם יאָר 1926 איז לאַזאַר קאַהאַן געווען איינער פון די גרינדערס און רעדאַקטאָרן פון דער וואַרשעווער טעגלעכער צייטונג „אונדזער עקספּרעס“. אין יאָר 1935 גיט לאַזאַר קאַהאַן אַרויס, צוזאַמען מיט נח פּרילוצקי, אַ טעגלעכע צייטונג אין פּאַריז א״נ „דער טאָג“.

אין יאָר 1937 האָט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי שושנה געמאַכט אַ רייזע קיין צפון־אַמעריקע.

לאַזאַר קאַהאַן האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע מען האָט געמוזט ליב האָבן. אַ באַשיידענער, אוממיטלבאַרער און פריינטלעכער מענטש. אַ צאַרט אידל פּנים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר און מיט אַ תּמימותדיקן שמייכל אויף די ליפּן. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעלויכטן אַ קינדישע גוטסקייט. ער איז תּמיד געווען באַהערשט און געלאַסן.

טעאַטער און אַקטיאָרן — דאָס איז געווען זיין באַזונדערע שוואַכקייט. ווען עס האָט זיך אין וואַרשע געגרינדעט (אין יאָר 1929) די ערשטע ייִדישע טעאַטער־געזעלשאַפט, איז לאַזאַר קאַהאַן געווען פון די ערשטע און אַקטיווסטע מיטגלידער.

נאָכן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו וואַרשע, איז אַ גרופּע פון ייִדישע און פּוילישע זשורנאַליסטן עוואַקואירט געוואָרן פון וואַרשע (דעם 7טן סעפּטעמבער 1939). קאַהאַן האָט זיך אויך געפונען צווישן דער דאָזיקער גרופּע. ער האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג צו דער רומעניש ער גרענעץ. ער איז אָבער ווייטער שוין נישט געגאַנגען. צוזאַמען מיט די זשורנאַליסטן ש. וואַגמאַן, נתן שוואַלבע און וואָלקאָוויטש האָט ער זיך געלאָזט קיין ווילנע. אויפן וועג זענען וואַגמאַן, שוואַלבע און וואָלקאָוויטש אַרעסטירט געוואָרן

דורך די סאָוויעטן. קומענדיק קיין ווילנע האָט זיך קאַהאַן געטראָפֿן מיט זיין פֿרוי שושנה, וועלכע איז אָנגעקומען פֿון וואַרשע.

אין ווילנע האָט זיך קאַהאַן באַלד אַריינגעוואָרפֿן אין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער איז געוואָרן זייער אַקטיוו אין ייִדישן קאָמיטעט פֿאַר פּליטים־הילף. ער איז געווען דער פֿאָרשטייער פֿון פּליטים פֿון די פֿרייע פּראָפֿעסיעס, ווי: שרייבער, אַקטיאָרן, לערער, מאָלער אאַ״וו. ער האָט דאָרט רעדאַקטירט און שוין געהאַלטן ביים אַרויסגעבן אַן אילוסטרירטן אַלבום, געווידמעט די פּליטים. עס איז כּדאַי צו ברענגען דאָ דעם בריוו, וואָס דער גרויסער ייִדישער היסטאָריקער פּראָפֿעסאָר שמעון דובנאָוו האָט צוגעשיקט צו לאַזאַר קאַהאַן:

„ליבער פֿריינט לאַזאַר קאַהאַן, ווילנע. — איך שיק אייך די פּאָר שורות פֿאַרן אַלבום און ווינטש אייך מיט אייער פֿרוי בעסערע צייטן. — איך האָב זיי אַקאָרשט באַזוכט אין ווילנע, אונדזערע ברידער־פּליטים פֿון וואַרשע און אַנדערע פּוילישע שטעט. כּמעט אַכט חדשים זענען שוין אַריבער זינט יענע קאַטאַסטראָפֿאַלע סעפּטעמבער־טעג, ווען זיי זענען געלאָפֿן פֿון דעם מאָדערנעם „שוואַרצן טויט״ — און איך האָב נאָך געזען אין פֿיל אויגן דעם פֿאַרגליווערטן טויטשרעק, דעם טיפֿן אומעט, די בענקשאַפֿט נאָך אַ פֿאַרלוירענעם היימישן ווינקל, נאָך אַן איבערגעלאָזענער פֿרוי אָדער קינד, נאָך אַ לעבן פֿול מיט אַרבעט. איך האָב אויסגעהערט דערציילונגען און געלייענט באַשרייבונגען, וואָס איך האָב געמוזט איבעררייסן אינמיטן, ווייל ס׳איז נישט געווען קיין כּוחות אויסצוהערן און איבערלייענען ביזן סוף...

מיר האָט זיך געדוכט, אַז די טרויעריקע אויגן בעטן דעם היסטאָריקער: „שימה דמעתי בנאדך״ — גיס אַריין אונדזער טרער אין דיין בעכער, אין דעם גרויסן בעכער פֿון ייִדישע צרות. יאָ, מיר זאַמלען די טרערן, מיר פֿאַרצייכענען אַלע שרעקלעכע דערציילונגען, און מיר וועלן זיי גאָר איינגיכן אונטערטראָגן דער גאַנצער וועלט! — זאָל זי אויפגעטרייסלט ווערן פֿון צער און צאָרן, זאָל זי אַ טראַכט טון וועגן דעם גורל פֿון אַ מאַרטירער־פֿאָלק, וואָס וויל אָבער נישט זיין אַ מאַרטירער, נאָר אַן אייביקער קעמפֿער פֿאַר מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט קעגן בעסטיאַליזם און געוואַלט. שמעון דובנאָוו, מאַי 1940״.

לאַזאַר קאַהאַן און ר. שושנה האָבן געהאַט צוויי זין און אַ טאָכטער. די טאָכטער לילי קאַהאַן, וועלכע איז געווען אַ טענצערין, איז, צוזאַמען מיט דער טאַנץ־גרופּע פֿון פּיעטריקעוויטש, אַוועק נאָך פֿאַרן קריג קיין איטאַליע. דאָרט האָט זי זיך געראַטעוועט. אַ צייט איז זי געווען אויסבאַהאַלטן אין וואַטיקאַן.

זייערע צוויי זין: אפֿרים — 23 יאָר אַלט און סאַמועל — 22 יאָר, ביידע סטודענטן פֿונעם וואַרשעווער פּאָליטעכניק, זענען דעם 6טן סעפּ־

טעמבער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. ווען די עלטערן האָבן זיך דערוווסט ווו זייערע זין געפינען זיך (ווילנע האָט דעמאָלט געהערט צו ליטע), האָבן זיי אַרויסגעשיקט נאָך זיי אַ שליח, וואָס האָט זיי אַהינגעבראַכט. אין ווילנע האָבן די ליטווינער אַרעסטירט קאַהאַנס צוויי זין און, צום גרויסן טרויער פון די עלטערן, זיי צוריקגעוואָרפן איבער דער סאָוויעטישער גרענעץ, ווו זיי זענען ביידע אומגעקומען.

פון ווילנע איז לאַזאַר קאַהאַן צוזאַמען מיט זיין פרוי אַוועק, דורך סיביר, קיין יאַפּאַן. זיי זענען אָנגעקומען אין קאָבע. דאָרט ווערט קאַהאַן באַלד, ווי זיין שטייגער איז געווען, געזעלשאַפטלעך טעטיק. אין קאָבע, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן 9 חדשים צייט, איז ער געווען פאָרזיצער פון דער גרופּע פּליטים-שרייבער. דעם דאָזיקן אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן אויך אין שאַנכאַי, וווהין די יאַפּאַנער האָבן אים, מיט דער גאַנצער כמעט גרופּע יידן פון קאָבע, פאַרשיקט. אין קאָבע, ווו עס האָבן זיך געפונען סך-הכל 25 יידישע משפחות, האָט לאַזאַר קאַהאַן אָרגאַניזירט דעם ערשטן יידישן אָוונט, געווידמעט דעם קדוש שמעון דובנאָוו. אינעם דאָזיקן אָוונט האָבן זיך באַטייליקט: די טאָכטער פון פּראָפ׳ דובנאָוו — סאָפיאַ ערליך-דובנאָוו, לאַזאַר קאַהאַן, י. ווײַנגאַרטען, שושנה און מ. פּערענסאָן.

נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט ווייטער צו פאָרן, האָט קאַהאַן אָר-גאַניזירט אין שאַנכאַי אינעם דאָרטיקן יידישן קלוב דעם ערשטן פאָרום, אויף וועלכן ס׳זענען אויפגעטראָטן: לאַזאַר קאַהאַן, י. ראַפּאַפּאָרט, בער ראָזען, מ. פלאַקסער, יאָסל מלאָטעק, י. ראָטענבערג, יעקב פישמאַן, יאָסל פישמאַן, ע. שמחוני און שושנה — אַלע פּליטים-שרייבער.

צוזאַמען מיט זיי האָט קאַהאַן געגרינדעט דעם ערשטן יידישן זאַמל-העפט אין שאַנכאַי — „אין וועג״. קאַהאַן איז אויך געוואָרן אַ שטענדי-קער מיטאַרבעטער פון דער כאַרבינער „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״ (יידיש לעבן), אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר א. קאַופמאַן, וועלכער האָט זייער אַ סך געטון פאַר די שרייבערס-פּליטים אין שאַנכאַי.

דעם 25טן יאַנואַר 1946 האָט אונטער דער רעדאַקציע פון לאַזאַר קאַהאַן, משה עלבוים און יעקב פישמאַן אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ וואָכן-צייטונג „אונדזער וועלט״. נישט האָבנדיק קיין יידישע שריפט, איז די גאַנצע צייטונג געווען געדרוקט אויף אַ שרייב-מאַשין און, צוזאַמען מיט

די אויסשניטן פון אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען, איז דער גאַנצער מאַטעריאַל געוואָרן פאָטאָגראַפירט. עס זענען דערשינען 20 נומערן פון „אונדזער וועלט״, פון וועלכע קאַהאַן האָט נאָך באַוויזן צו רעדאַקטירן 16 נומערן.

נאָך פריִער איז אין שאַנכאַי געגרינדעט געוואָרן דער יידישער טעאַטער, אין וועלכן לאַזאַר קאַהאַן איז געווען ליטעראַרישער לייטער און די נשמה פונעם טעאַטער. אינעם דאָזיקן טעאַטער זענען געגעבן געוואָרן אַ ריי פאָרשטעלונגען און רעוויעס. בעת אַ פאָרשטעלונג פון „מירעלע אפרת״, דעם 5טן מאי 1946, זענען קראַנק געוואָרן לאַזאַר קאַהאַן און שושנה. צומאָרגנס האָבן זיי ביידע געדאַרפט גיין צום אַמעריקאַנער קאָנסול אָפּצונעמען די וויזעס. קאַהאַנען האָט מען גענומען אין שפיטאָל אַריין,

ביים קבר פון לאַזאַר קאַהאַן אין וויַיטן שאַנכאַי

אויפן בילד: די אלמנה שושנה, פרוי טוקאַטשינסקי, פרוי סוויסלאַווסקי, יעקב פישמאַן, בעלאַ ראָזען, בער י. ראָזען, י מלאָטעק, מ. פלאַקסער יוסף פישמאַן, ב. מאַנדעלבוים, י. ראָטענבערג, א. סוויסלאַווסקי, אַרטיסט פרידמאַן, פרוי קאָזאַקעוויטש א״א.

אָבער פאַר שושנהן איז שוין נישט געווען קיין אָרט אין דער פרויען־אָפּטיילונג, האָט זי געמוזט ליגן אינדערהיים. ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען זי האָט פאַרלוירן ס׳באַוווסטזיין, האָט מען זי אָנגענומען אינעם זעל־ביקן שפּיטאָל, ווו קאַהאַן איז געלעגן.

דעם 26טן מאַי 1946 האָט לאַזאַר קאַהאַן, דער קרבן פון די 7 יאָר מלחמה־וואָגלעניש און טראַגישע איבערלעבונגען, אויסגעהויכט זיין נשמה. זיין איידל האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן. די לעצטע טעג פאַר זיין טויט האָט ער זיך געפילט גאַנץ גוט, אָבער פּלוצלונג איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג און ער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן צו זיינע קאָלעגן, וואָס האָבן אים כסדר באַזוכט:

— חברים, איך דאַרף האָבן אַ רפואה שלימה. איך האָב שוין נישט קיין כוח אויסצוהאַלטן...

שושנה, וועלכער מען האָט שוין אינגאַנצן אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, האָט נישט געוווּסט פון איר מאַנס טויט. ערשט צו די שלושים — זי איז נאָך אַלץ געווען אין שפּיטאָל — האָט זי זיך דערפון דערוווּסט.

די יידישע קהילה אין שאַנכאַי האָט באַשטימט פאַר דעם באַליבטן און פון אַלעמען געאַכטעטן לאַזאַר קאַהאַן אַן ערן־קרקע אויפן שאַנכאַיער בית עולם.

מיט לאַזאַר קאַהאַן איז אַוועק פון דער וועלט איינער פון די פאַר־דינסטפולסטע און איבערגעגעבנסטע קולטור־טוער און פריינט פונעם יידישן טעאַטער.

יאַסעלע קאַלאַדני

פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן האָט אין אייראָפּע געהאַט אַן אומבאַשרייבלעכן דערפֿאָלג דער רוסישער ראָמאַנסן־זינגער אַלעקסאַנדער ווערטינסקי. הויפּטזעכלעך האָט זיך מיט אים באַגייסטערט דער שיינער מין... ס׳רוב לידער וואָס ער האָט געזונגען, האָט ער אַליין באַשאַפֿן: סיי די ווערטער, סיי די מוזיק. נישט וויכטיק געווען דער אינהאַלט פֿון זיינע לידער — אָפּטמאָל האָט זיך נישט געקלעפּט אַ זאַץ צו אַ זאַץ; נישט וויכטיק געווען די אידעע — דאָס האָבן זיינע לידער בכלל נישט פֿאַרמאָגט. וויכטיק איז געווען דער אופֿן ווי אַזוי ער האָט „דערלאַנגט״ אַ ליד און ווי ער האָט געטראָפֿן „אין טראָפּ״. זיינע לידער זענען געווען זיסלעך־סענטימענטאַל און פֿאַרחלומט און האָבן שטאַרק געווירקט אויף די געפֿילן פֿון די פֿאַרבענקטע, ראָמאַנטיש־געשטימטע פֿרויען. ווערטינסקי איז געווען אַן אייגנאַרטיקער זינגער, וואָס האָט געשאַפֿן אַ נייעם סטיל אין דער אינטערפּרעטירונג.

ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַ ווערטינסקי־קולט, איבערהויפּט — אין פֿאַר־מלחמהדיקן, פֿאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. די ווערטינסקי־לידער זענען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש און דורך אַלערליי זינגערס־אויס־טייטשערס אויסגעזונגען געוואָרן אויף פֿאַרשיידענע קאָנצערט־עסטראַדעס. דער פּאָפּולערסטער אויסטייטשער פֿון די אַלע ווערטינסקי־לידער צווישן ייִדן איז געווען בלי שום ספק יאָסעלע קאָלאָדני.

קאָלאָדני האָט די ווערטינסקי־לידער אַליין איבערגעזעצט און אויס־געזונגען „אַלאַ ווערטינסקי״. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער אימיטאַטאָר. ווען מען האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, האָט מען געקענט האָבן דעם איינדרוק, אַז דאָס זינגט נישט יאָסעלע קאָלאָדני, נאָר אַלעקסאַנדער ווערטינסקי אַליין.

קאַלאַדני האָט געהאַט נאָך אַן אייגנשאַפט: ער האָט אַליין געשריבן פּאַראָדיעס אויף אַקטועלע טעמעס, ווי אויך שטייגער־לידער און געשאַפן צו זיי מוזיק, כאָטש קיין נאָטן האָט ער נישט געקענט. די מעלאָדיעס האָט אויפגענומען זיין שטענדיקער פּיאַניסט־באַגלייטער ליאָווא פינקעל, וועל־כער האָט אַליין אויך נישט געקענט קיין נאָטן, אָבער דערפאַר איז ער געווען פענאָמענאַל מוזיקאַליש. נאָך איין מאָל הערן אַ מעלאָדיע האָט ער זי שוין געקענט פון אויסוויניק און זי אויסגעשפּילט. האָבן זיך טאַקע די דאָזיקע צוויי מענטשן: קאַלאַדני און פינקעל געהאַלטן תמיד צוזאַמען, ווייל זיי האָבן זיך גלענצנדיק דערגענצט און פאַרשטאַנען... מיט קיין אַנדערן פּיאַניסט איז קאַלאַדני קיינמאָל נישט אויפגעטראָטן.

קאַלאַדני האָט געהאַט אַ גרויסן רעפּערטואַר לידער. צווישן די פּאָפּו־לערסטע זענען געווען „די חסידימלעך", „בערל שמיד" (אייגענע שאַפונג) און פונעם ווערטינסקי־רעפּערטואַר: „בראַזיליאַנער קרייצער", „טרינק־זשע, מיין מיידעלע". א"אַ.

ער האָט, ווי געזאָגט, מיט זיינע לידער געהאַט גאָר אַ גרויסן דער־פאָלג. ס'רוב — ביי פּרויען. זיין שטים איז נישט געווען קיין גרויסע, אָבער ער האָט געזונגען מיט געפיל און מיטן יידישן קניטש. ער איז געווען זייער מוזיקאַליש. געהאַט גוטע אויסערגעוויינלעכע מיטלען: אַ שיינער, אַ הוי־כער, פעסט־געבויטער מאַן, מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר און גרויסע, ברענענדיקע אויגן. ער איז געווען זייער אַ פריילעכער פון דער נאַטור און באַזעסן אַ גרויסן חוש פאַר הומאָר. מען האָט ליב געהאַט צו פאַרברענ־גען מיט אים אין געזעלשאַפט. ער איז געווען אויך אַ גוטער טענצער.

געשטאַמט האָט ער פון פינסק, פון זייער אַן אָנגעזעענער, רייכער און בכבודיקער חסידישער משפּחה (קאַרלינער חסידים).

זיין פאָטער לייב קאַלאַדני האָט געהאַט אַ גרויס אייזן־געשעפט אין פינסק. זיינע ביידע זין — יאָסל און נחמיה — האָבן געאַרבעט אין גע־שעפט ביים טאַטן. אויף פּרנסה האָבן זיי זיך נישט געהאַט וואָס צו באַ־קלאָגן. אַלע קאַלאַדניס זענען געווען פעסט־געבויט און שטאַרק ווי אייזן. דאָס אייזן־געשעפט האָט אָבער נישט געצויגן יאָסעלע קאַלאַדנין. אים איז געלעגן אין קאָפּ עפּעס אַנדערש.

נאָך אַלס ייִנגל אין שול, האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין שטאַרקן חשק צום לערנען, ער האָט מער הנאה געהאַט פונעם טאַנצן און שפּילן אין די קינדער־פאָרשטעלונגען. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער אין דערזעלביקער שול געלערנט די קינדער טאַנצן און רעזשיסירט זייערע פאָרשטעלונגען. ער פלעגט אויך אַליין פּראָבירן זיינע אַרטיסטישע כוחות אויף פאַרשיידענע אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען. אָבער קיין ספּעציעלן דערפאָלג האָט ער דע־מאָלט נישט געהאַט. ווי זאָגט עפּעס דאָס ווערטל: נישטאָ קיין נביא אין זיין אייגן לאַנד...

ווען יאָסעלע האָט זיך פאַרליבט אין אַ יונגער, שיינער גרושה, אָלאַ ראַבינאָוויטש, איז עס פאַר דער קאָלאָדני־משפּחה געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. ערשטנס, ווי קומט יאָסעלע קאָלאָדני, וואָס שטאַמט פון אַזאַ יחוסדיקער משפּחה, צו ראָזענשטיין דעם שניידערס טאָכטער...

והשנית, ווי מעג ער דאָס חתונה האָבן מיט אַ גרושה, אַז ער איז גאָר אַ כהן?! יאָסעלע איז אָבער געווען שטאַרק פאַרליבט אין דער קליינער, זייער שיינער, דיקלעכער אָלאַ, מיט וועלכער ער האָט נאָך געבויט פּלענער פאַר דער צוקונפט, בעת זיי האָבן זיך „געשיפּט" איבער דעם ראָמאַנטישן טייך פּינאַ. נישט געקוקט אויפן גרויסן סקאַנדאַל, וואָס איז צוליב דעם אויסגעבראָכן אין דער משפּחה קאָלאָדני, האָבן זיי געשטעלט אַ חופּה. אין אַ צייט אַרום איז זייער משפּחה פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ זון, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן ליאָוואַ (לייב), נאָך יאָסעלע קאָלאָדניס פאַר־שטאָרבענעם פאָטער... אָלאַ ראַבינאָוויטש, יאָסעלעס ווייב, האָט פונעם ערשטן מאַן אויך געהאַט אַ זון.

נאָך זיין פאָטערס טויט האָט יאָסעלע קאָלאָדני איבערגענומען דאָס גרויסע אייזן־געשעפט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויספאָרן מיט זיין פּרוי אויף דער פּראָווינץ מיט קאָנצערט־אָוונטן. שפּעטער, ווען ס'האָט אָנ־געהויבן צו וואַקסן יאָסעלע קאָלאָדניס פּאָפּולאַריטעט, האָט אָלאַ ראַבינאָ־וויטש, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ זינגערין, רעזיגנירט פון דער בינע.

אַן איבערברוך אין זיין אַרטיסטישער קאַריערע איז געקומען נאָך זיי־נע אויפטריטן אין וואַרשעווער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין (טלאָ־מאַצקע 13). ער האָט דאָרט געזאָלט אויפטרעטן איין וואָך. אָבער צוליב דעם שטורמישן דערפאָלג, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט, האָט ער כסדר

פּראָלאָנגירט די אויפטריטן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן חדשים לאַנג. נאָך די דערפאָלגרייכע אויפטריטן אין וואַרשע איז ער צוריקגעקומען אַ טריי־אומפּירנדיקער אין זיין היים־שטאָט פּינסק, וואָס האָט אים ביז איצט נישט געוואָלט אָנערקענען.

זומער־צייט, אין די גרויסע היצן, אינעם אַזוי גערופענעם „אוגערקע־סעזאָן", ווען דער פּינסקער עולם פאַרברענגט ליבערשט אויף די שיפלעך פון דער ראָמאַנטישער פּינאַ, האָט יאָסעלע קאָלאָדני באַוויזן איינער אַליין אָנצוציען אַן אויספאַרקויפט טעאַטער אינעם גרויסן בנין פון די ברידער האַלצמאַן. דעמאָלט איז קאָלאָדניס אַמביציע געוואָרן געשטילט. ער האָט דערזאָגט, ווי ער האָט געזאָגט, די שווערסטע פאַר אים פעסטונג — זיין געבוירן־שטאָט פּינסק. פון דעמאָלט אָן האָט פּינסק אָנגעהויבן שטאָלצירן מיט איר בן־עיר. מיטן וווּקס פון זיין אַרטיסטישן דערפאָלג האָט יאָסעלע קאָלאָדני זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיטן אייזן־געשעפט, וואָס ס'האָט ווייטער געפירט זיין יינגערער ברודער.

כבוד און פּרנסה האָט שוין יאָסעלען נישט געפעלט. נאָך זיינע אויפ־טריטן אויף טלאָמאַצקע 13 אין וואַרשע זענען שוין אַלע שטעט און לענ־דער געווען פאַר אים אָפן. ער האָט אָבער שוין נישט באַוויזן צו באַזוכן מער ווי צוויי לענדער אויסער פּוילן, — ליטע און לעטלאַנד. עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און צעשטערט זיינע גרויסע פּלענער.

דעם 4טן יולי 1941 האָבן די דייטשן פאַרנומען פּינסק ווו עס האָבן זיך דעמאָלט געפונען 28.000 יידן. דעם 5טן אויגוסט 1941 האָבן די דייטשן דערשאָסן אויפן לאָהישינער טראַקט 9 טויזנט פּינסקער יידן. אָנהייב מאַי 1942 האָבן די דייטשן איינגעפירט דאָס געטאָ, וואָס איז געוואָרן אָפּגעצוימט מיט שטעכעדיקע דראָטן. אין געטאָ איז דער תמיד לעבנסלוסטיקער, פריי־לעכער יאָסעלע קאָלאָדני נישט געווען צו דערקענען. ער איז געווען מוט־לאָז, איינגעבראָכן און נישט געגלויבט, אַז ער וועט איבערלעבן די מלחמה. דעם 27טן אָקטאָבער 1942 האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס פּינסקער געטאָ און אַלע יידן אַרויסגעפירט אין אַ פריצישן הויף, ווו עס זענען שוין געווען צוגעגרייטע פאַר זיי גריבער. אַלע זענען דערשאָסן געוואָרן. דאָס אָרט, וואָס געפינט זיך הינטער פּינסק, הייסט (אַן איראָניע פון גורל!)

„דאָבראַ וואָלאַ" (גוטער ווילן)... אין „דאָבראַ וואָלאַ" האָט אויך פאַרענ־דיקט זיין לעבן דער דערפאָלגרייכער יידישער זינגער־אויסטייטשער יאַ־כעלע קאָלאָדני. ער איז אומגעקומען, פונקט ווי זיינע נאָענטסטע און פונקט ווי זיינע אומצאָליקע פאַרערער און פאַרערערינס, אין עלטער פון קנאַפּע 50 יאָר.

יעקב ניסענבוים

איך האָב זיך באַקענט מיט יעקב ניסענבוימען פאַרן ערשטן וועלט־קריג. איך בין נאָך געווען דעמאָלט גאָר אַ יונגער בחור, — יעדנפאַלס אַ סך ייִנגער פון ניסענבוימען — און כ׳פלעג אַריינקומען אין דער ליטעראַרישער קיביצאַרניע אויף דער דזשעלנע גאַס און נישט קענען אָפּרייסן מיינע בליקן פון אונדזערע גרויסע ייִדישע שרייבערס, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אויף אַ גלעזעלע טיי אָדער „באַוואַרקע״ (וואַסער מיט מילך) און געפירט לאַנגע, הייסע וויכוחים צווישן זיך. איך האָב דאָרט אויך באַוווּנדערט די אַלע לאַנג־געקליידעטע יונגעלייט מיט די ייִדישע היטעלעך אויף די קעפּ און מיט די גרויסע, שוואַרצע „ליטעראַרישע קראַוואַטן״, וואָס זיי האָבן געטראָגן. פון דעם דאָזיקן קרייז לאַנג־געקליידעטע· אָדער, ווי מען האָט זיי גערופן, קאַפּאָטע־ייִדן, האָט זיך טאַקע אויסגעשיילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע גרופּע שרייבערס און שוישפּילערס. צווישן זיי איז אויך געווען דער ווייניק אָנזעעוודיקער, קליינער, מאָגערער און אַביסל אונטערפּאָנפּעדיקער יעקב ניסענבוים, אויף וועלכן קיינער האָט קיין איבעריקן אַכט נישט געלייגט. ווען ער האָט אפילו אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו אונדז אויף די לעקציעס, וועלכע ער האָט גענומען ביי מיין ברודער זיגמונט, האָט ער מיך אויך ווייניק אינטערעסירט.

איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט געשטאַמט פון דעם קליינעם שטעטעלע קאָנסקאָ־וואָלאָ, נישט ווייט פון לובלין; אַז ער האָט געהאַט זייער אָרעמע, חסידישע עלטערן; אַז ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה און אַז ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן אין דער „גרויסער וועלט" אַריין און איז גע־קומען קיין וואַרשע, וווּ ער איז געוואָרן אַ משרת אין אַ געשעפט. איך האָב אויך געוווּסט, אַז יאַנקעלע ניסענבוים אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט יידישער ליטעראַטור און יידיש טעאַטער. דאָס איז אַלץ וואָס כ'האָב גע־ווּוסט וועגן מיין ברודערס תלמיד און שטאַם־גאַסט פון דער „ליטעראַ־רישער קאַוויאַרניע".

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ניסענבוים פאַרוואָגלט געוואָרן קיין קוראָוו — אַ קליין שטעטעלע אין לובלינער געגנט. ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, האָט ער זיך דאָרט גלייך אַריינגעוואָרפן אין קול־טור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, געגרינדעט דאָרט אַ קולטור־פאַריין, אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט און אַ דראַמאַטישן קרייז. ער איז אויך געוואָרן דאָרט אַ לעקטאָר און צווישן אַנדערע גערעדט וועגן טעאַטער. פון קוראָוו איז ער אַריבער־געפאָרן קיין לובלין, וווּ ער האָט געאַרבעט אויף אַ פּאָסטן און גלייכצייטיק אָנגעהויבן צו שפּילן אַ געוויסע ראָל אין דער דאָרטיקער פּראָפעסיאָנעלער־ און אַרבעטער־באַוועגונג.

ווען איך בין סוף 1917 אָנגעקומען צום ערשטן מאָל קיין לובלין, האָב איך, צו מיין שטוינען, דערזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדערן ניסענבוימען. פון דעם אַמאָל נישט־דרייסטן, לאַנגגעקליידטן ניסענבוימען איז שוין קיין זכר נישט געווען. ער איז געוואָרן צופּיל דרייסט, וואָס האָט טיילמאָל געגרע־נעצט מיט חוצפּה. אין משך פון די פּאָר יאָר, וואָס איך האָב אים נישט געזען, איז פאָרגעקומען ביי אים אַן עוואָלוציע. פון דעם שטילן, באַשיי־דענעם יונגגמאַן איז געוואָרן אַ באַרעדעוודיקער, זעלבסטזיכערער און ציל־באַוווּסטער מענטש מיט אַ ברייטן האָריזאָנט און וועלט־באַנעם.

ווען איך בין אין אַ פּאָר יאָר אַרום ווידער געקומען קיין לובלין, איז שוין יאַנקעלע ניסענבוים געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פונעם „לובלינער טאָגבלאַט", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פו־נעם באַקאַנטן פּובליציסט ש. י. סטופּניצקי.

סטופּניצקי האָט פון ניסענבוימען גאָר שטאַרק געהאַלטן און ער האָט אים פּאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ניסענבוים האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן ערנסטער זשורנאַליסט, מיט אַ גוט־אַנטוויקלטן פּאָליטישן חוש. זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען זענען געווען שאַרפזיניק — ער איז געווען אַ גרויסער חכם — און תמיד אינטערעסאַנט און אָריגינעל. ער איז אויך געוואָרן דער טעאַטער־קריטיקער פונעם „לובלינער טאָגבלאַט". מיט זיינע רעצענזיעס און מיטן אופן פון קריטיקירן האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט. מיט איין וואָרט: יאַנקעלע ניסענבוים איז געוואָרן אַ פּערזענלעכקייט, אַ טאָן־געבער.

אַ סך האָט ער, אמת, געלערנט ביי זיין פרוי בעלאַ שפּיראָ — אַ באַקאַנטע לובלינער אַרבעטער־פירערין און געזעלשאַפטלעכער טריבון.

ווען ש. י. סטופּניצקי האָט פאַרלאָזט לובלין און זיך באַזעצט אין וואַרשע, איז יאַנקעלע ניסענבוים באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם „לובלינער טאָגבלאַט", וועלכן ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף אַ שיינער מדרגה. מיט דער דאָזיקער צייטונג, און בפרט מיט י. ניסענבוימס אַרטיקלען אויף פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעמעס, האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט נישט נאָר אין לובלין, נאָר אויך אין וואַרשע. אַ סך פון זיינע אַרטיקלען זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער טעגלעכער וואַרשעווער פּרעסע און אויך — אין אַנדערע שטעט.

ניסענבוים האָט, צוזאַמען מיט זיין פרוי בעלאַ שפּיראָ, וואָס האָט אויך געשריבן טעאַטער־קריטיק, געפירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף צו הייבן די חשיבות פונעם ייִדישן טעאַטער. ער און זיין פרוי זענען געוואָרן די הייסע פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר אַ בעסער ייִדיש טעאַטער. גרויסע פריינט פון ייִדישע שוישפּילערס, איז זייער הויז תמיד געווען אָפן און גאַסטפריינטלעך פאַר די גאַסטראָלירנדיקע דאָרט טרופּעס. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט שוין לובלין נישט געהאַט קיין שטענדיק ייִדיש טעאַטער. דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען דער שלעכטער ווירטשאַפט און הפקרדיקער באַציאונג מצד די לובלינער לאָקאַלע טעאַטער־דירעקטאָרן, וואָס האָבן געטון אַלץ, כדי צו פאַרטרייבן דעם ייִדישן עולם און ייִדישן אַקטיאָר פונעם דאָרטיקן טעאַטער.

יעקב ניסענבוים און זיין פרוי בעלאַ שפּיראָ האָבן געפירט אַ קאַמפּ־ראַמיסלאָזן קאַמף קעגן דער כראָנישער הפקרות, וואָס האָט געהערשט אויפן לובלינער טעאַטער־געביט און זיי האָבן געטון אַלץ, כדי צו דערמעגלעכן, אַז אַ בעסערע יידישע טרופּע, מיט אַן ערנסטן רעפּערטואַר, זאָל זיך קענען דאָרט ווי אַמלענגסטן האַלטן. בעלאַ שפּירא, אַלס פאָרשטייערין פונעם „בונד" אינעם לובלינער שטאָטראָט, וווּ זי האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ פּלאַמיקע קעמפערין (זי איז, אגב, געווען אַ גלענצנדיקע רעדנערין), האָט אויך באַוויזן אַרויסצובאַקומען פון דער שטאָט שטייער־פאַרלייכטערונגען פאַר יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. די דאָזיקע צוויי מענטשן — יעקב ניסענבוים און בעלאַ שפּירא האָבן, אַ דאַנק זייערע מעשים, אַריינגעשריבן אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פונעם מאָדערנעם יידישן לובלין.

ווי עס האָט מיר געזאָגט יעקב ניסענבוים קורץ פאַרן אויסברוך פונעם צווייטן קריג, האָט ער זיך געגרייט צו פאַרלאָזן פּוילן, ווייל ס'איז אים דאָרט — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — שוין געווען צו ענג צו לעבן. ער האָט זיך געקליבן קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט געהאַט קרובים. ליידער האָט ער עס שוין נישט באַוויזן צו טון. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען לובלין, איז בעלאַ שפּירא פאַרשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פּאָ־ליטיש־אַרעסטירטע, וווּ מען האָט זי פאַרפייניקט צום טויט.

יעקב ניסענבוים האָט אין אָנהייב געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין דער יידישער קהילה. איך האָב געהאַט פון אים אַ גרוס, אַז ער האָפט אויף בעסערע צייטן... ער האָט זיך נישט דערוואַרט קיין בעסערע צייטן. נאָך פאַר דער שוידערלעכער (ערשטער אין פּוילן) „יידן־אַקציע" אין לובלין האָבן אים די דייטשן אויפגעזוכט, אַרויסגעפירט אויפן הויף און אויפן אָרט דערשאָסן.

מוסיא קורץ-סמאַרגאַנסקי

נאָך דעם ווי די עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע איז זיך צעפאַלן און גאַליציע איז פאַרייניקט געוואָרן מיט דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה, האָבן זיך אַ סך יידישע שרייבער פון גאַליציע אַריבערגעטראָגן אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, ווו זיי האָבן געהאָפט צו געפינען גרעסערע מעגלעכקייטן זיך אויסצולעבן און דערביי אויך אָנצובינדן אַ נענטערן קאָנטאַקט מיט די גרויסע יידישע מאַסן פון פּוילישן יידנטום. צוזאַמען מיט די שרייבער און קינסטלער זענען קיין וואַרשע געקומען יונגע טעאַטער־אַדעפּטן. צווישן פיל אַנדערע אויך די יונגע, שיינע, אינטעליגענטע מוסיאַ לאַנגמאַן. געשטאַמט האָט זי פון אַ יידישער גוטבאַזיצער־משפּחה פון אַ דאָרף, נישט ווייט פון סטאַניסלאַוואָוו. געלערנט האָט זי אין סטאַניסלאַוואָוו און אירע ערשטע טריט ביים טעאַטער האָט זי געשטעלט אינעם דאָר־טיקן „גאָלדפאַדן־פאַריין". מיט איר משפּחה האָט זי איבערגעריסן, ווייל זי האָט געשטרעבט צו שפּילן פּראָפעסיאָנעל טעאַטער און די משפּחה האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן. האָט זי באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואַרשע.

אין וואַרשע האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַ לענגערע צייט אין די ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן און קיין תכלית האָט מען נישט געזען. די פּאָר גילדן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דערהיים, זענען זיך שנעל פונאַנדערגעגאַנגען און זי האָט צוביסלעך אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן, הגם אירע פריינט פון דער גאַליציאַנער ליטעראַרישער גרופּע און פון די סטאַניסלאַוואָוער לאַנדסלייט האָבן איר פון צייט צו צייט אַרויסגעהאָלפן. אַהיים האָט זי זיך געשעמט צו שרייבן און זי איז אויך געווען צו אַמבי־ציעז צו באָרגן ביי אירע פריינט. מיט איין וואָרט — די אילוזיעס וועגן איינאָרדענען זיך אין וואַרשע און וועגן מאַכן די גרויסע קאַריערע, וואָס

מען האָט איר פאַרויסגעזאָגט, זענען שנעל צערונען געוואָרן. דאָס מזל האָט איר נישט צוגעשפּילט, הגם זי האָט געהאַט אַלע באַדינגונגען צו קענען ווערן אַ שוישפּילערין.

ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין טורנע מיטן „באַוועגלעכן טעאַטער" איבער גאַליציע און כ׳בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָב איך צוזאַמען מיט זשאַק לעווין אָרגאַניזירט אַ נייעם טורנע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. איך האָב צוגעגרייט קאַרל שענהאַרס „ווייבס־טייוול" און גע־זוכט אַ פּאַרטנערין פאַר דער פרויען־ראָל. מיר האָבן אַנגאַזשירט מוסיאַ לאַנגמאַן און צוזאַמען מיט איר דורכגעמאַכט אַ לענגערן טורנע. אויף דער בינע האָט זי געהייסן: קורץ. זשאַק לעווי איז אַרויסגעגאַנגען פונעם שטאַנדפּונקט, אַז דער נאָמען לאַנגמאַן איז נישט „סצעניש", ווייל ער איז צו לאַנג. אַ נאָמען פון אַן אַקטיאָר — האָט ער געזאָגט — דאַרף זיין קורץ, מען זאָל אים באַלד אויפכאַפּן. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זי זאָל טאַקע הייסן אויף דער בינע: קורץ. נאָך דעם דאָזיקן טורנע איז מוסיאַ און איך אַנאַגזשירט געוואָרן קיין ווילנע אינעם דאָרטיקן ניי־געגרינדעטן דראַמאַ־טישן טעאַטער, אין טעאַטער־זאַל „עדען", אויף דער גרויסער גאַס. און טאַקע דאָרט איז פאַרגעקומען דער ווענדפּונקט אין איר פּערזענלעך לעבן. אין ווילנע האָט איר צוגעשפּילט דאָס מזל.

איך האָב אין ווילנע געהאַט אַ פריינט, וואָס איז געווען דער גע־שווירענער מעקלער פון דער דאָרטיקער מלוכה־בערזע. ס. סמאָרגאָנסקי האָט ער געהייסן. דאָס איז געווען אַ זייער געבילדעטער, קולטורעלער מענטש. ער האָט געשטאַמט פון אַ באַקאַנטער ייִדיש־אַסימילירטער משפּחה. ער איז געווען אַ גרויסער קונסט־ליבהאָבער און גרויסער פריינט פון קינסטלער. אין ווילנע האָט ער געהערט צו די פּני פון דער „גאָלדענער יוגנט". ער האָט געהאַלטן בלויז פון עולם־הזה. געוווינט האָט ער אין דער געביידע, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס טעאַטער „עדען". זיין דירה האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מוזיי פון אַלטערטימלעכקייטן. דאָס אויג איז ממש פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער עשירות, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין היים. אין איין צימער, פון וועלכן די וואַנט האָט זיך געגרענעצט מיטן טעאַטער „עדען", האָט ער געלאָזט אויסהאַקן פאַר זיך אַ קליינע לאָזשע און אַזוי אַרום געקענט צו יעדער צייט זען די פאָרשטעלונגען,

וואָס זענען דאָרט געשפּילט געוואָרן. אַ חוץ דעם האָט סמאָרגאָנסקי געהאַט צוויי שטענדיקע זיך־פּלעצער אין יעדן ווילנער טעאַטער. זיין היים — ער איז געווען אַן עלטערער בחור — איז געווען דער צענטער, ווו עס האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע קינסטלערישע און ליטעראַרישע וועלט. זיינע מאָלצייטן האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט, אָבער נאָך אַ גרעסערן שם האָבן געהאַט זיינע ליבע־אַוואַנטורעס, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט גרויסע סקאַנדאַלן. ער האָט נישט געטראַכט וועגן התונה האָבן. קיינער האָט אים דערצו נישט געקענט באַוועגן.

מיט יידישע קינסטלער האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן ערשט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיי האָבן אים „באַקערט" און פאַרוואַנדלט אין אַ הייסן, נאַציאָנאַלן ייד. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט מוסיאַ קורץ, וועלכע ער האָט פריער געזען פון זיין לאָזשע אויף דער בינע. סמאָרגאָנסקי האָט זיך מיט איר שטאַרק פאַראינטערעסירט און זי אָפטער אָנגעהויבן פאַרבעטן צו זיך. ער איז באמת געווען אַ רייצנדיקער, אינטערעסאַנטער און קלוגער מענטש. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר הומאָר, אַ שיינער דערציילער, און דערביי — אַן אָפענע, גוטע נשמה.

מוסיאַ קורץ, וואָס האָט שוין אין איר יונג לעבן באַוויזן איבערצולעבן אַזוי פיל אַנטוישונגען און געפּירט אַ שווער לעבן „לשם קונסט", האָט פאַרשטאַנען, און מיט רעכט, אַז איצט קען זיך פאַר איר עפענען אַ ניי בלעטל אין איר לעבן — אַ רחבותדיק לעבן, — און זי וועט „פאַר דער קונסט" קענען מער אויפטון, האָבנדיק ביי איר זייט סמאָרגאָנסקין אַלס איר לעבנס־באַגלייטער.

די ידיעה וועגן דער חתונה פון סמאָרגאָנסקין מיט מוסיאַן איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ באָמבע און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע נישט נאָר אין ווילנע, נאָר אין דער גאַנצער יידישער טעאַטער־וועלט פון פוילן. מען האָט מקנא געווען די גליקלעכע מוסיאַ קורץ, וועלכער עס איז געלונגען „אַריינצוקריגן" — ווי מען האָט זיך אויסגעדריקט — דעם רייכן און ביז־גאָר אינטערעסאַנטן אַלטן בחור אין איר „נעץ". מוסיאַ קורץ האָט אים געבוירן אַ זון. די פרייד פון סמאָרגאָנסקין איז געווען אין לשער, וואָרום דאָס איז געווען דער ערשטער זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן

אין דער גאַנצער סמאָרגאָנסקי־משפחה, וועלכע האָט שטאַרק איבערגע־
לעבט דעם פאַקט, וואָס זייער שטאַם ענדיקט זיך אָן אַ יורש...

זייער קינד, יאַשאַ, איז אויסגעוואַקסן אַ בילד־שיינער בחור, וואָס
איז געווען אַ באַגאַבטער וויאָלין־שפּילער. מוסיאַ האָט זיך אַריינגע־
וואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און זי איז
געווען זייער אַקטיוו אין ווילנע. זי איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון
דער ייִדישער קונסט־געזעלשאַפט, פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט און פו־
נעם פּאַטראָנאַט פון דער ייִדישער דראַמאַטישער שול. פון צייט צו צייט
פלעגט זי אויך מיטשפּילן אין ייִדישן טעאַטער. ס. סמאָרגאָנסקי איז געווען
אַ זעלטענער מאַן און איבערגעגעבענער פאָטער, וואָס איז פאַר אַלע זיינע
פריינט געווען אַ גרויסע איבעררואַשונג.

נישט לאַנג פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה ווען איך האָב, צוזאַמען
מיט מיין פרוי, באַזוכט צום לעצטן מאָל ווילנע, שפּילנדיק דאָרט „פרווידס
טעאָריע פון חלומות", האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער היים פון די סמאָר־
גאָנסקיס. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז זיי האָבן באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין
אויסלאַנד, ווייל צוליב דעם שרעקלעכן אַנטיסעמיטיזם וואָס הערשט אין
פוילן, זעען זיי נישט קיין מעגלעכקייט פון אַ סיסטעמאַטישער דערציאונג
און צוקונפט פאַר זייער הייס־געליבטן איינציקן זון. זיי האָבן בדעה געהאַט
צו פאָרן קיין בעלגיע, וווּ סמאָרגאָנסקי האָט געהאַט משפּחה, און זיך דאָרט
אויפסניי איינאָרדענען.

איך ווייס נישט וואָס עס איז געוואָרן מיט דער סמאָרגאָנסקי־משפּחה
אין בעלגיע און אין אַנדערע לענדער (איין ברודער פון סמאָרגאָנסקי איז
געווען אַ באַרימטער אַרכיטעקט), אָבער איך ווייס, אַז מיט מיינע טייערע
פריינט סמאָרגאָנסקיס פון ווילנע האָט עס זיך זייער טרויעריק פאַרענ־
דיקט. זיי האָבן שוין נישט באַוויזן צו פאַרלאָזן ווילנע. זיי האָבן דאָרט
דורכגעמאַכט די נאַצישע אָקופּאַציע און זענען אומגעבראַכט געוואָרן, צוזאַ־
מען מיט זייער באַגאַבטן זון יאַשאַ — דעם יורש פון דער סמאָרגאָנסקי־
דינאַסטיע, אויף גאָר אַ שוידערלעכן אופן.

פעליקס רובינליכט

אין דער ייִדישער קינסטלער־וועלט אין פוילן האָט דער סקולפּטאָר פעליקס רובינליכט פאַרנומען גאָר אַ בכבודיק אָרט. ער איז געווען נישט נאָר איינער פון די גאָר־טאַלאַנטירטסטע ייִדישע סקולפּטאָרן, נאָר אויך איינער פון די איידלסטע, סובטעלסטע און צאַרטסטע מענטשן, וואָס ס׳איז מיר ווען עס איז אויסגעקומען צו באַגעגענען. ער האָט נישט געהערט צו די באָהעמיען־קינסטלער, וואָס האָבן מיט זייער עקסטראַוואַגאַנטן לעבנס־שטייגער און אויפפירונג געצויגן אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. פעליקס רובינליכט איז געווען איינער פון די ווייניקע אויסנאַמען אין דער ייִדישער קינסטלער־וועלט, וועלכע האָבן אויסגעמיטן אויסערלעכע טעאַטראַלישקייט, נאָר מיט זייער באַשיידנקייט און סאָלידקייט אַרויסגערופן צו זיך דרך ארץ און אָנזען. ער איז געווען נישט נאָר באַשיידן, נאָר ממש איבערגעטריבן־ערלעך און קינדיש־נאַאיוו — און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן. ער איז געווען פול מיט גלויבן און צוטרוי צו מענטשן און האָט נישט געהאַט

דעם ציניש צוגאַנג צום לעבן, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך קינסטלער.

פעליקס — אָדער, ווי זיינע נאָענטסטע האָבן אים גערופן: פעלעק — איז געווען נישט קיין הויכער, אָבער פעסט־געבויטער יונגערמאַן, מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ שיין, איידל פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי הימליש־בלאָע אויגן, וואָס האָבן געקוקט ווי פאַרחידושט אויף דער וועלט. ביז זיין טראַגישן טויט האָט ער געהאַט דעם זעלביקן אומשולדיקן אויסדרוק פון אַ קינד. ער האָט געהאַט אַ זעלטן גוטן כאַראַקטער און איז געווען אַ טייערער, האַרציקער און איבערגעגע־בענער חבר, וואָס האָט מיט זיין אוממיטלבאַרקייט געוווּנען די ליבשאַפט פון יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג.

פעליקס רובינליכט איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע ביי אַ חסידי־שער יחוסדיקער און אינטעליגענטער משפחה, וואָס האָט געצויגן זייער שטאַם פון ר׳ אַברהמל ווינאַווער — דער ערשטער דאַזאַר אין דער וואַר־שעווער קהילה. פעליקס׳ באָבע — שרהלע ווינאַווער־רובינליכט איז געווען אַ שוועסטער פונעם באַרימטן פעטערבורגער אַדוואָקאַט מאַקסי־מיליאַן ווינאַווער און פונעם וועלט־באַרימטן שאַכיסט שמעון ווינאַווער, וועלכער האָט געשפּילט שאַך מיט נאַפּאָלעאָן דעם 3טן און געוווּנען ביי אים די פּאַרטיע.

די רובינליכטס זענען אויך געווען פאַרבונדן מיט משפחה־פעדעם מיט שיִעלע קוטנער־טרונק און פּראַשקער פון אָזאָרקאָוו. פּראַשקערס זון איז געווען אַ באַקאַנטער דאָקטער אין לאָדזש און דער „הויף־דאָקטער״ פונעם גערער רבין.

פעליקס׳ פאָטער — ר׳ געצל רובינליכט — איז געווען אַ שיינער חסידישער ייִד, מיט אַ לאַנגער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד און ער איז אָנ־געגאַנגען אין וואַרשע פאַר אַ גרויסן חכם. באַוווּסטע פּוילישע אַדוואָקאַטן פלעגן זיך מיט אים מישב זיין וועגן קאָמפּליצירטע פּראָצעסן. ער האָט גערעדט אַ שיינעם פּויליש און אימפּאָנירט מיט זיין פּערזענלעכקייט. אַלס חסידישער ייִד האָט ער געזאָרגט דערפאַר, אַז אויך זיינע קינדער זאָלן גיין אין זיינע דרכים. די ייִנגלעך האָבן, פּונקט אַזוי ווי ער, געטראָגן

לאַנגע קאַפּאָטעס מיט יִדישע היטעלעך. פונדעסטוועגן האָט ער זיי נישט געשטערט צו בילדן זיך אין וועלטלעכע למודים.

געצל רובינליכט איז געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט. אַפילו אין וואַר־שעווער געטאָ האָט ער נישט פאַרלוירן די האָפענונג אויף בעסערע צייטן, וואָס וועלן נאָך קומען פאַר יִדן. — „די דייטשן מוזן פאַרשפּילן די מלחמה" — האָט ער אַלעמען געטרייסט — „און מיר, יִדן, וועלן בלייבן יִדן"...

די דייטשן האָבן טאַקע פאַרשפּילט די מלחמה, אָבער פריִער האָבן זיי, בעת די „אַקציעס" אין וואַרשעווער געטאָ, געכאַפּט ר' געצל רובינליכט, געהאַלטן אים 10 טעג אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" און דאָרט אים דערמאָר־דעט אויף אַן אַכזריותדיקן אופן. ער איז אַלט געווען 82 יאָר.

פעליקס' מוטער איז געווען זייער אַן אײדעלע, צאַרטע און קלוגע פרוי און האָט באַזעסן אַ סך אינטעליגענץ; געהאַט אַ געזונטן חוש פאַר שיינקייט און מסתמא האָבן די קינדער געירשנט פון איר דאָס געפיל פאַר שיינקייט. זי איז געשטאָרבן אין אָנהויב מלחמה.

די רובינליכטס האָבן געהאַט, קיין עין־הרע, 12 קינדער: 4 זין און 8 טעכטער — איינס שענער פונעם צווייטן, און אַלע — זייער באַגאַבט, אויף פאַרשיידענע געביטן. דער עלטסטער זון משה יאָסל, וואָס איז דער ערשטער אַרויס אין „דער ברייטער וועלט", האָט נאָכן באַקומען סמיכה אויף רבנות באַלייגט עקזאַמען אין וואַוועלבערגס פּאָליטעכניק. ער איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון ד"ר לודוויק זאַמענהאָף — דער שעפער פון עספּעראַנטאָ. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן, צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַ באַ־קאַנטע וואַרשעווער פּיאַניסטין, לוטאַ רובינשטיין, אין וואַרשעווער געטאָ.

נאָך משה יאָסלען איז געגאַנגען — יהודית. זי האָט געענדיקט דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט און גוט באַהערשט אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן. אַ פּאָר יאָר איז זי געווען אין קאַיראָ (עגיפּטן) ביי איר קוזין ד"ר סטאַניסלאַוו רובינליכט. דאָרט האָט זי זיך אויסגעלערנט פּערפעקט אַראַביש. זי האָט אויך געקענט גלענצנדיק העברעאיש. צודיקקומענדיק קיין וואַרשע האָט זי צונויפגעשטעלט אַן אַראַביש־פּוילישן ווערטערבוך. זי האָט אויך געאַרבעט אין דער וואַרשעווער יִדיש־פּוילישער טאָג־צייטונג „נאַש פּשעגלאָנד". פאַרן אויסברוך פונעם לעצטן קריג האָט זי געאַרבעט

ווי אַן אויבער־בוכהאַלטער און קאָרעספּאָנדענטין פון ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש און אַראַביש אין דער פּוילישער מלוכה־באַנק. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע און זיי זענען געקומען נאָך איר, האָט זי אין קעגנוואַרט פון דער משפחה איינגענומען „ציאַנקאַלי" און אין אַ פּאָר מינוט אַרום געשטאָרבן.

דער דריטער נאָך דער ריי איז געווען פעליקס, וועגן וועלכן איך שרייב ווייטער אויספירלעכער.

רות קאַרלינסקי

(סקולפּטור פון פעליקס רובינליכט)

נאָך פעליקסן איז געגאַנגען רות (רוטאַ) — די פרוי פונעם שרייבער ב. קאַרלינסקי (קאַרליניוס). זי האָט געענדיקט טראָפּס דענטיסטישע שול, אָבער קיינמאָל נישט פּראַקטיצירט ווי אַ צאָנדאָקטער, ווייל פּונקט ווי איר מאַן קאַרלינסקי, איז זי געווען פאַרליבט אין דער „שיינער קונסט" און נישט אין אַזעלכע פּראָזאאישע זאַכן ווי „ציין"... רוטאַ האָט געהאַט אַ פּאָעטישע נשמה, הגם זי האָט נישט געשריבן קיין פּאָעזיעס. זי איז געווען אַ מאָלערין, הגם זי האָט קיינמאָל נישט געמאָלן. איר ספּעציאַליטעט איז געווען „דעקאָראַטיווע קונסט". זי האָט פּראָיעקטירט און אַליין אויסגענייט די קאָסטיומען, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיטן געשמאַקפולן צוזאַמענשטעל פון די קאָלירן. זי האָט זיך אויך געלערנט טאַנצן ביי טאַטיאַנאַ וויסאָצקי און איז אויפגעטראָטן אין איר טאַנץ־אַנסאַמבל. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז זי אומגעקומען צוזאַמען מיט איר זון אורי־צבי קאַרלינסקי.

די פינפטע לויט דער ריי איז געווען צירעלע (צעשיאַ), אַ טעטיקע חלוצה, האָט געהערט צו דער „קדימה" און האָט אויסגעוואַנדערט קיין

ארץ־ישראל מיט 30 יאָר צוריק, צוזאַמען מיט איר מאַן ד״ר איגנאַצי שולדבערג.

ווייטער איז געגאַנגען — האַלינאַ, אַ דאָקטער פון כעמיע און ביאָלאָ־גיע. זי האָט געהאַט אַן אייגענע לאַבאָראַטאָריע אויף דער קופּיעצקע (מאַיזעלסאַ) גאַס, האָט אויך געאַרבעט אין „לינת הצדק״ און אין יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע. זי האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דער יידישער אָרעמקייט, געמאַכט אַנאַליזעס אָן געלט און אַרויסבאַקומען פאַר זיי אומ־זיסט מעדיצין. זי איז געווען זייער פּאָפּולער אין די אָרעמע וואַרשעווער געסלעך אַ דאַנק איר ברייטהאַרציקער הילף, וואָס זי האָט געטיילט. אַ חוץ דעם איז זי געווען אַ פאַרברענטע עספּעראַנטיסטקע. זי האָט געקעמפט דערפאַר, אַז אַ טייל דזשיקע גאַס, וווּ עס האָט געוווינט דער שעפער פון עספּעראַנטאָ, ד״ר לודוויק זאַמענהאָף, זאָל קריגן זיין נאָמען. זי איז אומ־געקומען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, צוזאַמען מיט איר מאַן און 5־יאָריקן זון.

נאָך איר איז געגאַנגען בעלאַ (באַלטשע), די שפּעטער באַקאַנט־געוואָ־רענע שוישפּילערין בעלאַ בעלערינאַ. נאָכן באַזוכן פּוילישע טעאַטער־קורסן, האָט זי אָנגעהויבן צו שפּילן פּויליש. שפּעטער איז זי אַריבער צום יידישן טעאַטער און חתונה געהאַט מיט דעם אָנגעזעענעם שוישפּילער פון דער „ווילנער טרופּע״ חיים שניאור. צוזאַמען מיט אַ טייל „ווילנער״ זענען זיי אַוועק קיין אַמעריקע.

נאָך בעלאַ בעלערינאַ גייט חיים שיעה (העניעק). פון פאַך איז העניעק רובינליכט געווען אַן עלעקטראָטעכניקער. נאָכן דורכמאַכן דעם וואַרשע־ווער געטאָ און אַלע שבעה מדורי גיהנום, האָט ער זיך באַזעצט אין קאַ־נאַדע. אַלט־זייענדיק 52 יאָר האָט ער אַנטדעקט אין זיך אַ נייעם טאַ־לאַנט — אַ סקולפּטאָרישן. ער האָט אויסגעשניטן פון האָלץ אַ פּרעכטיקן דענקמאָל נאָך די 6 מיליאָן אומגעקומענע יידן.

נאָך חיים שיעה גייט לעאָן רובינליכט (דער נייַנטער לויט דער ריי). ער האָט געאַרבעט אין אַ וואַרשעווער באַנק און געהאַט אויך זשורנאַליס־טישע פעאיקייטן. בעתן אויסברוך פונעם קריג איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. דאָרט איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין קאָמי. זיין פרוי איז האַנקאַ אַלטוסקאַ — די טאָכטער פונעם באַקאַנטן אָטוואָצקער פּענסיאָנאַט־אייגנ־

טימער. זי איז געווען באַקאַנט אין די ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן ווי „די גאָלדענע האַנקע". זי איז געווען אַ קוזינע פון דער אומגעקומענער שוישפּילערין מרים אָרלעסקאַ. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז האַנקאַ אַלטוסקאַ־רובינליכט פאַרשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים. צום גליק האָט זי זיך געראַטעוועט און געפינט זיך, צוזאַמען מיט איר מאַן לעאָן רובינליכט, אין ישראל.

דאָס צענטע קינד ביי די רובינליכטס איז געווען פייגעלע (פעלאַ), וועלכע האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אין פּאַריז און שטודירט דאָרט קאָסטיומאָלאָגיע. איר מאַן, ד״ר הערמאַן רובינשטיין, אַן אַמעריקאַנער בירגער, האָט אויך שטודירט אין פּאַריז. ווען די לעצטע מלחמה איז אויסגעבראָכן און די דייטשן זענען שוין געשטאַנען הינטער פּאַריז, איז פעלאַ, צוזאַמען מיט איר מאַן, אַוועק אין די פאַריייניקטע שטאַטן. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך אויף אַ גליקלעכן אופן געראַטעוועט.

ווען ס'איז ביי די רובינליכטס געבוירן געוואָרן דאָס עלפטע קינד — אויך אַ מיידל, — האָט מען שוין נישט געהאַט פאַר איר קיין נאָמען, נישט פונעם טאַטנס צד, נישט פון דער מאַמעס צד. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס צעטל פון אַלע טויטע אין דער משפּחה... האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן: פריידעלע. דאָס דאָזיקע קינד האָט אויף אַן אמת אַריינגעבראַכט אין הויז פון די רובינליכטס אַ סך פרייד. זי האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט צו מאָלעריי. אַלט זייענדיק 6 יאָר האָט זי שוין געהאַט איר ערשטע אויסשטעלונג אין דער יידישער קהילה. אַלט זייענדיק 14 יאָר איז שוין פריידעלע געווען אַ שילערין פון דער קונסט־אַקאַדעמיע און זי האָט געוווּנען דעם ערשטן פּרייז פאַר די בעסט־צוגעפּאַסטע סלאַווישע קאָלירן צו די וויטראַזשן אין דער קירך אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט. די קאָלירן זענען געווען אַזוי סובטעל, ממש דורכזיכטיק, פּונקט אַזוי ווי איר ווונדערבאַרע, יונגע נשמה. שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן צו מאָלן דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פאַר דער וואַרשעווער אָפּערע און פאַר די ״עווי־טעאַטערס. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. זי האָט אַפילו איבערגעלעבט דעם פּוילישן אויפשטאַנד. זי איז אָבער אויסגעגעבן געוואָרן דורך פּוילישע אויסוואורפן און דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן.

ווען ס'איז געקומען אויף דער וועלט דאָס צוועלפטע קינד פון די רובינליכטס (דאָס איז געשען בעתן ערשטן וועלט־קריג), האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן נחמה. זי האָט עס געזאָלט ברענגען נחמה אין שטוב פון די רובינליכטס, ווו עס האָט, צוליב דער מלחמה־זאַוויערוכע, פשוט פאַרפעלט מיט וואָס צו באַשפּייזן אַזוי פיל, קיין עין־הרע, עסערס... נחמהלע איז דערצויגן געוואָרן אין די ערגסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען. אָבער אויך זי איז אויסגעוואַקסן מיט אַ סך טאַלאַנט צו מאָלן טעאַטער־דעקאָראַציעס. זי האָט זיך קודם־כל ספּעציאַליזירט אין מאָלן דעקאָראַציעס צו די קינדער־פאָרשטעלונגען אין די שולן. אירע דעקאָראַציע־פּראָיעקטן זענען געווען זייער אָריגינעלע און איינפאַלעריש. ווען איך האָב געמאַכט אין וואַרשע יוסף אַפּאַטאָשוס פילם „אין פוילישע וועלדער", האָב איך זי אַנגאַזשירט צו דער מיטאַרבעט ביי פּראָיעקטירן די דעקאָראַציע־בויאונגען.

בעתן אויסברוך פונעם לעצטן וועלט־קריג איז נחמהלע רובינליכט, צוזאַמען מיט איר מאַן ראָמאַן לאַנדוי, אַנטלאָפן קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט זי פאַרנומען אַ הויכן, אָנפירנדיקן אַמט אינעם אָרטיקן טעאַטער־לעבן. ווען די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָט זי און איר מאַן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן און זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון די מערדערישע דייטשישע הענט.

איך האָב בכיוון אויסגערעכנט די גאַנצע באַגאַבטע רובינליכט־משפּחה, כדי בולטער אונטערצושטרייכן די סביבה אויף גענשע 29 אין וואַרשע, ווו פעליקס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

גייענדיק נאָך אין חדר צו ר' לייב אויף דער שמאָלע מילע גאַס 24, האָט פעלעק מיט אַ קליין מעסערל אויסגעשניטן פון קרייד דעם רבינס פּנים. אַלס דאַנק האָט אים דער רבי מכבד געווען מיט געשמאַקע פּעטש. פעלעק האָט אויך אויסגעשניטן דעם פאָטער זיינעם, ווי ער מאַכט קידוש, און בכלל — אַלץ, וואָס זיין אויג האָט געזען. אַלס יינגל פון 14 יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער אַ סקולפּטור פון זיין מוטער, ווען זי איז אָוונטצייט געזעסן און געטון עפּעס אַ האַנט־אַרבעט. דאָס איז געווען אַ ווונדערבאַרע שאַפונג, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „קאָנצענטרירונג".

גראָד אין דער צייט איז געקומען פון פּאַריז קיין וואַרשע פּראָפעסאָר קסאַווערי דוניקאָווסקי — אַ פריינט און תלמיד פונעם באַרימטן ראָדען. אין וואַרשע איז דעמאָלט פאָרגעקומען דער פּראָצעס צוליב זיין דועל מיטן באַקאַנטן רוסישן מאָלער פּאַווּלישאַק, וואָס איז בעתן דועל שווער פאַר־וווּנדעט געוואָרן און אין אַ פּאָר טעג אַרום געשטאָרבן. דועלירט האָבן זיי זיך צוליב אַ בילד־שיין יידיש מיידל, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטער חסידישער משפּחה פון וואַרשע. די געשיכטע האָט דעמאָלט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע. דוניקאָווסקי איז באַפרייט געוואָרן פון יעדער שטראָף.

ר׳ געצל רובינליכט, פעליקס׳ פאָטער, איז געווען אין געריכט בעתן פּראָצעס און ער האָט שפּעטער אָפּגעוואַרט דעם אַרויסגייענדיקן פּראָפע־סאָר דוניקאָווסקי. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים דערציילט זיין „טראַגעדיע״, אַז אויך ער האָט אַ זון אַ סקולפּטאָר און ווייסט נישט וואָס צו טון מיט אים. דוניקאָווסקי, אַ ביז־גאָר עקסצענטרישער אַרטיסט, איז אַזוי אַנטציקט געוואָרן מיטן אַלטן רובינליכטס פּאַטריאַרכאַלן פּנים, אַז ער האָט זיך מיט אים גלייך אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע און געפאָרן צו אים אַהיים אויף גענשע 29. ווען ער האָט דאָרט דערזען פעליקס׳ סקולפּטור „קאָנצענטרירונג״, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער האָט אים גלייך מיטגענומען צו זיך אין אַטעליע אויף פּשעסקאָק 4.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פעליקס רובינליכטס קאַריערע. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַנגע קאָפּאָטע, וואָס ער האָט געטראָגן און ער איז געוואָרן דוניקאָווסקיס אַ תלמיד אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַ־דעמיע, וועלכע ער האָט געענדיקט.

ביי דוניקאָווסקין האָט ער זיך אויך באַקענט מיט פּראָפעסאָר טראָ־יאַנאָווסקי, הענריק קונאַ, מינקאָווסקי און שמעון קראַטקאָ. אין אַ קור־צער צייט אַרום האָט פעליקס רובינליכט, צוזאַמען מיט קראַטקאָן, אָסטזשע־גאָן און יוסף זיידענבייטל, געדונגען אַן אייגענע „אַטעליע״ אין באַראָווּ־סקיס הויז אויף טוואַרדע גאַס 1 — פּאַנסקע 24.

אויף פעליקס רובינליכטס גורל איז אָפּט אויסגעפאַלן צו אַרבעטן צוזאַמען מיט דוניקאָווסקין אין פאַרשיידענע קירכעס. צווישן אַנדערע האָט די אָנפירערשאַפט פון דעם אַלטן קאָשטשיאָל, נעבן קיניגלעכן שלאָס,

נישט ווייט פון דער קערבעדזשיאַ־בריק, באַשטעלט ביי דוניקאָווסקין אַ ריזיקע האַלב־רעליעפע סקולפטור א״ב „זוויאַסטאָוואַניע״ (דער אָנזאָג). דאָס דאָזיקע ווערק האָט געדאַרפט פאַרנעמען די גאַנצע וואַנט. די ריזיקע וואַנט איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אין דוניקאָווסקיס אַטעליע. פאַר דער „הייליקער מאַריאַ״ האָט פּאָזירט מרים איזראַעלעס, — אָדער ווי מען האָט זי גערופן: טאָטשיע און איר שוועסטער סוניאַ, ווי אויך פעליקס רובינ־ליכטס אַ קוזינע, ליפשיץ — אַלע דריי יידישע קינדער... און געצל רובינ־ליכטס טעכטער: רוטאַ, בעלאַ, פריידעלע און נחמהלע האָבן פּאָזירט פאַר די מלאכימלעך. אַזוי, אַז די גאַנצע הייליקע וואַנט איז געווען געמאַכט פון יידישע קינדער, וואָס האָבן פּאָזירט פאַר דעם צוועק.

פונקט ווי זיין חבר אָסטזשעגאַ, האָט זיך אויך פעליקס רובינליכט גענומען צו דער מצבה־קונסט. זיינע מצבות האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אָריגינעלקייט און פיינעם געשמאַק. צווישן די באַקאַנטע קינסטלערישע מצבות אויפן גענשער בית־עולם, וואָס פעליקס רובינליכט האָט געמאַכט, געהערן די האַלב־רעליעפן אויף די מצבות פון באַקאַנטן וואַרשעווער דאָקטער ענדעלמאַן, די מצבה פון אסתר רחל קאַמינסקי און — פונעם פּראָפעסאָר קליין, וואָס איז געמאַכט געוואָרן קורץ פאַרן אויסברוך פונעם לעצטן קריג.

עס איז אויסגעבראָכן די לעצטע וועלט־מלחמה און צווישן די ער־שטע קרבנות האָט זיך געפונען פעליקס רובינליכט. ער איז שווער פאַר־וווּנדעט געוואָרן בעת דער דייטשישער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע. דער ביז־גאָר באַגאַבטער סקולפּטאָר פעליקס רובינליכט האָט פון די שווערע ווונדן, וואָס ער האָט באַקומען און פונעם גרויסן בלוט־אָפּפלוס — אויס־געהויכט זיין שיינע, איידעלע נשמה. ער האָט זיך פאַרשפּאָרט ווייטערדי־קע ליידן, וועלכע עס האָבן געהאַט אויסצושטיין זיינע משפחה־מיטגלידער, איידער זיי זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

אברהם זיינפעלד

צווישן די בעסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען עס איז געטראָפן אין מיין לעבן, פאַרנעמט דעם אויבנאָן בלי שום ספק אַברהם זיינפעלד.

איך האָב זיך מיט זיינפעלדן באַקענט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1924, אין קראָקע, ווען כ'האָב דאָרט געשפּילט מיטן „וויקט". איך האָב זיך מיט אים באַקענט, פּונקט ווי אַלע איבעריקע חברים מיינע פון „וויקט" האָבן זיך מיט אים באַקענט. אָבער מירביידע פלעגן זיך פילן עפּעס נענטער איינער צום צווייטן. מיר פלעגן אָפט שפּאַצירן איבער די קראָ־קעווער „פּלאַנטן" און פאַרברענגען דאָרט שעהן־לאַנג אין זייער אינטערע־סאַנטע שמועסן (פאַר מיר יעדנפאַלס). די פּאָר וואָכן, וואָס איך בין געווען אין קראָקע, האָב איך יעדע פרייע מינוט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט מיין נייעם פריינט אַברהם זיינפעלדן.

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען גייענדיק אַמאָל אויף די גאַסן פון טאַרנע, ווו מיר האָבן געשפּילט נאָכן פאַרלאָזן קראָקע, האָב איך גאַנץ אומדערוואַרט דערזען פאַר זיך זיינפעלדן.

— מיר האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן אונדזער שמועס, בין איך, עבן, דאָ... — האָט ער מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט און מיר דערלאַנגט אַ פעסטן האַנט־דרוק, אין וועלכן מען האָט געפילט די גאַנצע וואַרעמקייט פון זיין גרויס, הייס האַרץ. עס איז צווישן אונדז געשלאָסן געוואָרן אַ גרויסע פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרנלאַנג; אַ פריינט־שאַפט, וואָס איז נישט געווען געבויט אויף קיין שום אייגננוצן אָדער פּער־זענלעכע אויסרעכענונגען, — אַ פריינטשאַפט פון צוויי הערצער, וואָס האָבן זיך דערפילט, פאַרשטאַנען און דערגענצט.

זיינפעלדן האָט מען גיכער געדאַרפט דערפילן, ווי פאַרשטיין. אים איז זייער שווער אָנגעקומען אַרויסצובורענגען זיינע פאַרבאָרגענע געדאַנקען און באַקליידן זיי מיט ווערטער. מסתמא האָט ער אין די קינדער־יאָרן דורכגעמאַכט עפּעס אַ נערוון־שאָק אָדער אַ קראַנקייט, וואָס האָט געלאָזט אויף אים אַ חותם. עס איז אים זייער שווער אָנגעקומען אויפצובויען אַ לענגערן זאַץ. זיין געדאַנקען־גאַנג איז געלאָפן אויף אַ מהלך ווייט פאָרויס, און די ווערטער זיינע זענען געבליבן הינטערשטעליק. האָט ער איבערגעריסן אינמיטן, כדי נאָכצולויפן זיינע ווייטערדיקע געדאַנקען. איז אים טאַקע שווער געווען צו פאַרשטיין. ווער עס האָט אים בעסער געקענט, האָט שוין זיינע געדאַנקען אַרויסגעלייענט פון זיינע גוטע, ממש קינדישע גרוי־גרינע אויגן, אָדער דערפילט עס אין דרוק פון זיין קרעפּטיקער האַנט. הגם אַ ייִד אַ סוחר — ער האָט געהאַט צייטן, ווען ער איז געווען פאַררעכנט צו די גרעסטע לעדער־סוחרים אין פּוילן — האָט איר, קוקנדיק אויף אים, גלייך דערפילט עפּעס אַן אַנדערשקייט, וואָס האָט אים אונטערשיידט נישט נאָר פון די סוחרים, נאָר פון אַלע מענטשן פון אייער אומגעבונג.

אַ מיטל־וווּקסיקער פעסט־געבויטער, מיט אַ ברייט, כמעט מאָנגאָליש, פּנים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט קליינע וואָנצעלעך (די לעצטע צייט האָט ער שוין קיין וואָנצעס נישט געטראָגן), האָט איר שטענדיק געזען זיינפעלדן מיט אַ שמייכל אויפן פּנים און מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. די פּאַפּיראָסן האָט ער אַליין געמאַכט, ד״ה אַריינגעוויקלט דעם טאַבאַק אין ביבולקע־פּאַפּיר, פאַרדרייט אים, באַנעצט מיט דער צונג און אַריינגעשטעלט אין די ליפּן. דעם פּאַפּיראָס האָט ער ערשט דעמאָלט אַרויסגענומען, ווען ער האָט אים שוין אָנגעהויבן צו ברענען די ליפּן...

אויסערלעך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָפּגעלאָזענעם, נישט־אָרגאַניזירטן מענטש. ער איז אָבער געווען דער היפּוך דערפון: פול מיט ענערגיע, קאָנסעקווענט און צילבאַוווסט. ווען ער האָט זיך ´גענומען אין געדאַנק אַריין אַ געוויסן פּלאַן, איז שוין נישט געווען קיין שום זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן דאָס צו רעאַליזירן. טיילמאָל האָט מען שוין וועגן דעם אינגאַנצן פאַרגעסן און מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אויך ער האָט וועגן דעם שוין לאַנג פאַרגעסן. ס'איז אָבער געווען

פּונקט פּאַרקערט. ער האָט דערווייל באַוויזן אויסצואַרבעטן אַ קאָנקרעטן פּלאַן, ביז די קלענסטע פּרטים, און קומען צו אייך מיט אַ פּאַרטיקער זאַך. אויף אים קען מען טאַקע זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מענטש נישט פֿון ווערטער, נאָר פֿון מעשׂים.

אַברהם זיינפעלד און זיין פֿרוי, די ווונדערלעכע חנה — אַ שוועסטער פֿונעם דיכטער שמואל יעקב אימבער — האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. האָט ער די פֿעלנדיקע ליבשאַפֿט איבערגעוואָרפֿן אויף דער יידישער ליטע־ראַטור, קונסט און טעאַטער. נישט געווען, דוכט זיך, קיין בוך, וואָס איר זאָלט נישט קענען געפֿינען אין זיין גרויסער, אומשאַצבאַרער ביבליאָטעק. ער האָט זיי געצערטלט ווי אַ ליבנדיקער פֿאָטער צערטלט זיינע קינדער. די זעלביקע באַציאונג האָט ער אויך געהאַט צו די מחברים פֿון די ביכער. ווי גליקלעך איז ער געווען ווען ער האָט אַ יידישן מחבר געקענט העלפֿן ביים אַרויסגעבן זיין ווערק. נישט איין יידישן שרייבער האָט ער אינספּי־רירט אַרויסצוגעבן זיין בוך שאַפֿונגען און דערביי, אַ פֿאַרשעמטער, ווי ער וואָלט, חלילה, דערמיט געקענט באַליידיקן דעם מחבר, אים פֿאָרגעלייגט, אַז ער וועט פֿינאַנסירן די אויסגאַבע. געטון האָט ער עס שטילערהייט, אָן זעלבסט־רעקלאַמע, אָן רעש און טומל. און אויב מען האָט זיך דערפֿון דערוווּסט, איז עס געשען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער געגעבענער שריי־בער אַליין האָט עס דערציילט. אין אַן עת צרה האָט אַ יידישער שרייבער, אַ יידישער קולטור־טוער, אַ יידישער קינסטלער געהאַט אַן אַדרעס: אַברהם זיינפעלד. ער איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע אין בעסטן זין פֿון וואָרט.

אויך איך האָב מיין קינסטלערישן באַרג־אַרויף צו פֿאַרדאַנקען אַברהם זיינפעלדן. ווען איך האָב סוף יאָר 1925 גאַסטראָלירט, צוזאַמען מיט מיין פֿרוי, אין קראָקעווער יידישן טעאַטער, האָט מיר זיינפעלד פֿאָרגעלייגט צו באַזעצן זיך אין קראָקע און דאָרט אָרגאַניזירן אַ יידיש דראַמאַטיש טעאַטער. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז זייער אַ ריזיקאַלישער עקספּע־רימענט, ווייל אָן געזעלשאַפֿטלעכער שטיצע קען אין קראָקע — אין דער שטאָט פֿון אַזעלכע שאַרפֿע קאָנטראַסטן און קעגנזאַצן, ווי אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פֿון איין זייט און חסידיש־קאָנסערוואַטיווע — פֿון דער אַנדע־רער זייט, אַ שטענדיק טעאַטער נישט האָבן, לויט מיין מיינונג, קיין עק־זיסטענץ־מעגלעכקייט.

— עבן — האָט זיינפעלד געענטפערט מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל — איך מיין טאַקע, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, וואָס זאָל אויסהאַלטן דאָס טעאַטער. אָבער איך וועל זיך נעמען דערצו, אויב דו, יאָנאָס, וועסט מסכים זיין איבערצונעמען די קינסטלערישע אָנ־פירונג פונעם טעאַטער.

פאַרשטייט זיך ,אַז איך האָב געגעבן מיין הסכמה. אָבער דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט געגלויבט אין אַזאַ מעגלעכקייט. ווי איבעראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב אין אַ צייט אַרום, זייענדיק אויף מיין טור־נע, דערהאַלטן אַ טעלעגראַם, אונטערגעשריבן פון ד״ר משה קאַנפער, דעם רעדאַקטאָר פונעם קראָקעווער „נאָווי דזשענניק״, איך זאָל תיכף קומען קיין קראָקע, כדי צו פינאַליזירן דעם ענין וועגן קראָקעווער טעאַטער.

זיינפעלדן איז געלונגען צו פאַראינטערעסירן מיט דער אידעע פון אַ שטענדיקן יידישן ערנסטן טעאַטער אַלע קרייזן פון דער קראָקעווער יידישער געזעלשאַפט און עס איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט.

דער קאָמיטעט פונעם קראָקעווער געזעלשאַפטלעכן יידישן טעאַטער איז באַשטאַנען פון ש. פרוינד (פאָרזיצער), ד״ר משה קאַנפער (פאָרזיצער פונעם קינסטלערישן ראַט), ד״ר לעאָן פיינער, י. האַלפּערן, מ. וועלנער, ד״ר וו. אַלעקסאַנדראָוויטש, גרינבערג, בער האָראָוויץ, פאַנצער, מ. פּי־שער, אינזשיניער ראָזמארין און — די נשמה פון דער גאַנצער אונטער־נעמונג — אַברהם זיינפעלד. אויף די ערשטע הוצאות האָבן זיך באַשטייערט די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט מיט דער סומע פון 50 ביז 300 גילדן. דאָס טעאַטער איז געעפנט געוואָרן דעם 23טן אָקטאָבער 1926 ביי אַ פייערלע־כער, געהויבענער שטימונג, מיט אַלטער קאַציזנעס „דוכוס״. דערנאָך זע־נען אויפגעפירט געוואָרן: מענדעלע מוכר ספרימס „פריזיוו״, ערנסט טאָלערס „הינקעמאַן״, שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער״, בנימין רעסלערס „ליכט און שאָטן״, מ. בערקאָוויטשס „מאַשקעלע חזיר״, וויס־פּיאַנסקיס „ריכטער״ און „דניאל״, געאָרג קייזערס „פון פרימאָרגן ביז חצות״, שלום אַשס „מאָטקע גנב״, דוד פּינסקיס „אוצר״, בען דזשאָנסאָנס „וואָלפּאָנע״ און 3 מוזיקאַלישע אויפפירונגען. דורכן סעזאָן זענען געגעבן געוואָרן 124 פאָרשטעלונגען, וועלכע עס האָבן באַזוכט 40.000 מענטשן.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע כוחות: דיאַנאַ בלומענפעלד, מאַניע ראָזען, רחל האָלצער, דוד שערמאַן, האַנקאַ אינגאַרד־ראַקאָווער, חיים ניסנצווייג, חיים בראַקאַזש, מאַניע אייזען־אָרענשטיין, לעאָן הערבסט־סטאַוו, זיגמונט באַדער, יוסף אָרען, י. מעסינגער, מ. זילבער, יוליאַן וויטקאָווער־וויט, מ. וואָלמוט, רות וועלנער, ב. רעסלער, — און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. דעקאָראַציעס האָבן געמאָלן: וואַלדמאַן, טשאיקאַ און וועבער. מוזיק — דירעקטאָר לעאָן שפּערבער.

דער ערשטער פּרווו צו שאַפן אַ שטענדיק ייִדיש, בעסער טעאַטער אין קראָקע איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַ פולקום געלונגענער. ס׳איז גע־שאַפן געוואָרן אַ וואַרעמער קאָנטאַקט צווישן די ייִדישע אַרטיסטן און טעאַטער־פּובליקום אין קראָקע, וועלכע זענען פריִער געשטאַנען ווייט פונעם ייִדישן וואָרט בכלל און פונעם ייִדישן טעאַטער בפרט.

אויף דער זיצונג פונעם קראָקעווער שטאָטראַט, דעם 12טן אַפּריל 1927, האָט דער ייִדישער ראַטמאַן פון „בונד" — ד"ר שרייבער, אַריינ־געטראָגן אַ פאָרשלאַג צו סובסידירן דעם קראָקעווער ייִדישן טעאַטער. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן.

אַ דאַנק זיינפעלדן איז אין קראָקע געשאַפן געוואָרן דאָס ערשטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טעאַטער, וואָס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילן סובסידירט געוואָרן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, און אַ דאַנק זיינפעלדן בין איך געוואָרן דער ערשטער קינסטלערישער אָנפירער פון אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער.

אַברהם זיינפעלד איז אויך געווען איינער פון די טיכטיקסטע „ייִוואָ"־שטיצער. בעתן אַלוועלטלעכן „ייִוואָ"־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1935, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווילנע, האָט ער פּראָקלאַמירט די גרינדונג פונעם ייִדישן קונסט־מוזיי ביים „ייִוואָ". מאַרק שאַגאַל האָט דעמאָלט געהאַלטן די פייערלעכע דערעפענונגס־רעדע. אַברהם זיינפעלד איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דער קונסט־קאָמיסיע און פאַר דעם אָרגאַ־ניזיר־סעקרעטאַר. זיינפעלד האָט צוגעשטעלט דעם פּראָיעקט פאַר דעם אויפבוי פונעם „ייִוואָ"־קונסט־מוזיי, ווו ס׳זאָל ווערן קאָנצענטרירט און רעגיסטרירט דענקמעלער פון ייִדישער קונסט, קינסטלערישן פאָלקלאָר און אַלטערטימער־אַרכיוו פון בילדער און פאָטאָגראַפיעס.

די לעצטע צייטן איז זיינפעלדן שוין נישט געגאַנגען אַזוי גוט מאַ־טעריעל. משמעות, אַז ער האָט פאַרוועגדט זיין פאַרמעגן פון געשעפט אויף זיינע אידעאישע אונטערנעמונגען, וועלכע ער האָט געשטיצט נישט נאָר מיט אַ ברייט האַרץ, נאָר מיט נאָך אַ ברייטערער קעשענע.

ווען איך האָב זיך מיט זיינפעלדן געזען ערב דעם לעצטן וועלט־חורבן אין לעמבערג, האָט ער מיר געמאָלן פּלענער, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום אין שייכות מיטן איבערנעמען דורך מיר דאָס ניי־אויפגעבויטע יידישע טעאַטער אין לעמבערג. ליידער זענען אונדזערע אַלעמענס פּלענער אַזוי ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן.

דער זעלטענער מענטש אַברהם זיינפעלד — דער ל״וואָווניק פון אונדזער פריצייטיק־פאַרשניטענער וועלט, געפינט זיך שוין נישט מער צווישן די לעבעדיקע. צוזאַמען מיט זיין ליבער און טייערער חנהלען. און צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, דעם דיכטער ש. י. אימבער, איז ער אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע ביי טאַרנאָפּאָל.

מיט אַברהם זיינפעלדן האָט דאָס פּוילישע יידנטום פאַרלוירן איינע פון די שענסטע און פאַרבנרייכסטע געשטאַלטן.

יואל בערגמאַן



דער שוישפּילער יואל בערגמאַן איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אין יאָר 1900, ביי אַ חסידישער משפּחה. דער זיידע זיינער, ר׳ דודל לובלינער איז געווען גוט באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט. יואל האָט באַקומען אַ גוטע יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. ער האָט פון זיך גיך אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע און צום צער פון זיין משפּחה, איז ער אַוועק אויף אַנדערע וועגן, ווייט פון די, וואָס עס האָט אָנגעצייכנט זיין זיידע ר׳ דודל לובלינער.

נאָך אַלס יונגער בחור האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען אין שניאורס כאָר און באַלד דערנאָך — געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין דער „ווילנער טרופּע". ווען דער „אַראַראַט", אונטער משה בראָדערזאָנס אָנפירונג, איז נאָך דער ערשטער שפּאַלטונג פונעם טעאַטער ווידער געקומען קיין וואַרשע און אָנגעהויבן צו שפּילן אין „סקאַלאַ"-טעאַטער, איז יואל בערגמאַן צוגעשטאַנען צום דאָזיקן אַנסאַמבל.

פּונקט ווי דער „אַראַראַט" האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים, האָט אויך יואל בערגמאַן „געוואַנדערט" פון איין טעאַטער צום צווייטן. אין יאָר 1931 איז ער געווען אַנגאַזשירט אין „עליזעאום"-טעאַטער, ווו ער האָט געשפּילט אין ווייכערטס אויפפירונג פון אַשס „רעווערענד זיל־

בער". ער האָט אויך געשפּילט אין מ. ארנשטיינס אויפפירונג פון „אַזעף", אין גאָטעספעלדס „פּרנסה", אין ליכטס אויפפירונג פון שלום עליכמס „פאַרכשופטער שניידערל" און אין זיגמונט טורקאָווס אויפפירונג פון „ראַספּוטין", אין וועלכער בערגמאַן האָט געשפּילט „צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן".

אין יאָר 1935 איז יואל בערגמאַן געווען מיטן „אַראַראַט" אויפן טורנע איבער פראַנקרייך, בעלגיע און ענגלאַנד. ער האָט זיך אין משך פון אַ פּאָר יאָר שוישפּילעריש שטאַרק אַנטוויקלט און פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין יידישן טעאַטער. ער האָט אויך אַ געוויסע צייט געשפּילט אין דער טרופּע פון אידאַ קאַמינסקי און אויך אין דער וואַנ־דער־טרופּע פון אַברהם מאָרעוווסקי. אין יאָר 1936 האָט בערגמאַן גע־שפּילט אין דער יידישער רעוויע אין וואַרשעווער „נאָוואָשטשי"־טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון קראָשטשאָר און ווינדער, דערנאָך — אינעם זעלביקן טעאַטער מיט די גאַסטראָלירנדיקע דאָרט אַמעריקאַנער שוישפּי־לערס היימי דזשייקאָבסאָן און מרים קרעסין. אין יאָר 1938 האָט בערג־מאַן געגרינדעט אין ווילנע, צוזאַמען מיט דוד בירנבוים, יעקב רייזנגלאַס, שמואליק גאָלדשטיין, חיהלע שיפּער, מאָטל קאָן, מאַשאַ פּעטערמאַן און אסתר גרובער, אַ קליינקונסט־טעאַטער „באַלאַגאַנעידן", וואָס האָט אָנגע־האַלטן ביזן אָנהויב פונעם צווייטן וועלט־קריג. דאָס דאָזיקע טעאַטער האָט געשפּילט אויסער אין ווילנע, אויך אין גראָדנע, ביאַליסטאָק, ראָוונע, לעמבערג און פאַרענדיקט — אין לאָדזש.

יואל בערגמאַן איז געווען אַ באַגאַבטער כאַראַקטער־אַקטיאָר, מיט אַ גרויס געפיל פאַר הומאָר. אין לעבן און אויף דער בינע. אַלס מענטש — זייער אַן אינטעליגענטער, באַלעזענער, האָט באַזעסן אייניקע אייראָפּעאישע שפּראַכן און זיך גוט אָריענטירט אין פּאָליטיק, צו וועלכער ער האָט געהאַט אַ גרויסע ליידנשאַפט; געווען זייער אַ גוטער און האַרציקער חבר און שטאַרק באַליבט ביי אַלע. ער האָט געהאַט אַן ערלעכן כאַראַקטער און נישט געשעמט זיך יענעם צו זאָגן אין די אויגן אַריין וואָס ער האָט וועגן אים געטראַכט. ווען עמעצער האָט אים אַריינגעזאָגט אָדער געקיביצט, האָט ער קיינמאָל אויפן אָרט נישט רעאַגירט. ער האָט עס געטון מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. ער האָט זיך תמיד פאַרשפּעטיקט. ערשט אין אַ צייט

אַרום, ווען יענער האָט שוין וועגן דעם געהאַט פאַרגעסן, איז בערגמאַן צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט: — וואָס האָסטו מיר עפּעס נעכטן געזאָגט?... — און אַרויסגערעדט האָט ער עס, ווי תּמיד, מיט אַן ערנסטן אויסדרוק אויפן פּנים און פאַרענדיקט מיט אַ וויץ. ער האָט בכלל געשיט מיט וויצן.

בערגמאַן האָט פיינט געהאַט ווען די חברים האָבן אים גערופן — „ר׳ יואל". היות ער איז געווען דער עלטסטער אין דער טרופּע פון „אַראַראַט", האָט ער געהאַלטן, אַז מיטן צוגעבן צו זיין נאָמען יואל דעם „ר׳", ווילן זיינע חברים דערמיט אונטערשטרייכן, אַז ער איז נישט קיין יונגערמאַן.

האָט אים דער אַקטיאָר פון „אַראַראַט" שמואליק גאָלדשטיין אָפּגעטון אַמאָל אַ שפּיצל. אַרויסגייענדיק נאָך אַ ביינאַכטיקער פאָרשטעלונג פון „נאָוואָשטשי"־טעאַטער אין וואַרשע, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ ייִדיש ייִנגל, וואָס פלעגט שטיין אויף דער ביעלאַנסקע גאַס און פאַרקויפן צוקער־לעך. גאָלדשטיין האָט געגעבן דעם ייִנגל אַ מטבע, ער זאָל נאָכשרייען בערגמאַנען אויפן גאַנצן קול: „ר׳ יואל". ווי נאָר בערגמאַן איז אַרויס־געקומען פונעם טעאַטער אויף דער גאַס, האָט זיך דערהערט דאָס געשריי פונעם ייִנגל: „ר׳ יואל, ר׳ יואל, ר׳ יואל"... בערגמאַן איז געוואָרן שטאַרק אין כּעס און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט נעמען נקמה פון די איני־ציאַטאָרן פונעם דאָזיקן שפּאַס. פון דעמאָלט אָן האָט מען אים געגעבן אַ צונאָמען: „גאָט פון נקמה"...

ווען ער איז אַרומגעפאָרן מיטן „אַראַראַט" אין אויסלאַנד, האָט ער ליב געהאַט זיך אָפּצושטעלן פאַר יעדן דענקמאָל און הויך אויפן קול אויסרעכענען אַלע דאַטעס און די גאַנצע געשיכטע פון די פאַרדינסטפולע מענטשן, אין וועמעס אָנדענק מען האָט געשטעלט די דענקמאָלן. ער איז באמת געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע.

יואל בערגמאַן איז געווען אַ הויכער און אַ שלאַנקער. ער האָט אָבער געהאַט אַ געוווינהייט צו גיין מיט איין פּלייצע אַרויפגעצויגן; דעם קאַפּעליוש פאַררוקט פון הינטן און מיט די הענט פאַרלייגט פון הינטן. ער פלעגט אָפט שפּאַצירן איבער די גאַסן און רעדן צו זיך אַליין. ווען מען

האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט עס, האָט ער געענטפערט: איך טראַכט הויך...

ער האָט אויך געהאַט אַ געוווינהייט צו פאַרכלינען זיך ביים רעדן מיט אַ „פכי״, וואָס איז געגאַנגען פון האַלדז דורך דער נאָז. די זעלביקע טבע האָט געהאַט אויך דער רעזשיסאָר דוד הערמאַן. העלפט גאָט און מען אַנגאַזשירט צום ערשטן מאָל בערגמאַנען צו די „ווילנער״ אין טרופּע און דוד הערמאַן רעזשיסירט.

בעת אַ פּראָבע האָט הערמאַן געהייסן בערגמאַנען ער זאָל אים נאָכמאַכן אַ געוויסע סצענע (הערמאַן האָט געהערט צו די רעזשיסאָרן, וועלכע האָבן נישט געגעבן דעם אַקטיאָר די פרייהייט אַליין צו שאַפן). הערמאַן האָט בערגמאַנען פאָרגעשפּילט אַ סצענע און געהייסן אים נאָכמאַכן. בערגמאַן האָט נאָכקאָפּירט און נאָכגערעדט הערמאַנען מיטן זעלביקן „פכי״, פּונקט אַזוי ווי הערמאַן און ער אַליין האָט עס געטון. הערמאַן איז געוואָרן שרעקלעך אין כעס און איבערגעריסן די פּראָבע. ער האָט גלייך געהייסן אַרויפרופן אויף דער בינע דעם דירעקטאָר מאַזאַ און אים געפרעגט אַנ־ווייזנדיק אויף בערגמאַנען:

— וואָס פאַר אַ חוצפּהדיקן יונגנמאַן האָט איר צוגענומען אין טרופּע, וואָס מאַכט חוזק פון מיר?!...

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז בערגמאַן געווען אין וואַרשע. ער איז אַנטלאָפן, צוזאַמען מיט זיין צוקונפטיקער פרוי, די אַקטריסע חיהלע שיפער, קיין ביאַליסטאָק, ווו זיי האָבן חתונה געהאַט. ווען דזשיגאַן און שומאַכער האָבן געגרינדעט אין ביאַליסטאָק דעם מיניאַטור־טעאַטער, איז אויך בערגמאַן געוואָרן דאָרט אַנגאַזשירט. ער האָט מיט דעם טעאַ־טער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן טורנע איבער רוסלאַנד, שפּילנדיק, צווישן אַנדערע, אין מאָסקווע, לענינגראַד און טיפליס. די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה האָט זיי פאַרכאַפּט אין אָדעס.

פון אָדעס האָט זיך בערגמאַן מיט דער טרופּע עוואַקויִרט קיין כאַר־קאָוו און פון דאָרט — קיין טאַשקענט. פון טאַשקענט זענען זיי געפאָרן קיין אַשכאַבאַד (טורקמעניע). דאָרט איז די טרופּע אַנגאַזשירט געוואָרן צו עטלעכע פּויליש־רוסישע פילמען, ווי אויך געשפּילט אין אַ קינאָ אויף רוסיש. אין אַשכאַבאַד — די לעצטע שטאָט אין זיין וואַנדערונג —

איז בערגמאַן קראַנק געוואָרן אויף בויך־טיפוס. דעם 17טן פעברואַר איז ער געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אַ יונגע פרוי — די אַקטריסע שיפער — און אַ דריי־יאָריקן זון, וועלכער איז אין אַ צייט אַרום אויך געשטאָרבן אין קאגאַן (אוזבעקיסטאַן).

די אַקטיאָרן האָבן זייער באַליבטן חבר יואל בערגמאַן געשטעלט אַ שיינע מצבה אויפן קבר אין דעם ווייטן לאַנד און האָבן צוגעזאָגט אַריבער־צופירן זיינעביינער אין זיין היימשטאָט וואַרשע...

יצחק ברוינער

צווישן די יונגע מאָלערס, וואָס האָבן דורכגעמאַכט כמעט אַלע ריכ־טונגען, נאָכן אַנטשטיין פון אימפּרעסיאָניזם, איז געווען יצחק ברוינער פון לאָדזש. אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפונגס־פּראָצעס איז יצחק ברוינער געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די גרויסע מאָלערס פּאַבלאָ פּיקאַסאָ און אַנרי מאַטיס. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרייניקן די מאָלערישע ווערטן מיט דער טעמאַטיק, צוגעבנדיק צו זיי דורכויס ייִדישע פאָרמען. זיין מענטאַליטעט איז געווען דורך און דורך אַ ייִדישע. אין זיינע אַרבעטן האָט ברוינער געשעפּט פונעם ייִדישן פאָלקלאָר. אַ דאַנק זיין גרויסער אינטואיציע האָט ער באַוויזן אַרויסצוברענגען פון די פאַר־באָרגנסטע שטריכן — דאָס וועזנטלעכע. ער האָט זיך נישט תמיד גע־רעכנט מיט די טעאָרעטיש־מאָלערישע פּרינציפּן און זיין פאָרם איז אָפט געווען אַ געבראָכענע.

ברוינער האָט כסדר געזוכט און עקספּערימענטירט. יעדער עקספּערי־מענט זיינער איז געווען אָריגינעל און אַ טריט פאָרויס אויף זיין קינסט־לערישן וועג. זיינע אַרבעטן זענען געווען אַ פּראָדוקט פון זיין מאָלערישער וויזיע — רייך און אינטערעסאַנט.

יצחק ברוינער איז אויך געווען אַ גלענצנדיקער — און אפשר איינער פון די בעסטע ביי אונדז — צייכענער. זיינע צייכענונגען זענען געווען סטיליזירט און טעכניש פאַרשיידנאַרטיק. ער איז אויך געווען אַ גרויסער קינסטלער אין אויסקלאַפּן קונסט־בלעכן פון קופּער, מעש און מעטאַל. זיינע קאָמפּאָזיציעס זענען געווען מייסטערהאַפטיק סיי אין זייער אויסדרוק, סיי אין דער פאָרם.

אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון יונגע ייִדישע קינסטלער פלעגן נאָכמאַכן און נאָכקאָפּירן ברוינערן; זיי זענען געווען אונטער זיין השפעה ביים אויס־קלאַפּן קונסט־בלעכן.

יצחק ברוינער האָט פאַרנומען איינע פון די ערשטע ערטער צווישן די בעסטע פויליש־ייִדישע מאָלערס. און פונקט אַזוי אָריגינעל און טעמ־פּעראַמענטפול ווי ער איז געווען אַלס מאָלער, איז ער אויך געווען אין זיין פּערזענלעכן לעבן. ער האָט פאַרמאָגט אַן אומבאַגרענעצטע סטיכישע קראַפט, וועלכע מען קען פאַרגלייכן צו אַ ווולקאַן, וואָס וואַרפט אַרויס זיין לאַווע. זיין לעבן איז געווען פול מיט שעפערישקייט.

יצחק ברוינער האָט דער ערשטער, צוזאַמען מיט משה בראָדערזאָן, י. מ. ניימאַן און הענעך קאָן, געשאַפן, אין יאָר 1922, דאָס ייִדישע מאַריאָ־נעטן־טעאַטער אין פּוילן, אונטערן נאָמען „חד גדיא״, וואָס האָט אויף אַן אינטערעסאַנטן, סאַטירישן אופן אָפּגעשפּיגלט די ייִדישע ליטעראַרישע, קינסטלערישע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן. די אַלע „פּופּן־אַקטיאָרן״ האָט ברוינער אַליין אויסגעפורעמט און אויסגעפּאַרטיקט. דאָס דאָזיקע מאַריאָ־נעטן־טעאַטער האָט געהאַט אַ שטורמישן דערפאָלג אין וואַרשע, לאָדזש און ווילנע. דאָס טעאַטערל האָט צוגעגרייט פּראָגראַמען, וועלכע זענען געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ.

ברוינער האָט זיך אויך פאַרמאָסטן צו געבן אַ ריי אָריגינעלע דעקאָ־ראַציעס פאַר די קליינקונסט־טעאַטערס אין פּוילן און ער האָט עס געטון מיט דערפאָלג. ער האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט אידעען פאַר ייִדישע פילמען, וואָס זענען אָבער נישט רעאַליזירט געוואָרן.

פונקט ווי יצחק ברוינער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: וואַצעק, איז געווען אָנערקענט אַלס קינסטלער, האָט מען אים אויך ליב געהאַט אין פּריוואַט־לעבן. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט און אויסהערן זיינע מעשיות, וועלכע ער פלעגט זייער שיין דערציילן. די דאָזיקע מעשיות זענען ס׳רוב געווען אַ פּראָדוקט פון זיין רייכער פאַנטאַזיע. ער האָט זיי אָבער אַזוי שיין „דערלאַנגט״, אַז מען האָט זיך מיט פאַרגעניגן צוגעהערט צו זיי. ער איז געווען אַ ווונדערבאַ־רער דערציילער און ער האָט געהאַט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר.

אַלס גרויסער פריינט פונעם „שיינעם מין״, פלעגט ער אָפט דערציילן וועגן זיינע פאַנטאַסטישע ליבעס־אַוואַנטורעס.

ברוינער איז ס׳רוב אַרומגעגאַנגען אָן אַ גראָשן געלט, אָבער ער איז אַלעמאָל געווען ביים גוטן הומאָר. תמיד מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ גוט וואָרט. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ סך פריינט.

ווען מען וואָלט צונויפגעקליבן בלויז די צייכענונגען, וועלכע ער פלעגט מאַכן אויף די טישלעך, אָדער פּאַפּירענע סערוועטן אויף טלאָמאַצקע 13 אָדער אין אַן אַנדערן לאָקאַל אין וואַרשע, ווו ער האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן, וואָלטן מיר שוין געהאַט אַ גרויסן, אומשאַצבאַרן אוצר פון זיינע שאַפונגען. דאָס אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען, נאָך איידער ברוינער האָט זיך פיזיש געענדיקט. ער האָט די צייכענונגען קיינמאָל נישט געזאַמלט. אויב עס זענען ערגעץ ווו פאַרבליבן איינציקע שאַפונגען פון זיינע פּרעכטיקע מאָלערייען אָדער בלעכן, וואָלט עס איצט, נאָכן גרויסן חורבן, געווען ממש היסטאָרישע ווערק פונעם ייִדישן פאָלקלאָר.

יצחק ברוינערן איז אויסגעקומען דורכצומאַכן דאָס לאָדזשער געטאָ, ווו ער איז געווען טעטיק אַלס „הויף־מאָלער פונעם געטאָ־קיניג״ אין לאָדזש, חיים רומקאָווסקי. דאָס האָט אים אָבער נישט פאַרהיט פונעם אומקום.

מײַן שװעסטער רחהלע

אין מײַנע שלאָפלאָזע נעכט האָב איך גענוג צײַט אַרויסצורופן דער־אינערונגען פון די אַמאָליקע צײַטן און פון דער נישט־לאַנגער פאַרגאַנגענהײט. הונדערטער געשטאַלטן שטײען װי לעבעדיקע פאַר מײַנע אױגן און איך האָב די מעגלעכקײט זיך מיט זײ דורכצוטענהן.

דעם אױבנאָן פון דער גאַנצער גאַלעריע געשטאַלטן פאַרנעמסטו, מײַן שװעסטער רחלע. דו האָסט שױן דײַן באַשטימטע שעה, װען דו קומסט זיך מיט מיר דורכשמועסן. איך קען זיך נישט באַפרײַען פונעם געפיל, אַז דו האָסט צו מיר טענות. דו זאָגסט זײ אָבער קײנמאָל נישט אַרויס. דאָס טוסטו, מסתמא, צוליב דײַן אויסערגעװײנלעכער באַשײדנקײט און אײדלקײט, װעלכע האָבן דיך נישט פאַרלאָזט ביז צום טאָג, װען איך האָב דיך צום לעצטן מאָל געזען, פאַר דײַן אַװעקגײן אין דער אומענדלעכקײט. די דאָזיקע באַשײדענע מידה האָט דיך, זע איך, אויך װײטער נישט פאַרלאָזט.

דו זאָגסט מיר נישט אַרויס און איך קען פון דיר נישט אַרויסבאַקומען, אין װאָס עס באַשטײען דײַנע טענות צו מיר. אָבער איך פאַרשטײ דיך: דײַנע טענות זענען געװענדט נישט דירעקט צו מיר, נאָר צו די אַלע, װאָס זענען געבליבן בײַם לעבן; צו דער װעלט, װאָס האָט זיך גלײַכגילטיק צוגעקוקט צו אײער אומקום.

און װיפל מאָל װיל איך דיר ענטפערן אויף די פראַגן, װאָס דו שטעלסט מיר, — פאַרשװינדסטו פון מיר און לאָזט מיך איבער אַלײן. װיפל מאָל האָב איך שױן געטראַכט זיך צו װענדן צו דיר דירעקט און דיר אויפקלערן די סיבות פון מײַן בלײַבן בײַם לעבן, — קען איך עס נישט דורכפירן...

דערמאָנסט דיך, רחלע, ווען דו ביסט פון אונדז אַלעמען אַוועק, מיט־נעמענדיק מיט זיך אונדזער שוועסטער שרהלע — וועלכע מיר האָבן אַלע, פּונקט אַזוי ווי דיך, שטאַרק ליב געהאַט, — האָסטו מיר צוגעזאָגט אָנצו־שרייבן, אָנצוגעבן מיר דיין און שרהלעס אַדרעס. דו געדענקסט מסתמא, אַז אויך מיר זענען געווען גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין. מיר האָבן שוין געהאַט אַפילו צוגעגרייט די רוקזעק פאַר אונדז און פאַר אונדזער מאַרגאַריטקעלע, כדי צו זיין גרייט אויף יעדן פאַל. מיר האָבן נאָר גע־



רחל (לינקס) און שרה (רעכטס) מיט דער מוטער איטע־גיטל טורקאָוו

וואַרט אויף אַ בריוו פון דיר, ווי אַזוי און ווו איר האָט זיך איינגעאָרדנט... קיין בריוו פון דיר איז נישט אָנגעקומען ביזן היינטיקן טאָג. און ווי אַזוי האָט ער געקענט אָנקומען, אַז אין די טרעבלינקער גאַז־אויוונס, וווהין מען האָט דיך אַוועקגעשיקט, האָסטו שוין נישט געקענט אָנשרייבן קיין בריוו! מען האָט דאָך דאָרט אייך אַלע אַזוי געיאָגט צו דער מכלומרשטער „באָד"...

ביי אַלע מיינע שפּעטערדיקע באַגעגענישן מיט דיר אין מיינע שלאָפֿ־לאָזע נעכט, האָסטו כסדר אויסגעמיטן מיט מיר צו רעדן וועגן דעם. איך האָב דיך וועגן דעם אויך קיינמאָל נישט געפֿרעגט. צו וואָס זאָל איך דיך פֿרעגן? עס איז דאָך שוין גענוג באַקאַנט, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דיין רייזע „אויף מזרח״ — ווי מען האָט אונדז אַלע איינגערעדט, אַז מען פֿירט אייך...

נישט אַזוי האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט דיין און שרהלעס רייזע... דו ווייסט, רחלע, איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ מענטשן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין טרעבלינקע. אים האָט מען אָבער צו דער „באָד״ נישט געפֿירט. ער האָט געהאַט דאָס מזל צו געהערן צו דער קליינער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן נקמה גענומען פֿאַר דיר, פֿאַר אונדזער שרהלע, פֿאַר אונדזערע חברים און פֿאַר אַלע ייִדן, וואָס זענען געפֿירט געוואָרן אין „באָד״ אַריין, און זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען.

דער באַקאַנטער מיינער, מיט וועלכן איך האָב זיך באַגעגנט, געהערט צו די 23 ייִדן, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען פֿון טרעבלינקע, בעתן דאָרטיקן אויפֿשטאַנד. זיי האָבן אויפֿגעריסן די „באָד־אַנשטאַלטן״, דער־שאָסן די אויסוווּרפֿן, וואָס האָבן דיך געהייסן נאַקעט זיך אויסטון צו דער „באָד״, אָפּגעשוירן די האָר פֿון דיין שיינעם קאָפּ און דיך אַריינגעשטופּט אין...

יאָ, טייערסטע מיינע, זיי לעבן שוין נישט. איך ווייס, איך ווייס — דאָס איז פֿאַר דיר אַ קנאַפּע טרייסט. דאָס קען נישט רעקאָמפּענסירן די שוידערלעכע עוולות, וואָס זענען דיר און די אַנדערע מיליאָנען ייִדן אָפּגעטון געוואָרן. ווען איך דערפֿון מיט דיר נישט רעדן. איך וויל דיר נאָר איבערגעבן, אַז דער באַקאַנטער מיינער האָט געאַרבעט ביים סאָרטירן די מלבושים און זאַכן אין טרעבלינקער גיהנום. אין אַ געוויסן טאָג האָט אים איינער פֿון זיינע גורל־חברים געוויזן מיינע אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וועלכע ער האָט געפֿונען צווישן די דאָרטיקע פֿאַרוואָרלאָזטע זאַכן. וועגן דעם האָט מיר מיין באַקאַנטער דערציילט שוין נאָכן פֿאַרענדיקן די מלחמה. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז מען האָט אין טרעבלינקע געפֿונען מיינע אַ לעגיטימאַציע מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע, און אַז אַלע דאָרט האָבן געמיינט,

אַז מען האָט אויך מיך געבראַכט קיין טרעבלינקע און אַוועקגעשיקט אין „באָד“ אַריין...

ווען ער האָט עס מיר געזאָגט, איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז דאָס האָסטו, רחלע, מסתמא געהאַט מיט זיך מיין פאָטאָגראַפיע און דו האָסט זי, אַלס אָנדענק, מיטגענומען אויף דיין רייזע „אויף מזרח“...

דו האָסט שוין געהאַט אַזאַ טבע, שטענדיק צו פירן מיט זיך פאָטאָגראַפיעס פון דיינע ברידער. איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיר האָבן געמאַכט אונדזער טעאַטער־טור איבער דער פוילישער פּראָווינץ, ביסטו קראַנק געוואָרן. דאָס איז געווען פאַר דעם איידער דו האָסט דורכגעמאַכט די שווערע אָפּעראַציע, נאָך וועלכער דו האָסט אַ לאַנגע צייט נישט געקענט שפּילן טעאַטער. אויף אַ געוויסער סטאַציע, ווו מיר זענען אָנגעקומען, איז נישט געווען קיין געפּעק־טרעגער. נישט וועלנדיק דערלאָזן, אַז דו זאָלסט זיך דערביי דאַרפן אָנשטרענגען, האָב איך גענומען דיין טשעמאָדאַן. ער איז געווען זייער שווער. איך האָב דיך אין אַ שפּאַס געפרעגט:

— וואָס טראָגסטו דאָרט, שטיינער?

האָסטו זיך פון דער פראַגע געפונען געטראָפן. דו האָסט מיר אָבער גאָרנישט געזאָגט. קומענדיק אין האָטעל, האָסטו געעפנט דעם טשעמאָדאַן און מיר געוויזן די שטיינער — דו האָסט געהאַט מאַסן פאָטאָגראַפיעס פון אונדזער גאַנצער משפחה און פון דיינע אומצאָליקע חברים־אַקטיאָרן און פריינט. ביסט געווען אַזוי סענטימענטאַל צוגעבונדן צו זיי, אַז דו האָסט זיך מיט זיי גאָרנישט געקענט שיידן און זיך אַרומגעפירט מיט זיי איבערן גאַנצן לאַנד.

ווען דו ביסט פונעם וואַרשעווער געטאָ אַוועק אויף „מזרח“, האָסטו שוין, מסתמא, געהאַט ביי זיך נאָר געציילטע פאָטאָגראַפיעס פון דיינע סאַמע נאָענטסטע, ווייל דער רוקזאַק דיינער איז געווען שוין אַזוי אויך גענוג שווער. דו האָסט דאָך מיטגעפירט אַ פולן זאַק מיט וואָל, כדי דו זאָלסט דאָרט, ווו דו האָסט גערעכנט צו לעבן, קענען אויסשטריקן סוועטערס, — וואָס דו האָסט זיך אויסגעלערנט אין געטאָ אַזוי שיין צו מאַכן. די ערשטע זאָרג דיינע איז דאָך געווען, אַז דו און אונדזער שוועסטער שרהלע זאָלן קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט און קענען זיך אַליין אויסהאַלטן. דאָס איז דאָך געווען דיין גרעסטע אַמביציע: זיך אַליין אויס־

האַלטן און נישט דאַרפֿן צו קיינעם אָנקומען. און דו, מיין הייס־געליבטע שוועסטער, האָסט דאָך אין דיין יונג לעבן געאַרבעט נישט נאָר זיך אַליין אויסצוהאַלטן. דו האָסט קיינמאָל נישט געלעבט פֿאַר זיך, דערפֿאַר ביסטו טאַקע אַזוי באַליבט געווען ביי דיינע חברים, מיט וועלכע דו האָסט גע־אַרבעט אין טעאַטער, און ביי דיינע פֿריינט — אויסערהאַלב דעם טעאַטער.

נאָך דעם ווי דו ביסט אַרויס פֿונעם געטאָ צום „אומשלאַג־פּלאַץ", האָב איך באַגראָבן אין „אַרטיסטן־גערטנדל" אויף מילנע גאַס אַ צינק־קאַסטן, אָנגעפּילט מיט דאָקומענטן, מאַטעריאַלן און אייניקע פֿאָטאָגראַ־פֿיעס. צווישן די פֿאָטאָגראַפֿיעס איז אויך געווען דאָס בילד פֿון דיר און שרהלע.

פֿאַרוואָס האָב איך דאָס אַלץ באַגראָבן, פֿרעגסטו? — זעסטו, רחלע, אַ קורצע צייט נאָך דיין אַוועקגיין פֿון אונדז האָט זיך אין געטאָ אַלץ געענדערט. נישט נאָר מיט דעם, וואָס עס האָבן שוין געפֿעלט אַ פּאָר הונ־דערט טויזנט ייִדן און ס'זענען געבליבן פּוסטע הייזער, אָבער עס האָט זיך אויך אַלץ געענדערט אין אונדזער פּסיכיק. מיר האָבן זיך איבער־צייגט, אַז מען טאָר דעם דייטש נישט גלויבן: אַז ער האָט אויסגעאַרבעט אַ ראַפֿינירטן פּלאַן צו פֿאַרניכטן אַלע ייִדן; אַז אַלע דייטשישע הבטחות, אַז מען פֿירט די ייִדן אַוועק אויף אַרבעט, איז אַ שענדלעכער ליגן. זיי פֿירן די ייִדן אויף טויט און עס דראָט אָפּגעמעקט צו ווערן פֿון דער ערד אַלץ, וואָס עס האָט אַ שייכות מיט די ייִדן און ייִדישקייט.

מען האָט אין געטאָ אָנגעהויבן צו גרייטן זיך צו אַ ווידערשטאַנד, נישט לאָזן זיך אַוועקפֿירן ווי די שעפּעלעך צו דער שחיטה. מיר האָבן אָנגעהויבן גרייטן זיך צום אויפֿשטאַנד, וואָס איז טאַקע שפּעטער אויס־געבראָכן. אָבער אויך די גייסטיקע אוצרות האָבן מיר געוואָלט אָפּראַטע־ווען — אויף וויפֿל עס וועט זיך לאָזן, כדי דאָס זאָל איבערגעגעבן ווערן צו די ווייטערדיקע דורות. מען האָט די אַלע זאַכן אָנגעהויבן צו באַגראָבן אין דער ערד. אויך איך האָב עס געטון. צווישן די באַגראָבענע זאַכן האָב איך אַריינגעלייגט דיינע און שרהלעס פֿאָטאָגראַפֿיעס, צווישן אַנדערע אויך די, ווען איר זענט אַלס 2־יאָריקע מיידלעך פֿאָטאָגראַפֿירט ביי דער זייט פֿון אונדזער אומפֿאַרגעסלעכער מוטער. איר זעט דאָרט אויס ווי צוויי

ליאַלקעס. קוקנדיק אַזוי אויף דעם בילד, מאַך איך אין די געדאַנקען דורך דיין גאַנצן לעבנס־וועג.

דו האָסט שוין אפנים דעמאָלט, אַלס קליינטשיק מיידעלע, שטאַרק ליב געהאַט „פאָרשטעלונגען", וואָרום דו האָסט כסדר ביי אונדז געפאָדערט, מיר זאָלן פאַר דיר „פאָרשטעלן". מיר, דאָס הייסט, זיגמונט און איך, האָבן זייענדיק נאָך שילער געמאַכט פאַרשיידענע „פאָרשטעלונגען" ביי אונדז אין שטוב. אונדזער „פובליקום" איז באַשטאַנען פון אונדזערע יינגע־רע ברידער מאַרק און יצחק, ווי אויך פון דיר און שרהלען. דאָס איז געווען אונדזער בעסט פובליקום. די דראַמאַטישע סצענעס, וואָס מיר האָבן אויפגעפירט, זענען אַלעמאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך דיין געוויין, וואָס האָט שוין אַרויסגערופן די „אינטערווענץ" פון אונדזער אומפאַר־געסלעכער מוטער און דערפירט דערצו, אַז מיר האָבן געמוזט איבער־רייסן די „טעאַטער־פאָרשטעלונגען" אין די שפאַנענדיקסטע מאָמענטן... ביי די פריילעכע סצענעס, וואָס מיר האָבן געמאַכט, האָסטו און שרהלע געקייכט פון געלעכטער. ביי די דאָזיקע סצענעס פלעגן אָבער ס׳רוב מאָל אָנגעמאַכט ווערן שאָדנס. מיר פלעגן לויפן איבער טישן און ממש קריכן אויף די גלייכע ווענט. אַזאַ שפיל פלעגט זיך תמיד ענדיקן מיט צעבראָכן אַ וואַזאָן אין שטוב ,אָדער אַ בלומען־טאָפּ. אָפטמאָל האָבן מיר ביי אונדזע־רע „אויפפירונגען" פון „פיעסן פון קלאַסישן רעפּערטואַר" צעהאַקט די לאָמפּ, אָדער אויסגעבראָכן אַ שויב... דאָ איז שוין דער רעזולטאַט געווען אַן ערגערער, ווייל ס׳האָט זיך אַריינגעמישט דער פאָטער...

דערנאָך, ווען מיר זענען שוין אַלע אונטערגעוואַקסן, האָסטו אונדז געבעטן צו דערציילן דיר, וואָס מיר האָבן געזען אין טעאַטער. דיך און שרהלען פלעגט שוין דער פאָטער נישט מיטנעמען אין טעאַטער אַריין, ווי ער פלעגט עס טון מיט מיר און זיגמונטן, ווען מיר זענען געווען קליינע קינדער. ער האָט דערמיט געוואָלט אָפּשלאָגן ביי אייך דעם חשק צו ווערן שוישפילערס, ווייל ביי אונדז, עלטערע ברידער, האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אַ טענדענץ צו גיין צו דער בינע. זיגמונט איז שוין געגאַנ־גען אין דער טעאַטער־שול און אויך איך האָב שוין אָנגעהויבן צו „זינ־דיקן" מיט טעאַטער, — האָט דער פאָטער אונדזערער ,וועלכער איז, אַגב,

אַליין געווען אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון טעאַטער, שוין געוואָלט אָפּהיטן דערפון די איבעריקע קינדער און „ראַטעווען“ זייערע נשמות...

דערנאָך איז אויך מאַרק אַריינגעטראָטן אין דער טעאַטער־שול און אויך ער וואָלט מסתמא געגאַנגען צום טעאַטער, ווען נישט דאָס, וואָס די יידישע פּרעסע, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט, האָט אים אינגאַנצן אַריינגעצויגן. דערצו איז עס געווען אין אַ צייט, בעתן ערשטן וועלט־קריג, ווען אין שטוב האָט געפּייפט דער דלות. זיגמונט און איך האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד, ווו מיר האָבן געשפּילט טעאַטער, און צוליב דעם בירגער־קריג נישט געקענט שיקן קיין געלט קיין וואַרשע. מאַרק איז דעמאָלט געווען דער איינציקער פּרנסה־געבער אין שטוב און אויף זיינע יונגע פּלייצעס איז געלעגן די גאַנצע מאַטעריעלע לאַסט. דערביי איז אונדזער יינגסטער ברודער, יצחק, זייער ערנסט קראַנק געווען און זיין לעבן איז געווען אין גרויס געפאַר. אפשר איז דאָס געווען די סיבה, וואָס מאַרק האָט זיך געמוזט צוריקציען פון זיין טעאַטער־קאַריערע.

אין אַ צייט אַרום איז אויך יצחק אַוועק צום טעאַטער, ווו ער אַרבעט ביזן היינטיקן טאָג. שפּעטער איז געקומען די ריי אויף דיר, רחלע. נישט אומזיסט האָסטו נאָך אַלס קליין מיידעלע אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן אינטערעס צו טעאַטער־פאָרשטעלונגען. דו ביסט אַריינגעטראָטן אין דער וואַרשעווער דראַמאַטישער שול און לסוף — אין יידישן טעאַטער. דיין שטאַרקער ווילן און ליבשאַפט צום טעאַטער זענען בייגעקומען אַלע מניעות, וועלכע דו האָסט געהאַט אויף דיין וועג. ביסט דאָך געוואָרן אַ יידישע שוישפּילערין און דיין חלום איז מקוים געוואָרן.

ווי לאַנג איז, ווען דו האָסט געשפּילט מיט מיר אין מיין טעאַטער, צי ביי אידאַ קאַמינסקי, אָדער ביי זיגמונטן. האָסט אויך געשפּילט ביי לידיאַ פּאָטאָצקי.

און ווי לאַנג איז, ווען דו ביסט צוזאַמען מיט זיגמונטן, יצחקן און אידאַן געווען אויפן וויטן טורנע אין מזרח־גאַליציע און דו האָסט דערהאַלטן די טעלעגראַמע פון מאַרקן, אַז אונדזער הייס־געליבטע מוטער האָט אויסגעהויכט איר איידעלע נשמה.

און פּונקט ווי איך און דיאַנאַ, וואָס מיר זענען צו יענער צייט געווען אויף אַ טורנע אין קאָנגרעס־פּוילן, האָסטו זיך געריסן אַהיים קיין וואַרשע

צו זען צום לעצטן מאָל דאָס ליכטיקע פּנים פון אונדזער מוטער. מיר האָבן זיך אַלע צונויפגעטראָפן אויפן גענשער בית־עולם. איר זענט דאָך גלייך פון וועג געקומען, אין דער לעצטער מינוט, צו דער לוויה.

איך וועל נישט פאַרגעסן די שווערע שעהן, וועלכע מיר האָבן איבער־געלעבט, ווען מיר זענען אַלע צוריקגעקומען פונעם בית־עולם אין דער פּאַריתומטער היים אַריין, אין וועלכער עס האָט זיך שוין נישט געפונען אונדזער טייערסטע מוטער... מיר זענען דעמאָלט אַלע געזעסן און גע־שוויגן, ווייל ווי וואָלטן מיר געקענט אַרויסברענגען אונדזערע געפילן אין ווערטער. יעדער איינער פון אונדזער משפחה האָט שרעקלעך איבערגע־לעבט דעם שווערן קלאַפּ, וואָס דער גורל האָט אונדז געגעבן. מיר האָבן איבער דעם פאַרלוסט נישט געקענט אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדענונג. יאָרנלאַנג האָבן מיר באַוויינט דעם טויט פון אונדזער טייערסטער מוטער, דעם איבערגעגעבנסטן און איידלסטן מענטש. דעמאָלט האָבן מיר אָבער נישט געטראַכט, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן איר מקנא זיין, וואָס זי איז געשטאָרבן אויף איר אייגן בעט און מען ווייסט כאָטש ווו אירע צאַרטע ביינער רוען...

דאָס לעבן איז אָבער ווייטער געגאַנגען. מיר האָבן ווייטער געטון אונדזער טעאַטער־אַרבעט, וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט אַזוי פיל פאַרגעניגן. דו, רחלע, האָסט אָבער קיין גרויס מזל פון דיין ווייטערדיק לעבן נישט געהאַט. די שווערע קראַנקייט, וואָס האָט דיך שוין נישט פאַרלאָזט, האָט איינגעבראָכן דיין שיינעם גוף, און איבער דיינע גרויסע ליכטנדיקע אויגן האָבן אַראָפּגעהאָנגען יסורים־פאַרהאַנגלעך, וואָס האָבן דיך שוין נישט פאַרלאָזט ביזן סוף פון דיין יונג, נישט־אויסגעלעבט לעבן. דו האָסט שוין נישט באַוויזן צו געניסן פונעם לעבן. דו האָסט אויך געמוזט איבעררייסן דיין אַרבעט אין טעאַטער, וואָס דו האָסט אַזוי ליב געהאַט.

און דאָ האָט זיך אָנגערוקט די גרויזאַמע מלחמה, די נאַצישע אָקו־פּאַציע, וואָס האָט אונדזער טייערן פאָטער אַוועקגעלייגט. שטייענדיק ביים פריש־אויסגעגראָבענעם קבר פון אונדזער פאָטער, ווען מיין בליק איז געפאַלן אויף דיר און אויף שרהלען, איז מיר אַ שוידער דורך איבערן לייב. קוקנדיק אַזוי אויף אייך, האָט מיך באַהערשט אַ שרעקלעכער גע־דאַנק: מיינע טייערע שוועסטערס רחלע און שרהלע געפינען זיך שוין

אויך נישט צווישן די לעבעדיקע... מיט אַלע כוחות האָב איך זיך באַמיט דעם געדאַנק פון זיך צו פאַרטרייבן, אָבער ער איז אַלץ בולטער און שטאַר־קער געוואָרן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינשרייען אין די אויערן: באַוויין שוין פאַר איין וועג דיינע שוועסטערס...

איך האָב געזוכט דיין און שרהלעס פּנימער... איך האָב זיי שוין, ליי־דער, נישט געזען. איר האָט דעמאָלט געטראָגן צוויי לאַנגע טרויער־שלייערס, וואָס האָבן פאַרשטעלט אייערע פּנימער. עס האָט מיר נישט אויפגעהערט צו עגבערן מיין מוח, אַז אין דעם מאָמענט האָב איך אייך בײדן פאַרלוירן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

צוויי יאָר צייט האָב איך אייך, מיינע טייערסטע, נאָך געהאַט מיט זיך. איר האָט דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן אין געטאָ. דערנאָך זענט איר אַוועק אין דער אומענדלעכקייט.

ווי שרעקלעך איז דאָס פאַר מיר איצט, ווען איך טרעף זיך מיט אייך — די צוויי צווילינג־שוועסטער — בעת מיינע שלאָפלאָזע נעכט, און איך זע אייך כסדר איינגעהילט אין די שוואַרצע שלייערס — אַזוי ווי איר זענט געשטאַנען ביי אונדזער פאָטערס פרישן קבר. און ווען איך וויל מיט כוח אַרויסרופן דאָס בילד פון אייערע פּנימער, ווערן זיי מיר כסדר פאַרשטעלט דורך די שוואַרצע טרויער־שלייערס, אין וועלכע איר זענט געשטאַנען ביים פאָטערס קבר.

ווען אונדזער פאָטער איז געשטאָרבן, הגם אין שווערע יסורים, האָבן מיר שוין נישט גערעדט די זעלביקע ווערטער, וואָס נאָך אונדזער מו־טערס טויט...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך ביי אונדז אַזוי פיל געביטן, אונדזער לעבן איז געוואָרן אַזוי הפקרדיק, אַז נאָכן פאָטערס טויט האָבן מיר געבענטשט דעם גורל, וואָס ער האָט אים פון אונדז אויף אַזאַ אופן צוגענומען; וואָס ער האָט אים פאַרשפּאָרט די שרעקלעכע לײַדן און צרות, וואָס מיר האָבן שפּע־טער געהאַט אויסצושטיין ביי די דייטשן — און דאָס איז דאָך געווען אין אַ צייט, ווען מען האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג פון דעם, וואָס עס שטייט אונדז נאָך פאַר; אין אונדזער רייכסטע פאַנטאַזיע האָבן זיך נישט געלייגט אויפן שכל אַזעלכע „דערפאַרונגען", ווי גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָ־ריעס וכדומה. דעמאָלט איז נאָך קיינעם פון אונדז נישט איינגעפאַלן, אַז

אויך איר, רחלע און שרהלע, און אַלע אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע וועלן טיילן אַזאַ שרעקלעכן גורל און מען וועט אַפילו נישט וויסן ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען; ווו די רעשטלעך פון אייער אַש זענען פונאַנ־דערגעטראָגן געוואָרן.

ווען איך האָב נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה „באַזוכט" די טויטן־לאַ־גערס, האָב איך פון איינעם פון די אויוונס, וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו פאַרניכטן, אַרויסגענומען אַ פּאָר שטיקלעך מענטשלעכע ביינער. איך וועל זיי הייליק האַלטן ביזן סוף פון מיין לעבן. דאָס זענען דאָך ייִדישע ביינער פון רחלעך און שרהלעך, וואָס זענען פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן.

און מיר איז באַשערט ווייטער צו לעבן און ווייטער צו „געניסן" פונעם לעבן.

איך פאַרזיכער דיך אָבער, מיין טייערע רחלע, אַז הגם איך לעב און גיב אַ לאַך פון צייט צו צייט, געדענק איך אַלץ דיך און שרהלען, און אַלע אונדזערע, און די גאַנצע אומגעקומענע ייִדישע וועלט. איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אפשר בין איך טאַקע געבליבן לעבן צוליב דעם, אַז איך זאָל איבערגעבן דער וועלט וועגן אייער לעבן און ליידן און וועגן אייער מאַרטירערישן סוף. און צי די וועלט וויל עס, אָדער וויל עס נישט הערן — איך וועל עס טון און איך טו עס. דאָס איז דער איינציקער ציל אין מיין לעבן: נישט לאָזן אייך פאַרגעסן!

אפשר וועל איך מיט דעם אויסקויפן מיין חטא, וואָס איך געפין זיך נישט מיט אייך צוזאַמען.

— סוף —

נעמען־רעגיסטער

(די נעמען, וואָס פיגורירן אין ערשטן בוך זענען באַצייכנט מיט — I, אין צווייטן בוך מיט — II).

אביבית שושנה — I: 323
אבעלמאן בעני — II: 169
אבעלמאן פעני — II: 169
אבראמאָוויטש הירש — II: 113
אגרעלי — II: 125
אדאיעווא — II: 124
אדלער יוליוס — I: 47, 101, 172, 270, 292; II: 10, 45, 52—55, 120, 144
אדלער יעקב — I: 200
אדלער סעם — I: 276
אוגער — I: 174; II: 53, 238
אוגער־שעראדזקי מאלווינא — I: 174
אונגער מנשה — I: 156
אוסיאן וואָלף — I: 192
אויערבאך רחל — II: 17
אוריך פעפי — II: 82—85
אוריך צילע — II: 84—86
אוריך שמאי — II: 84—86
אזארך יצחק — II: 94—99
אזרא אלעקסאנדער — I: 62, 64; II: 177
איבסען הענריק — I: 189
אידינא — II: 131
איזראַעלעס מרים — II: 266
איזראַעלעס סוניא — II: 266
אייגענגאָלד יעקב, ד״ר — I: 146, 147
איידעלמאַן סאָניאַ — I: 321
אייזיקאָוויטש נתן — I: 198
אייזען־אָרענשטיין מאַניע — II: 271
אייזענבערג — I: 32, 64
אייזענשטאַט דוד — I: 68, 73
אייזענשטאַט מרים — I: 68—73
איינהאָרן אהרן — I: 19
איינעס א. — I: 269
אייערווייס אידאַ — (זע: ערווערסט)
אימבער נפתלי הערץ — II: 229
אימבער שמואל יעקב — II: 269, 272
אימבער שמריהו — II: 229
אינגארד־ראַקאָווער האַנקאַ — II: 271
אינוועטאַזש יצחק — II: 58, 83, 133
איצקאָוויטש בערל — II: 135, 165
איצקאָוויטש ס. — II: 31
אַלטבוים ליזאַ — II: 155, 156
אַלטבוים סאָניאַ — II: 83, 84, 148—156
אַלטוסקאַ האַנקאַ — II: 262, 263
אַלטוסקי — I: 51
אַלטשולער בלאַנקאַ — II: 18
אַלעקסאַנדראָוויטש ווילהעלם, ד״ר — I: 150; II: 270
אלקאלאי, ד״ר — I: 181

אלשאנסקאיא ראָזאַ — I: 315; II: 110
אמזעל — II: 83
אַנדערסאָן — II: 17
אַנדרעיעוו לעאָניד — I: 63, 125, 203,
283, II: 73, 120, 121, 153, 154, 155
אַנטיפּוצקי רחל — II: 110, 112
אַניסמאַן — II: 120
אַנסקי ש. — I: 64, 181, 191, 254,
258, 273, 323; II: 35, 104, 163,
188, 194
אַסטזשעגאַ אברהם — I: 89; II: 100—
107, 265, 266
אַסטראָווסקי — II: 157
אַסקאַר יוליוס — I: 32; II: 29
אַפּאַטאָשו יוסף — I: 32, 156, 157,
218; II: 11, 264
אַפּלבאַום מישאַ — II: 11
אַפּעלבוים משה — I: 141
אַפּענהיים מנשה — II: 170, 171
אַקסעלראָד אברהם — I: 238; II: 140
אַקערמאַן מענדל — II: 68—75
אַראָנאָוויטש י. — II: 113, 161
אַראָנזאָן יחיאל — I: 156
אראנסקי — II: 125
אַריעל גרישאַ — II: 133
אַרליק שמעון — II: 177
אַרלעסקאַ מרים — I: 50—54, 64, 65;
II: 95, 97, 103, 263
אַרנאָלד — I: 32, 74—78
אַרנשטיין מאַרק — II: 176, 239, 274
ארנשטיין־אייזען מ. — I: 151
אַרענשטיין (אַרען) יוסף — I: 88, 151;
II: 271
אַרציבאַשעוו מ. — I: 63
אַרקאַ — I: 46
אַש שלום — I: 19, 33, 156, 158, 201,
213, 271, 272, 287; II: 12, 33, 34,
53, 82, 103, 120, 148, 152, 163,
239, 270, 274
אַשענדאָרף ישראל — II: 17, 66

באַביצקי מאשא — I: 86, 87
באַדיאַן בעטאַ — I: 86
באַדער זיגמונט — II: 271
באַומאַן — I: 94, 153
באַזשיק מאַקס — II: 236
באַלבירסקי י. — I: 284
באמזע נחום — II: 17
באקסט לעאַ — II: 100
באַראַטאָוו פּאַול — I: 33, 163, 164,
271; II: 138, 141, 209
באראַן לעאָן — II: 52
בארדט עלזאַ — II: 123
באַריס פראַנץ — II: 31
באַריסאָוו ב. — II: 90
באַריץ ב. — II: 230, 231
באַרקאָווסקי העלענאַ — I: 132
באַרקאָווסקי — I: 132; II: 90
באַרטשעווסקי א. — I: 269
בובריק — II: 90
בוזגאַן חבל — I: 62
בוים יחיאל — I: 32, 153—159; II: 76
בוים מאַקס — II: 120
בוימוואל לייב — I: 253
בוך מ. — II: 17
בולאָוו יוסף — I: 62, 64
בולמאַן מאַקס — II: 53
בוקאַנץ באַריס — I: 265; II: 177
בוקסבוים יוסף — I: 238
בורשטיין פסחקע — I: 174; II: 120
ביאַליק ח. נ. — I: 86, 96
בידעסקא — II: 125
בייגעלמאַן דוד — II: 44, 45, 76, 97
ביכנער געאָרג — I: 218
בימקאַ פ. — I: 33; II: 34, 38, 163
ביעלענקי אווסיי, ד״ר — I: 132
ביעלענקי לינאַ — I: 132
בירנבוים דוד — II: 58, 59, 60, 103,
274
בירנבוים זדזשיסלאַוו — II: 201
בירנבוים ראָזאַ — I: 64

בלאך י. — II: 110
בלומענטאַל־טאמארין — II: 158
בלומענטאַל נ. — I: 182
בלומענטאַל פרידאַ — I: 62
בלומענפעלד דיאַנאַ — I: 14, 33, 43, 69, 70, 151, 156, 234, 270, 272, 292, 315, 317; II: 19, 38, 41, 59, 82, 201, 220, 230, 271, 287
בלייך יהודה — II: 139
בליך נחמן — II: 17
בן־דזשאַנסאָן — I: 85; II: 270
בן־עמי יעקב — I: 80
בן צבי — II: 138
בעזמאַן רייקע — II: 53, 83
בעטהאָווען — II: 201
בעל אַדאָלף — I: 179; II: 137
בעלערינאַ בעלאַ — I: 50, 64; II: 262
בענדעל חיים — I: 235
בעקער דאַניאַ — II: 178, 181
בערגמאַן יואל — II: 19, 273—277
בערגעלסאָן דוד — I: 20
בערגער ראַשעל — I: 313—319; II: 110, 111
בערטאַנאָוו י. — I: 322
בערטיל — II: 11
בערלאַנד זיגמונט — I: 58
בערמאַן אַדאָלף — I: 46, 47, 221—227, 275; II: 53, 60, 80, 82
בערמאַן אַלעקס — II: 35, 37, 162
בערמאַן הערמאַן — I: 46, 221—227; II: 11
בערמאַן ראכי — II: 110, 112
בערמאַן רייע — II: 110
בערסטעל יוליוס — I: 19
בערנשטיין בער — I: 238
בערנשטיין סגולה — I: 86
בערעזאָווסקי דוד — II: 99, 131
בערעזאָווסקי שמואלקע — II: 132
בערקאָוויטש — I: 151, 283; II: 270
בראָדער בערל — II: 229
בראָדערזאָן משה — I: 219; II: 45, 46, 101, 153, 273, 279
בראָדאָטי הערמאַן — I: 134
בראָדאָטי לינאַ — I: 130, 134
בראַוויטש — II: 158
בראָון — I: 46; II: 11
בראַז חנה — I: 113, 206—208
בראַנעצקי סעם — I: 270; II: 60
בראַנערוויין — II: 130
בראַקאַזש חיים — I: 151; II: 126, 271
ברוינער יצחק — II: 276—280
ברי אַנאַ — I: 239, 247
ברי ראָזאַ — I: 239, 247
בריזמאַן, ד״ר — II: 130
ברייטמאַן פּאָול — II: 39
ברין מאַקס — I: 38—44, 88; II: 60

גאָגאָל נ. — II: 17
גאָדיק וו. — I: 19, 113
גאָזעל ראָזאַ — I: 284; II: 172
גאָטליב העלענאַ — I: 17—27, 32, 121; II: 95, 103
גאָטעספעלד חנא — II: 274
גאָטפריד י. — II: 169
גאָל איוואַ — I: 86
גאָלד אַרטור — I: 285
גאָלד שורא — I: 198
גאָלדבערג יעקב — II: 110
גאָלדבערג מינאַ — II: 110
גאָלדמאַן — II: 78, 79
גאָלדפאַדען אברהם — I: 34, 179, 213, 221, 241, 276; II: 38, 46, 63, 154, 169, 214
גאָלדענבערג אסתר — I: 66, 67
גאָלדענבערג איציקל — I: 238
גאָלדשטיין בערנאַרד — II: 203

גאָלדשטיין זינאַ — I: 46, 173; II: 52, 53
גאָלדשטיין ישראל — I: 248
גאָלדשטיין לייזער — I: 238
גאָלדשטיין שמואל — II: 274, 275
גאָלדשטיין ש. י. — II: 204
גאָלפּערן — (זע האַלפּערן)
גאָנצוויך אברהם — I: 97
גאַרבאַזש משה — I: 32, 93; II: 90, 211—215
גאַרבאַזש פּעלאַ — I: 89, 93; II: 211—215
גאַרבער שמואל — II: 90, 132
גאָרדין יעקב — I: 17, 113, 135, 240, 247, 321, 323; II: 38, 53, 80, 123, 150, 168, 229
גאָרדאָן משה — I: 86
גאַריעלאָוו א. — I: 65, 93, 94
גארטעלעוויטש — I: 46
גארליצקי זיסל — II: 83, 133
גוזשיק דוד — I: 36; II: 125
גוטהערץ רפאל — I: 169
גוטמאַן בערטאַ — II: 133
גוטמאַן יודל — I: 239, 246, 247, 301—305
גוטמאַן שלמה, ד״ר — I: 301
גורוויטש לייב — II: 110, 165
גזשיוואַטש — II: 35
גיטערמאַן יצחק — I: 36
גוטקע טויבע — II: 158
גימפּעל — II: 31, 32, 38, 46, 84, 140, 230
גימפּעל אַדאָלף, ד״ר — I: 239—251; II: 195
גימפּעל בראָניסלאַוו — I: 243, 251
גימפּעל יעקב בער — I: 235—251
גימפּעל מאָוריצי, ד״ר — I: 248—251
גימפּעל יאַלעס מאַלווינאַ — I: 248—251
גימפּעל עמיל — I: 238—251
גימפּעל קאַראָל — I: 243, 251
גימפּעל קובאַ — I: 243, 251
גינזבערג, ד״ר — II: 20
גינזבערג יעקב — I: 213—215; II: 41, 83, 126
גינסבערג העניעך — II: 183
גלאָווינסקי הירש — II: 35
גלאַז חיים — II: 110
גלאַטשטיין ישראל — II: 148, 149
גלאַזער אסתר — I: 124
גלאַנץ יואל — I: 235
גלאַנץ פּיטשע — I: 248
גלימער נארבערט — II: 31, 165, 230
גליקמאַן לאַורא — II: 137—141
גלעזער אַלטע — II: 112
גלעזער יאשא — I: 315; II: 108, 112
גלעזער עטינקע — II: 112
גנעסין מנחם — I: 322, 323
גע גריגאָרי — II: 121
געבירטיק מרדכי — I: 151, 228—234
געזונט י. — I: 17
גענפער סאַלאָמאָן — I: 253; II: 174
גערטנער יעקב — I: 50, 64
גערמאַן לוסי — I: 270; II: 145
גערמאַן מישאַ — I: 270, II: 145
גערסטין בערטאַ — I: 270
גערסטענהאבער יוסף — I: 183
געשפּאס פרידא — I: 238, 239
גראַדנער אברהם — II: 131, 173—177
גראַדזענסקי אהרן — I: 86
גראַזני ליובאַ — II: 110
גראַנאָווסקי אַלעקסאַנדער — II: 76
גראַנאַך אַלעקסאַנדער — I: 248
גראַסבאַרט הערץ — II: 165
גראַסבערג חנה — I: 173; II: 165
גראַף — I: 238; II: 84, 137
גראַף־וויינטרויב לאה — II: 39
גרובער אסתר — II: 15—23, 274

גרובער חיהלע — I: 323
גרודבערג־טורקאָוו יצחק — II: 133, 135
גרינבוים יצחק — I: 86
גרינשפּאַן י. — II: 59
גרעַן אירמאַ — II: 77

דאַבראַוואַלסקי — II: 158
דאַלסקאַיאַ־זילבערבערג בעטי — I: 253; II: 239
דאַמב אַדאַם — I: 149; II: 83, 90, 148—156
דאַמב יוליוס — II: 149
דאַנישעווסקי מאַטיע — I: 86
דאַנציקער יאַנקעלע — I: 32, 89—91, 118, 119, 160—166, 310
דאַרף עלקע — I: 247, 250
דאַשעווסקי — II: 132
דובנאָוו שמעון, פּראָפ׳ — II: 241, 242
דוניקאָווסקי קסאַווערי, פּראָפ׳ — II: 265, 266
דורמאַשקין וו. — II: 66
דושמאַן לעאַ — I: 253
דזיגאַן — I: 218; II: 170, 171, 276
דזשייקאָבסאָן אירווינג — I: 315
דזשייקאָבסאָן היימי — I: 315, II: 274
דיאַמאַנט עמאַ — II: 132
דייטש יצחק — II: 39, 137, 138, 139, 230
דייטש מינאַ — II: 138
דייכעס מוסיאַ — II: 76
דימאָוו אָסיפּ — II: 76, 120, 138, 169
דינעזאָן יעקב — II: 104
דינער — II: 35, 162
דעגנער עלען — II: 67, 68
דראזנין לייזער — II: 132
דראַנאָוו — II: 64, 169
דראַנאָוו נתן — I: 46; II: 169
דרייזער טעאָדאָר — I: 218

האָופטמאַן גערהאַרד — I: 213; II: 17
האָכבערג יעטאַ — I: 247; II: 86
האַלע יוליוס — II: 138, 207
האַלפּערן אברהם — I: 129—136
האַלפּערן איטשע — I: 134
האַלפּערן אסתר־רחל (זע: קאַמינסקי)
האַלפּערן דינה — I: 130, 133, 270, 315
האַלפּערן העלענאַ — I: 133
האַלפּערן חיים־יוחנן — I: 128, 130
האַלפּערן י. — I: 150; II: 270
האַלפּערן יוסף — I: 134
האַלפּערן יעקב־אשר — I: 130, 133
האַלפּערן כאַשע — I: 134
האַלפּערן משה לייב — II: 229
האַלפּערן רחל — I: 134
האַלצמאַן — II: 247
האַלצער רחל — I: 33, 150; II: 49, 170, 271
האַמבורגער דוד — I: 284
האַמערשטיין ישראל — I: 132
האַנד יאשא — I: 235
האַנדטווערקער פייגע — II: 110
האַפּע מיצי — II: 11
האַראָוויץ בער — I: 151, 202; II: 270
האַרט בערטאַ — II: 42
האַרט בערנאַרד — I: 247; II: 31—43, 59, 86, 140, 165
האַרט דוד — II: 83
האַרט הערש — I: 89; II: 42, 133
האַשעק — II: 17
הוגאָ וויקטאָר — II: 153
הורוויטש מ. מ. — II: 203
היימאַן לואיס — I: 245
היינצע וואַלדעמאַר — II: 124
הייערמאַנס הערמאַן — I: 218; II: 17

הילסבערג מאַטל — I: 284; II: 170
הירשביין פּרץ — I: 63, 80, 218, 264; II: 34, 53, 163
הירשפעלד זאב — II: 166
הירשפעלד זלמן — II: 164—166
הירשפעלד פעלאַ — II: 166
הלוי משה — I: 323
העלפגאָט הדסה — I: 93; II: 35, 162
העלפמאַן דוד — I: 143—148
הערבסט (סטאַוו) לעאָן — I: 151, 48—51, 83
הערמאַן דוד — I: 20, 38, 50 64, 65, 172, 202; II: 45, 101, 102, 188, 201, 234, 271, 276
העניג — II: 219
הערצליק רעגינאַ — II: 160
הערשקאָוויטש מלך — II: 139, 207—210
הערשקאָוויטש ש. — I: 44; II: 53, 82

ו

וואַגמאַן ש. — II: 77, 240
וואַיטשעכאָווסקי סט. — II: 192
וואַיצאַ ספּירידיאָן — II: 122, 125, 126
וואַלדבערג יצחק — I: 247
וואַלדמאַן י. — I: 151; II: 210, 271
וואַלטער פאַליאַ — I: 62, 64
וואַלין — I: 240
וואַליער דזשעני — II: 123
וואַלמוט מ. — II: 271
וואַלפסטאַל חנא — I: 239; II: 33
וואַלפשטאַט אברהם — II: 90
וואַלקאָוויטש — II: 240
וואַקסמאַן יעקב — II: 7—14, 45
וואַקסמאַן משה דוד — I: 291; II: 9, 52, 54, 144
וואַרשאַווסקאַ יאָזעפינאַ — II: 169
וואַרשאַווסקי עוזר — I: 154
וואַשינסקי — II: 77
וויגאָדסקי יעקב, ד״ר — II: 113—116
ווידער שלמה — II: 166
ווידעצקי יוסף — II: 133
וויטאַלינאַ פרידאַ — I: 62, 64, 269
וויטקאָווער־וויט אליאָן — I: 151; II: 271
וויטקאָווער פישל — II: 42
ווײדע משה — II: 89—92
ווײדע מרים — I: 64; II: 162
ווײזענפרײַנד מוני — I: 248
ווײזענפרײַנד פיליפּ און סאַלטשע — I: 248
ווײטער א. — I: 270; II: 163
ווײכערט מיכאל, ד״ר — I: 22, 217, 218; II: 103, 274
ווײנבערג יאַנעק — II: 170
ווײנבערג יעקב — I: 284
ווײנבערג משה — I: 235
ווײנבערג סאָניאַ — I: 173; II: 11, 57
ווײנבערג צבי — I: 83
ווײנגאָלד שלמה — II: 122—126
ווײנגאָרטען י. — II: 242
ווײנטרויב־גראָף לאה — II: 139
ווײנטרויב וולאַדיסלאַוו — I: 36, 89; II: 100—107
ווײנשטאָק יוסף — I: 235, 237; II: 8, 9
ווײנשטאָק סעם — II: 90
ווײנשטײן בעריש — II: 216
ווײס — II: 67, 68
ווײסבלאַט — I: 47
ווײסבערג רחל — II: 139, 210
ווײסהאָף יוסף — I: 253
ווײסליץ יעקב — I: 64, 149, 297; II: 150, 188
ווײסמאַן א. — I: 46, 124, 132, 321; II: 137, 210
ווײסמאַן דאָראַ — II: 145
ווײסענבערג י. מ. — I: 164
וויכער מענדל — II: 60

ווילענסקי בערנאַרד — I: 238
ווילענסקי מערי — I: 238
ווינאַוער אברהמל — II: 259
ווינאַוער מאַקסמיליאַן — II: 259
ווינאַוער־רובינליכט שרהלע — II: 259
ווינאַוער שמעון — II: 259
ווינדער מאיר — I: 36, 82, 119, 120; II: 274
ווינטער פראַניאַ — I: 173; II: 175
ווינטער שמואל — I: 36, 67
וויניאַר א. — I: 323
ווינער לייב — I: 46, 47, 274—279
וויסאָצקאַ טאַטיאַנאַ — II: 58, 261
וויספּיאַנסקי סט. — II: 271
וויסקינד מאַקס — I: 36, 44, 85—91, 106, 113, 147, 204, 220
וויץ י. — II: 17
ווישניעווסקי — II: 130
וועבער — II: 271
וועטשטיין — II: 137
וועליש אירענאַ — II: 11, 58
וועלער משה — II: 132
וועלנער י. — I: 150; II: 270
וועלנער רות — I: 151; II: 271
וועלשער־שווייגער — II: 105, 106
וועסדי איוואַ — I: 207
וועקסלער טאַניאַ — I: 86
וועקסלער ש. — I: 86
ווערטינסקי אַלעקסאַנדער — II: 245
ווערכאַווסקי אַנושקאַ — II: 223
ורדי דוד — I: 323

זאַבלודאָווסקי — I: 86
זאַוולאַדאָוער הערש — I: 41
זאַמענהאָף לודוויק, ד״ר — II: 260, 262
זאַנדבערג (משפחה) — II: 53, 58, 59, 62, 125, 144
זאַנדבערג יוליאַ — II: 54, 55
זאַנדבערג יצחק — I: 172, 201, 306, 307; II: 52—55
זאַנדבערג משה — I: 173; II: 52—60
זאַנדבערג צעשאַ — I: 173; II: 57—60
זאַנדבערג רוטאַ — II: 58—61
זאַסלאַווסקאַיאַ וויעראַ — II: 239
זאַסלאַווסקי רודאָלף — I: 47, 264, 267, 270, 292; II: 52
זאַץ לודוויק — I: 247, 250; II: 38
זאַק אברהם — I: 299
זאַק מאַטיע — II: 131, 133
זאַק שעפּטל — II: 95, 97, 131—135, 177
זאַקס י. — I: 72, 88
זובלעוויצקאַ לובאַ — II: 63
זיבעל פרידאַ — I: 238
זיגלער — II: 137, 210
זיגעלבוים שמואל (אַרטור) — I: 151; II: 126
זיגער יצחק — II: 165
זיידענבייטל יוסף — II: 265
זיידערמאַן דוד — I: 27, 58, 60, 100—107; II: 175
זיידערמאַן האַרי — I: 88, 103—107
זיידשנור מאיר — I: 85, 86
זיינפעלד אברהם — I: 150; II: 195, 267—272
זיינפעלד חנה — II: 269, 272
זילבער מ. — II: 271
זילבער קאַרל — I: 238
זילבערבערג וואָלף — I: 253; II: 52, 239
זילבערג יוכבד — I: 89, 119, 121
זילבערט יעקב — I: 245; II: 52
זילבערמינץ — II: 171
זילבערצווייג זלמן — I: 265; II: 118, 165
זילבערצווייג חיים — II: 110
זינגער י. י. — I: 23, 34

זניטש מיכאל — I: 207; II: 77
זעליקפעלד זמרה — I: 137—142, 164; II: 201
זעלמאַן ל. — I: 174
זעלצער הענעך — II: 279
זשולאָווסקי יעזשי — I: 125, 202
זשולקעווער משה — I: 278
זשוקאווא — II: 124
זשיטלאָווסקי חיים, ד״ר — II: 113
זשיטלאָווסקי מיכאל, ד״ר — II: 113
זשיטניצקי ל., ד״ר — II: 164
זשעלאַזאָ לייזער — I: 46, 64, 124, 253, 265, 268, 320
זשעליגאָווסקי לוציאַן, גענ. — I: 189

טאַבאַטשניקאָוו — I: 238
טאל סידי — I: 315
טאָלער ערנסט — I: 151, 217; II: 141, 180, 270
טאָמאַשעווסקי באָריס — I: 245; II: 52, 221
טאַנין שלום — I: 62; II: 131
טאַנענצאַפּ — II: 85, 86
טאַנצמאַן — I: 238
טאָפּט משה — II: 191
טאַרו־ליכט רות — II: 126
טאַרלאָ הענריק — I: 50, 64, 198; II: 120
טאַרלאָווסקי משה — I: 247, 249; II: 139
טוקאַטשינסקי — II: 243
טורגעל באָריס — II: 113, 157, 162
טורקאָוו זיגמונט — I: 19, 33, 34, 125, 126, 141, 145, 155, 198, 201, 202, 270, 272, 292, 315; II: 46, 63—66, 81, 83, 154, 155, 180, 181, 185, 250, 274, 285, 286
טורקאָוו יצחק (זע אויך: גרודבערג) — I: 145; II: 46, 285, 286
טורקאָוו מאַרגאַריטאַ — II: 282
טורקאָוו מאַרק — I: 162; II: 28, 62, 285, 286
טורקאָוו רות — I: 132
טורקאָוו רחל — I: 32, 145, 218; II: 126, 281—290
טורקאָוו שרה — II: 282—290
טיטעלמאַן מ. — II: 52, 53, 144
טיימאַן משה — II: 11, 57
טיקאַטשינסקי — II: 150
טעבענס וואַלטער — I: 27; II: 145, 146
טעל לייב — II: 18
טעפּא יעזשי — II: 153
טראַיאַנאָווסקי, פּראָפ. — II: 265
טראַכטענבערג א. — II: 82
טראַכטער — II: 27, 105, 285, 286
טרילינג מ. — I: 321; II: 94, 95, 131
טריסטאַן — II: 7
טרעטיאַקאָוו — I: 64
טרעמבאַטש מ. — II: 105
טשאיקא — II: 271
טשיריקאָוו — II: 34, 150, 163
טשערסקי פּ. — I: 36

יאַבלאָקאָוו הערמאַן — II: 131, 176
יאַווילער קלמן — I: 238
יאַלעס־גימפּעל (זע גימפּעל מאַלווינאַ)
יאַנג קלאַראַ — I: 18, 226, 267, 270, 277, 278, 306, 307; II: 10, 52, 120, 145
יאַסעלעוויטש מערי — II: 132, 165
יאצקאַן ש. י. — II: 238
יאַקאָב מאַזעס — II: 31, 32
יאַקובאָוויטשאַ אַנאַ — I: 279; II: 145
יאַקובאָוויטש לאַלאַ — II: 83, 94
יאַראָסלאַווסקי זלאַטע — I: 265; II: 177
יוווילער מאַרק — I: 308
יונגוויץ בועז — I: 278, 307; II: 52

יונגווירט לעאָפּאָלד — II: 31, 85, 137
יעדוואַב הערשל — I: 174; II: 119
יעדוואַבניק דוד, ד״ר — II: 160
יעזערסקי א. — II: 130
יערמאַלינאַ — I: 46, 124, 321

כאַצקעלעס העלענאַ — II: 110
כאַראַז — II: 11
כאַש יוסף — I: 80, 102; II: 131, 173, 177
כאַש לאה — II: 173
כאַש־קאַדיש־נחמה — II: 121, 177
כאַש שלום — II: 173
כאַש־שעוואַכאַוויטש אירענע — II: 177
כהן יעקב — I: 86
כהן שמעון הרב — II: 177

לאַבעל מאַלווינאַ — II: 52
לאַזאַווערט הענריקאַ — II: 196
לאַזדאַן יעקב — II: 110
לאַזער האַנקאַ — I: 150
לאַטיינער — II: 153
לאַכטיגער הענרי — I: 289—294; II: 120
לאַמפּע מאַריס — I: 295—300
לאַמפּעל — II: 17
לאַנגמאַן מוסיאַ — II: 254, 255
לאַנדאַו שמואל — I: 19, 32, 33, 38, 46, 125, 191, 197—205, 212; II: 169
לאַנדוי לייב, ד״ר — II: 17, 90, 192—199
לאַנדוי ראָמאַן — II: 264
לאַסקאַווסקי פּ. — II: 11, 57
לאַרעס חנה — I: 62
לאַרעסקאַ — I: 238
לואי דוד — I: 89, 91, 119, 120, 133, 167—171
לוביטש אַנאַ — II: 131
לובלינער דודל ר׳ — II: 273

לופּט העניעק — II: 17, 237
ליאָוו לעאָן — II: 200
ליבגאָלד ז. — I: 247; II: 31
ליבגאָלד לעאָ — I: 247; II: 31, 170, 171
ליבין ז. — I: 170
ליבערט יעקב — I: 46, 124, 278, 320, II: 10, 11
ליבערמאַן א. — I: 88
ליבראַווסקי אברהם — II: 234, 236
ליבראַווסקי לאה — II: 233—237
ליבראַווסקי רייזל — II: 236
ליטאַן עני — II: 133
ליטמאַן פּעפּי — I: 248, 277
לייוויק ה. — II: 176
לייטעס י. — II: 77, 78
ליכט דוד — II: 17, 82, 90, 103, 274
ליכטענבערג אלי — I: 133; II: 75
ליכטענבערג מינאַ — I: 133, 168, 169
ליכטענבערג רבקה — I: 132
ליכטענשטיין ערווין, ד״ר — I: 183, 184
ליליאַנאַ לילי — II: 170, 171
לינדבערג לעאָפּאָלד — I: 34
לינדערפעלד שלמה — II: 169, 236
לינדער מנחם — I: 67
ליס לידיאַ — II: 165
ליסקאָווסקי סאָניאַ — I: 130, 133, 136
ליפּאָווסקי אסתר — I: 264—268
ליפּאָווסקי נחום — I: 262—268; II: 132, 174
ליפּאָווסקי סאַשאַ — I: 265
ליפּינסקי יאַנקעלע — II: 131
ליפּמאַן־מ״ץ אליעזר ר׳ — II: 223
ליפּמאַן משה — I: 19, 33, 205; II: 180, 213
ליפּמאַן נאַטאַליאַ — II: 126
ליפּשיץ משה — II: 188
ליפּשיץ נחמה — II: 174

ליפשיץ פריידעלע — II: 86
לעבעדיעוו אהרן — I: 46; II: 52
לעדערמאַן דוד — I: 19, 110—112; II: 11, 52, 57, 60, 170, 171
לעהאַר פראַנץ — II: 10
לעווי איזידאָר — II: 165
לעווי זשאַק — I: 32, 92—99, 212; II: 39, 203, 255
לעוויטאַן — II: 46
לעווין דוד — II: 105
לעווין חנה — I: 280—288
לעווין צעשע — II: 105
לעווינסאָן אברהם — I: 213
לעוויצקאַ לובאַ — II: 63—68
לעווענטאַל ש. — II: 35, 162
לעווענשטיין — II: 165
לעימאַן העני — II: 123
לעמפקאָוויטש — I: 47; II: 52
לענגיעל — I: 93
לענץ סט. — II: 27
לערנער חנה — I: 58, 60, 102—107; II: 175
לערנער לייב — II: 41, 165

מאהלער רפאל, ד"ר — I: 217
מאַזאַ מרדכי — I: 36, 62—67; II: 82, 276
מאזשוכין איוואַן — II: 125
מאַטיס אַנרי — II: 276
מאַכאַראָווסקי — II: 53
מאליער — I: 19, 202
מאלנאַר — I: 93
מאנגער איציק — I: 34, 86
מאַנדעלבוים כ. — I: 243
מאַנדעלבליט יעקב — I: 223; II: 80—88
מאַניעלאַ מאַניאַ — II: 83, 84
מאַץ אַלעקסאַנדער — II: 223
מאַץ בנימין — II: 223
מאַץ הירש — II: 113, 223—228
מאַראַווסקי מאַרק — I: 89
מאַרסאלאוו ראובן — II: 57
מאַרעווסקי אברהם — I: 22, 23, 34, 204, 217, 270, 271, 323, 324; II: 158, 274
מאַרעצקאַ יוליאַ — II: 18
מאַרקאָוו מ. — I: 269
מאַשקאָוויטש י. — II: 90
מאַשקאָוויטש מאָריס — I: 17, 245; II: 52
מוזיקאַנט לוסיאַ — II: 110
מוני פּאָול — I: 248
מורער — II: 67, 68, 115, 116
מייזלער נתן — II: 18
מייזעל היימאַן — I: 245
מייזעל מאָוריצי — I: 86
מייזעלס א. — II: 137
מייערסאָן מ. ל. — I: 46, 266, 276; II: 53
מיכאַלעסקאַ מיכאל — I: 270; II: 11, 52, 57
מילנער מאַרקאַ — I: 253; II: 35, 162
מינסטער דוד — I: 217
מינקאָווסקי מ. — II: 265
מיצקעוויטש אַדאַם — I: 23
מלאַטעק יאָסל — II: 242, 243
מלאך ל. — I: 218
מעל (מעלאַמעד) העלאַ — II: 74, 83, 87
מעלמאַן מאיר — II: 83, 133
מעלצער אַדאָלף — I: 239, 247; II: 230
מענדעלסאָן י. (בלייך יהודה) — II: 139
מענדעלסאָן שלמה — I: 32, 35, 217; II: 239
מענדעלע מוכר ספרים — I: 113, 202, 252, 254, 256—258, 283; II: 11, 17, 153, 270
מענקעס זיגמונט — II: 178, 179

מעסטעל איטשע — II: 137
מעסטעל יעקב — II: 137—139, 229
מעסטעל מאיר — I: 247; II: 229—232
מעסינגער י. — II: 271
מעסינגער וואָלף — II: 83
מעקור וואָלף — I: 247; II: 42

נאַדינאַ — I: 46
נאַזשיק יצחק — I: 189; II: 170, 234
נאַטאַן אידאַ — I: 27, 88, 211—214; II: 83, 84
נאַטאַן מישאַ — I: 211—214; II: 83
נאַטאַן נעמי — I: 27, 209—215; II: 83, 103
נאַטאַן שמחה — I: 209—215; II: 133, 165, 188
נאַכאַלניק אורקע — I: 299
נאַכבאַר דאליע — II: 137, 210
נאַכט י. — II: 17
נאַלין טאַליני — I: 269
נאַלקאָווסקאַ זאָפיאַ — I: 310
נאַמבערג ה. ד. — I: 63, 93, 164; II: 163, 239
נאַפּטאַלעוויטש משה — I: 110
נאַרוויד מאַקס — I: 50, 64
נאַרפלוס מאַריס — II: 169
נויטייך מאַריאַן — I: 69
נוישטאַט ל. — I: 30, 36, 165
נוסענבלאַט נפתלי, ד״ר — I: 66
נחבוש נח — I: 62, 64
נייגער, ד״ר — I: 86
ניידעס לייב — II: 104
נייהויז דינה — II: 145
נייהויז וואָלף — I: 284; II: 142, 147
נייהויז צילע — II: 145, 146
נייווירט יוסף — I: 284; II: 59
ניימאַן אברהם — I: 234
ניימאַן י. מ. — I: 156; II: 279
נינינאַ — II: 119
ניסנבערג הענריק, פּראָפ. — II: 17
ניסנצווייג חיים — I: 151; II: 17, 82, 271
ניסענבוים יעקב — II: 250—253
ניעפּראַווסקי אַלטער — II: 132
ניעראַסלאַווסקאַ נאַדיאַ — I: 46; II: 10—12
נעי נאַראַ — II: 77
נעמי — I: 64
נעמי שמחה — II: 83

סאַלאָווייטשיק אהרן, ד״ר — I: 87; II: 78
סאַלווע י. — I: 27, 284, 285
סאַמבערג אייזיק — I: 13, 17—28, 60, 65, 83, 105, 107, 113, 200, 207, 270, 284; II: 95—97, 103
סאַנדלער חיים — I: 23, 24, 32, 59, 60, 83, 104, 159, 280—288; II: 145
סאַנדלער פּרץ — I: 47; II: 10
סאַנדלער ראָזאַ — I: 27, 280—288
סאַפּער שמואל — II: 110
סאַקאַלאָוו לעאָניד — I: 47, 80; II: 119—121, 145
סאַרנאַ (הירשפעלד) צעשע — II: 35—37, 90, 162—166
סוויסליאַנסקי א. — II: 243
סודאַרסקי מענדל, ד״ר — I: 316
סוצקעווער אברהם — II: 67, 115
סוריץ מ. — I: 269
סטאַל צעלינאַ — II: 90
סטאַראַגרעץ ל. — I: 323
סטאַראַדוב (אַלטבוים) סאָניאַ — II: 132, 154
סטאַראַדוב גאלא — II: 132, 154
סטוטשקאַ נחום — I: 253
סטופּניצקי ש. י. — II: 239, 251, 252
סטרוגאַזש יוסף — II: 239, 240

סטרינבערג אויגוסט — I: 33; II: 150
סיגאַל בן־ציון — II: 139, 205—210
סמאַרגאַנסקי יאשא — II: 257
סמאַרגאַנסקי מוסיאַ — I: 92; II: 255—257
סעגאַלאָוויטש ז. — I: 19, 33, 162, 163; II: 11
סעגאַלאָוויטש קלאַראַ — I: 19, 29—37, 164, 165, 270
סעקלער — II: 11
סערבא פיני — II: 11
ספיוואַקאָווסקי — I: 276, 290
ספעקטאָר מ. — II: 12

עבעל קאַרל — II: 31, 140, 165
עבער — II: 182
עדעלמאַן סאָניאַ — I: 278
עטינגער ש., ד״ר — I: 204; II: 73, 153—155
עלבוים משה — II: 242
עליאָוויטש — II: 105
עליאַן צעשע (זע: סאַרנאַ)
עליאַס מרים — I: 323
עלמית סאָניאַ — I: 62, 64; II: 163
עלקין מענדל — II: 113
ענגעל יואל — II: 201
ענדעלמאַן, ד״ר — II: 266
עסקרייז יוסף — I: 238
עפעלבערג ה. — I: 17, 46, 201, 222, 277; II: 10, 169
עפשטיין דידיאַ — II: 65, 83, 133
עפשטיין פעני וואַדי — II: 52
ערדי סאָפיאַ — I: 315; II: 112
ערוועסט אידאַ — I: 103, 172—177
ערליך־דובנאָווע סאָפיאַ — II: 242

פּאַדזאַמטשע שלום — I: 179, 248; II: 137, 140, 210
פּאַדלאַס העלענאַ — I: 130
פּאַדלאַס חיים — I: 133
פּאַווילישאַק — II: 265
פּאַוועלסקי — I: 147, 148
פּאַזנער חיים הרב — I: 156
פּאַטאַצקאַ לידיאַ — I: 267; II: 82, 230, 287
פּאַטראַני לאַלאַ — I: 80; II: 120
פּאַלאַקעוויטש משה — I: 297; II: 169
פּאַליאַקאָוו — I: 47
פּאַלניצקי — II: 130
פּאַנצער — II: 270
פּאַסמאַניק יוסף — II: 131, 165
פּאַפּיאַנסקי משה — II: 110
פּאַקאַי מאַקס — I: 296, 297, 300; II: 236
פּולאַווער משה — II: 46
פּולמאַן קיילע — I: 132
פּולמאַן שמעון — I: 69, 132
פּיזשיץ ח., ד״ר — I: 35
פּילאָוניק שרה — II: 110
פּילסודסקי יוזעף — I: 222, 264
פּינטשוק — I: 86
פּינסקי דוד — I: 38, 198; II: 38, 151, 153, 270
פּינקוסעוויטש אַנשל — II: 41
פּיעטריקעוויטש — II: 241
פּיקאָן מאַלי — I: 218, 292; II: 145
פּיקאַסאָ פּאַבלאָ — II: 276
פּליווער אברהם — II: 18
פּעקער א. — II: 132
פּערלמאַן אסתר — II: 133, 135
פּערלע יהושע — I: 31, 36
פּערענסאָן מ. — I: 90; II: 242
פּערפּיץ נ. — I: 323
פּראַגער רעגינאַ — I: 238, 239
פּראַשקער — II: 259
פּריזאַמענט יעקב — I: 247; II: 42
פּריזאַמענט שלמה — II: 42, 60, 221, 230, 232

פרייס מיכאל — II: 139, 205, 206, 207, 210
פרילוצקי נח — II: 239, 240
פרעגער יעקב — I: 34, 218
פרץ י. ל. — I: 20, 65, 218, 255, 261; II: 17, 33, 50, 102—104, 239
פשיבישעווסקי סטאַניסלאַוו — II: 34, 163
פשעפיורקאַ דבורה — II: 133

פֿאַדערמאַן אַנדזשע — II: 46, 47
פֿאַלמאַן דוד — I: 42
פֿאַלמאַן לאַלאַ — II: 170
פֿאַס ריכאַרד — I: 93
פֿאַסטעל שמחה — I: 27, 55—61, 103, 105, 107, 284; II: 141, 236
פֿאַרבערט לעאַ — I: 155
פֿאַרד — II: 77
פֿאַקעל דאָראַ — I: 27, 32, 58, 60, 89, 216—220
פֿוקס יעקב — I: 247
פֿוקס לעאַ — I: 247; II: 87
פֿוקס ראָזאַ — I: 247; II: 86, 87, 132
פֿיטערמאַן מאַשאַ — II: 274
פֿיינזילבער צפורה — I: 205
פֿיינזילבער שרהלע — II: 152
פֿיינמאַן דינה — I: 245
פֿיינמאַן זיגמונט — I: 245
פֿיינער לעאַ, ד״ר — I: 150; II: 270
פֿיינשטיין — II: 47, 110
פֿינקעל ליאָווע — II: 246
פֿינקעל שמעון — II: 131, 176
פֿינקעלשטיין — II: 105
פֿישגרונט ס. — I: 150
פֿישזאָן — I: 46; II: 9, 12, 53, 54
פֿישזאָן אברהם — I: 172, 262, 276, 290
פֿישזאָן מישאַ — I: 292; II: 144, 239
פֿישמאַן — I: 110, 111; II: 169
פֿישמאַן יאָסל און יעקב — II: 242, 243
פֿישעלעוויטש — I: 46, 47, 222
פֿישער אַנקאַ — I: 124, 127
פֿישער באָריס — I: 124
פֿישער הערמאַן — I: 46, 122—128; II: 60
פֿישער יעקב — I: 150; II: 83
פֿישער לובאַ — I: 32, 124—127
פֿישער ליזאַ — I: 122—128
פֿישקינד אברהם — I: 238
פֿלאָום האַנקאַ — I: 93; II: 35, 162
פֿלאַקסער מ. — II: 242, 243
פֿלעצעטי יאָזעף — I: 242
פֿערער משה — I: 64
פֿערער סאַמי — II: 90
פֿעלמענט סטעפֿאַניאַ — II: 107
פֿעלער אַלבערט — II: 65
פֿעניגשטיין אַראָלף — II: 240
פֿעניגשטיין הערמאַן — I: 279; II: 240
פֿערענסאָן שושנה — II: 242
פֿראַנגאַז מ. — II: 137, 230
פֿראַנק לעאָנאַרד — I: 204
פֿריד לאַזאַר — I: 17
פֿרידמאַן לייב — I: 89, 178; II: 60
פֿרידמאַן סאָניאַ — II: 17, 87, 88
פֿרידמאַן פֿעליקס — I: 20, 22, 33, 55, 202, 212, 283; II: 24—30, 61, 73, 213, 214
פֿרייזינגער חיים — II: 110
פֿרייזינגער נח — II: 110
פֿריינד ש. — I: 150; II: 270
פֿריש, ד״ר — I: 138
פֿרישמאַן דוד — I: 93
פֿרענקעל דניאל — II: 17
פֿרענקעל חיים — II: 35, 162
פֿרענקעל שעפטל — II: 162

צוואידזינסקי א. — I: 43
צווייג סטעפאַן — I: 85, 96
צווייליך שאַיעלע — I: 101; II: 94
צווערלינג סעווערין — II: 18, 183, 198
צוקער קלאַרא — I: 182, 185
צוקער רעגינאַ — I: 28, 58, 89, 107, 116—121
צוקער שלום — I: 178—185; II: 137
צוקערבערג רעגינאַ — I: 238
צוקערזיס מיראַן — II: 159
צוקערמאַן בן־ציון — II: 176
צייטלין אהרן — I: 52; II: 28
צייטלין אלחנן — I: 66
צייטלין הלל — II: 238, 239
צײַנגוט — II: 195
צימבאַליסט קאַרל — I: 89, 90, 117—119
ציפקוס — I: 46
ציקאַרניק ש. — I: 93; II: 35, 162
צמח נחום — I: 322, 323
צעלמייסטער דוד — II: 11
צפור י. ב., ד״ר — I: 202; II: 19, 46, 165, 166

קאַברין לעאָן — I: 44, 63, 88, 106, 111, 220, 324; II: 53, 150, 163
קאַברינסקי ל. — II: 90
קאַגאַנאָווסקי אפרים — I: 35, 156
קאַגאַנאָווסקי רעגינאַ — I: 35
קאַדיסאָן ל. — I: 62, 64
קאַדיש (משפחה) — I: 80, 102; II: 131—133, 145, 173, 174, 177
קאַהאַן אפרים — I: 241
קאַהאַן לאַזאַר — I: 92; II: 174, 238—244
קאַהאַן לילי — II: 241
קאַהאַן סאַמועל — II: 241
קאָוואַלסקי מ. — I: 62, 64
קאָוואַרסקי — I: 86
קאָופמאַן א., ד״ר — II: 242
קאַזאַקעוויטש — II: 243
קאַזדאַן ש. — I: 247
קאַטש קורט — I: 218; II: 131
קאַטשאַלאָוו — II: 158
קאַלאַדני יאָסל — II: 220, 254—257
קאַלאַדני לייב — II: 246
קאַלאַדני ליאָוואַ — II: 247
קאַלאַדני נחמה — II: 247
קאַליך יעקב — I: 182; II: 145
קאַליש בערטאַ — I: 238
קאַליש לייב — I: 243, 244, 247
קאַליש רות — II: 165
קאַלמאַן — II: 174
קאַלמאַנאָוויטש ה. — I: 213
קאַלעשניקאָוו — II: 171
קאַמינסקי אברהם־יצחק — I: 18, 46, 47, 76, 124, 131, 132, 134, 135, 168, 172, 221, 278, 306, 320, 321; II: 9, 11, 53, 119, 124, 144, 165, 168
קאַמינסקי אידאַ — I: 19, 33, 132, 145, 219, 292; II: 51, 81, 83, 133, 135, 153—155, 180, 227, 274
קאַמינסקי אסתר־רחל — I: 18, 19, 38, 46, 80, 124, 130, 131—136, 168—170, 189, 190, 201, 210, 221, 262, 265, 266, 320, 321; II: 75, 80, 81, 114, 132, 152—154, 168, 187, 266
קאַמינסקי יוסף — I: 132, 202
קאַמינסקי רעגינאַ — I: 124, 131
קאַמיסאַזשעווסקאַיאַ וויעראַ — II: 156
קאַמיען יוסף — I: 62, 64, 190, 191, 213; II: 187—191
קאַמעניעצקי ברוך — II: 173
קאַמפּאַניעיעץ א. ג. — I: 46, 172, 174, 262, 266, 276, 277; II: 9, 53, 119, 144, 165

קאַן הענעך — I: 218; II: 101, 102, 279

קאַן מאַטל — II: 274

קאַן שלמה — I: 88, 320—334; II: 90, 168

קאַנאַפּאָו פישל — I: 267

קאַניעווסקאַ וויעראַ — II: 39

קאַנפּער משה, ד״ר — I: 150, 323; II: 84, 274

קאַפּ משה — I: 235

קאַפּלאַן יחזקאל — II: 110

קאַפּלאַן פסח — I: 298; II: 10

קאַץ בעלאַ — II: 17

קאַץ זישע — I: 32; II: 167—172

קאַץ עמי — II: 110

קאַציזנע אַלטער — I: 33, 202, 283; II: 270

קאַצענעלסאָן יצחק — I: 36, 97, 307; II: 53

קאַראַבקאָוו יאַן — I: 73

קאַראַלעוואַ מרים — II: 125

קאַרטשאַק יאַנוש — I: 35

קאַרלינסקי אורי צבי — II: 261

קאַרלינסקי (קאַרלינאַס) ב. — II: 261

קאַרלינסקי רות — II: 261

קאַרנטייער י. — I: 104, 105

קאַרעני נאַדיאַ — II: 190, 191

קאַרפּינאָוויטש משה — I: 186—196

קווינט רפאל — II: 90, 130

קוטנער שלמה — I: 27, 60, 79—84, 88, 102, 107, 270; II: 58, 119, 120, 175—177, 239

קויפמאַן — II: 131, 132

קולביס — II: 159

קומאַק הערמאַן — II: 10

קונאַ הענריק — II: 265

קוסטין שלמה — I: 47, 174, 175

קוסעוויצקי משה — II: 191

קופּערמאַן ש. — II: 120, 176

קופּריץ משה — I: 315; II: 112

קורץ אברהם — I: 88—90, 108, 112—115, 118, 207

קורץ־סמאַרגאַנסקאַ מוסיאַ — II: 254—257

קייזער געאָרג — II: 270

קייזער פּאלא — II: 169

קוט — I: 62

קיניעלסקי יוזעף — II: 59

קיפּניס מ. — I: 137—142, 164, 295, 298

קירשנבוים — II: 60

קלאַבונד — I: 20

קלאַוזנער מ. — I: 3[illegible]

קלאַפּטען צעציליאַ, ד״ר — II: 197

קלוטש יצחק — II: 110

קליאַטשקאַ מענדל — I: 86

קליין מיכאל — I: 46, 47, 307

קליין, פּראָפ. — II: 26[illegible]

קליינמאַן אַרטעק — II: 178

קליינמאַן וולאַדעק — II: 178

קליינמאַן זאָשיאַ — II: 178, 181

קליינמאַן פריץ — II: 17, 178—186, 188, 195, 231

קלינגער נתן — II: 39, 137, 287

קלעצקין באָריס — II: 113

קעי דעני — I: 134

קעלטער יעקב — II: 11, 169

קעלטער שמואל — II: 152

קעניג דינה — II: 189

קעניגסבערג דוד — II: 174

קעסלער דוד — II: 52

קעסלער יוסף — I: 245—247

קערמאַן פסח — II: 60, 69—75, 83, 87

קראַוזע־מילער — I: 46

קראַטקאַ שמעון — II: 265

קראַשטשאַר — II: 170, 274

קראַשעווסקי י. — I: 38, 198; II: 169

קרינסקי מ. — I: 46, 141
קרעלמאַן יצחק — I: 198; II: 83, 138
קרעסין מרים — I: 315; II: 274

ראַבין ברוך — II: 132
ראַבין מענדל — II: 129—136
ראַבינאָוויטש אלא — II: 247
ראַבינאָוויטש מינדל — II: 132
ראַדע — I: 72
ראָווינאַ חנה — I: 322, 323
ראַזאָווסקי — II: 114
ראָזמאַרין, אינזש. — I: 150; II: 270
ראָזנער — I: 58
ראָזען בעלאַ — II: 243
ראָזען בער י. — I: 32; II: 59, 242, 243
ראָזען ל. — II: 11
ראָזען מאַניע — II: 271
ראָזען מרים — I: 151; II: 126
ראָזען פאַלאַ — II: 59
ראָזען שמחה — I: 88, 108—112; II: 11
ראָזענבאַום איגנאַצי — I: 69
ראָזענבערג טוביה — I: 247
ראָזענבערג ישראל — I: 247
ראָזענבערג לובאַ — I: 121, 177
ראָזענבערג שרה — I: 247
ראָזענטאַל מאַקס — II: 52
ראָזענטאַל ראמאן — I: 31, 36; II: 105—107
ראָזענשטיין — II: 247
ראָט גרשון — I: 247; II: 86, 232
ראטבוים יעקב — I: 65, 217; II: 90, 189
ראטבוים לאה — I: 217
ראטבוים שרה — I: 64
ראטבלום י. — I: 315
ראָטמאַן אייזיק — II: 60, 83, 170, 171, 236
ראָטמאַן מאשע — II: 236
ראָטענבערג י. — II: 242
ראָטשטיין גרישאַ — I: 47; II: 83, 87, 172
ראָטשטיין סאַלאָמאָן — I: 47
ראָטשטיין עליאַס — II: 52
ראָטשטיין פעלאַ — II: 87
ראָטשטיין צילאַ — I: 47, 48
ראָטשטיין שאַיעלע — I: 32, 45—49, 221, 222
ראָלאַן ראָמען — II: 153
ראסקעס מאשא — II: 224
ראַפּאַפּאָרט י. — II: 242
ראַפּעל אַנדזשע — II: 39
ראַפּעל אסתר — II: 39
ראַפּעל זינאַ — I: 17, 224, 225; II: 39
ראַפּעל לייזער — I: 17, 46, 172, 201, 222, 277; II: 39
ראַפּעל מאַלווינאַ — II: 39
ראַפּעל צילאַ — II: 39
ראַפּעס י., ד"ר — II: 113, 161, 224
ראַקאָוו נ. — II: 121
ראַקאָווער־לאזער האַנקאַ — II: 99
רובין מנחם — I: 270, 278
רובינליכט (משפחה) — II: 260—266
רובינשטיין הערמאַן, ד"ר — II: 263
רובינשטיין יוסף — I: 156
רובינשטיין לוטא — II: 260
רובינשטיין ראובן — I: 316; II: 64
רוזגא שרה — II: 169
רומקאָווסקי מ. ח. — II: 280
רוניטש אָסיפּ — I: 270, 315
ריבאַ שמחה — I: 82, 159; II: 60
ריטש סילווען — I: 156
רייזמאַן יונה — I: 238, 248; II: 131, 138, 207, 208
רייזען זלמן — II: 113, 161
רייזער אַניעטאַ — II: 175
רייכענבערג (ברידער) — II: 117—121

ריינגלאַס יעקב — II: 19, 83, 133, 274
רייסמאַן רוזשאַ — II: 18
רינגעלבלום עמנואל, ד״ר — I: 158
רעלעס משה — I: 241
רעמבאַ נחום — I: 72
רעסלער בנימין — I: 151, 229; II: 270, 271

שאבאד צמח, ד״ר — II: 113, 224, 225
שאגאל מארק — II: 271
שאיעוויטש דינה — I: 89, 114, 115
שאיעוויטש ישראל — I: 114
שאפיר בענעדיקט — I: 235
שאַפּיראָ — II: 77, 79
שאַפּיראָ דניאל — II: 132
שאַפּיראָ משה — II: 55
שאַראָ הענריק — I: 88, 156, 158; II: 76—79
שאָר זעליק — I: 239; II: 88, 177
שאָר משה, פּראָפ. — I: 86, 239
שודריך יעקב — II: 17, 87, 88
שוואלבע — II: 240
שווארץ באָריס — II: 42
שוורץ מאָריס — I: 23, 34, 85, 113, 182, 272; II: 123, 209
שווארצבארד גוסטאוו — I: 46, 47, 173, 221, 222, 275; II: 60, 80, 82, 169
שווארצבארד רוזשע — I: 173, 222, 275
שווארצשטיין בן־ציון — II: 172
שווארצשטיין בער — II: 170—172
שווארצשטיין יוכבד — II: 172
שומאכער — I: 218; II: 170, 171, 278
שושנה ראָזא — I: 92, 299; II: 151, 174, 240—244
שטאָקפעדער אברהם — I: 165
שטאָקפעדער אניא — I: 310
שטאָקפעדער עווא — I: 88, 306—312
שטאָקפעדער משה — I: 306—312; II: 171
שטייגער סטאניסלאוו — II: 192
שטיין אלעקס — I: 34, 62, 80, 218, 270, 272; II: 188
שטיינווורצעל סעווערין — I: 156
שטערנבערג יעקב — I: 315; II: 109
שטערנהיים נחום — II: 216—222
שטראמער סאלאָמאָן — I: 180, 248; II: 207
שטראספּאָגעל ל. — I: 46; II: 168, 169
שטרודלער חנה — I: 248
שטעפלער דוד — I: 235
שטרענג אָטאָ — II: 17
שטרענג י. — II: 17
שטרענג מ. — II: 137, 210
שידלאָ יוסף — I: 50, 64
שיין מאניע — I: 173
שילדבערג איגנאצי, ד״ר — II: 262
שילינג סעם — I: 17, 38, 239, 245, 247
שילער לעאָן — I: 34
שיעלאנסקי סטאניסלאוו — II: 77
שיעמאשקא וואנדא — II: 16
שיפער איציק — II: 17
שיפער יצחק, ד״ר — I: 86, 217
שיפער חיהלע — II: 274, 276
שיפער מ. — I: 39
שיק מרים — I: 64
שירינג חיהלע — II: 236
שלאָסבערג יצחק — I: 46; II: 10
שלאָסבערג סאָניא — I: 173
שלום עליכם — I: 113, 218, 252, 254, 258, 300; II: 34, 49, 54, 73, 78, 82, 154, 163, 217, 218, 270, 274
שליוניאק יוסף — II: 105, 106
שליט געניא — I: 269—273
שלעכטער ע. — II: 107

שמחוני מ. — II: 242
שניאור חיים — I: 33, 62, 64; II: 262
שניאור מ. — I: 139; II: 200—204
שניידער בערל — II: 110
שענבערג יאָזעף — I: 247
שענהאר קארל — II: 255
שענקער א. — II: 110
שעפטעל — I: 62; II: 35
שעראדזקי־אוגער מאלווינא — II: 53, 239
שעראדזקי הערמאן — I: 80, 321; II: 52—53
שערמאן דוד — I: 149—152; II: 90, 126, 165, 271
שערמאן משה — II: 110
שערעשעווסקי — II: 129, 176
שפילמאן — II: 44, 252, 253
שפּיראָ — I: 46; II: 53
שפּערבער — II: 58, 60, 271
שראמעק, חזן — I: 238
שרייבער, ד״ר — II: 171
שריפטזעצער לייב — I: 252—261

פון דעם זעלביקן מחבר

זענען דערשינען אין דער ביכער־סעריע

„דאָס פּוילישע ייִדנטום"

אַזוי איז עס געשען... (חורבן וואַרשע)

בועָנאָס איירעס, 1948

אין קאַמף פאַרן לעבן

בועָנאָס־איירעס, 1949

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) **זרובבל** — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) **ד״ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) **חיים גראַדע** — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה) (אויספאַרקויפט)
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**פּאָעמע**)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (**אויספאַרקויפט**)
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (**אויספאַרקויפט**)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (**זכרונות**)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**אויספאַרקויפט**)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (**אויספאַרקויפט**)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (**ראָמאַן**)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)
69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (**אויספאַרקויפט**)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (**אויספאַרקויפט**)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּויל
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער יואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) **מ. ד. גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) **יעקב דינעזאָן** — „הערשעלע" און „יאָסעלע"
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

י. הירשהויט שרייבט וועגן ד"ר יוסף טענענבוימס בוך „גאַליציע — מיין אַלטע היים" אין אַן אַרטיקל א"נ „דער סימבאָל פון נעכטן" („ייִדישער קעמפער", ניו־יאָרק, 20סטער נאָוועמבער 1953):

דאָקטאָר יוסף טענענבוימס „גאַליציע מיין אַלטע היים" האָט ווייט אַריבערגעשריטן די גרענעצן פון אַ בוך זכרונות. אין זיין הקדמה צום בוך באַוואָרנט זיך דער מחבר, אַז ער איז נישט אויסן איבערצוגעבן זיינע זכרונות, און פונקט אַזוי האָט ער זיך נישט מתכוון געווען צו שרייבן אַ היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג אָדער אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק. די דאָזיקע באַוואָרענישן פונעם מחבר מכוח דעם כאַראַקטער פונעם בוך זענען ביז אַ געוויסער מאָס ריכטיקע. מיינען מיינט דאָס, אַז „גאַליציע מיין אַלטע היים" איז טאַקע נישט קיין אויסגעשפּראָכן זכרונות־ווערק, פונקט אַזוי ווי עס איז נישט קיין היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג און נישט קיין אויטאָביאָגראַפיע. עס איז אָבער, אָן ספק, אַ סינטעז פון אָט די דריי עלעמענטן, אַ מין פון אַלץ צו ביסלעך, וואָס שאַפט צוזאַמען אַ האַרמאָנישע און אייגנאַרטיקע גאַנצקייט.

די תקופה פון תחית העם פונעם גאַליצישן ייִדנטום, וואָס נעמט אַרום אַן ערך די ערשטע צוואַנציק יאָר פונעם הייַנטיקן יאָרהונדערט, פאַרנעמט דעם אויבנאָן פון ד"ר טענענבוימס שילדערונגען. דאָס איז געווען אַ תקופה פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג ביי דער ייִדישער יוגנט אין גאַליציע, אַ תקופה, וואָס האָט דאָס גאַליצישע ייִדנטום אָפּגעקערט פון דער פּאָליטישער אַסימילאַציע און געבראַכט עס צום ציוניזם. דער מחבר איז איינער פון די געציילטע לעבנסגעבליבענע עסקנים, וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין גאַליציע. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער אַקטיוויסט און האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן פון יענער ראָמאַנ־

טישער צייט. ביי אַ יעדן גאַליצישן ייִד און באַזונדערס ביי אונדז, דעם ייִנגערן דור עסקנים, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אויף די טראַדי־ציעס פון יענער ראָמאַנטישער תקופה, מוזן די דאָזיקע זכרונות אַרויסרופן אַ שטאַרקן נשמה־ציטער, בפרט אַז ד״ר טעננבוים האָט מיט

דער פשטות פון זיינע שילדערונגען, אַ פשטות וואָס גרענעצט זיך אָפּט מיט יוגנטלעכער נאַיִווקייט, באַוויזן אַרויסצוברענגען דאָס סאַמע איידל־סטע און צאַרטסטע פון דעם אַלטע־מען, וואָס האָט געלעבט און געשאַפן אין יענע יאָרן פון שטורעם און דראַנג.

אָבער נישט בלויז ביי גאַליציאַ־נער וועט דאָס בוך אַרויסרופן אַן אינטערעס. „גאַליציע מיין אַלטע היים" איז אַ בוך פאַרן כלל ישראל. די דערגרייכונגען פונעם גאַליצישן ייִדנטום אין דער תקופה פון תחית העם זענען דאָך נישט געווען קיין רעגיאָנאַלע דערגרייכונגען, באַ־שטימט בלויז פאַרן גאַליציאַנער שבט. אדרבה, זייער ווירקונג האָט זיך געלאָזט מערקן ווייט אויסער די גרענעצן פון גאַליציע. אויך די צרות און די ליידן, וואָס ווערן באַ־שריבן אין בוך, זענען געווען אייגן פאַר ייִדן פון גאַנץ פוילן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פון די איבע־ריקע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. די כוואַליע פון פאָגראָמען, מיט וועלכער די פוילישע פרייהייטס־קעמפער האָבן אָנגעהויבן אין יאָר 1918 זייער הערשאַפט אין פוילן, איז טאַקע אויסגעבראָכן אין לעמ־בערג, אָבער פון דאָרט האָט זי זיך אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע פוי־לישע פראָווינצן און האָט זיך, ברי־דערלעך, פאַרייניקט מיט דער פאָ־גראָם־כוואַליע אין אוקראַיִנע און רוסלאַנד. ד״ר יוסף טעננבוים איז געווען דער ערשטער מחבר, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1919 פאַרעפנט־לעכט די דאָקומענטן וועגן לעמבער־גער פאָגראָם. אין זיין איצטיקן בוך ברענגט ער אויך אַ טייל פון די דאָזיקע דאָקומענטן, אָבער דאָס מאָל

ניִשט בלויז וועגן דעם פּאָגראָם אין לעמבערג, נאָר אויך וועגן פּאָגראָמען אין אַנדערע שטעט און פּראָווינצן פון פּוילן.

ניִשט קוקנדיק אויף די אַריינגעפירטע דאָקומענטן, איז דאָס בוך גאַנץ ווייט פון זיין אַ טרוקן־היסטאָריאָגראַפיש ווערק. דער מחבר מיידט עס בכיוון אויס, ווייל ער פאַרשטייט, אַז היסטאָרישע פּינקטלעכקייט און וויסנשאַפטלעכע אויסגעהאַלטנקייט זענען אין דעם פאַל ניִשט קיין ענינים פון ערשטער וויכטיקייט. אַ סך וויכטיקער און אינטערעסאַנטער איז אַרויסצוברענגען דאָס פולע בילד פון דער ייִדיש־גאַליצישער סביבה. אַ בילד, וואָס זאָל זיין פולבלוטיק און לעבעדיק. די דאָזיקע אויפגאַבע דערגרייכט ד״ר טענענבוים דורך שילדערונגען פון זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אויף דער קאַנווע פון די היסטאָרישע געשעענישן. עס קען אויך באַטראַכט ווערן פאַרקערט: אויף דער קאַנווע פון זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען ציט ער אַדורך דאָס בילד פון די היסטאָרישע געשעענישן. די דאָזיקע סינטעזע הייבט זייער שטאַרק דעם ווערט פונעם בוך. זי ברענגט אַריין אַ לעבעדיקייט און אַ היימישע נאָענטקייט אין דעם דערציילטן מאַטעריאַל.

ווי אַן אַריינפיר צום בוך דאַרף באַטראַכט ווערן דער קורצער איבערבליק פון דער געשיכטע פון ייִדן אין גאַליציע, כאָטש אין אַלגעמיין ברענגט דער דאָזיקער איבערבליק ניִשט אַריין קיין שום נייעס (ווייל די אַלע פאַקטן זענען באַקאַנט פון די פריִערדיקע אַרבעטן פון אַזעלכע אויסגעצייכנטע היסטאָריקער, ווי ד״ר מאיר באַלאַבאַן, ד״ר יצחק שיפּער און אַנדערע), פּאַסט ער זיך פונדעסטוועגן גוט אַריין אין דער גאַנצקייט פון בוך. דער עצמדיקער מאַטעריאַל הייבט זיך אָן דאָרט, ווו ד״ר טענענבוים נעמט זיך דערציילן וועגן דער תקופה, וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט. עס קריצן זיך איין אין זכרון אַזעלכע בילדער, ווי די פרימאָרגנדיקע באַגעגענישן פון מחבר מיטן אַלטן קייזער פראַנץ יאָזעף, די נסיעות פונעם יונגן סטודענט אין שליחות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַנדערע. פון אַ גאָר גרויסן ווערט איז דער קאָנדענסירטער באַריכט איבער דעם אָנטייל פון גאַליציע אין דער אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער און ייִדישער קולטור, ווי אויך דער איבערבליק פון דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין גאַליציע ביים אָנהייב פונעם הייניטיקן יאָרהונדערט.

אַז עס רעדט זיך שוין וועגן די וויכטיקע עלעמענטן פון בוך, דאַרפן

אויך דערמאָנט ווערן די מאַטעריאַלן איבער דער לאַגע פון גאַליצישע ייִדן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ד״ר טענענבוים איז אן אויסגעצייכנטער קענער פון דער פראַגע פון פּליטים, וועלכע האָבן זיך אין ווין און אין אַנדערע שטעט פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע געזוכט שוץ פאַר דער דעמאָלטיקער רוסישער אינוואַזיע אין גאַליציע. בעת מען לייענט די דאָזיקע קאַפּיטלען קערן זיך אום צום זכרון יענע צייטן פון פּיין און נויט פון ייִדן אין גאַליציע, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע, צווישן דער רציחה פון די ווילדע קאָזאַקן און דעם אויסגעפיינטן היימישן אַנטיסעמיטיזם פון די עסטרייכישע מושלים.

אַ גאַנץ בכבודיקער טייל פון בוך ווערט געווידמעט דער לאַגע פון ייִדן אין דער צייט פון די פּויליש־אוקראַיִנישע קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1918—1919. ווי באַוווּסט, זענען דעמאָלט די פּאָליאַקן געבליבן די זיגערס און זיי האָבן איבערגענומען די ממשלה איבער גאַנץ גאַליציע. די לאַגע פון די גאַליצישע ייִדן איז דאַן נישט געווען קיין געהויבענע: אַ מבול פון פּאָגראָמען, קאָנטריבוציעס און רעקוויזיציעס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייערע קעפּ. די ניי־געשאַפענע פּוילישע רעגירונג האָט אַפילו באַמיט זיך צו וואַרפן די שולד פאַר די דאָזיקע מעשים אויף נישט פאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן פון פאָלק, אָבער פון ד״ר טענענבוימס ציטירטע דאָקומענטן זעט זיך בפירוש אַרויס, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן און סטימולאַנטן פון דער דאָזיקער וואַקכאַנאַליע זענען געווען די פירער פון דער יונגער פּוילישער אַרמיי. צווישן די דאָזיקע דאָקומענטן געפינען זיך פּראָקלאַמאַציעס און באַפעלן אַרויסגעגעבענע דורך פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן, וועלכע האָבן אין די שפּעטערדיקע צייטן פאַרנומען גאָר הויכע שטעלעס אין דער פּוילישער אַרמיי. אייניקע פון זיי לעבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג און זענען וויכטיקע פאָרשטייער פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג.

אין די דערמאָנטע פּראָקלאַמאַציעס און באַפעלן ווערן אויף ייִדן אַרויפגעלייגט גזירות פון כל המינים. עס רעדט זיך דאָרט וועגן רעפּרעסיעס און שטראָף־אַקציעס, וואָס וועלן אונטערגענומען ווערן קעגן ייִדן. אַז די דאָזיקע גזירות זענען נישט געווען בלויז קיין פּאַפּירענע, איז אַ באַווייז סיי דער לעמבערגער פּאָגראָם און סיי די בלוטיקע פּאָגראָמען אין צענדליקער אַנדערע שטעט פון פּוילן.

***

אין זיין הקדמה צום בוך זאָגט ד״ר טענענבוים, אַז „וואָס וויכטיקער און אכזריותדיקער עס איז די חורבה פון היינט, אַלץ העכער און לויטער גייט אויף דער סימבאָל פונעם נעכטן". דער נעכטן איז אויך נישט געווען קיין פריילעכער. ער האָט זיך געראַנגלט צווישן אַ שטענדיקער שרעק, עקאָנאָמישער נויט און פּאָליטישער נויט און פּאָליטישע גזירות. אָבער ווי שלעכט דער דאָזיקער נעכטן זאָל נישט געווען זיין, האָט ער פונדעסטוועגן אַרויסגעגעבן אַ קאָנסטרוקטיוון און שעפערישן ישוב, וואָס האָט אין מיטן פון דעם שטענדיקן געראַנגל פאַר זיין קיום אויסגעשמידט פּאָזיטיווע ווערטן און געבראַכט זיי ווי אַ וואָגיקן צושטייער צום אַלגעמיינעם אָנשטרענג פון יידישן פאָלק. „דער סימבאָל פונעם נעכטן" גייט אויף מיט לויטערקייט און פּשטות אינעם בוך — „גאַליציע — מיין אַלטע היים".

„צוזאַמענצוקלייבן די קופּעס אַש, פאַרקערפּערן זיי אין אותיות, אין ווערטער, כּדי די בייזע ווינטן זאָלן זיי נישט פונאַנדערבלאָזן" — אָט די אויפגאַבע האָט זיך ד״ר טענענבוים געשטעלט ביים שרייבן דאָס בוך און די אויפגאַבע האָט ער דערפילט.

יעקב לעשצינסקי שרייבט וועגן „קאַפּיטלען געשיכטע" פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום („פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 20סטער דעצעמבער 1953):

דער פאַרלאַג פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע האָט דער יידישער וועלט אונטערגעטראָגן אַ נייע, פייַנע מתנה. מיט דעם אַרויסגעבן פון דאָזיקן בוך „עמנואל רינגעלבלום" האָט דער פאַרלאַג, וואָס האָט שוין פאַראייביקט זיין נאָמען מיט העכער נייַנציק ביכער וועגן יידן אין פּוילן, אויפגעטון גאָר אַ גרויסע, ממש אַ היסטאָרישע טאַט.

דער נאָמען רינגעלבלום איז שוין אַריין אין דער יידישער געשיכטע מיט זיינע טאָג־ביכער אין דער היטלער־צייט. מיר ווילן נישט און מיר קענען נישט פאַרנעמען זיך איצט מיט די דאָזיקע טאָג־ביכער, וועלכע זענען, לײַדער, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּויליש־יידישע יעווסעקעס און מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט וויסן וואָס אין דער אמתן רינגעלבלום האָט געשריבן. נאָר אַפילו אָן די דאָזיקע טאָג־ביכער איז דער נאָמען פון דאָזיקן יונג פאַרשניטענעם יידישן היסטאָריקער שוין אַריין אין דער יידי־

שער געשיכטע צווישן די קדושים, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַרן פאָלק, פאַר זיין כבוד, פאַר זיין צוקונפט.

דער בוך, וואָס ליגט פאַר מיינע אויגן, באַווייזט ערשט וואָס פאַר אַ גרויסן כוח די יידישע היסטאָרישע וויסנשאַפט האָט פאַרלוירן און וואָס פאַראַ קרעפטן דער געפאַלענער היסטאָריקער האָט פאַרמאָגט. די

געשיכטע פון פוילישן יידנטום איז אין אַ גאָר גרויסער מאָס די געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווייל ערשט צוריק מיט צוויי יאָרהונדערט, פאַר דער צעטיילונג פון פוילן, האָבן העכער ניינציק פּראָצענט פונעם אַשכנזישן יידנטום געלעבט אין די גרענעצן פון דער גרויסער פוילישער מלוכה. מיר זאָגן, אַז די געשיכטע פונעם פוילישן יידנטום איז די געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווייל די ספרדישע און די אָריענטאַלישע יידן האָבן די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר נישט געשפּילט קיין שום ראָלע אין דער יידישער געשיכטע.

האָט מען געוויס געשריבן נישט ווייניק וועגן די פוילישע יידן. דער גרויסער היסטאָריקער שמעון דובּנאָוו האָט גאָר פיל אויפגעטון אויף דעם דאָזיקן געביט. דאָך זענען געבליבן גרויסע זייטן פון יידישן לעבן אין פוילן פאַרהוילט און נישט באַלויכטן. די לעצטע צען יאָר פאַר דער גרויסער קאַטאַסטראָפע האָט זיך באַוויזן אין פוילן אַ גרויסע גרופּע יונגע יידישע היסטאָריקער, וועלכע האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די פוילישע אַרכיוון און ממש אַנטדעקט אוצרות מיט גאָר וויכטיקע מאַטעריאַלן, וועלכע באַלייכטן שוין נישט אַזוי די אויסערלעכע זייטן פון יידישן לעבן, פּאָליטישע רדיפות, פּאָגראָמען, באַגרענעצונגען און דיסקרימינאַציעס, ווי דאָס אינעווייניקסטע יידישע לעבן: דאָס לעבן פון די מאַסן, די באַציִונגען צווישן רייכע און אָרעמע, די יידישע היים, דעם יידישן חדר און די ישיבה, די יידישע פּרנסות, די קהילות, זייערע ביודזשעטן און הוצאות, די קאַמפן צוליב שטייער־

פראַגן און צענדליקער אַנדערע פאַקטן און איינצלהייטן, וועלכע וואַרפן ליכטיקע שטראַלן אויף דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. אָט די דאָזיקע טעמעס זענען געוואָרן באַהאַנדלט און שטודירט פון די יונגע היסטאָריקער.

און איינער פון די פעיקסטע און פלייסיקסטע איז געווען אָן צווייפל עמנואל רינגעלבלום.

דער בוך, וואָס ליגט פאַר מיר, איז אייגנטלעך צוויי ביכער — ער פאַרמאָגט נאָענט צו 600 זייטן. דאָ איז צוגעקליבן אַ טייל פון זיינע אַרבעטן. און איך בלעטער און בלעטער און לעב איבער מיטן מחבר די שמחות, וואָס ער פלעגט האָבן ביים געפינען נייעם מאַטעריאַל וועגן יידישן לעבן. געגריבלט האָט ער זיך מיט פרייד און געמאַכט אַנטדעקונגען, יאָ, טאַקע באמת אַנטדעקונגען. אָט האָב איך צופעליק אויפגעמישט זייט 84. דער קאָפּ פון אַן אַרבעט טראָגט דעם נאָמען „דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון וואַרשעווער יידן". דער מאַטעריאַל איז ביז גאָר טשיקאַווע — ער איז גענומען פון געריכטלעכע דאָקומענטן. דער מחבר צעוויקלט פאַר אונדזערע אויגן אויף דעם גרונט פון די מאַטעריאַלן אַזאַ פאַרבנרייך בילד פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי ער זעלבסט כאַראַקטעריזירט דאָס: „וועגן סכסוכים און קריגערייען, מחלוקתן און געשלעגערייען, גנבות און רציחות, שכרות און אַוואַנטורעס" און ער שטעלט ווייטער פעסט, אַז פון די מאַטעריאַלן קען מען באַקומען אַ שטיקל באַגריף וועגן די פויליש־יידישע באַציונגען.

און אין דער אמתן — אונדזערע פאָרשטעלונגען זענען דאָך איינזייטיק. דער פוילישער ייד זינגט „מה יפית" פאַרן פריץ און דער פריץ רייצט אָן זיינע הינט אויפן ייד. דער ייד ציטערט פאַרן פויער און שכורט אים אָן אין זיין שענק. דער גלח פרעדיקט שנאה צו יידן. און דער פריץ באַרגט געלט ביי יידן.

דאָסווירקלעכע לעבן איז געווען אַ סך קאָמפּליצירטער און רייכער אין פאַרבן. לאָמיר ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן פון דעם אַרטיקל, וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס דערמאָנט. ער הייבט זיך אָן מיט דער פראַגע וועגן יידן און קריסטן אין אַמאָליקן פוילן. און שוין אין די ערשטע פּאָר זייטלעך געפינען מיר זייער אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. אַ גלח מיטן נאָמען יאַן באַהאַמאַלעץ האָט אָנגעשריבן אַ בוך „לערע פאַר די פויערים וועגן חתונות". און ער שטעלט אַרויס פאַר אַ ביישפּיל יידן. ער שרייבט: „זעט איר יידן אום שבת אָדער יום־טוב וואַלגערן זיך אויף די וועגן אין אַ באַוווסטלאָזן צו־

שטאַנד? זעט איר זיי דעמאָלט טאַנצן און טרייבן זנות אין די קרעטשמעס און שענקען?"

און ער דערציילט זיי ווייטער וועגן די ייִדישע וווּנדערבאַרע געזעצן וועגן פאַמיליע־לעבן און וועגן קינדער־דערציִונג און וועגן די באַציִונגען צווישן מאַן און ווייב. דער גלח האָט דאָס נישט אויסגעטראַכט און נישט אויסגעלייענט פון ביכלעך, נאָר אָפּגעשריבן פון דער ווירקלעכקייט.

ווייטער ברענגט רינגעלבלום נישט ווייניק פאַקטן, ווי ייִדן טרינקען אין אַ שענק צוזאַמען מיט פויערים און שפּילן אין קאָרטן. דאָס בילד, וואָס דער גלח האָט געגעבן, דאָס איז דער ברייטער שליאַך פון ייִדישן לעבן — דער ייִד אין שענק צוזאַמען מיט פויערים צי מיט אַ פּריץ איז געווען אויסנאַמען. אָבער כדי דאָס בילד זאָל זיין ריכטיק און פול מוז מען וויסן אויך די שאָטנדיקע זייטן.

דער פּריץ האָט געהערשט איבער דעם פויער און איבער דעם ייִד — ברענגט רינגעלבלום פאַקטן ווען דער פּריץ האָט געמוזט בייגן דעם קאָפּ פאַרן ייִד, ווען דאָס געריכט האָט געפּסקנט. אָט האָט אַ שליאַכטשיץ געהאַט אַ געלט־געשעפט מיט אַ ייִד און האָט דעם ייִד אין העמד געבראַכט צום ראַטהויז. ער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט דריי טעג טורמע און געלט־שטראָף פאַרן ייִד.

ייִדן האָבן געוויס מורא געהאַט פאַר די גויִים. ייִדן זענען דאָך געווען אַ מינדערהייט, אָבער זייער אָפּט האָבן זיי זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע, ווי מען זאָגט. אַ שכורער גוי האָט געמאַכט אַ חורבן אין אַ ייִדישער שטוב און אַרויסגעוואָרפן דעם טשאָלנט פון אויוון. דער ייִד איז אַרויס פון די כלים און גענומען שלאָגן דעם שכור אַזוי לאַנג ביז ער האָט אים אָוועקגעלייגט. דער ייִד האָט באַצאָלט דער פאַמיליע צען רובל און די זאַך איז געווען דערליידיקט.

אָט אַזעלכע בילדער פון צאַפּלדיקן לעבן אין די צענדליקער ברענגט רינגעלבלום פון געריכטלעכע דאָקומענטן — פאַר אונדזערע אויגן פליסן דורך וואָכעדיקע, אָבער לעבעדיקע טעג פון ייִדן אַמאָל. און מיר זעען ווי פאַרשידנאַרטיק און פאַרבנרייך קאָנקרעטעס לעבן איז.

די יונגע ייִדישע היסטאָריקער פון פוילן האָבן כמעט אַלע געהערט צום לינקן פליגל פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט; לינקער פליגל מיינט נישט פאַר יענער צייט קאָמוניזם, נאָר לינקע פּועלי־ציון און אויך רעכטע פּועלי־ציון. בונדיסטן זענען מיר נישט באַקאַנט צווישן

די דאָזיקע יונגע היסטאָריקער, אַלס לינקע ציוניסטן איז געווען נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיך גריבלען אין ייִדישע עקאָנאָמישע פראַגן און פּראָבלעמען. פאַרן „בונד" זענען אַלע ייִדישע פראַגן געווען מער ווי קלאָר: דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם; און אַראָפּ אַלע ייִדישע קאָפּ־ווייטיקן! אַ ציוניסט־סאָציאַליסט האָט געמוזט זיך גריבלען אין טעאָריעס און זוכן, ווי צוזאַמענצובינדן די דאָזיקע צוויי אויבנאויף קעגנגעזעצטע טעאָריעס און באַוועגונגען. רינגעלבלום איז געווען אַ לינקער פּועלי־ציוניסט, איז נאַטירלעך, וואָס ער האָט געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט ייִדישע עקאָנאָמישע פראַגן. געפינען מיר אין בוך אַ סך אַרטיקלען וועגן אַמאָליקע ייִדישע פּרנסות און דערביי אַ סך גאַנץ נייע מאַטעריאַלן.

מיט איין וואָרט, דער פאַרלאַג געענטינע האָט נישט נאָר געשטעלט אַ שיינע מצבה איינעם פון די שענסטע קדושים אין דעם אונטערערדישן קאַמף קעגן די נאַצי־מערדער, פון דעם פּוילישן פאַרבאַנד אין אַרגענטינע האָט נישט נאָר געשטעלט נאָר אויך איינעם פון די פאַרדינסטפולסטע ייִדישע היסטאָריקער.

אין דער כאַראַקטעריסטיק פון רינגעלבלומען דורך שאַצקי אין דעם גרויסן אַריינפיר וועט דער לייענער געפינען אַ פיין־געצייכנט בילד סיי פון דעם היסטאָריקער, סיי פון דעם קעמפער. דאָס בוך פאַרדינט אַ ברייטן קרייז לייענער; מען לערנט פון אים אַ סך און מען ווערט ביי זיך דערהויבענער און רויקער, וואָס מיר האָבן געהאַט אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי רינגעלבלום.

א. ל. שוסהיים שרייבט וועגן גרשם באַדערס זכרונות („די ייִדישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 15טער נאָוועמבער 1953):

שרייבן און איבערגעבן אין דרוק זכרונות איז אַ מין געזעגענען זיך מיט דער וועלט. אין זכרונות דערציילט מען געווייינלעך וועגן דערפאַלגן און דורכפאַלן, וועגן גליק און וועגן גליקן אין דער באַציִונג מיט מענטשן (באַזונדערס אין דער ליבע), וועגן גרויסע און קלוגע זאַכן וואָס מ'האָט באַוויזן אויפצוטון, וויפל חכמה מ'האָט דערביי באַוויזן, און, ווער עס וויל, דערציילט אויך וועגן נאַרישקייטן וואָס מ'האָט באַגאַנגען, וועגן ביטערע דערפאַרונגען וואָס מען האָט געהאַט מיט מענטשן (און ווידער באַזונדערס מיט פרויען), דאָס הייסט,

אַז אויב איינער וויל אויף דער עלטער דערציילן אַלץ וואָס האָט מיט אים פּאַסירט אין די יונגע יאָרן, דאַרף ער זיך אַוועקשטעלן פאַר דער וועלט־געשיכטע אַזוי צו זאָגן אין פּיזשאַמע. זשאַן זשאַק רוסאָ און דער הייליקער אַוגוסטין האָבן דאָס טיילווייז געטון. יעדנפאַלס, וויפל עמעץ זאָל נישט וועלן אין די עלטערע יאָרן אַנטפּלעקן פון די נאַרישקייטן און די חכמות פון די יוגנט־יאָרן, איז בעסער אַ ביסל צוּוואַרטן, זיך נישט איילן. די שענסטע עלטער אויף צו פאַרעפנטלעכן זכרונות ווייזט מיר אויס איז ביי די 90 יאָר. פריִער לוינט זיך נישט. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף טראַכטן צו דערלעבן די יאָרן. און אויב איינער טוט דאָס ווי גרשם באַדער, ביי 85 יאָר, ווילן מיר אים דאָס נישט נעמען פאַר אומגוט.

דער ערשטער באַנד, וועלכן מיר האָבן איצט פאַר זיך, איז פאַרנומען אינגאַנצן מיט זכרונות פון אַ ווייטער יוגנט — ווייט אין צייט און אין רוים. אָט אַזוי ווייט ווי עס איז די קראָקע און גאַליציע מיט אַ 70—75 יאָר צוריק ביז צו דער ניו־יאָרק פון 1953. אַ ייִדיש קינד אין פּוילן און גאַליציע פון יענער צייט האָט אייגנטלעך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון דעם, וואָס עס זענען היינט די קינדער־יאָרן. ביי זעקס יאָר האָבן ייִדישע קינדער שוין אויפגעהערט צו זיין קינדער. אָנשטאָט צו פאַרנעמען דעם צאַרטן קינדערישן מוח מיט שפּילערייען, מיט קינדער־מעשהלעך האָבן 7־יאָריקע קינדער ביי ייִדן זיך פאַרנומען מיט די האַרבע פּראָבלעמען פון „שור שנגח את הפרה“ (וועגן אַן אָקס וואָס האָט געקאָפּיעט

גרשם באַדער

מיינע זכרונות

(פון קראָקע ביז קראָקע)

אַ קו) אָדער וועגן „הביא גט ממדינת הים“ (ווען איינער ברענגט אַ גט פון יענער זייט ים), וכדומה תלמודישע פּראָבלעמען.

אַלס 7־יעריק קינד האָט באַדער שוין געלערנט ביי זיין פאָטער גמרא מיט רש״י און תוספות. אַ שכן, וואָס איז געווען אַן „איידעם אויף קעסט“ און אַ „ווילדער למדן“, האָט געבעטן באַדערס פאָטער ער זאָל אים אַריינשיקן דעם יונגן

גרשם, ער זאָל מיט אים לערנען עטלעכע שעה אין טאָג. דער ווילדער למדן איז געווען אַ כעסן און אַ ווילדער שלעגער. פלעגט ער בשעתן לערנען שלאָגן דאָס 7־יעריק קינד מכת רצח. פּאַר נישט פאַרשטיין אַ וואָרט — דערציילט באַדער — האָט אים דער ווילדער לערנער „האַלבע פּאות אויסגעריסן".

כאַראַקטעריסטיש פּאַרן לעבנסשטייגער פון יענער צייט איז דער פאַלגנדיקער עפּיזאָד וואָס באַדער דערציילט: נעבן זיי האָט געוווינט אַ יונגערמאַנטשיק פון אַ יאָר 15, שוין אַ חתונה געהאַט. אָט דאָס יונגע באַלעבעסל האָט נאָך געלערנט ביי אַ מלמד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער כעסן און וועלכער פלעגט זייער אָפט „אַריינצימבלען" זיינע תלמידים, ווען זיי האָבן נישט געקענט דעם שיעור. האָט אַמאָל געטראָפן, אַז גראָד אין מאָמענט ווען דער מלמד האָט אַריינגעצימבלט דעם באַלעבעסל, איז אָנגעקומען אַ שליח אים אָנזאָגן די בשורה, אַז ער איז געוואָרן אַ טאַטע...

בכלל איז דער דאָזיקער ערשטער באַנד פון באַדערס זכרונות רייך אין עפּיזאָדן פון אַבערגלויבן, פון נאַיִוון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פון מחלוקת און שנאה צווישן מתנגדים און חסידים און צווישן חסידים גופא. אַזוי דערציילט באַדער וועגן איינער אַ ייִדענע דאַבריש, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר אַ מכשפה. קינדער אין גאַס האָבן איר נאָכגעוואָרפן שטיינער און איר נאָכגעשריגן מכשפה. מ'האָט וועגן איר דערציילט, אַז ווו אַ קימפּעטאָרין, קומט זי צו גיין כלומרשט צו ווינטשן מזל־טוב, און באַלד ווי זי גייט אַוועק, ווערט דעם קינד נישט גוט, עס הייבט אָן ברעכן און שטאַרבט. האָט געטראָפן אַזאַ מעשה אַז דאַבריש איז געקומען ווינטשן מזל־טוב צו איינעם מרדכי שענקער, וועמענס ווייב איז געלעגן אין קימפּעט. און באַלד ווי זי איז אַוועקגעגאַנגען, כאָטש זי האָט נישט געזען נישט די קימפּעטאָרין, נישט דאָס קינד, איז דעם קינד שלעכט געוואָרן און עס האָט אָנגעהויבן ברעכן. האָט דער דאָזיקער מרדכי שענקער נישט לאַנג געוואַרט, ער איז נאָכגעלאָפן דער 'מכשפה', דערלאַנגט איר אַ פּאָר פּעטש און זי געשלעפּט צום זאַלעשטשיקער רבין, וועלכער האָט געוווינט אין קראָקע און אַ האַלבע שטאָט איז מיטגעלאָפן.

דער רבי — דערציילט באַדער — האָט אַריינגערופן די כלומרשטע מכשפה אין זיין חדר מיוחד און ער האָט אויף איר שרעקלעך געשריגן.

דאָבריש אָבער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן און זיך געשווירן, אַז זי ווייסט גאָרנישט פון קיין שום כשוף, אַז שונאים האָבן דאָס אויף איר אויסגעטראַכט.

דער רבי האָט געהייסן דאָברישן אַהיימפאָרן בשלום און דאָס קינד איז תיכף געזונט געוואָרן. פון דע־מאָלט אָן האָט דאָבריש פאַרלוירן איר שם פון אַ מכשפה.

אָבער דאָס איז דאָך געווען נאָר איינער פון די פיל אָבערגלויבנס, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, וואָס ווערט אַזוי פיל באַזונגען פון די ייִדישקייט־ראָמאַנטיקער.

דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט אָפטמאָל אָנגענומען געפערלעכע פאָרמען פון רדיפות און געשלעגן. אַזוי דערציילט באַדער וועגן אי־בערפאַלן פון מתנגדים אויף חסי־דישע רביים צו סאַמע כל נדרי ביים דאַווענען. אין אָשוויענטשים, די שטאָט וואָס איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל צער און פּיין, אין דער דאָזיקער אָשוויענטשים, וועלכע ייִדן האָבן גערופן אָשפּיצין, האָבן חסידים גערודפט דעם שטאָט־רב לייבוש מינץ צוליב דעם ווייל ער האָט געהאַט דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע. דער ד״ר לייבוש מינץ איז געווען אַ פרומער רעליגיעזער ייִד, ער האָט געהאַט סמיכה פונעם התם סופר, אָבער ער האָט אַלס רב נישט געוואָלט צולאָזן קיין אַקטן פון אָבערגלויבן. און ווייל ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן קיין חופה אויפן בית עולם אַלס אַ מיטל קעגן אַ מגיפה, וואָס האָט דעמאָלט גע־בושוועט אין שטאָט, איז ער פון דער פאַנאַטישער מאַסע פאַרשריגן געוואָרן ממש ווי אַ כופר בעיקר, און אין סאַמע ראש השנה, ווען דער רב האָט געוואָלט מקריא זיין די תקיעות, איז צו אים צוגעשפרונ־גען אַ ווילדער פאַנאַטיקער, אים אַוועקגעשטופּט פון דער בימה, גע־נומען זידלען און באַליידיקן און לסוף דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם רב. דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַ 70 אָדער 75 יאָר צוריק. אָבער אין יאָר 1918, ווען ציוויליזאַציע און קולטור האָבן אינצווישן ממש אי־בערגעביטן דאָס פּנים פון דער וועלט, האָט דער שרייבער פון אָט די שורות בייגעווינט אין אָשוויענ־טשים אַ חתונה אויף דעם בית עולם און ווידער אַלס מיטל קעגן אַ מגיפה אין שטאָט. מילא, געהערט דאָס צו דער געשיכטע פון אָבערגלויבן וואָס האָט אפשר נישט קיין שייכות צו אמתער רעליגיע. אָבער די מחלוקת, די שנאה און געשלעגן צווישן חסי־דים גופא איז שוין אַן ענין וואָס געפינט זיך צווישן אָבערגלויבן און רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. וועגן

דער דאָזיקער אומטאָלעראַנץ און ווילדקייט דערציילט גרשם באַדער אַ ריי עפּיזאָדן וואָס ווייזן אונדז די חסידים און זייערע רביים נישט אין אַ זייער שיינעם ליכט. דער קאַמף צווישן די „סאַנדזער" און די „סאַ־דעגערער" חסידים איז אין מערב־גאַליציע געפירט געוואָרן אויף אַ מער ווילדן און באַרבאַרישן אופן ווי די שפּעטערדיקע קאַמפן צווישן די אַרבעטער־פּאַרטייען, למשל, אַזוי דערציילט באַדער, אַז זיינער אַ פֿע־טער אין אָשוויענטשים, וואָס איז געווען אַ סאַדעגערער חסיד, האָט אין אַ וויכוח מיט אַ „סאַנדזער" באַקומען פון יענעם מיט אַ ביר־גלאָז איבערן קאָפּ, פון וואָס דער פעטער איז אין פיר וואָכן אַרום געשטאָרבן.

דאָס איז נישט געווען בלויז אַן איינצלנער עפּיזאָד. אין די קלענע־רע שטעטלעך פון מערב־גאַליציע, שרייבט באַדער, ווו די סאַנדזער חסידים האָבן געהאַט די „מאַכט", האָט מען „עוקר מן השורש געווען" יעדן סאַדעגערער חסיד. „און אַזוי ווי די סאַדעגערער האָבן אויך נישט געשוויגן, פלעגן אָפטמאָל פּאָרקו־מען די שרעקלעכסטע מחלוקתן מיט געשלעגן און מסירות". די דאָזיקע זאַכן וואָלט כדאי געווען צו דער־מאָנען ווען מען פאַרכליניעט זיך ביי אונדז מיט דער ראָמאַנטיק פון חסידיזם.

אין די דאָזיקע ווילדקייטן זענען די רביים, אָדער לפּחות אַ טייל פון זיי, געווען אומשולדיק. באַדער דערציילט אַ שווידערלעכן פאַל פון קשאַנאָוו, אַ שטעטל, 15 באַן־מינוט פון פּאָר אָשוויענטשים.

קשאַנאָוו איז לאַנגע יאָרן געווען דאָס שטעטל פון סאַמע פינצטער־סטן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אומ־טאָלעראַנץ. אַזוי ווי דער שטאָטי־שער רב איז אויך געווען אַ חסי־דישער רבי, אַ זון פונעם סאַנדזער צדיק, האָבן די סאַנדזער חסידים אַזוי לאַנג גערודפט די סאַדעגערער, ביז יענע האָבן זיך געמוזט אונ־טערגעבן. נאָר איין איינציקער ייִד, אַ סאַדעגערער חסיד, האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. דאָס איז גע־ווען אַ מענטש אַן עקאָנאָמיש אומ־אָפּהענגיקער, מיט אַ פעסטער סאָ־ציאַלער פּאָזיציע אין גוטע פאַר־בינדונגען מיט די רעגירונגס־קרייזן. האָט דער ייִד — זיין נאָמען איז געווען האָלענדער — געמיינט, אַז ער מעג הערן דעם רבין „ווי דעם רב". דער רבי האָט זיך גע־סטאַרעט מיט כלערליי מיטלען צו ברעכן האָלענדערס עקשנות. אָבער אַזוי ווי קיין שום מיטלען האָבן נישט געהאָלפן, האָט דער רבי זיך באַנוצט מיט די שאַרפסטע וואָפן —

מיטן חרם. תחילת האָט זיך האַלענ־דער אויסגעלאַכט פון דעם רבינס גבורה. אָבער לסוף האָט דער חרם זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ מוראַדיקע שטראָף. האַלענדער איז געבליבן איזאָלירט ווי אַ קרעציקער. אַפילו זיין ווייב און קינדער האָבן אים פאַרלאָזן. קיינער האָט אים נישט געוואָלט דערלאַנגען אַ לעפל עסן. דער יידישער בעקער האָט אים נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין ברויט. דער סוף איז געווען אַז דער ייד האָט געמוזט בעטן ביים רב מען זאָל פון אים אַראָפּנעמען דעם חרם. באַדער דערציילט ווי זיין פאָטער האָט אים אַלס קינד פון קאַרגע פינף יאָר געטראָגן אויף די הענט, ער זאָל זען די ווילדע סצענע פון „קבלת נזיפה". די סאַמע באַרבאַ־רישסטע אַקטן פונעם קאַטוילישן מיטלאַלטער זענען אומשולדיקע קינדער־מעשהלעך אַנטקעגן דיליידן און די שפיכת דמים וואָס דער ייד האַלענדער האָט געליטן פון זיי־נע יידישע ברידער בהסכם הרב...

אָט אַזוי בילדן באַדערס זכרונות אַ שטיק קולטור־געשיכטע פונעם יידישן לעבן אין גאַליציע אין די 70ער און 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. און אין אַ סך שטעט און שטעטלעך איז דאָס דאָזיקע קולטור־בילד אויך שפּעטער קיין סך נישט שענער געוואָרן.

אינמיטן שרייבן די דאָזיקע שו־רות איז מיר געקומען די ידיעה, אַז גרשם באַדער איז געשטאָרבן. דערוועקט די ידיעה אַ געפיל פון אמת מענטשלעכן טרויער. כאָטש דערלעבן 85 יאָר איז אויף אַלע גוטע און פרומע יידן געזאָגט. עס איז פאַרשטענדלעך אַז אין אַזעלכע יאָרן ריכט מען זיך יעדן טאָג אויפן טויט. באַדער האָט דערפאַר נאָך געוואָלט זען זיינע זכרונות אָפּגע־דרוקט און עס איז באמת אַ פאַר־דינסט פונעם פאַרלאַג פון דער ביי־כער־סעריע „דאָס פוילישע יידנ־טום", וואָס דער דאָזיקער ווונטש באַדערס איז פאַרווירקלעכט גע־וואָרן. דאָס בוך איז אים זיכער אָנ־געקומען (מיט לופטפּאָסט) עטלעכע טעג פאַר זיין טויט.

כאָטש דאָס אַוועקגיין פון אַ שע־פערישן מענטשן דערוועקט תמיד אַ מענטשלעכן טרויער־געפיל — ווי אַלט דער מענטש זאָל נישט האָבן געווען — איז אָבער דאָ אַ טרייסט, וואָס באַדער האָט גייסטיק־שעפעריש פול אויסגעלעבט זיין לעבן. די אַריבער 85 יאָר וואָס באַ־דער האָט געלעבט זענען אין גייס־טיקער אַקטיוויטעט געווען מער ווי 100 יאָר ביי אַנדערע מענטשן. באַ־דער האָט כמעט קיין קינדעריש לעבן נישט פאַרזוכט. ס'איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, אַז ביי

זיבן יאָר האָט ער שוין באַקומען
געשלאָגן צוליב דעם „שור שנגח את
הפרה“. און אויך אַלס אַ 7־יעריק
קינד האָט ער שוין געקענט פון
אויסנווייניק חומש מיט רש״י. אַלס
אַ 12־יעריק ייִנגל איז ער שוין
געווען אַריינגעטון אין די געזעל־
שאַפטלעך־רעליגיעזע קאַמפן פון
זיין צייט, פון זיין געגנט און פון
זיין מענטשן־קרייז. און אַלס אַ 15־
יעריקער איז ער שוין געפאָרן לער־
נען אין אויסלענדישע ישיבות, אין
פּרעסבורג, אין בערלין, אין קעלן
א״אַ. און געלערנט האָט ער אין
אָרעמקייט און דחקות, אָפט ליידנ־
דיק הונגער.

גרשם באַדער איז שוין אַלס אַ
יונגער בחור געווען אַן אומרויִקער
קאָפּ, נישט געקענט ליידן קיין
עוולהס, דערפאַר האָט ער אַליין
געמוזט אָפט ליידן עוולהס. און טאַ־
קע צוליב דעם דאָזיקן נישט קע־
נען ליידן קיין עוולהס, איז ער גע־
וואָרן אַ שרייבער, זיך גענומען
אַריינמישן אין זאַכן וואָס זענען נאָך
„נישט געווען פאַר זיינע יאָרן“. ווי
אַ יונגן מענטש וואָס קען נישט
ליידן קיין עוולהס האָט באַדער אין
פאַרשיידענע פאַלן זיך גענומען
מתקן זיין די וועלט און ער האָט
געשריבן צייטונגס־אַרטיקלען און
בראָשורן, געפּרוווט אַליין אַרויס־
געבן צייטונגען, געשריבן מעמאָ־
ראַנדומס צו דער רעגירונג, צום
געריכט, געפּרוווט זיך צונויפרעדן
מיט רבנים, מיט קהילה־לייט —
אָבער גיי שריי חי וקים, אַז די
וועלט לאָזט זיך נישט פאַרבעסערן.
אַפילו אַ שטרייק פון פּוילישע
פעלד־אַרבעטער, וועלכן באַדער
האָט געוואָלט אַרויסרופן צוליב גע־
רעכטיקייט! קעגן אַ ייִדישן פּאָמעש־
טשיק, ביי וועלכן באַדער האָט גע־
לעבט ווי אַ לערער פון זיינע קינ־
דער, האָט זיך דעם יונגן בחור נישט
איינגעגעבן אַזוי ווייט, אַז ער, באַ־
דער, האָט לסוף געמוזט אַנטלויפן
מיטן לעבן פאַרן צאָרן פון די, וועל־
כע ער האָט געוואָלט באַפרייען פון
עקספּלואַטאַציע. וועגן די אַלע זאַכן
קען מען לייענען אויספירלעך אין
אויבנדערמאָנטן בוך זכרונות.

פון זיינע 85 יאָר האָט גרשם באַ־
דער פאַרלעבט מער ווי אַ העלפט
אין גאַליציע. ער האָט אַ סך אויפ־
געטון פאַר דער ייִדיש־קולטורעלער
אויפלעבונג אין גאַליציע. אָבער
אויך אין אַמעריקע איז ער געבליבן
דער גאַליציאַנער — באַזונדערס
אין זיין שרייבערישן נוסח. אָבער
אין קעגנזאַץ צו אַ טייל אַנדערע
גאַליציאַנער האָט באַדער זיך באַ־
טראַכט ווי אַ פּוילישער ייִד נאָך
פאַר 1918. זיין בוך „דרייסיק דו־
רות ייִדן אין פּוילן“, איז אַ בוך
פון אַ פּוילישן ייִד.

ד״ר יעקב מייטליס שרייבט וועגן זיגמונט טורקאָוס בוך „פראַגמענטן פון מיין לעבן״ אין זיין אַרטיקל א״ב „אַ ביכער יום־טוב אין אַרגענטינע״ („לשון און לעבן״, לאָנדאָן, יאַנואַר 1952):

דער ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע האָט איצט געפּייערט אַ זעלטענעם יום־טוב. עס איז געווען דער יום־טוב פונעם דערשיינען 75טן ייִדישן בוך (אינצווישן זענען שוין צוגעקומען נאָך עטלעכע נייע ביכער, כן ירבו!) פון דער סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, וואָס עס גיט אַרויס מיט אַ סך ליבשאַפט און נאָך גרעסערער עקשנות דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע מיט מאַרק טורקאָוון און אברהם מיטלבערגן בראש. עס איז מיר שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען צו רעדן באריכות וועגן דער אַרבעט פון אָט דעם פאַרלאַג און די אַרויסגעגעבענע ביכער. דאָ וויל איך נאָר פאַרצייכענען דעם יום־טוב פון בוך, ווייל אין אונדזער דלותדיקן קולטור־לעבן איז בעוונותינו הרבים פאַראַן אַזוי ווייניק פרייד, אַזוי ווייניק יום־טובדיקייט. כאַפּט מען זיך ממש אָן אין אַזאַ שמחה. ווערט ליכטיקער אין די אויגן און וואַרעמער אויפן האַרץ. אַזוי אַז עס ווילט זיך מאַכן די טראַדיציאָנעלע ברכה פון שהחיינו און ווינטשן, אַז זיי, די פאַרלעגער, און מיר די לייענער זאָלן זוכה זיין צו דערלעבן (לאָמיר זיין באַשיידן אַפילו וועז מיר ווינטשן זיך היינטיקע צייטן) דאָס דערשיינען פון 750טן בוך אין ייִדיש, טאַקע אין דער זעלבער סעריע און אונטער דער זעלבער לייטונג!

תחזקנה ידי המכוננים! זאָלן געשטאַרקט זיין די הענט פון די בויער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער ווייטער אַרגענטינע!

זענען פינף און זיבעציק ביכער אין ייִדיש לשון אין משך פון ווײ־

ניקע יאָרן שוין גאָרנישט קיין קליי־ניקייט! קען מען גאָרנישט דער־שאַצן דעם גרויסן אויפטו פון דער גרופּע אַרגענטינער עקשנים, וואָס האָט מיט אייגענע כוחות, אָן טומל און געשריי, דערפאַר אָבער מיט אַ סך טאַקט און עניוות, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַן ערנסטער קולטור־אַר־בעט, זיך גענומען שטעלן אַ לע־בעדיקן מאָנומענט דעם פאַרשני־טענעם פּוילישן ייִדנטום. ווי אַנ־דערש האָט מען געקענט איבערקו־מען די מוראדיקע ליידיקייט פון די נאָך־חורבן יאָרן, אויב נישט דורך אַ קאָנסטרוקטיוון, שאַפערישן אַקט, פון ממשיך זיין, פון זאַמלען און דערהאַלטן אַלע די שאַפונגען פון פּוילישן ייִדנטום, פון נישט לאָזן אויסגיין דאָס לעבעדיקע ייִדישע וואָרט?

איז אויך דאָס פינפאונזיבעציק־סטע בוך אַ לעבעדיקער עדות פון אָט דער טענדענץ. עס איז אַ בינטל ליכטיקע זכרונות פון דעם לעבע־דיקן, צאַפּלדיקן עבר, וואָס עס טראָגט אונדז אונטער דער אַקטיאָר און שרייבער זיגמונט טורקאָוו, כדי צו העלפן פאַרפיקסירן דעם נעכטן מיט זיינע ראַנגלענישן און דער־גרייכונגען. די נעכטיקע עפּאָכע איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן בדם ואש, מיט בלוט און פייער איז איר סוף גע־וואָרן פאַרזיגלט. איילט מען זיך אָפּצוראַטעווען די רעשטלעך פון דער שׂרפה, נעמט מען זיך רעזו־מירן, צו דערציילן און אויפצו־שרייבן אַלץ, וואָס האָט אַ חשיבות, וואָס איז נוגע דעם פאַרלאָשענעם אַמאָל, כדי עס זאָל גאָרנישט פאַר־לוירן גיין. דאָס איז אויך די סיבה פון דער שפע פון מעמואַרן־ליטע־ראַטור, וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אַזוי ברייט צעגאָסן איבער אונדזער ליטעראַטור און האַלט נאָך אין איין וואַקסן. עס איז די צייט, ווי נאָך יעדן חורבן, פון פאַראייביקן און איינזאַמלען. מען וויל פאַרהיטן פאַקטן, געטריי אָפּשפּיגלען געזעל־שאַפטלעכע געשעענישן אין די פאַרשיידענע סטאַדיעס פון קאַמף און וווּקס. יעדע קלייניקייט קען זיין וויכטיק, יעדע ידיעה אַ שלל פאַר דעם צוקינפטיקן פאָרשער.

עס איז געווען אַ פּול לעבן דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן. עס האָט זיך געהאַט צעבליט אַ ליטע־ראַטור, אַ פּרעסע, אַ קונסט און אַ טעאַטער. ווער איז אפשר נאָך אַזוי באַרופן צו דערציילן וועגן די ראַנג־לענישן און אויפטוען פון ייִדישן טעאַטער ווי זיגמונט טורקאָוו, וואָס האָט אַזוי אַקטיוו, אַזוי שאַפעריש צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון ייִדישן טעאַטער אין פּוילן אין דער צייט פון צווישן די צוויי מלחמות?

דערציילט אונדז טורקאָוו אין זיין בוך אַ סך וועגן זיין קינדהייט און זיין יוגנט אין וואַרשע, זיין שווין פּריציייטיקע באַגייסטערונג פאַר טע־אַטער און זיינע ערשטע אָנהייבן אַלס אַקטיאָר. שפּיגלט ער אונדז אָפּ אין זיינע מעמוארן אַ שטיק לעבעדיק און קאָלירפול יידיש לעבן פון אַמאָל. וואַכט פאַר אונדזערע אויגן אויף אָט די הערלעכע שטאָט ווי פון אַ צויבער־שלאָף. דערזען מיר ווידער אַמאָל דאָס ברויזנדי־קע, דאָס רעוואָלוציאָנערע, דאָס פיל־פּנימדיקע וואַרשע. עס איז די יידישלעכע שטאָט מיט איר פאַרהאַ־וועט און פאַרשמייעט זיין, מיט איר מסחר און אַרבעט, מיט דעם פּרנסה־געיעג און גייסטיקע ראַנגלענישן, מיט איר גרויקייט און יום־טוב, מיט אירע קרעמער און בעלי־מלאכות, אַרבעטער און אינטעלי־גענץ, שרייבער, קינסטלער און פאַרטיי־פירער.

עס איז אַ בוך מיט אַ שטימונג. פון יעדער שורה רעדט צו דיר אַרויס די נאָגנדיקע שרפהנדיקע בענקשאַפט פון דעם ייד, פון דעם קינסטלער טורקאָוו צו דעם וואַר־שע, וואָס איז אַזוי אומצייטיק גע־וואָרן פאַרשניטן, צו דעם וואַרשע פון זיין יוגנט, צו די הייזער, גאַסן און קודם כל די מענטשן, — אַלץ וואָס האָט געמאַכט אָט די שטאָט אַזוי גרויס, אַזוי אייגן און אַזוי יידישלעך. עס איז אַ בוך מיט אַ סך פּיעטעט און צאַרטער בענקשאַפט נאָך דעם אַלעם, וואָס האָט אַמאָל געלעבט, געשטרעבט און געהאָפט און ליגט היינט חרוב ומוחרב.

איז וויכטיק ביז גאָר, אַז מיר זאָלן זיך אַלץ מער דערוויסן פון דעם יידישן וואַרשע, פון דעם גייס־טיקן און קינסטלערישן וואַרשע — זענען דאָס בוישטיינער פון די סאַ־מע מיטבויער פון דעם וועלטלעך־יידישן וואַרשע פאַר דעם צוקינפ־טיקן היסטאָריקער.

מלך טשעמני שרייבט וועגן „שבת־יום־טובדיקע יידן" פון פּנחס ביז־בערג („נייע יידישע צייטונג", מינכען, 13טער אַפּריל 1951):

די „גאָלדענע קייט", די יידישע קייט פון יידיש־שאַפונג, פון יידיש־ליטעראַטור, ציט זיך איבער אַלע יידישע קאָנטינענטן. עס דערשיינען ביכער אין יידיש. צו פּרצעס „קייט" קומען צו רינגעלעך, עכט־גאָלדענע רינגעלעך. אַזוי יעדעס יאָר. יאָר נאָך יאָר. און די יידישקייט וועט

זיך ציִען, וועט ווערן גרעסער, וועט פֿאַרשענערן אונדזער ייִדיש־ליטע־ראַטור.

די „גאָלדענע קייט" — דאָס איז דער סימבאָל פֿון חסידיזם, פֿון ארץ־ישׂראליזם, פֿון ייִדישקייט און פֿון ייִדישקייט בכלל.

דאָס דאַרף מען קענען צוזאַמענ־העפֿטן, צוזאַמענרינגלען. מען טאָר נישט פֿאַרוואַרפֿן דעם עבֿר, כּדי צו קומען מיטן ליידיקן צום עתיד. די פֿאַרגאַנגענהייט דאַרף מען קענען באַזינגען, איינוואָרצלען טיילן פֿון איר אין דער צוקונפֿט.

דאָס איז די עבֿודה פֿונעם ייִדיש־שרייבער בימינו.

און דאָס האָט אויסגעפֿירט, שלי־מותדיק, דער פֿיינער פּראָזאַיִקער און נאָך פֿיינערער באַזינגער פֿון אונדזער חסידיש־מיסטישער פֿאַר־גאַנגענהייט, פּנחס ביזבערג, מיט זיין אַרויסברענגען און פּאַראייביקן די שבת־יום־טובֿדיקע ייִדן, די ייִדיש־רבֿישע שטעטלעך און אַלץ, וואָס האָט געשטעקט אין פֿאַרשווינ־דענעם.

פּנחס ביזבערג האָט באַוויזן מייס־טערשאַפֿט אויף דעם געביט.

ער האָט זיך בלויז פֿאַרמאָסטן אויף אַ קליינעם לייוונט. פֿון זיינע טיפֿן און פֿון זיין גאַנצן שיינעם, טראַדיציאָנעלן הו־האַ האָבן געקענט אַרויסקומען נאָך צען און מער בענ־דער, נאָך צען מאָל צו הונדערט פּופֿציק זייטן. ווייל אַ רייך און פֿאַר־ביק לעבן ברענגט ביזבערג אַרויס אין זיין קליינעם ביכל, פֿאַרביק און קאָמפּאַקט, צוזאַמענגעפּרעסט און — בלויז געזאַנג. זיין שרייבן, ווי דאָס רעדן פֿון זיינע טיפּן, ווי דאָס באַ־וועגן און תּנועות פֿון יענעם דור.

ביזבערגס שפּראַך — איז מחיה־מתיקותדיק, בלויז תּענוג. אמתדי־קער שבת־יום־טובֿ.

שבתי־נחומס — הייסט דער הויפּט־העלד. איז דאָס אַ יונגערמאַן, וואָס לעבט רק מיט גערער חסידות, מיטן „שׂפת־אמת", לעבט אין אַ וועלט, וואָס איז אויסגעפּילט מיט כּולה־רוחניות. און אַ ווייב האָט ער, זלאַטע, וועלכע דאַרף מפֿרנס זיין די קינדער. אָבער שבתי פֿאַרציט דע־רויף אַ ניגון, וואָס אין אים איז דאָ בטחון, עצבֿות, שׂמחה און התעור־רות. „די טענער פֿונעם ניגונדל גלעטן, לאַשטשען, גיסן זיך ווי זי־סער וויין איבערן גומען".

פּרנסה? דער טאַטע ע"ה האָט איִם גאָרנישט קיינמאָל דערציילט וועגן אַן עול אַזוינעם, וואָס ער וועט מוזן טראָגן ווען ער וועט חתונה האָבן. דער טאַטע ע"ה האָט אים נאָר גע־לערנט ווי אַזוי צו דערגרייכן אַ גרויסע מדרגה פֿאַר דער נשמה, ער האָט אים מדריך געווען ווי אַזוי די־נען גאָט, לערנען לשמה, זעטיקן זיך מיט דער תּורה ביי די לויטערע

קוואַלן פון „שפת אמת", קומט צו אים די אשה רק מיט גשמיותדיקע חשבונות...

אָבער שבתי ווערט דאָך געצווונגען זיך מטפל צו זיין מיט אַ בשמים־געוועלבל. און טאַקע אינעם פויליש־ייִדישן שטעטל מיעכאָוו. און דאָ נעמען אַרויפשווימען פאַרשיידענע שטעטלשע טיפּן: שווער און שוויגער, חסידישע יונגעלייט און טענץ ביז אין שפּעטע פאַרטאָגן. שבתי איז אַלץ גובר. זיין קיום און אָנהאַלט בלייבט אויף ווייטער גער, דער גערער סדר אינעם עולם הגשמי.

שבתי־נחומס געהער צו יענעם מין טיפּן, וואָס מיר זענען געוווינט געווען צו זען אין וואַרשעווער חסידים־שטיבלעך און אין רבישע הייף. זיי האָבן אַלץ מבטל געווען. און אַז עס איז געקומען דער זמן צו ווערן אַ „לייט", אַריינצוגיין אינעם לעבן ממש, איז דאָס געוואָרן אַן אומדערטרעגלעכער עול, האָט מען געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן ווייב, שווער און שוויגער, טאַטע־מאַמע. דער רוב איז געגאַנגען צו אַ רייכן שווער „אויף קעסט". אָבער שבתי איז אַריינגעפאַלן צו מסוכנדיקע קבצנים פון ביידע צדדים.

און דאָ פירט אונדז דער מחבר אַוועק קיין וואַרשע, אין דער טומלדיקער שטאָט, אין דער ייִדישער פראַנציסקאַנער־גאַס, צו שבתיס עלטערן און צו זיינער אַ שוועסטער, צעשע, וועלכע לייענט ביכלעך און וועלכע זוכט און געפינט אין זיי „אַ באַשייד אויף איר אָרעם מיידלש לעבן". עס נעמט זיך פונאַנדערוויקלען אַ משפחה־פלאָנטער, וועלכער — פון איין זייט איז אויסגעפילט מיט ייִדיש־פרומקייט, שמחה און פון דער צווייטער — נעמט זיך דורכרייסן דאָס געזאַנג פון ליבע און פון ערדישן גלוסטעניש. דאָס ווירקט אויף שבתיס פאַרדאַרטן מאַמעלע און זי שרייבט פאַרגעלבטע קאַרטלעך צו דער שנור קיין מיעכאָוו, צו זלאַטען, וועלכע האָט אַליין אַ פאַרביטערט לעבן פון שבתיס „ווילדע גענג".

און עס וויקלט זיך פאַר אונדז פונאַנדער אַ געפלאָנטער פון משפחה־רייסערייען און פון שבת־יום־טובדיק געזאַנג, צווישן וועלכע עס וויקלט זיך און עס פלאָנטערט זיך אַ גאַנץ דור פון ערב ערשטער מלחמה ביז איבער צווייטער מלחמה, ביז איבער דער וואַרשעווער געטאָ, ווו דאָס געזאַנג ווערט שוין איבערגעריסן...

ביזבערג איז אי פסיכאָלאָג, אַריינדרינגער אין זיינע טיפנס נשמות און אי מאָלער, קינסטלערישער געשטאַלטיקער און פייסאַ־

זשיסט. ער מאַכט דאָס שטעטל לע־בעדיק פאַר דעם לייענער, ברענגט אַרויס פון דאָרט אַלע ניואַנסן, אַלע שפּילעוודיקייטן, אַלע פעדעמלעך, מיט וועלכן אַ שטעטל איז געווען געבונדן.

מיעכאָוו, סטריקעוו, אַלעקסאַנ־דער, פּאַביאַניץ, זגערזש, און — לאָדזש: שטעט, אָנגעפּאַקט מיט ייִדישקייט און מיט יום־טובדיקייט. שבתי־נחומס איז איבערגעגאַנגען פון מיעכאָוו קיין פּעטערבורג, גע־וואָרן אַ קופּיעץ און מען טיטולירט אים שוין ווי סאוולעי נאַומאָוויטש. פונעם בטלן איז געוואָרן אַ „גאָלוב־טשיק". און צו גיך האָט עס דער מחבר געמאַכט. אַ צוואַנציקיאָריקער איבערגאַנג איז פאַרגעקומען. צווישנ־צייט האָט זיך נאָך געקענט די דערציילונג אָוועקציִען אויף אַ היפּש ביסל זייטן. אָבער דאָ, זעט אויס, האָט בייזבערג געוואָלט אַרויסברענ־גען שבתיס זון, משהל, געוואָלט באַווייזן די איבערקערעניש ביים רייך־געוואָרענעם זונדל, דאָס בהדר־גהדיקע בענקען פון חסידישן טאַטנס פרייד — צו אַ פרייער וועלט. און משהל, זיצנדיק ביים רבינס שיעור... „האָט גאָר געטראַכט בעת־מעשה וועגן דעם פרישן בלאָנדן וואַרעמען שבתדיקן כייקעלען, וואָס איז גע־שטאַנען פון דער וויטנס..." ערדי־שע גלוסטעענישן און יום־טובדיק געזאַנג. אַ געזאַנג פון אַ דור, וואָס איז געוואָרן איבערגעריסן, פאַר־שווינדן, צעהאַקט פון אַ מערדערס לאַפּע.

„שבת־יום־טובדיקע ייִדן" איז אויטאָביאָגראַפיע. דאָס פילט מען פון יעדער זייטל. פּנחס בייזבערג איז אַ מייסטער אין זיין געביט. און וועגן דעם בוך ווילט זיך זאָגן, אַז דאָס איז עכט־קינסטלעריש און אַז עס לייענט זיך איין־אָטעמדיק. די שורות ווערן נישט געשריבן ספּע־ציעל פאַר דעם מחבר. דאָס בוך דאַרף דער לייענער אויפזוכן, ליי־ענען, הנאה האָבן און מיטלעבן מיט אַ וועלט, מיט אַ יום־טובדיקער וועלט און מיט אַזוי פיל ייִדישער וואָכעדיקייט. און גוט האָט געטון דער אַרגענטינישער פאַרלאַג פון פּוילישע ייִדן, וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן. וואָס מער אַזעלכע ביכער — און אונדזער ייִדיש־לי־טעראַטור וועט באַרייכערט און פאַר־שענערט ווערן.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Tomo 96

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 24 DE DICIEMBRE DE 1953 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

JONAS TURKOW

ASTROS EXTINGUIDOS

(FARLOSHENE SHTERN)

TOMO II

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires - 1953